STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09816

VEGENER TSIEN TSUM SOF VELT

Wolf Karmiol

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלף קאַרמיאָל

★

וועגענער ציען צום סוף וועלט

מיין טייערער פרוי סאַבינאַ,
מיינע קינדער פאולעט און יהודית,
מיין ליבן ברודער און זיין משפחה.

וואָלף קאַרמיאָל

וועגענער ציען צום סוף וועלט

דערציילונגען

פארלאג "המנורה" תל־אביב
תשכ"ח — 1968

וואָלף קאַרמיאָל / וועגענער ציען צום סוף וועלט

פאַרלאַג "המנורה רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House,
24 Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

Copyright By WOLF KARMIOL New York, U.S.A

©

נדפס בישראל תשכ"ח
Printed in Israel 1968

דפוס "רויאל" בע"מ, רמת־השרון

מענטש, טאַפּ אָן די הויט פון דיין געזיכט און דו וועסט דערשפּירן די ביינער הינטער דעם דינעם געוועב, די ביינער פון דיין סקעלעט. ריר אָן דיינע הענט און דו וועסט דערפילן די קנאָכן, וואָס וועלן בלייבן לאַנג נאָכדעם, ווי דיין הויט וועט זיך צעפאַלן... פרעגסטו זיך ניט, וואָס וועט בלייבן נאָך דיר, ווען דיין מוח וועט אויפהערן צו טראַכטן און דיין האַרץ צו קלאַפּן? און ווען דו וועסט פאַרשווינדן, וואָס וועט בלייבן פון דיינע לעבנס און טויטן, וועלכע דו האָסט אַדורכגעלעבט? וואָס לאָזסטו פאַר דיינע קינדער און פאַר די, וואָס וועלן קומען נאָך דיר?

נאָר דו אַליין טראָגסט אין זיך זכרונות און געשטאַלטן, וואָס דאַרפן בלייבן אין געדעכעניש פון פאָלק, ווייל זיי זיינען ס'בלוט פון זיינע בלוטן און ס'פלייש פון זיינע פליישן.

שרעק זיך ניט, וואָס דו גייסט אַקעגן דעם ריזיקן, שוואַרצן ים, וואָס וועט שלאָגן אָן דיר, כוואַליע נאָך כוואַליע...

ציטער ניט, אַז דו ביסט איינער אַליין אונטער אַן אומגעהייערער קאָפּול, וואָס רינגלט אַרום און דעקט צו דעם צעבושעוועטן אָקעאַן... ער ווירבלט און זידט מיט טויזנטער געשרייען, ער וואַרפט מיט נאַכטיקן שוים...

ס'רופן דיך די, וואָס זיינען פאַרשטומט געוואָרן אויף אייביק. די, וואָס זיינען אַזוי נאָענט געווען דיין האַרצן. קיינער קען ניט זיין זייער

גואל. זיי זיינען דיינע נאָענטע און אויך די ברידער און שוועסטער פון דיין פאָלק.

פאַרוואָס וואַרטסטו אַזוי לאַנג, פאַרוואָס ציטערט דיין האַנט און דיינע ליפּן פאַרשטעכן אַ תפילה צו גאָט? איז דען ניט אַ פאַרבליבענער נאָגל פון אַ פאַרברענט קינד הייליקער, ווי טויזנט אַלמעכטיקע געטער?

פאַרוואָס צוקט דיין פּנים אין אַנבליק פון געשפּענסטיקן ים, וואָס שפּייט מיט קולות און לעצטע תפילות און וואַרפט מיט הונדערטער שווידערלעכע ברואים?

גיי אַקעגן דער נאַכט, דעם פינצטערן אָקעאַן, שנייד מיט דיין לייב, מיט דיין האַנט שטיקער טונקעלע מאַטעריע, שטיקער סטיכיע און בוי אויף, שנייד אויס צוריק געשטאַלטן פונעם עבר. דער ים וועט שליידערן אויף דיר צעיושעטע אָרעמס פון מאָנסטערס, וועט ברענען דיין פּנים מיט גיפט פון גליטשיקע שלאַנגען — דו אָבער שפּאַן אומ־דערשראָקן אים אַקעגן...

ציטער ניט, דיין גאָט וווינט אין דיר, דער גאָט פון דיין פאָלק, ער וויל אויסגעלייזט ווערן, ער וויל תשובה טאָן, דער גאָט פון פאַר־שניטענעם פאָלק.

גיי אַקעגן דער נאַכט... דער שמייכל פון די, וואָס זיינען אַוועק, זאָל דיך באַגלייטן, ווי אַ פאַסמע ליכט, ווי אַ זייל פון פייער, ווי אַ בליץ פון גאָט׳ס שווערד, וואָס פאָדערט אייביקע נקמה.

שפּאַן אַקעגן דער נאַכט... דו אַליין ביסט אַ טייל פון איר, דו אַנטרונענער, טו דיין חוב, גיי דעם חושך אַקעגן...

★

גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, פיר מיינע בלינדע פינגער איבערן האַרטן לייס און העלף זיי אויסקנעטן, כאָטש אַ טייל וועלט, וואָס איז פאַרגאַנגען. גיב מיין פעדער די שפּיזיקע שאַרף פון אַ קינ־דזשאַל צו טרעפן דעם רשע׳ס האַרץ, גיב מיין פען די לייכטקייט פון אַ קינד׳ס קוש אַנצורירן ס׳לייב פון אַ פאַרשניטן פאָלק.

ווי ווייסע רויזן זאָלן פאַלן מיינע ווערטער און איינהילן עס אין אייביק ליכטיקע בגדים.

גאָט מיינער, ווען אַ שטיין פאַלט אין וואַסער אַריין ציטערט עט־לעכע מינוט דער קאַלטער שפּיגל, ווען אַ גאַנצע וועלט איז געשליי־דערט געוואָרן אין תהומיקן אוניווערז — ווי לאַנג האָט געצוקט דיין אומענדלעכע רו?

די שטורמישע ווילע פון אַ מענטש איז הייליקער, ווי די אייביקע הימלען, היט זיך גאָט פאַרן מענטש, וואָס האָסט געלאָזט שענדן!

גאָט מיינער, כ׳פיל ניט קיין פּחד, ווען כ׳וועק דיין צאָרן, ס׳באַפאַלט מיך אָבער אַן אימה, כ׳קען מיט אַ וואָרט פאַרשווערכן די קדושים פון מיין פאָלק.

מפּי עוללים ויונקים יסדת עוז — די קלענסטע האָבן געלערנט דיין תורה, געזונגען אַ לויב צו דיר יעדן פרימאָרגן, די קינדער וואָס האָסט געלאָזט פאַרטיליקן.

די ערד, וואָס האָט פאַרשאָטן די וואָרעמע גופימלעך, גייט דיר אָקעגן מיט גוססדיקע טריט ביזן סוף פון אַלע הימלען, זי רופט דיך צום בית דין של מטה, דיך, אייביק גערעכטן!

אינהאלט

געטאָ

מוטער 11
הערש און מרים 31
דעם דיכטערס טויט 159
אסתר 168

אַנטרינונג

אַנטרינונג 179
די מיליאָנערשע 242
דער לעצטער טאָג אין פּאַריז 266
דער טאַנץ 273
פאַר וועמען ? 280
דער לעצטער פּרווו 287

געטא

מוטער

קאַפּיטל איינס

אַ בלוילעך־קילער הימל האָט זיך געשפּרייט איבער די מויערן פון דער גאַרבעריי, איבערן נידעריקן ביוראָ־הייזל, הילצערנער פּאָרטיערניע, אָפּגעזונדערטן ווייסן שטיבל פון קעראָווניק און גרויסן הויף, פול מיט געפּילדער.

דער טומל האָט אָפּגעהילכט אין גרויסן אונטערשטן זאַל פון דער גאַרבעריי, ווו הילצערנע, ריזיקע באַראַבאַנען זיינען געשטאַנען פאַרגליווערט, טראָגנדיק אין זייער וואַסערדיקן אינגעווייד הונדערטער רויע פעלן. די צעוואָקסענע מאַשינען, וואָס האָבן זיך שטענדיק געדרייט מיט אַ קנאַקנדיקן דונער פון מאַשין־ביקסן, האָבן איצט, ווי פאַרטאַיעטע חיות, אָנגעיאָגט אַן אויסטערלישן פּחד.

דער ערשטער שטאָק פון דער גאַרבעריי איז געווען שטום. לעבן די בלישטשענדיקע רעקמאַשינען האָבן דאָ געהויערט שטויסן טרוקענע פעל, באַשפּרינקלט מיט טראָטשינעס, געוואַרט אויף אַרבעטער־הענט. אין דער הויך־געוועלבטער טרוקנשטוב האָבן אַראָפּגעהאָנגען, פון לאַנגע דרענגער, כראָמעס — שוואַרצע, בלעכענע שמאַטעס.

דער העכסטער שטאָק פון דער פאַבריק האָט זיך געוויגט פון מענטשישער זשומעריי, טריט יאָגנדיקע אַראָפּ און אַרויף מיט די שטיגן. דער גערוך פון פרישע לעדער, ריח פון קעסל־זופּ, אַוויר פון השתנה זיינען געשטאַנען אין דער לופט. צווישן צעוואָרפענע טיכער, גאַרבערישע טישן, צווישן אביורנישן געשיר, פלעצאַקעס, שוואַרצע קאַרטאָפל און שטיקלעך קילריבן זיינען געשטאַנען, געזעסן און האָבן געאיילט מענער און פרויען. לעבן ווייבער,

וואָס האָבן גיריק געזופּט די יושקע פון מענאַזשקעס און טעפּלעך, לעבן געזעמל פון אַרבעטער, וואָס האָבן איינגעטענה׳ט פּאָליטיק, אין מיטן פון זאַל — האָבן פון צייט צו צייט פּאַרבייגעאײלט פּלייצעס, באַהנגענע מיט לייוונטענע רוקזעק, פּיס אין שטיוול, קאַמאַשן, פּאַנטאָפל, באָטן, הילצערנע סאַנדאַלן.

— שרה׳שי, גייט געזונטערהייט! — האָבן עטלעכע שוואַכע פרויען־שטימען גערופן.

— יעקב, די מענאַזשקע! — האָט עמעץ פון די אַרבעטער דערמאָנט זיין פריינט.

— לייבל, מ׳עלן זיך זען! — אַן אַלטער מאַן האָט פּרובירט זיך אויפ־שטעלן אויף די פּיס און געבליבן האַלב ליגנדיק אויף די ווייכע אויבער־לעדער, וואָס עמעץ האָט פאַר אים אויסגעשפּרייט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

— חנה, אײלט זיך ניט, נעמט מיט דעם סוועטער! — אַ הייזעריקע שטימע האָט באַגלייט אַן אוועקגייענדיקע פריינדין, א טרוקענע האַנט האָט זיך אָפּגעריסן פון טעפּל מיט זופּ און פּרובירט מיט אַ באַוועגונג נאָכוואַרפן אַ זיי געזונט, א צעפּאַטלטער, גרויער קאָפּ האָט נאָכגעשאָקלט, צוויי איינגע־פאַלענע אויגן, טיפע, שוואַרצע לעכער, האָבן נאָכגעקוקט דער פרויען־געשטאַלט, וואָס האָט געיאָגט צו דער טיר.

אין ווינקל פון זאַל האָבן צוויי אויסגעדאַרטע קינדער זיך אָנגעהאָנגען אָן גאַרבערישע הענג־רעמען און זיך געהוידעט אַהין און צוריק, ווי אויף אַ הושטאַווקע.

— מיין מאַמעשי וועט מיר קויפן אַן עפּעלע — האָט אַן איינגעהויקערט ייִנגעלע זיך גערייצט מיט אַ מיידל, וואָס איר פּנים איז געווען פול מיט קליינע געשווירן.

— און איך וועל עסן זעמעלעך און פאָרן אויף זומער־וווינונג — האָט אים ס׳מיידעלע געוויזן די צונג.

— לאָמיר זיך שפּילן אין יאָגעלעך — האָט זיך ס׳ייִנגל אַ ריס געטאָן פון אָרט.

זיי האָבן גענומען לויפן צווישן שטויסן לעדער, רענצלעך, קאָצן, זעקע־

לעך שפּייז. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן פּיס און איבערגעקערט אַ מענאַזשקע מיט זופּ.

— אַ שוואַרץ יאָר אויף אייך! — האָט זיך צעשריען אַן אָנגעפּעלצטער ייד מיט צוויי רעקלעך אויפן לייב און פּלעצאַק, הענגענדיקן אויף איין אַקסל — ס'אַראַ געלויפעניש איז אייך באַפאַלן?

די קינדער זיינען אַרויס מיט אַ הילכיק געלעכטער.

אויסגעבלייכטע פּנימער האָבן אויפגעציטערט מיט אימה. דער גאַנצער זאַל שטעלט זיך אויף די פּיס.

— מ'לאַכט!

— דייטשן! דייטשן!

— קינדער לאַכן!

צוויי פרויען גיבן זיך אַ וואָרף צום קליינוואַרג, פאַררוקן די קינדער אין אַ ווינקל, הינטער אַ לאַנגן גאַרבערישן טיש, באַוואַרפן מיט פאַרטיקע לעדער.

— ליגט דאָ און גיט ניט קיין פּיפּס.

צוויי פּיצלעך, צוויי שמאָלע קערפּערלעך, וואָס זיינען ערשט מיט אַ מינוט צוריק זאַרגלאָז אַרומגעלאָפן, האָבן זיך איצט צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, איינס לעבן אַנדערן.

— די ממזרים וועלן אונדז אומברענגען! — האָט זיך צעיושעט אַ הויכער יונגערמאַן אין אַ לעדערנער קורטקע — געדענקט, איר שפּילט זיך מיט פייער!

— מאַך־צו ס'פּיסק — האָט זיך דערטראָגן אַ באַסאָווע שטימע פון עק זאַל — מ'פרעגט דיך ניט, דו אויסגעפּאַשעטער פּויערן־וויטעק!

אין זאַל איז אַריין אַבראַמאָוויטש, דער לייטער פון דער פאַבריק.

— כ'וואָרן אייך נאָכאַמאָל — האָט ער זיך געקאָכט — דער, וואָס איז ניט אויף דער ליסטע מוז אַוועק, און וואָס פריער אַלץ בעסער...

די אַרבעטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און גענומען אים פאַרוואַרפן מיט פראַגן, ביטעס — שנעלע, צעשראָקענע, הכנעהדיקע:

— מיין שוועסטער, פּאַניע אַבראַמאָוויטש...

— לאָזט איבער מיין טאַטן...

— דער ברודער וועט זיך אויסטויגן צו דער אַרבעט...

— ר׳קענט דאָך מיין שוואָגער...

דער פירער פון דער פאַבריק האָט גענומען שטופּן פון זיך די מענטשן, געוואָלט אַרויס פון זאַל: — מאַכט זיך ניט נאַריש, די געסטאַפּאָ האָט די רשימה פון די אַרבעטער!

איצט האָבן אים אַרומגערינגלט די ווייבער, געטשעפּעט זיך צו זיינע אָרעמס, הענט, גערעדט איינע דורך די אַנדערע, געשאָקלט מיט די קעפּ, געכליפּעט, געבעטן, געבייזערט זיך און ווידער געשנאָרט:

— לאָזט מיך מיט מיין זון, פּאַניע קעראָווניקו...

— ניטאָ מער קיין כוח, כ׳וויל שוין דאָ בעסער אויסגיין...

— לאָזט מיין שנור, ווו וועט זי גיין איינע אַליין?

— פאַררעדט ניט די ציין מיט ליסטן! מ׳קען שוין די קאָמבינאַציעס!

— האָט גאָט אין האַרצן און שיקט מיך ניט אַרויס!

דורך דער וואַנט פון צעהיצטע ווייבער האָט זיך דורכגעריסן אַ יונגע פרוי, אַ כאַפּ געטאָן אַבראַמאָוויטשען ביי די לאַצן און אַרויסגערעוועט:

— ר׳ווילט מיך צעשיידן מיט מיין קינד? איר קענט ניט געפינען דאָ אַרבעט פאַר אַ צוועלף־יאָריק מיידל? אָבער מיין מאַן קען דאָ פוילן ביי אייך אין דער „נאַסער־אָפּטיילונג” ביי די ווייק־גריבער — האָ? וואָרט־צו, צעלייגער, פּאַניע איז נאָענט, ער וועט אייך אַלע לערנען בלק!

דער לייטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי געטראָפן פון אַ דונער:

— משוגענע, שווייג! שווייג!

ר׳האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס, פאַרמאָסטן זיך אויף דער פרוי.

דער עולם האָט זיך געגעבן אַ שאַר אויף צוריק און דער קעראָווניק איז אַרויס אַ צעדולטער.

אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט דעם זאַל. איצט האָט מען געהערט דעם געפּילדער פון הויף, פאַרטויבטע שטימען און דאָס ווייטע סקריפּן פון רעדער.

— ניטאָ וואָס צו וואַרטן — האָט אַ הילך געטאָן דער אָנגעפּעלצטער ייד — געגאַנגען!

ער האָט אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ אַן אַלטע מאַטשעיווקע, אומגעקוקט

זיך אויף אַלע זייטן, ווי ר׳וואָלט עפּעס געזוכט און גיך אַ זאָג געטאָן:

— זאָץ מיר געזינט!

מיט אים צוזאַמען האָבן גערירט די, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים אָנקום פון לייטער. אַנדערע האָבן גענומען האַסטיק פארפאַקן די רוקזעק.

פנימער קנאַכיקע און אָנגעלאָפענע, אַשיק־גרויע און גרין־געלבלעכע, באַדעקט מיט דורכזיכטיקן פוך, האָבן זיך געבויגן איבער די פלעצאַקעס, דורכוואָרפנדיק זיך פון צייט צו צייט מיט היציקע ווערטער:

— מ׳זאָגט די רוסן זיינען שוין דאָרט, ווו מיר גייען!

— ס׳העמד איז האַלב נאַס, ערשט היינט איבערגעפרי אַראָפּגענומען פון דער שנור...

— ס׳עט צוטרוקענען אין פלעצאַק!

— גאָט צו דאַנקען, כ׳האָב נאָך אַ קאָפּ צוקער אין טאָרבעלע!

— אַ מיתה משונה אויף היטלערן מיט די דייטשן צוזאַמען!

— די צוויי קאַרטאָפל לייג איך פון אויבן־אָן — צידה לדרך!

— לאַה־קרוין, ס׳גייט אַ קעלט, וואו נעמט מען א פּאָר גוטע, וואָלענע זאָקן?

— גייט אויף דער נאָוואָמיעייסקער אָדער פּיעטריקאָווער גאַס...

— און איך זאָג דיר, יאַנקל, די ישועה איז נאָענט...

— בטלן, וואָס דו ביסט!

— ס׳האַרץ חלשט מיר, ווו נעמט מען אַ לעק ציקאָריע?

— מ׳זאָגט יעדער איינער וועט קריגן אַ גאַנץ ברויט, ווען מיר וועלן קומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ...

— שרייב איין!

— אוי, שטיקער על׳עך ראָאָסן פון די רוצחים, ווען פּאָניע וועט אַראָן — פּרובירט אַן אויסגעטריקנטע געשטאַלט פאַרבינדן אַ טלומאָקל מיט דינע שנור. דער שפּאַגאַט רייסט זיך דורך און אַ צעדריוולטער טלית, אַ יאַשעק און אַ טעפל פאַלן אַרויס. קאַלטע פינגער נעמען פאַרקניפּן ס׳שטריקל, פון נאָז קאַפּעט, דאָס בלוילעכע מויל שיפּעט:

— שניידן על׳עך מיט מעסערס, טאַטיניו זיסער!

— גיב אַ קוק, דעם גרויסן קנאַקער! — לאַכט אים אָקעגן אַ יונג מיט רויטע באַקן און גלאַנציקע שטיוול.

— פאַרשליס ס׳מיסטקאַסטן, נבלה! — צעבייזערט זיך אויף אים אַ ייד מיט געדיכטע ברעמען און צעבלאָזענער נאָז, צודריקנדיק מיט דער קני אַ בייכיקע וואַליזע און קלאַפנדיק מיט דער האַנט אין צינגל פון פאַרזשאַווערטן שלעסל — שוויג, זולל וסובא! האָסט זיך גענוג אָנגעפרעסן ביי די דייטשן אויפן באַלוטער מאַרק!

ער לאָזט אָפּ אויף א מינוט די אויפגעפּוישטע וואַליזע: די צעבויגענע דעק גיט זיך אַ הייב און אַ פּאַטשיילע פליסט אַריבער דעם ברעג.

— ביסט געבליבן, אַלטע שמאַטע, אָבער מאַניע איז אַוועק... — רעדט דער ייד צו זיך.

ער באַטראַכט אַ ווײַלע דעם האַנטקופער און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ביסט אָנגעדראָלן, ווי מיין ווייב און קינדער, אײדער זיי זיינען אויסגעגאַנגען... הייליקער טאַטע, ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן, העלף אונדז שוין אַרויס!

— הערסט זלמנשי, גאָלדענע ווערטער! — אַן עלטערע פרוי מיט שוואַרץ־איינגעפאַלענע באַקן נעמט אַרום איר פאַרבאַבלטן מאַן, וואָס זיצט אויפן דיל און קוקט מיט מוטנע אויגן אויפן טומלדיקן אַרום. זיין מויל איז האַלב אָפן, ווי ביי אַ פיש, וואָס זוכט וואַסער; ער צופּט מעכאַניש א קופּקעלע גרוילעכער שטשעטשינע אונטער דער ליפּ — אַן איבערבלייבעכץ פון אַ לאַנגער באָרד.

— הייבט זיך אויף, כ׳בעט אייך, כ׳האָב פאַרלוירן מיין כלעבאַק — נעמט זיך פלוצים טשעפּען צום יידן אַ יונג מיידל — אפשר זיצט איר אויף אים!

— אַלע מיינע וויסטע חלומות צו מיינע שונאים׳ס קעפּ! — רעגט זיך אויף זלמנ׳ס פרוי — וואָס פאַלט אייך איין?

— טאַטושיו — רעדט אַן אויסגעבלייכטער בחור פויליש לעבן איר — פאַרוואָס קענען מיר דאָ ניט בלייבן?

— מ׳מוז גיין, באַלושיו — ענטפערט אים דער טאַטע, א הויכער מאַן מיט אַ קורצן שוואַרצן וואָנץ אויף דער ליפּ — טו אָן דיין טאַרבעלע און

לאָמיר שוין גייך, כ׳האָב אַלע געבעטן און מ׳וויל דיך ניט איבערלאָזן...

אין עק פון גרויסן זאַל, לעבן א טעפּל מיט שוואַרצע קאַרטאָפל, אויף אַן אויסגעשפּרייטן ברוינעם טוך אין ווייסע קראַטן — אַ זכר פון בעסערע צייטן — איז געזעסן דבורה ליבראַך.

זי האָט באַטראַכט איר זון, בעניעק, וואָס האָט געהאַלטן אין פּאַרפּאַקן דעם פּלעצאַק.

זי זעט, ווי זיינע אויסגעצערטע הענט שטופּן אַריין אין די לייוונטענע טאָרבע, אויפגעגנייט פון אַ טישטעך, ס׳ביסל פּאַרבליבענע שמאַטעס: די אונטערוועש, מ׳שטיינסגעזאָגט, עטלעכע אויבערהעמדער, מענערישע שיך, שטעקלאָטשן, אַ ספּודני־צע, צוויי האַנטעכער, פּאָטאָגראַפיעס, אַ ווייסע בלוזקע און אַ פּאָר בייע, שוואַרצע פּאַנטאָפל.

דער זון הייבט אויף דעם קאָפּ פון איבערן רוקזאַק און פרעגט:

— דאָס אַלץ, נאָך עפּעס?

די מוטער קוקט אַן בעניעקן מיט אַ פּאָר בלויע, שטילע אויגן און זאָגט:

— מ׳דאַרף איבערפּאַקן אין צוויי פּלעצאַקעס...

— פאַרוואָס, מאַמע?

— קען זיין, מ׳עט אונדז צעשיידן אין וועג.

— וואָס פאַלט דיר איין, מאַמעשי?

דער זון פאָלגט ניט און פאַרשליסט דעם רימען אויפן שנאַל.

— מאַמע, האָסט דאָך ניט קיין כוח.

די מוטער לאָזט ניט אָפּ.

— כ׳בעט דיך, בעניעק, טו עס מיר צוליב.

זי הייבט זיך אויף, עפנט דעם פאַרפּאַקטן רוקזאַק און נעמט פאָרזיכטיק אַרויס די בייע לעדערנע פּאַנטאָפל, ווי זיי וואָלטן געווען פון דינעם, טייערן קרישטאָל. זי הייבט אויף פון דער ערד איר פּלעצאַק, וואָס איז געלעגן ביז איצט אויפן דיל, ווי אַ צעפּלאַצטער ווייסער באַלאָן, און פּרובירט אַריינלייגן אירע שיך. די ציטערנדיקע הענט פאַרפּלאָנטערן זיך אין די זייטיקע רימענס און עס נעמט אַ לאַנגע ווילע, ביז עס גיט זיך איר איין אַריינצומאָשטשען די פּאַנטאָפל אין רוקזאַק.

אַ זיפֿץ רייסט זיך אַרויס פֿון איר ברוסט.

— מיין זונ׳ס מתנה, געלאָזט זיי מאַכן פֿאַר די לעצטע געלטער פֿאַר מיינע אָנגעלאָפֿענע פיס... מיין גוטער זון שלמה, ווו ביסטו מיין קינד? פֿאַרטריבן, פֿאַרשיקט... און דו, מיין טאָכטער, ביסט אויך אַוועק...

בעניעק קען שוין מער ניט אויסהאַלטן:

— מאַמע, לאָז שוין אָפּ!

זי זעצט זיך אויפֿן דיל. דער געאייל פֿון מענטשן, אַוויר פֿון די פֿאַר־פֿוילטע קאַרטאָפֿל און קילריבן פֿאַרכאַפּן איר אָטעם, פֿאַרמישן אירע גע־דאַנקען. עטלעכע צעשויבערטע פֿרויען באַווייזן זיך אין די אויפֿגעפּראַלטע טירן מיט אַ געשריי:

— מאַך אַן עק, מלך, נעם שוין אַראָפּ די פּעקלעך!

— יאַקוב, די פֿור וואַרט!

— חנהטשע, גיכער, מ׳זאָגט דייטשן...

די מענטשן כאַפּט אַרום אַ בהלה. מ׳שלעפּט רענצלעך, טאָרבעס, מ׳קלאַפּט מיט טעפּלעך, מענאַזשקעס, מ׳שטופּט זיך, מ׳יאָגט צום אַרויסגאַנג.

צוויי יונגע פֿרויען האָבן אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטישן העשן:

— ניין, דו גייסט ניט אַוועק, לאה׳טשע, ניין, דו גייסט ניט...

עמעץ האָט איבערגעקערט דעם בלעכענעם עמער מיט השתנה אין ווינקל און די שאַרפֿע פֿליסיקייט האָט אונטערגענעצט פּלעצאַקעס און פּעק־לעך. קללות האָבן זיך אויסגעמישט מיט איילנדיקן קלאַפּן פֿון געקאָוועטע שיך, שטיוול, טשלאַפּן פֿון באָטן.

— זייט געזונט, דבורה! — רופֿט עמעץ ביים אַרויסגאַנג.

— גייט אין אַ מזלדיקער שעה! — באַמיט זיך די פֿרוי ליבראַך אויפֿ־הייבן איר שטימע וואָס העכער און האַלבע ווערטער בלייבן שטעקן אין האַלדז.

אַ קראַמף שניידט פּלוצים אַדורך איר מאָגן.

— זיי דאָ, בעניעק, כ׳מוז אין בית־כּסא.

דער זון האָרכט זי ניט, נעמט זי אונטערן אָרעם — ער פֿילט ממש דעם טרוקענעם, שפּיזיקן ביין — און פֿירט זי אַראָפּ מיט די טרעפּ, דורכן רוי־שיקן הויף, פֿול מיט וועגענער און מענטשן — צום הילצערנעם אָפּטריט.

ער שטייט און וואַרט אײַנדרויסן.

— ז'איז קראַנק, די מאַמע, זי קען ניט מער פאַרטראָגן די פּאַרפּוילטע קילריבן, ווו נעמט מען אַביסל רייז ?

לעבן אים מענטשישע פערד אײַנגעשפּאַנט מיט שטריק צו די אָרטשי־קעס, הענט אויף די אַרויסגערוקטע דישלען, באַמיען זיך רייסן פון אָרט וועגענער, אָנגעהויפטע מיט געפּעק. צענדליקער אויסגעדאַרטע אָרעמס שטור־פּן אונטער די פורן.

די לאַנגע דרענגער קנאַקן, די אַקסן קרעכצן און די מענטשישע פערד פילדערן :

— הינטישע זין, קלעפּסידרעס, לייגט צו אַ האַנט !

די אונטערשטופּערס שפּאַרן זיך אָן מיט די פּלייצעס אָן די הינטערשטע ברעטער, פּרובירן מיטן גאַנצן לייב אַ שטויס טאָן פון פּלאַץ די שווערע משא, אַנדערע רייסן די שפּריכעס פון די רעדער, קלאַפּן מיט צאָרנדיקן אומ־געדולד אין די הויכע הילצערנע זייטן.

די וועגענער גיבן אַ קריצנדיקן זיפץ, די רעדער סקריפּן אויף אונטער דער אָנגעדראָלענער לאַסט און די פורן רירן פון אָרט, באַגלייט פון מענער און פרויען.

מ'שלעפּט אַרויס נייע וועגענער. מ'פאַרוואַרפט זיי גלייך מיט וואַליזעס, רוקזעק, זעקלעך, אויסגעקראָכענע סעשלס, אַלטע קאָלדרעס. אַ פרוי בעט זיך ביי צוויי יונגען :

— לאָזט אַרויפזעצן מיין מאַן אויף דער פור, כ'על אונטערשטופּן, כ'בעט ענק !

די בחורים פאַרוואַרפן די שטריק אויף די אַקסלען, שרייען אויף די העלפערס, יאָגן אַוועק די יידענע.

אַ יונגע פרוי מיט אַ שלאָפנדיק קינד אויף דער האַנט, אײַנגעוויקלט אין א ווינטער־טוך, פּלאָנטערט זיך צווישן די פורן.

דער ייד מיט די געדיכטע ברעמען און צעבלאָזענער נאָז לויפט אָן אַ פּאַרסאָפּעטער. ער הויבט אויף זיין בייכיקע וואַליזע און באַמיט זיך זי אַרויפ־שטופּן אויף אַ וואָגן, וואָס איז גרייט צו רירן פון פּלאַץ. זיין פּנים ווערט שווייסיק רויט, זיינע שלייפן שווילן אָן ווי צום פּלאַצן. ער שטויסט ענדלעך

אַרויף זיין לעצט ביסל האָב אויף דער אָנגעטורעמטער פור און ער קוקט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, צי דער פּאַק גליטשט זיך ניט אַראָפּ.

די יונגע פרוי רייסט אים פאַרן אַרבל.

— ר׳ זיינוול, איר דערקאָנט מיך?

— אַ, וואָס? — דער ייד קערט אָפּ ס׳פּנים פון וואָגן — ווי, ווי אַזוי קומסטו אַהער?

— איר האָט געקאָנט מיין טאַטן, ראַטעוועט מיין שוואַלב!

— טאַטע, פאָטער! ביסט חסר־דעה? גיי צוריק אין באַהעלטעניש!

— כ׳האָב ניט וואָס צו עסן, נעמט מיין דרויבעלע!

די פור רירט שוין פון אָרט. דער ייד כאַפּט אַרויס פון זיין טאַש א ווייס טאַרבעלע מיט אָפּגעשפּאַרטע האַבערפלאַקן און שרייט צו דער פרוי:

— נעם און גיי, טראָג זיך אָפּ!

אָנגעפּעלצטע, פאַרבאַבלטע, באַהאַנגענע מיט כלערליי טאַרבעס, מע־נאַזשקעס, טעפּלעך גייען כאַפּטעס מענטשן נאָך די וועגענער, וואָס שלעפּן זיך שווער דורך די אויפגעפּראַלטע טירן פון דער גאַרבעריי.

אין מיטן פון הויף אומאַרמען זיך מענער, העשן פרויען: — גאָטעניו, באַווייז אַ נס!

— מ׳זאָל זיך נאָך זען!

לעבן בעניעקן שטייט אַ גרופּע אַרבעטער. דער רוב שווייגט, מ׳פאַרבייסט די ליפּן מיט די ציין, מ׳שאָקלט מיט די קעפּ. עטלעכע רעדן גיך, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן, זיי וועלן עפּעס פאַרזאַמען.

— ווער ווייס, ווען ס׳עט בעסער זיין.

— די בעסטיעס וועלן אונדז דאָ פאַרמאַטערן.

— די וויסטע כאַלערעס האָבן אַ חוץ אונדז נאָך איבערגעלאָזט אַביסל יידן, עטלעכע צענדליק אין יעדן געטאָ־רעסאָרט.

— די לעצטע לאָדזשער יידן...

— וואַרט־זשע, היינט, מאָרגן וועט ביבאָוו מאַכן א סעלעקציע.

עס שלעפּט זיך פאַרביי א הויך אָנגעלאָדענער וואָגן מיט מלווים. די אונטערשטופּערס — צוויי צעוואַקסענע יונגען אין דיקע, זאַקאַפּיאַנסקע סוועטערס, וואַרפן זיך דורך:

— אונדזער ראַמעק פון „זאַנדער״ איז שוין דאָרטן דאָ.

— אָ, ער וועט דאָרט האָבן אַ לאַכטיק לעבן, אַזוי ווי אין גערטאָ.

אַ יונגערמאַן, וואָס פירט אונטערן אָרעם אַ גרויען ייד, מישט זיך אַריין מיט אַ בייסיקער באַמערקונג:

— איר פון דער „ווייסער־גוואַרדיע״ וועט דאָרט האָבן אַ גוטע קאָמ־פּאַניע.

— לאָז אָפּ מיין קינד — טאָרקעט אים אין א זייט דער אַלטער — לאָז אָפּ!

ער פּליסטערט עפּעס צו זיין זון און נעמט ברומען אַ חסידיש זמרל. די יונגען קערן אָפּ זייערע צעבייזערטע פּנימער פון וואָגן און דערלאַנגען דעם שנעק:

— אָבער צו שלעפּן ענקערע פּעקלעך און אָפּרייסן זיך אַ שטיק האָרץ — זיינען מיר גיט — הע, דו שלימזל איינער! נעם און שטופּ דעם וואָגן אַליין, דו, נאַרישע בהמה!

דער אַלטער מאַן פּאַרריכט, אין פאַרלעגנהייט, ס׳טעפּל, וואָס באַמבלט זיך אויף אַ שטריקל ביי זיין לינקער זייט און טאַפּט די טאָרבע, ביי דער רעכטער. די יונגען שטילן זיך איין. דער ייד פרעגט זיין זון:

— האָסט אַמאָל ניט פאַרגעסן אַריינלייגן דעם שליסל פון דער טיר אין פּלעצאַק? מירצישעם, מ׳עלן צוריקקומען, דאַרף מען אים האָבן. און דו, מיין קינד, ביסט אַ נאַר, האָסט דאָך געקאָנט בלייבן אין דער פאַבריק און זיך ניט שלעפּן מיט מיר...

ניט ווייט פון אַלטן ייד, לויפט ס׳מיידעלע מיטן אויסשיט אויפן פּנים. זי האַלט אין איין אַרויפקוקן צו אַ פאַרחושכטער פרויען־געשטאַלט:

— מ׳פאָרט מיט דער באַן, מאַמעשי? מ׳פאָרט אויף זומער־וואוינונג?

אַ פרוי אין אַ טיכל אויפן קאָפּ און אין טשלאַפּנדיקע באַטן אויף דינע פיס, האַלט אונטער, א פאַרוויקלטן אין שמאַטעס, מאַן:

— זלמנשי, ס׳איז שוין נישט ווייט, ניט ווייט פון דער סטאַציע...

אַן אויסגעצערט מיידל — איר בלוילעכער, אַרויפגעבויגענער הוט מאַכט זי יינגער, ווי ז׳איז, אַ לייכטער, אויסגעריבענער מאַנטל אויף שמאָלע פּליי־

צעס, די לינקע האַנט אָנגעהאָנגען אויף אַ ווייס טיכל — גייט נאָך דער פור, רעדנדיק צו זיך:

— וווּ איז ער? ווו קען ער זיין? פאַרוואָס איז ער ניט געקומען?

אַ פרוי אין אַ מענערישן מאַנטל, פאַרשפילעט אויף אַגראַפקעס, פירט ביי דער האַנט דאָס איינגעהויקערטע ייִנגעלע, וואָס רופט:

— אַ שטיקעלע ברויט, מאַמעשי, ס׳הונגערט מעד...

דער יונגער ליבראַך דערפילט אויף זיין אַקסל דער מאַמעס האַנט.

— אָט בין איך דאָ — זאָגט די מוטער — זע, וואָס איז געשען? יאַנקע־לעוויטש גייט דאָך גאָר אַוועק...

ער קוקט פאַרוווּנדערט, ווי זיין מאַמע לויפט נאָך דעם יונגערמאַן, וואָס פירט דעם גרויען ייד אונטערן אָרעם. בעניעק באַמערקט פון וויטן, ווי זי טענהט האַסטיק אין מיטן זון און טאַטן.

זי איז שוין ווידער לעבן דעם יונגן ליבראַך.

— שטיי דאָ — באַפעלט זי — כ׳גיי אין ביוראָ צום קעראָווניק, כ׳קום גלייך צוריק.

ער וויל עפּעס פרעגן, אָבער דער טומל ביים אַרויסגאַנג פון דער גאַר־בעריי ציט זיין אויפמערקזאַמקייט. ביים אויפגעפּראַלטן טויער רייסן זיך אין דער הויף, צוזאַמען מיטן ווייסן שטויב, קללות פון מענטשישע פערד, געשרייען פון אונטערשטופּערס, געוויין פון קינדער. בעניעק זעט נאָך פון וויטן די געלע „יודע"־צייכנס אויף מאַנכע פּלייצעס און אָט פויזעט די פור אַרויס, מיטשלעפּנדיק די מלווים. אַלץ פאַרשווינדט און פון דער גאַס דערגייט נאָך, פאַר אַ ווײַלע, אַ פאַרנעפּלטער גערויש.

עס דאַכט זיך אים, ער זעט אַ קאָשמאַרנעם חלום. אויף עטלעכע מינוט טראָגט ער זיך איבער צו דער וועלט, וואָס האָט פריער — מיט וויפל טויזנ־טער יאָר צוריק? — עקזיסטירט, צו זיין טאַטנס היים.

דאָס סקריפּן פון די רעדער צעררייסט זיינע רעיונות.

— די וועגענער וועלן זיך אַזוי ציען ביזן סוף פון וועלט. באַלד וועט ער אויך נאָכגיין איינע פון די פורן. וועט פירן די מאַמע, וואָס איז שוואַך און קראַנק.

אַט קומט די מוטער. איר פּנים — דורכזיכטיק־געלבלעכער פּאַרמעט פון אַ ספר־תּורה.

— כ'בין געווען ביי ראַבינאָוויטשן, זון מיינער, לאָמיר אַרויפגיין!

זי באַוועגט זיך איצט שנעלער. קאַנטיק, זי איילט זיך.

זיי זיינען שוין ווידער דאָ אינעם גרויסן זאַל, אויפן העכסטן שטאָק פון דער פאַבריק. דער פּלאַץ איז כמעט ליידיק. אין מיטן — אַ שטויס געפּעק, דערעס און בעטגעוואַנט פון די, וואָס בלייבן אין דער גאַרבעריי.

צוויי פרויען מיט געשוואָלענע פיס קרעכצן אונטער די פּלעצאַקעס, וואָס זיי האָבן ערשט פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען. אַ בלאָנדע, צעשויבערטע מויד זוכט אַרום אירע שטיוועלעך.

— ווי אין וואַסער אַריין, כאַטש נעם און הענג זיך אויף!

עטלעכע מענער און פרויען איילן זיך אַרויסטאַשטשן זייערע טלומאַקעס פון זאַל. מיט אָנגעשטרענגטע פּנימער ריטשן זיי וואַליזקעס און זעקלעך אויף דער פּאָדלאָגע, שטעלן זיך אָפּ, קאַפּען די טלומאַקעס מיט די ליימיקע פיס, רייסן זיי ביי די עקן.

— אַ פייער זאָל קומען אויף דער גאַנצער וועלט! — צאַרנט אַן איינגע־שרומפּט יידל און נעמט שפּייען אויף זיין קופּערל.

— אַ פאַרשאָלטענע וואַליזע! — בורטשעט אַ פרוי מיט פיבערדיקע אויגן.

עמעץ געוואַלדעוועט אין דער אָפענער טיר:

— קרוכלערס, ר'עט שוין באַלד ניט האָבן קיין פורן!

דער ייד מיט דער קאַפּענדיקער נאָז, וואָס האָט פּרובירט צונויפבינדן זיין פּעקל מיט שפּאַגאַט, טוט איצט אָן אונטערן פאַרלאַטעטן רעגן־מאַנטל זיין צעדריוולטן טלית, נעמט דעם יאַשעק אין האַנט, פאַרציט ס'טעפּל אויפן שנור אַרום די לענדן און לאָזט זיך גיין מיט די טרעפּ צום הויף.

אין ווינקל פון זאַל ליגט אַ מאַן אין אַ צעכראַסטעטן, ווייסן אויבערהעמד און צעטראָגענע קאַמאַשן אויף קנעפּלעך. די דעקלעך פון זיינע פאַרשלאָסענע אויגן זיינען טונקל־בלוי ביי די ברעגן. לעבן אים ליגט אַן אַלטפרענקיש וועסטל און עס שטייט אַ בלעכענע, טאָפּלטע מענאַזשקע מיט קאַלטער זופּ. אַ צעיוירענע פרוי אין אַ שמוציקער ספּודניצע — אַפּנים דעם וועכטערס

ווייב — קלויבט צונויף די שטיקלעך שטריק, פּיצלעך שמאַטעס, ס׳פּאַפּיר:

— ס׳גייט צום ווינטער...

— בעניעק — דער מאַמעס האַנט נעמט אַריין דעם זונ׳ס אָרעם, ווי אין אַ צוואַנג — הער מיך אויס, פּאַרפּאַק מיין פּלעצאַק.

— ווי אַזוי וועסטו אים קענען טראָגן? ר׳איז דאָך צו שווער פאַר דיר.

—כ׳בעט דיך, פּאַרפּאַק.

דער זון לאָזט זיך צורעדן, אָבער אַ פינצטער אַנונג הייבט אָן צו דריקן זיין געמיט און מיט יעדער זאַך, וואָס ער לייגט איבער פון זיין פּלעצאַק אין דער מאַמעס רוקזאַק, ווערן זיינע פינגער שטייפער, האַלציקער.

ער שטעלט זיך מיטאַמאָל אָפּ:

— מאַמע, צו וואָס הייסטו מיך דאָס טאָן?

איר שטימע איז אויסטערליש ווייך, ווען זי זאָגט צו אים:

— קינד מיינס, דו האָסט אַ גאַנץ לעבן פאַר זיך און איך בין אַלט און שוואַך...

דער זון האָט אויפגעהערט צו פּאַקן. ער זיצט און הערט זיך צו צו זיין מוטער, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז געזעסן אין דער גבירישער שטוב און האָט געפירט מיט זיין מאַמען אַ געמיטלעכן שמועס. ער וואָלט וועלן אַריין אין די זכרונות, ווי אין אַ וואַרעמער באָד, וואָס זאָל אָפּשווענקען זיין לייב און גייסט פונעם שוואַרצן קנויל, וואָס וויקלט אים אַרום, וואָס אַמאָל שטאַרקער.

די מאַמע ווערט אַנטשוויגן. די קולות פון דרויסן שווילן אָן, ווי אַ האַלדז פון אַ גוססדיקן מענטש. דער זון רופט ווידער צו הילף זיין פאַנ־טאַזיע, יאָגט צוריק צום אַמאָליקן הויז פון די ליבראַכ׳ס. אָבער דער מאַמעס אָרעם נעמט אַרום זיינע אַקסלען:

— פּאַרפּאַק, מיין קינד, דו בלייבסט דאָ און איך וועל גיין אין שפּיטאָל...

זי קוקט אים אָן, ווי ער זיצט אַ געפּלעפּטער, ניט בכוח אַרויסרעדן קיין וואָרט.

— כ׳האָב געבעטן — ציט זי רואיק — דעם קראַוואָוניק, ער זאָל דיך איבערלאָזן אויפן אָרט פון יאַנקעלעוויטשן, דעם יונגן בחור, וואָס איז אַוועק מיט זיין טאַטן. ראַבינאָוויטש קען מיך זייער גוט, ר׳האָט גוט געקענט דיין

טאַטן. צוערשט האָט ער זיך געקווענקעלט, אָבער צום סוף האָט ער מסכים געווען. ער האָט אויך מיר געזאָגט, אַז אַ וואָגן פאַרט פון דאַנען אָפּ מיט קראַנקע לייט אין שפּיטאָל.

בעניעק שטעלט זיך אויף און שרייט אויס ווילד, ווי עמעץ וואָלט אים אומפערהאָפט אַ זעץ געטאָן אין האַרצן:

— ניין, ניין, מאַמע! כ׳על דיך ניט לאָזן אַליין!

דער מאַמעס קול קלינגט צאַרט און זיכער:

— כ׳בין אַלט און מיין לעבן האָב איך שוין אָפּגעלעבט. כ׳על גיין אין שפּיטאָל אַריין, מען וועט מיך דאָרט היילן און דו וועסט קומען צו מיר...

דער זון קוקט איר אין פּנים אַריין. ער זעט, ווי אירע אויגן פאַרציען זיך מיט אַ נעפּל, אָבער זי וויינט ניט. ער דערמאָנט זיך, ווי זי האָט אין געטאָ איבערגעחזרט:

— „דער קוואַל פון מיינע טרערן איז געוואָרן אויסגעטריקנט.״

— פאַרפאַק, זון, פאַרפאַק, זיי פאָרן באַלד אָפּ אין שפּיטאָל...

ער וויל איר פאָלגן, ווייל ער הערט אין איר שטימע אַ געבעט. ער נעמט איבערלייגן די זאַכן: די שטיקלעך וועש, די בלוזקע, ס׳קליידל, ס׳שטיקל זייף, ס׳צאָן־בערשטל, די פאָטאָגראַפיעס. זיי לעבן — די גוטע, שטומע באַ־שעפענישן, לעבן און גייען מיט מיט דער מאַמען, ווי וואַרעמע, געטרייע הינטעלעך. גלייכצייטיק פאַלט אים איין: — אפשר איז עס בעסער אַזוי, די מאַמע וועט זיך אין שפּיטאָל אויסקורירן און ער וועט קומען צו איר יעדן טאָג.

דרויסן ס׳קריפּן שווער די רעדער, די לעצטע וועגענער ציען קיין מאַ־רישין.

— גיב מיר דעם טאַטנ׳ס שטעקן — זאָגט די מאַמע און שטעלט זיך אויף.

דער זון נעמט אַרויס פון אונטער דעם ברוינעם טוך מיט ווייסע קראַטן אַ פּריצישן שטעקן מיט דעם מאָנאָגראַם HL, אויסגראַווירטן אויף דער עלפאַנטביין־גאַלקע.

דבורה לויכט אויף.

— שנעלער — יאָגט זי אונטער איר זון — גיכער!

ער האָרכט זי, ווי אין אַ היפּנאָטישן טראַנס. ער נעמט ווידער פֿאַרפּאַקן און פּילט, ווי זיינע הענט ווערן אייזיק־קאַלט און פֿאַרחלשט.

— „ער מוז זיך אַקעגנשטעלן!״ — בעניעק הויבט זיך אויף פֿון די קני, אויף וועלכע ער שטייט, איבערטראַגנדיק די זאַכן.

— דו גייסט ניט אין שפּיטאָל אַריין, דו גייסט מיט מיר...

— וואָס איז מיט דיר, בעניעק, כ׳קען ניט גיין, כ׳על זיין נאָר אַ לאַסט פֿאַר דיר...

זיינע ליפּן עפֿענען זיך איר צו זאָגן: — „די דייטשן שוינען ניט קיין קראַנקע לייט״, אָבער אַנשטאָט דעם שטאַמלט ער אַרויס:

— קום מיט מיר, מאַמע!

— נאָר איינער, ווּעסט מיך קענען באַזוכן אין שפּיטאָל, ווּעסט קומען צו מיר.

— דבורה, דבורה ליבראַך! — רופֿט עמעץ ביי דער טיר.

די אַלטע מוטער מיט דעם שוואַרץ־פּאַלירטן שטעקן אין האַנט שפּאַנט צום אַרויסגאַנג.

— נעם מיין פּלעצאַק — זאָגט זי איר קינד — שטיי נישט!

ער פֿאָלגט, ווי אין אַ שווערן טומאַן. ער שלעפּט זיך שלאַבעריק נאָך דער אויסגעדאַרטער געשטאַלט, וואָס נידערט אַראָפּ מיט זיכערע טריט, אַן אויסגעגלייכטע און רואיקע, צום הויף.

אָט זיצט זי שוין הויך אויף דער פֿור. לעבן איר אַן איינגעקאַרטשעטע, שוואַר־סאַפּנדיקע פֿרוי מיט אַן אויסגעקרומט מויל, צוויי צעטרייסלטע מאַנצ־בילן, פּנימער — געלע הויט און ביין, אַ האַלב דרימלדיקע פֿרוי, איינגעוויקלט אין אַ צעפּליקטער קאָלדרע, פֿון וועלכער — ביי יעדן ריר — ס׳שיטן זיך אַרויס שטיקלעך וואַטאָלין אויס, אַן אָנגעשפּאַרטער אַן אַ קלומיק, קאָפּ מיט צעפּאַטלטע, שמוציק גרויע האָר.

די מאַמע — דער שטעקן אין האַנט, דער פּלעצאַק ביי איר זייט.

דער זון שפּרינגט אַרויף אויף דער פֿור, דריקט די מאַמע צו זיך. איר פּנים שטראַלט. אַ יונגאַטש שרייט אַרויף:

— אַראָפּ, אַראָפּ, מיר מוזן זיין וואָס שנעלער אין שפּיטאָל!

בעניעק גייט ביי דער זייט פֿון וואָגן. די רעדער קנאַקן און סקריפּן

מיט הייזעריקע קולות. ער קוקט אַרויף צו זיין מאַמען. זי רעדט הויך, שרייט איבער די רעדער:

—זאָרג זיך ניט, זאָרג נישט!

— יאָ, מאַמע — ענטפערט דער זון — יאָ, מאַמע!

— גייט אַוועק! — דערהערט ער פּלוצים די שטימע פון איינעם פון די יונגען, וואָס שטופּן אונטער די פור — גייט צוריק אין דער גאַרבעריי! און איידער ער באַוויזט א פינטל צו טאָן מיט אַן אויג, פאַלן אַראָפּ צוויי שטאָלענע הענט אויף זיינע אַקסלען, גיבן אים אַ ריס, אַ שלעפּ אויף צוריק און אַ שטויס אין דער אָפענער טיר פון דער פאַבריק. ער פאַלט און הייבט זיך אויף נאָכצויאָגן דעם וואָגן. עמעץ פאַרקלאַפּט די ריגלען מיט אַ הויכן קריץ. ער קלאַפּט מיט די פויסטן אין טיר. מ׳ לאָזט אים ניט מער אַרויס.

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט עמעץ געבראַכט די ידיעה: די דייטשן האָבן ליקווידירט דעם שפּיטאָל און ארויסגעפירט אויף לאַסט־אויטאָס די קראַנקע.

מיט א ווילדן געיאָמער איז בעניעק אַריין צום קעראָוונִיק. ראַבינאָוויטש האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק און ניט געענטפערט קיין וואָרט. ווען דער יונגער ליבראַך האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט די פויסטן — האָט דער לייטער זיך צערעוועט:

— גענוג שוין! — און אַ שליידער געגעבן דעם בחור אויף צוריק.

— הער מיך אויס און דאָס גלייך! — האָט ער אַ הילך געטאָן, אַזש די שויבן האָבן אַ ציטער געגעבן — כ׳וויל דיר איבערגעבן דיין מאַמעס ווערטער...

ליבראַך איז שטיל געוואָרן.

— ווען ז׳איז געווען דאָ ביי מיר — האָט דער קעראָווניק דערציילט — האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— „דער שפּיטאָל וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן... מיר וויסן גוט, וואָס דייטשן טוען מיט די שפּיטעלער. אָבער איך וויל גיין אַליין מיין וועג".

✶

די טעג זיינען געווען, ווי טרוקענע ברעטער פון אַן אָרון, פון וועלכן

מ׳האָט אַרויסגענומען דעם מת. מענטשן און פּאַסירונגען האָבן זיך פאַרביי־געגליטשט פאַר זיינע אויגן, ווי ריטשקעלעך פון אַ שמוציקן רעגן אויף דער שויב. ער האָט געפילט ווי אַלץ אין אים וואָלט געווען אָפּגעבריט, ווי אַ גליענדיק אייזן וואָלט אַ וויש געטאָן זיין אינגעוויד.

ער האָט געהייצט דעם קעסל פון דער פאַבריק ביינאַכט, געשאָטן די קוילן אין פלאַקערנדיקן אויוון און געזען די פּור, אויף וועלכער די מאַמע איז אַוועק אין דער אייביקייט.

די גרויסע, סקריפּנדיקע רעדער האָבן געברענט מיט אַ בלענדיקן פייער, דער וואָגן איז געווען איין ווייסער פלאַקער און זיצנדיק הויך מיטן שטעקן אין האַנט, האָט זיך געטראָגן זיין מוטער אויפן פלאַמנדיקן רייטוואָגן אין בלויען אין־סוף.

ער פלעגט איינדרימלען ביים אויוון, בראָטנדיק אַ פּאָר קאַרטאָפל אין גליענדיקן זשאַר פון די קנאַקנדיקע קוילן.

ער איז אנטשלאָפן געוואָרן פון הונגער און פּיין און געזען דעם טאַטן, וועלכער האָט זיך געשפּרייט אַקעגן אים אויפן הימל, געפלויגן אים אַקעגן מיט צוויי לאַנגע, שוואַרצע אָרעמס:

— ווו איז די מאַמע?

איבער אַלע רוימען האָט זיך געטראָגן זיין געשריי.

גלייך האָט ער דערזען זיין מוטער. האַריקע, חיה׳שע הענט פון ס. ס. לייט האָבן זי געשליידערט אויף אַן אויפגעטורעמטן מיט לייבער לאַסט־אויטאָ. ער האָט געהערט איר שטימע:

— קינד מיינס, ווו ביסטו?

ער האָט זיך געוועקט מיט אַ יללה. פון זיינע אויפגעריסענע אויגן האָבן זיך ניט געקענט מער גיסן קיין טרערן. קיין שום רחמים איז ניט געווען פאַר אים אויף דער וועלט, קיין שום תשובה האָט אים ניט געקענט העלפן, זיין שולד איז געווען גרעסער, ווי קין׳ס.

די קאַרטאָפל זיינען געלעגן האַלב פאַרברענט אין טונקלדיקן גלי פון די צעשאָטענע קוילן. ער האָט פּרובירט מיט די שפּיצן פינגער זיי אַרויס־שאַרן פונעם אויוון. דער ווייטיק פון דעם אָפּגעבריטן פלייש איז געווען ווי אַ באַלזאַם פאַר זיינע נערוון.

ער איז ווידער אריינגעפאַלן אין שלומער. דער טאַטע האָט זיך געטראָגן אַקעגן אים אויפן הימל. זיינע אָרעמס, צוויי ריזיקע פלעדערמייז, האָבן מיט שאַרפע נעגל, געצילט אין זיין האַרץ:

— האָסט די מאַמע פאַרלאָזט? דו, זון מיינער, דער לעצטער פון אונדז אַלע?

— טאַטע — האָט ער געוויינט מיט טרוקענע אויגן — טאַטע, שלמה און איך האָבן אויסבאַהאַלטן די מאַמע פיל מאָל, מיר האָבן זי געשפּייזט און באַשיצט... לאָז מיר זיך איצט איינטוליען אין דיינע אָרעמס, קושן דיין גע־זיכט, דיינע הענט....

— אַוועק פון מיר, דו ביסט ניט מער מיין קינד!

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. אַרום איז געווען אַ טויטע שטילקייט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים פאַרדאַמט.

✶

אין די קאַלטע פרימאָרגנס איז ער געשטאַנען צווישן די ווייבער און געקאָכט אין טעפּל גאַנצע בוראַקעס, וואָס ער האָט אויסגעפּליקט פון פאַר־לאָזטן פעלד, לעבן דער גאַרבעריי. די פרויען האָבן געשפּאָט פון אים, ווייל ער איז געווען דער איינציקער צווישן די מענער, וואָס האָט ניט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל אים עפּעס אָפּקאָכן, אָדער אויסוואַשן.

ער האָט ניט גערעדט מיט קיינעם. די אַרבעטער האָבן זיך געשושקעט הינטער זיינע פּלייצעס און אָפּט זיך געוויצלט אויף זיין חשבון. ער האָט די מענטשן אַרום זיך געזען, ווי צענדליקער שפּיגלען פון זיין אייגענעם איך. אין זייער קלאַמערן זיך אָנעם לעבן, אין זייער חיה׳שן געניוס פון דעם ביסל יושקע, אין דעם הינטישן לעקן דעם דייטשן שטיוול — האָט ער געזען זיך אַליין פאַרטאָפּלט, פאַרדרייפאַכט, צענדליקער מאָל פאַרגרעסערט.

ער האָט געקוקט אויף די לאַנגע מעסערס, וואָס די ווייבער האָבן באַ־נוצט אין דער קיך, אויף דעם שפּיזיקן געצייג, מיט וועלכן ער האָט גערייניקט די פעל:

— איין פיר איבערן גאָרגל וואָלט אים באַפרייט פון זיין פיין...

ער איז געזעסן אין האַרבסטיקן ווינט, אין דיגעם, פאַרפלעקטן אַרבעטער־

כאַלאַט. אַקעגנאיבער אים, אין נאַקעטן פעלד, האָט גערוישט א צעצווייגטער בוים, געטריפט מיט שאָרכנדיקע בלעטער:

— לעב מיין קינד, האָסט א גרויס לעבן פאַר זיך...

ער איז די נאַכט טיף אַנטשלאָפן געוואָרן.

ער האָט דערזען דעם פייערדיקן וואָגן. זיין מאַמע איז געשטאַנען הויך אויף דער פור. איר שטימע האָט אים דערגרייכט קלאָר און צאַרט:

— לעב מיין זון, כ׳וועל שטענדיק זיין מיט דיר. וועסט מיך זען אין שמייכל פון דיין קינד, אין גלאַנץ פון זיינע אויגן, אין די געטרייע הענט, וואָס וועלן זיך ציען צו דיר. כ׳וועל זיין אין דיין שטרעבן און וואַקסן, כ׳על זיין שטענדיק מיט דיר... און איצט, מיין זון, טונק איין דיין האַנט אינעם פייער פון די סקריפנדיקע רעדער און טראָג זי פאָרויס! זאָל זי ברענען, ווי אַ פאַקל פאַר די דורות, וואָס וועלן קומען, ביזן סוף פון דער וועלט!

הערש און מרים

קאפיטל איינס

זיי זיינען געלעגן איינער לעבן אַנדערן. דורך דער וואַנט האָט אַ מאַמע זיך געקריגט מיט די קינדער:

— ממזרים, ר׳זענט ניש׳ אין קאַ פּענסיאָנאַט, ס׳אַ געטאָ אויף היטלער׳ס קאָפּ! פון וואַנען זאָל איך נעמען קאַרטאָפל? כ׳האָב שוין אָנגעבאַרגט אומע־טום — באַ דעם: אַ פערטל קילאָ, באַ יענעם: פיר קאַרטאָפל... כ׳האָב שוין ניש׳ באַ וועמען צו נעמען... אוי, ווי דערלעב איך שוין דעם טאָג, כ׳זאָל קענען אַוועקלייגן אַ גאַנץ ברויט אויפן טיש און זאָגן: — עסט, קינדער, עסט...

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך.

מרים האָט פּרובירט אַרויסרוקן אַ פוס פון אונטער דער קאָלדרע און אַרויסגעלאָזט אַ קינדערשן קוויטש:

— אַ פראָסט...

ער האָט צו איר געפּליסטערט:

— זיי שטיל, די פרוי קען נאָך אָנקלאַפּן...

— וועט מ׳זי ניט אַריינלאָזן.

— ז׳קען נאָך מיינען, דאָס זיינען גנבים און דאַן אָך און וויי צו אונדז...

— ס׳קען דאָך זיין דיין פריינט אין הויז.

— אָ, זי וויס גוט, ווען ער קומט און ווען ער גייט אַוועק.

— צוליב וואָס האָט זי אים אויפן אויג?

— צוליב אַ שידוך!

זיי האָבן זיך ביידע שטיל צעלאַכט.

— ווייסט, הערש, מ׳שיקט אַרויס פון געטאָ.

— מ׳נעמט בייטאָג און מ׳שלעפּט פון די בעטן ביינאַכט.

— און מ׳קען אַנטרעפן אויף אונדז...

זי האָט זיך צעהירזשעט, ווי אַ יונג לאָשעקל און באַלד פאַרדעקט ס׳פּנים מיט דער קאָלדרע. ס׳האָט גענומען עטלעכע מינוט, ביז ז׳האָט זיך באַרו־איקט און באַוויזן איר פאַררויטלט געזיכט פון הינטער דעם צודעק.

זי האָט אַ בליק געטאָן אויף הערשן און ס׳איז איר געקומען אויפן גע־דאַנק איר מאַן, וועלכער איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, גלייך ווי די דייטשן זיינען אַריין קיין פּוילן און איבערגעלאָזט זי אַליין ביי די עלטערן.

הערש האָט איבערגעריסן איר פּלוצעמדיק שווייגן:

— וואָס איז מרים?

— געטראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט.

— לאָז אָפּ, לאָמיר זיך בעסער נעמען צו דער אַכילה.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַראָפּגענומען פון בענקל,ביים בעט, עטלעכע דינע מוציא׳ס ברויט מיט פּליטשקעלעך קלאָפּס. ער האָט זיך געשטאָפּט אַ גאַנצן טאָג מיט געקאָכטער באַטווינע און רויען קאַווע־ערזאַץ, כדי צו קענען צוזאַמען מיט איר עסן.

זיי האָבן, ליגנדיק, געקייט ס׳ברויט מיטן פליש און זיך פאַסמאַקעוועט מיטן גוטן טעם.

— ס׳בעסטע פערדן־פליש! — האָט ער שטיל גערעדט — אָפּגעשטאַנען אַ האַלבן טאָג אין דער ריי, ביז ס׳איז מיר געלונגען צו קריגן ס׳בשר.

אין דער מינוט האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס יידן זאָגן וועגן דער „ראַציע” און זיך צעשמייכלט.

— כ׳ווייס, וואָס דו לאַכסט, הערש. ס׳פליש איז פון די געפּגרטע שקאַ־פּעס. ווער מען אַרט עס? אַבי ס׳איז דאָ מיט וואָס אָנצופילן דעם מאָגן. דו אָבער, העלד מיינער, הער אויף צו ברענגען מיר דיין עסן — אַ מאַן דאַרף מער שפּייז, ווי אַ פרוי.

ר׳האָט זי גענומען אין די אָרעמס. זי האָט אים געקושט און געפרעגט:

— נו, האָסט פאַרגעסן דזשוניען? זאָג מיר דעם אמת...

זיין פּנים האָט געגעבן אַ לייכטן צוק, זיין צונג האָט זיך געפּלאָנטערט:

— יאָ, כ׳טראַכט ניט מער...

אין דער רגע האָט ער קלאָר פאַרנומען דזשוניע׳ס קול. איר שטימע איז געווען, ווי שטענדיק, מיידליש דין און קינסטלעך באַהערשט:

— כ׳קום דיר אויפן זכרון, ווען דו באַהעפסט זיך מיט איר...

הערש האָט דערהערט טריט אין קאָרידאָר. ער האָט געגעבן א שפרונג פון בעט און פאַרלאָשן די עלעקטרע.

— ווער קען דאָס זיין? — האָט מרים פון שרעק געציטערט אונטער דער קאָלדרע.

— פּאָליציי — האָט ער געשעפּטשעט אין איר אויער — גייען עטלעכע צוזאַמען און דאָס איז איין מענטש, אַ קלעפּסידרע. קוים, וואָס ר׳קריכט.

די טריט האָבן זיך דערווייטערט און אַנטשוויגן געוואָרן. הערש האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און צו צום פענצטער:

— לאָמיר זען, ווי שפּעט ס׳איז!

אויף זיין נאַקעטן לייב איז אַרויף אַן אייז־קאַלטע פלאַכטע. ס׳איז אים אַדורך אַ שוידער און ר׳האָט גענומען — מעשה לץ — קלאַפּן מיט די ציין. הינטער די שויבן, באַמאַלטע ביי די ראַנדן מיט פראָסטיקע בלומען, האָט געשטאַרט אַ האַלבע לבנה, א זילבערן אויג, פאַרצויגן ביז דער העלפט מיט אַ שוואַרצלעכער בלאָנע. הערש האָט פּרובירט צו זען די צייט אויף דעם וואַנט־זייגער:

— ס׳דאַכט זיך מיר, ס׳איז שפּעט!

— אַזוי גאָר? — האָט זי אָבסערווירט זיין טונקעלן סילועט פון דער ווייטנס. ר׳האָט אויסגעזען אויסטערליש הויך און שטאַרק.

צו הערש׳ס אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ ווילד געשריי פון אונטן, פון נאַכטיקן הויף. דער משונהדיקער ליאַרעם האָט דורכגעריסן די פרירנדיקע שטילקייט איין מאָל און נאָך אַמאָל...

— ז׳קומען אָן!

— טו דיך אָן! — האָט הערש באַפוילן זיין געליבטער.

— וואָס איז ס׳געאייל? — האָט זי געגלעט זיין קאַרק, געריבן איר פאַרריסן נעזל אָן זיין נאַז, פאַרוואָרפן אים א כוואַליע האָר אין די אויגן אַריין.

— מיין פריינט קען קומען אַ ליאַדע מינוט! — איז ער געוואָרן ערנסט.
זיי האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן. זי איז צוערשט אַרויס פון צימער, אַדורכ־געשלייכט זיך אין פינצטערן קאָרידאָר און אַרויס אויף די שטיגן. הערש האָט שנעל פאַרשלאָסן די טיר, אַרונטערגערוקט דעם שליסל אונטער דער סלאָמיאַנקע און אַ יאָג געטאָן נאָך איר. ווען ער איז שוין געווען אויף די טרעפּ, האָט זיך די טיר ביי דער שכנטע געעפנט און גלייך פאַרמאַכט.
— וואָס שפּיאָנירט זי נאָך? — האָט זיך אין אים געצונדן אַ כעס.
אויף דער גאַס האָט ער מרים׳ען גענומען אונטערן אָרעם און געוואָרפן אַ בליק אויף היִנטערוויילעכץ.
— ניין, מ׳זעט ניט קיין פּאָליציי!
ס׳איז אים געווען גוט און װאַרעם, ווי ס׳וואָלט ניט געווען קיין קנאַקנ־דיקע קרירה און ר׳וואָלט ניט געווען אין פאַרשאָלטענעם געטאָ.
— ס׳דוכט זיך מיר — האָט ער געצויגן מיט אַ פאַרחלומטער שטימע — אַז כ׳בין צוריק אין לאָדזש אויפן „דעפּטאַק״ און דער שניי פינקלט — ווי דאָ איצט...
זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אונטער זיין האַנט און גענומען לויפן איבער אַ באַרג שניי אויפן טראָטואַר. אירע דינע פיס אין די גרויסע באָטן האָבן אויסגעזען ווי קינדערשע פיסלעך אין מאַמעשי׳ס שיך.
ס׳האָט זיך אים דערמאָנט ס׳מעשהלע „די קאַץ אין די שטיוול.״ ער האָט זיך צעלאַכט, זי נאָכגעיאָגט, געכאַפּט און אַ קוש געטאָן אין מיטן דער גאַס.
— משוגענער! — האָט זי זיך צעבייזערט.
ער האָט זי גייענדיק, אַרומגענומען אין דער העלפט און גערעדט צו איר:
— הער זיך צו, ווי דער שניי כראָבטשעט אונטער די פיס און קוק, ווי ער מיניעט אין שיין פון די גאַסן־לאָמפּן.. מיר זיינען ווידער אויף דער פּיעטריקאָווער, פון וועלכער מ׳האָט אונדז פאַריאָגט... באַלד וועט אַ שליטן זיך צעקלינגען מיט זילבערנע גלעקלעך און אַ קאַרע פערד וועט אונדז אַ טראָג טאָן ווייט, העט ווייט, איבער דער קאָכיקער און פריילעכער גאַס...

קאפיטל צוויי

הערש האָט דזשוניען געקאַנט פון פאַר דער מלחמה. עטלעכע יאָר האָט זיך געצויגן צווישן זיי אַ מאָדנער קאַמף. זיי זענען געווען ווי צוויי חיות, וואָס בייסן איינע די אַנדערע, אַנטלויפן פון זיך און קומען צוריק. זיי קוקן זיך ווידער אָן, באַשמעקן און לעקן זיך, נעמען ברומען, וואַרטשען און שניידן זיך איין מיט די ציינער אין צווייטנס פעל און פלייש, יאָגן ווידער אַוועק פון זיך — ביז צום נאָענטסטן צוזאַמענטרעף. פון זיינע קושן פלעגן צייכנס פון ציינער בלייבן אויף איר האַלדז און לייב, פון אירע אַריינפלעכטונגען פון דער צונג אין זיין מויל, פון איר צאַפל פון הייסן גוף — האָבן זיינע ליפּן און קערפּער געבריט גאַנצע שעהן.

ער האָט דזשוניען געטראָפן אין געטאָ און זייער פאַרביסענער געפעכט האָט זיך צעפלאַקערט פונדאַסניי. נאָך אַ יאָר צייט אין פאַרצוימטן רוים, האָט הערש פלוצעם פאַרגעשלאָגן איר צו ווערן זיין פרוי.

ס׳איז געווען אָנהייב פרילינג און אויף דער בריק, וואָס האָט זיך געהויבן איבער דער זגערזשער גאַס, איז געלעגן אַ ווייכער, שיטערער שניי. ער האָט זי פאַרהאַלטן אין מיטן פונעם שוואַרצלעכן עולם, וואָס האָט געאיילט אַרויף און אַראָפּ מיט די הילצערנע טרעפּ. זי איז געבליבן שטיין און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט חידוש.

מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטימע, האָט ער זי אויף פויליש אַ פרעג געטאָן:

— ווילסטו... ווערן מיין פרוי?

זי האָט זיך הויך צעלאַכט, ווייזנדיק אירע ווייסע ציין, וואָס האָבן עט־וואָס אונטערגעהויבן די אויבערשטע ליפּ:

— דאָ גאָר... און אַן בלומען — האָט זי געקייכט פון געלעכטער — און אין מיטן דערינען... דאָ ??...

פון אונטן, פון דער גאַס, לעבן די דראָטן, האָט אַרויפגעקוקט דער דייט־שער סאָלדאַט אין גרין־געלבלעכן מונדיר, מיט דער ביקס אויפן אַקסל.

הערש האָט צעטראָטן מיטן פוס דעם ווייס־שטויביקן שניי לעבן זיך — אַ בלאָטיקער פלעק האָט באַדעקט דאָס האָלץ. ער איז אַראָפּ צוזאַמען מיט

דזשוניען פון די טרעפּ, געפירט זי אַהיים אויף לוטאָמיערסקער־גאַס. זיי זיינען אַדורך די פורטקע פון צעטרייסלטן טויער, אַרויף אויפן הויף. אַן אויסגעדאַרט ייִנגל איז געלאָפן איר אַקעגן.

— וואָס איז, יעזשיק, האָסט זיך ווידער געשלאָגן ?

הערש האָט אים געקאָנט : — ס׳איז געווען איר שוועסטערקינד.

— ער לאָזט זיך ניט פון קיינעם — האָט זיך דזשוניאַ צעשמייכלט — ער איז אַ נוקם ונוטר.

ביי אַ זייטיקער אָפּיצינע, אינעם ווינקל פון מויער, האָט אַ הויכער ייִד, מיט אַ שאַל אַרום האַלדז און מיטן פּנים צו דער וואַנט, געטאָן זיינע הצטר־כותן. דזשוניאַ איז שנעל אַוועק מיט אַ שטאַרקן דרוק פון דער האַנט :

— וואָס טוט זיך מיט דיר, העניעק ? דאָ חתונה האָבן ? צום ווידערזען !

ער האָט געשפּאַנט אַהיים לענגאויס דער לימאַנאָווסקיעגאָ, ביי די דראָטן. אינמיטן פון גאַס זיינען געלאָפן פורן, בריטשקעס, לאַסט־אויטאָס, געפּאַקט מיט פּאַלאַקן, דייטשן, „פאָלקס״־דייטשן. געזונטע פּנימער, עזות־דיקע, פריילעכע אויגן — האָבן געלאַכט פון די ייִדישע שקלאַפן, וואָס האָבן קרעפּירט הינטער די שטעכיקע צוימען. אויף די טראָטואַרן האָבן געאיילט צעשראָקענע פּיס, עס האָבן זיך גיך געשאַרט אויסגעבלייכטע, גרינלעכע אָדער געלע געזיכטער, פאַרבאַבלטע קינדער — קליינע זקנימלעך, פּאַליציאַנ־טן אין רונדיקע היטלען מיט געלע לאַמפּאַסן, פרויען און מענער מיט מע־נאַזשקעס און טעפּ אין די הענט. עולם האָט זיך געשטופּט אין די טויערן און הייף, ווו ס׳זיינען געווען די קיכן. זופּ־פאַרקויפערס האָבן פאַרטשעפּעט פאַרבייגייער. פון די מענטשן האָט זיך געטראָגן אַן אוויר פון די קויטיקע, טוכלע שטובן, אַ הויך פון די צעבלאָזענע געדערים.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן זיין בליק אויף די דראָטן.

אין זיינע אויגן האָבן זיי זיך געצויגן, ווי לאַנגע, אייזערנע נאָטן און די שטעכיקע קנופּן האָבן געזונגען אַ ליד, וואָס נאָר זיינע אויערן האָבן פאַרנומען, א ליד פון פּיין און האָפענונג :

— ביסט זיך טועה, דזשוניאַ, מיר וועלן פון דאַנען אַרויס !

✶

אין מיטן זומער איז זי, אומגעריכט, געקומען צו אים אין דער שטוב אַריין. ניט טרעפנדיק אים, האָט זי פֿאַרפֿירט אַ לאַנגן געשפּרעך מיט זיין קראַנקן ברודער. ער איז געוואָרן פֿאַרליבט פֿון איר ערודיציע, אירע פֿיינע מאַניערן און ווען דער יינגערער ברודער איז געקומען אַהיים, האָט ער אים גענומען שטעלן פֿאַרשידענע פֿראַגן:

— הערש, ווער איז זי?

דער יינגערער ברודער האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ר׳וואָלט געוואָלט אָפּיאָגן אַ זלידנע פֿליג און אַ ברום געטאָן:

— כ׳על דיר אַמאָל אַלץ דערציילן, ס׳איז מיר שווער זי צו פֿאַרשטיין...

— אַזוי ווי אַלע פֿרויען — קיין איינע פֿון זיי איז ניט קלאָר — האָט דער ברודער פֿאַרראַכטן ס׳קישן אונטערן קאָפּ און זיך איינגעקוקט אין הערשן מיט שמייכלענדיקע אויגן.

זי איז געקומען ס׳צווייטע מאָל און אים גענומען אויף אַ שפּאַציר קיין מאַרישין. זיי זיינען געגאַנגען צווישן ביימער און גראָזן. בינען האָבן געזשומעט אין דער וואַרעמער לופֿט, פֿלאַטערלעך האָבן זיך געוויגט מיט אַ שלעפּעריקן ריטם. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ רונדיקן גרוב, פֿול מיט רעגן־וואַסער.

— אָט איז „מאַרסקע־אָקאָ" — האָט זי איראָניזירט — זאַקאָפּאַנע איז געווען שיין... אַלץ איז געווען און ס׳איז מער ניטאָ...

זי האָט גענומען שטיל זינגען: — „זאַג־זשע מיר, וואָס האָסט אַמאָל געזאָגט". דער ניגון איז אים געווען קענטלעך, אָבער די ווערטער האָט ער ס׳ערשטע מאָל געהערט. עס האָט אויף אים אַ וויי געטאָן מיט פֿאַרבענקטע אָוונטן פֿון דער „זשעמיאַנסקאַ" און פֿון „מאַלינאָווער" אין גראַנד־האָטעל.

— געדענקסטו, העניעק, דעם גרויסן זאַל מיט די קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן, די מוזיק, די קעלנערס, וואָס זיינען געלאָפֿן אַהין און צוריק...

— ...און דערלאַנגט „פֿול טשאַרנעי" און די גוטע „טשאַסטקעס"...

— געדענקסטו, מיין גראַנאַט־פֿאַרביקן הוט מיטן גרויסן ראַנדאָ...

— מיינסט דעם עלעגאַנטן, שטרויענעם זומער־הוט, וואָס האָסט געטראָגן אין „גראַנד" און שפּעטער אין פּאָניאַטאָווסקי׳ס פּאַרק?

זי האָט זיך פֿאַרטראַכט: — וויפֿל מי און מאַטער האָט געקאָסט דער

הוט. אָנגעבאָרגט זיך ביי דריי חברטאָרינס און אויסגעצאָלט שפּעטער מיטן שווער־אויסגעהאָרעוועטן געלט, וואָס ז׳האָט געקראָגן פון די פּריוואַטע לעקצ־יעס ביי די גבירישע, צעפּיעשטשעטע קינדער.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין: — דער הוט פלעגט אַראָפּפאַלן יעדעס מאָל, ווען ר׳האָט זי געקושט... ער האָט זי געקושט און זי האָט שפּעטער געביסן זיין אויער.

זי האָט אונטערגעזונגען: — „זאָג־זשע מיר נאָכאַמאָל...״ און ער האָט אַ ציטער געטאָן:

— ז׳האָט געוואָלט הערן צום צווייטן מאָל זיין אָנבאָט. ער איז אָבער ניט גרייט געווען איבערחזרן די ווערטער.

מרים׳ס שאָטן איז שוין געשטאַנען צווישן זיי און אויך האָבן שוין געקוקט אויף אים די אויגנלעכער פון געשפּענסטיקן הונגער. ר׳האָט אין דעם מאָמענט געטראַכט, אַז איר מוז זיין גאַנץ נישקשה אין שפּיטאָל אויף לאַגעווניצקע־גאַס, ווו זי האָט געאַרבעט. זיין „ראַציע״ ברויט האָט ער שוין לאַנג אויפגעגעסן און ס׳קרויט פון דער היינטיקער זופּ האָט אים אָנגעפּוישט, ווי אַ בלאָז־זאַק.

— אמתער זומער — האָט זי מיט דער האַנט געוויזן אויף אַן איינזאַמער סאָסנע, וואָס האָט געטריפט מיט זשיוויצע.

— אָ, יאָ — האָט ער געענטפערט — ספּעציעל פאַר די „ביירעט״ מענטשן, וואָס האָבן דאָ אַרום די פּעטע „דזשיאַלקעס״ פון קאַרטאָפל, מייערן, בוראַקעס...

— זומער אויף ווישניאָווע־גורע... — איז זי ווידער אַריין אין בלויען שטראָם פון זכרונות — די ווילעס מיט די ווערענדעס אין שאָטן פוןביימער, דער וואַלד, וואָס האָט זיך געריסן אין הימל אַריין מיט זאַפטיק־גרינע קרוי־נען, וואָס האָט געשמעקט מיט פאַרשיכורנדיקע ריחות, געלאַכט מיט זוני־קע פּאָלאַנעס, גערוישט מיט יוגנטלעכע סודות... און איצט איז געקומען דער סוף...

— ביסט זיך טועה, דזשוניאָ, מיר וועלן אַרויס פון דאַנען — האָט העניעק האַסטיק גערעדט, טראַכטנדיק גלייכצייטיק, ווי אַזוי צו שטילן דאָס נאָגן אונטערן לעפעלע.

— מ׳עט מוזן צערייבן דעם שוואַרצן רעטעך, וואָס ליגט אונטערן בעט. ער וועט לייען ביי דער שכנטע אַ געדיכט ריב־אייזן און אַ טראָפּ אייל און אויספּרעגלען די אמתע „ציבעלעס״.

— לאָמיר אַהיימגיין — האָט ער זי אָנגענומען פאַרן אָרעם — כ׳מוז ברענגען די מעדיצין פאַר מיין ברודער.

זי האָט פאַרקוועטשט ס׳מויל און רואיק געשפּאַנט לעבן אים. ר׳האָט זיך באַמיט אַרויסקריגן פון זיין מידן מוח אַ טעמע, וואָס זאָל זי פאַראינטע־רעסירן.

— וואָס הערט זיך אין שפּיטאָל ?

— אָ, דער „פּרעזעס״ איז געקומען מיט זיין פּאָליציאַנט אויף אינס־פּעקציע. ער איז געווען זייער צופרידן פון דער אַרבעט ביים „מאָל״ — אַ געמיש פון מילך און מעל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין פלעשלעך פאַר קליינע קינדער.

— נו, איז דאָך פיין...

— אַלץ איז געווען גוט, ביז דעם „קייסערס־לייבוואַך״ האָט זיך ניט צוגעטשעפּעט אין אַ ווינקל צו אַ שיינער קראַנקנשוועסטער און געקראָגן פּעטש פון זיין אייגענער טאָכטער.

דזשוניאַ האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער. ער האָט שוין לאַנג באַ־מערקט, אַז איר לאַכן האָט געטראָגן דעם צייכן פון איר פּערזענלעכקייט. ס׳איז געווען מער פאַרשלאָסן, ווי פריי.

— ווי קומט דעם בראַון פּאָליציאַנט׳ס טאָכטער אין שפּיטאָל אַריין ?

— האָט זיך הערש באַמיט אונטערצוהאַלטן די אויפגעהייטערטע שטימונג.

— ז׳אַרבעט אין מיין אָפּטיילונג.

— אמת ! כ׳געדענק זי פון אַ באַזוך ביי דיר... כ׳האָב זי — אַמאָל — געטראָפן זיצן מיט די פיס אויף אַ שטול... זי האָט אַ פּאָר קרעפּטיקע פיס, אָנגעגאָסן מיט רייץ...

— אָט האָסטו, אַ מאַנצביל בלייבט אַ מאַן.

— כ׳וויס ניט פאַרוואָס — האָט העניעק אַ שמייכל געטאָן און וויטער געצויגן — אָבער כ׳האָב געפילט, ווי פון אירע פיס אין גלאַנציקע, דינע

זאַק, אַנטבלויזט ביז איבער די קני, שטראָמט א מאַגנעטישער כוח, אַ שטאַרקער רייפער ווילן...

הערש האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעגעבן א חשבון, אַז ער האָט פאַרגעסן וועגן עסן און אַז עפּעס טרייבט אים צו שילדערן דעם מיידלישן גוף, ווי ער וואָלט דורכדעם געוואָלט פאַרניכטן אין דזשוניעס דמיון אַ געוויס בילד, וואָס ז'האָט זיך וועגן אים געשאַפן.

ס'מיידל האָט זיך פאַרהאַלטן, אַוועקגעשטעלט זיך אַקעגן אים. העניעק איז געוואָרן צעטומלט, זיין האַרץ האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן. ס'האָט אויפגעטויכט אין זיין זכרון א סצענע פון זיינע יוגנטלעכע יאָרן, ווען אַ מיידל האָט זיך געוואָלט אים איבערגעבן און ער האָט געבעטן גאָט, אַז עמעץ זאָל אַנקלאַפּן אין פאַרשלאָסענעם צימער און פאַרשטערן די אינטימע סיטואַציע.

דזשוניאַ האָט אים אָנגערירט מיט איר ברוסט. איר פּנים איז געוואָרן בלייך, די אויגן האָבן זיך געמיניעט פון טונקל־גרוי ביז שטאַרק גרין.

אַ שוואַרצע עגלה האָט אויפגעסקריפּעט ביים זייט פון וועג. אַן אויסגע־דאַרטע שקאַפּע האָט געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות דעם שווער־אָנגע־לאָדענעם וואָגן, געריסן אים צום בית־עולם. אין דער זומערדיקער לופט האָט זיך קלאָר צעהילכט דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון די פערדישע פּאָדקאָוועס.

הערש האָט אָנגענומען דזשוניעס האַנט און געפירט זי אויפן וועג צוריק.

✶

זיי האָבן זיך נאָך אַ צענדליק מאָל געטראָפן. זי האָט אים איינגעלאַדן אויף אַ פּאָליציי־רעוויע און ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. זי האָט איבערגעלאָזט בריוולעך ביי אים אינדערהיים און געבעטן צו וואַרטן אויף איר פאַרן שפּיטאָל, ווען זי ענדיקט די אַרבעט. ער פלעגט זיך שוין צו יענער צייט טרעפן מיט מרימען און ער האָט געקוקט אויף דזשוניען, ווי אַ פּאַסאַ־זשיר פון אַ שיף בליקט אויף זיין באַגלייטער, ווען דער דאַמפער נעמט שוין אָפּשווימען פון ברעג. דאָך האָט ער געוואַרט אויף איר פאַרן שפּיטאָל, דערמאָנענדיק זיך די טעג, וואָס זיינען פאַרביי.

...אָט די טירן, וואָס פירן צום פּאָדערהויז, ווו ס'איז דאָ די אַפּטייק

און ווו די ווייבער וואַרטן אין דער רייע אויפן „מאָל" — די גלעזערנע טירן האָבן אַמאָל געשפּילט, ווי קלאַרנעטן, ווען ער האָט זיי געעפנט... דזשוניאַ פלעגט אַראָפּשוועבן פון די טרעפּ אין איר אויסגעקראָכמאַלעטן, שניי־ווייסן כאַלאַט, פאַרקנעפּלטן אויף די פּלייצעס. איר אַנטאָן האָט אונטערגעשטראָכן די טונקעלע ברוינקייט פון אירע האָר און דעם גרינלעכן קאָליר פון אירע אויגן. זי האָט געבעטן וואַרטן, ווייזנדיק אירע אויבערשטע ציין אין שמייכל. אין דעם שטילן געלעכטער איז געווען די זיכערקייט פון א פרוי, וואָס קען איר כוח און גלייכצייטיק אַ פאַרלוירנקייט פון אַ יונג מיידל, וואָס שרעקט זיך פאַר מענטשן און דער וועלט. ער האָט זיך אינערלעך געקאָרטשעט קעגן דזשוניעס קאָקעטירנדיקער טאַקטיק. ר׳האָט זיך געפילט אומבאַקוועם פון די בליקן פון אירע מיטאַרבעטערינס, וואָס זיינען אים פאַרביי. זיי האָבן אַלע געוווּסט אויף וועמען ר׳וואַרט אזוי לאַנג, דאָ, אין פּאָדערהויז פון שפּיטאָל. פון צייט צו צייט פלעגט איינע פון זיי אים באַרואיקן: — זי קומט אין אַ ווײַלע... ס׳האָט אים געשטיקט פון עטער, קאַרבאָל און פון די רייד. די מיידלישע, פאַררויטלטע פּנימער און די שטייפע, ווייסע הייבלעך אויף די קעפּ האָבן זיך געוויגט מיט אַ באַהאַלטענעם חוזק. ענדלעך האָט זי אַראָפּ־געשפּאַנט מיט אַ שטיפעריש געלעכטערל אין די האַלב פאַרזשמורעטע אויגן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, זי שפּילט אַ ראָלע אין אַ פילם אָדער זי מאַכט נאָך אַ העלדין פון אַ ראָמאַן. ער פלעגט איר גיין אַקעגן מיט ציטערנדיקע קני. אַ פּלוצימדיקע פרייד האָט אים אָנגעגאָסן איבער די ברעגן און אַלץ אַרום האָט אויפגעזונגען, ווי דער פרימאָרגן אין אַ טראָפּיש לאַנד. ער האָט פּרובירט איר עפּעס זאָגן און זי האָט גלייך אַ שפּריץ געטאָן מיט אַן איראָ־נישער באַמערקונג. זיי זיינען אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט זיך באַמיט צו באַהערשן און דערציילן איר פאַרשידענע געטאָ־נייעסן. זי האָט אים געענטפערט מיט אַ גלייכגילטיקן, קאַלטן טאָן, ווי די אַלע עניִנים וואָלטן זי, אייגנטלעך, וויניק וואָס אינטערסירט און ווי זי וואָלט אים געטאָן א טובה, וואָס זי הערט אים אויס. איר באַנעמונג האָט אים אַריינגעוואָרפן אין ביטער־ניש און כעס. ער איז אַנטלאָפן פון איר אויף עטלעכע טעג און יעדן טאָג געציילט, ווי אַ גרויסן נצחון. — כ׳בין ענדלעך פריי — האָט ער געטראַכט און יעדן אָוונט אָן איר, באַצייכנט, ווי אַ נייע לאָפּאַטע ערד אויפן קבר פון

זייער משוגעדיקער ליבע. ער פלעגט אַנטלויפן און ווידער צוריקקומען צו איר נאָך אַ פרישער „ראַציע״ פון אומזיניקע ווערטער און טאַטן.

זיין וואַרטן איצט פאַרן שפּיטאָל האָט פאַרלוירן אַ סך פון דעם עקסטאַז, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דאָרטן, אין גרויסן פאָדערהויז. דזשוניאַ פלעגט אַצינד אַרויסקומען צו דער צייט און פירן אים אַהיים צו זיך.

ער איז געזעסן לעבן איר, אין אַ האַלבן צימער, וואָס איז געווען אָפּגעצוימט פון דער צווייטער העלפט מיט צוויי גרויסע שענק און אַ פאַרהענגל — אַ ליילעך אויף אַ שנירל.

קיינער האָט זיי דאָ נישט געשטערט, ניט איר שוועסער, ניט דאָס קינד. ניט איינמאָל האָט זי זיך צוגעבויגן צו אים, ווי זי וואָלט געוואָלט בעסער הערן די ידיעות פון דייטש־רוסישן פראָנט. זי האָט איבערגעחזרט די נעמען פון די רוסישע שטעט, ווי אַ קינד, וואָס פּרובירט צעקנאַקן האַרטע ניס:

— מאָזשאַיסק, מאָזשאַיסק, קאַלוגאַ...

ער האָט זיך ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלויבן צי איז זי באמת פאַראינטערעסירט אין די מלחמה־נייעסן, אָדער זי מאַכט נאָר אַ חנוודיקן אָנשטעל.

זיצנדיק לעבן איר, האָט ער זיך דערמאָנט די צייטן פון פאַר דער מלחמה, ווען זי האָט געריסן פון אים פּאַסן. זי האָט אים דאַן חושד געווען, אַז ער, דער זון פון אַ רייכן מאַנופאַקטור־סוחר — שפּילט זיך מיט איר, ניט טראַכטנדיק וועגן תכלית. צווישן אַ שטאָכווערטל און אַ שפּאָטישן זאָג, פלעגט זי לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן בויען אַ היים פאַר זיי ביידע. ר׳האָט זיך ניט געמאַכט הערן. ער האָט געוווסט, זיינע עלטערן וועלן ניט מסכים זיין אויפן שידוך: ס׳מיידל איז געווען אָרעם און געשטאַמט פון זייער אַ פּראָסטער היים. אמת איז, ר׳האָט זיך ניט באַמיט טאַטע־מאַמע איבערצייגן, אַז ער האָט דזשוניען ליב. אַפּנים, זיין פרייהייט איז אים טייערער געווען, ווי ס׳מיידל...

אַט סערווירט זי אים איצטער אַ טעפּעלע ערזאַץ־קאַווע און אַ קאַפּעטשקע מאַרמעלאַדע אויף א טעצעלע. אירע לאַנגע, דינע פינגער באַוועגן זיך אַהין און צוריק מיט אַן אַריסטאָקראַטישער גראַציע.

אַט נויגט זי זיך צו צו אים מיט אַ בליאַסק אין די אויגן און אַ פראַגע אויף די קליינע ליפּן. ער ענטפערט איר און איז איבערראַשט פון איר געלעכטער. ס׳איז אין אים ניטאָ קיין ביטול.

אַט רעדט זי און דרייט קינסטלעך אַוועק איר קאָפּ — איינע פון אירע העוויות, וואָס האָבן אים שטענדיק אַרויסגעבראַכט פון די כלים. איצט אַרט עס אים ניט. פאַרקערט, ס׳דערמאָנט אים די טבע פון אַ סאַרנע, וואָס פאַר־נויגט איר קאָפּ אָן אַ זייט פון צייט צו צייט.

זי גייט אַריין אין קיך ברענגען אים הייס וואַסער און ער אָבסערוויִרט איר גאַנג: — אַ מין וויגן זיך אויף ביידע זייטן.

ס׳דרינגט אים דורך אַ פאַרלאַנג: אַריינכאַפּן זי אין די אָרעמס, צעקנאָ־דערן זי ביז ווייטיק און אַנטרינקען זיך מיט איר זאַפט און לייב.

ער הייבט זיך אויף און אַנטשולדיקט זיך:

— ס׳איז שפּעט, ר׳מוז שוין גיין.

איר צעטראָגענער שמייכל דערמאָנט אַ קינד, וועמען מ׳האָט פּלוצעם צוגענומען זיין באַליבט שפּילצייג.

✶

איינמאָל אין אַ האַרבסטיקן אָוונט, ווען ר׳האָט געוואַרט אויף דזשוניען פאַרן שפּיטאָל איז צוגעקומען צו אים איינע פון אירע חברטאָרינס און אים דערציילט, אַז זיין פריינדין איז ניט געווען ביי דער אַרבעט.

ער איז אַוועק צו איר אַהיים און געטראָפן זי ליגן אין בעט אין אַ ראָזע העמד.

— כ׳פיל זיך ניט ווי אַמבעסטן. זעץ זיך דאָ, לעבן מיר... מיין שוועסטער איז מיט יעזשיקן אַוועק צו אונדזערס א קרובה. ז׳עט דאָרט נעכטיקן, ווייל יענע האַלט ביים שטאַרבן.

— טאָ, וואָס־זשע קען זי איר העלפן? — האָט הערש זיך צוגעשפּאַרט אויפן ברעג בעט.

— וואָס מיינסטו? — האָט זיך ס׳מיידל צעלאַכט — מ׳זאָל לאָזן דעם יידישן סטרוזש אָדער א שכנטע צונעמען די פאַרבליבענע קיליריבן אָדער צוקער און אפשר גאָר אַביסל מעל? דו פאַרגעסט, ס׳גייט צום ווינטער און די דייטשן מוזן קודם־כל פאַרזאָרגן מיט פּראָוויאַנט די סאָלדאַטן אויפן פראָנט...

זי האָט גערעדט און ער האָט באַטראַכט איר פּנים, דאָס רונדיקע, פּיל־

באַרע געזיכט, וואָס ר׳האָט אַזוי פיל מאָל געקושט. יעדעס מאָל האָבן רויטע פלעקן אויפגעבליט אויף דער דעליקאַטער הויט און ס׳האָט לאַנג גענומען ביז זיי זיינען פאַרשוווּנדן.

קליינע ברוסטן האָבן זיך געבערגלט הינטערן ראָזן העמד און ר׳האָט נאָר געדאַרפט אויסציען די האַנט צו דערשפּירן די זאַפטיקע עפּל.

—אפשר זאָל כ׳דיר אויפוואַרעמען די זופּ? אָדער ברענגען וואַסער?

— איז ער אויפגעשטאַנען און געוואָלט אַריין אין דער צווייטער העלפט פון צימער, ווו ס׳איז געשטאַנען א שאַמאָט־קיכל.

— ניין, זיץ! — האָט זי אים באַפוילן און גענומען שילדערן איר נייעם באַקאַנטן, א בלאָנדן דאָקטער, וואָס זעט אויס ווי אַ פּולבלוטיקער אַריער.

זי האָט איבערגעחזרט אַלע זיינע חכמות וועגן רומקאָווסקין, זיין ברודער און שוועגערין און אַנדערע גרויסע לייט, וואָס קריגן די געשוואָלענע שפּייז־„טאַלאָנען".

— מאָרגן וועט דער דאָקטער, אוודאי, צוקומען. ער וווּנדערט זיך, מסתּמא, וואָס ר׳האָט מיך ניט געזען היינט — האָט דזשוניאַ א שעלמישן ווונק געגעבן צו הערשן.

— אַ העל־האַריקער? — האָט העניעק מעכאַניש געפרעגט — ר׳וואָלט זיך אפשר פריער געקענט אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף ביי פּויערים, אָבער איצט איז פאַרפאַלן...

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אים אַ ריס געטאָן פאַר דער טשופּרינע:

— האָסט געמוזט האָבן לאָקן, ווען ביסט געווען קליין.

אירע אויגן זיינען צוגעפאַלן צו אים מיט אַ שטיל געבעט.

ער איז געזעסן, ווי געליימט. ער האָט זיך אויפגעהויבן. זיין געזיכט האָט געפלאַמט. ר׳האָט פּלוצים אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אַ ברום געטאָן:

— זיי געזונט! כ׳על קומען...

ר׳האָט געוואָרפן אַ בליק אויף איר פאַרשטיינערט געזיכט און איז אַרויס פון צימער. ער האָט זיך שיער ניט אויסגעגליטשט אויף די פינצטערע טרעפּ. זיינע פיס זיינען אַריין אין אָנגעוואָרפענעם מיסט. דורך די טירן האָט זיך געריסן אַ סוואָנד פון קאַווע־באַבקעס, געפרעגלט אויף מאַשין־

אייל און א טשאַד פון אייזערנע, אַלטע קאַנאַנדלעך. צו זיינע אויערן איז דערגאַנגען אַן אויסגעצויגענער קרעכץ פון אַ קראַנקן, באַגלייט מיט בייזע מענערישע שטימען.

ר׳איז אַרויס אויף דער גאַס און געבליבן שטיין אַ ווילע:

— וואָס איז מיט אים געשען?

✶

ווי צעשראָקענע פייגל האָבן זיך געטראָגן די טעג.

הערש האָט דערפילט בחוש, אַז ער ווערט צעריסן צווישן צוויי כוחות, וואָס יעדער איינער פון זיי קען דעצידירן וועגן זיין צוקונפט און גורל.

ס׳האָבן אויפגעטויכט אין זיין זכרון די לאַנגע אָוונטן פון אַמאָל, ווען ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון דזשוניען. ר׳האָט דאַן ממש געפילט ווי זיין חיות גייט אויס נאָך איר. ער האָט זי גערופן צו זיך מיט צענדליקער נעמען און זיך צונויפגעקומען מיט איר אין זיינע חלומות. ער האָט זי באַגערט און געשאָלטן מיט די ביטערסטע קללות.

אַן אויסטערלישע שרעק האָט אים איצט ניט געלאָזט צוריקגיין צו איר. מיטן אומפאַרשטענדלעכן פחד איז געגאַנגען געפּאָרט אַ געפיל פון פאַרדרוס און באַדויער, וואָס ר׳קען ניט דערגאַנצן זייער ליבע, דערפירן זי ביזן סאַמע סוף: אַנזעטיקן זיך מיט איר ביז משוגעת.

גלייכצייטיק אָבער האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז וויפל מאָל ער זאָל זיך ניט באַהעפטן מיט דזשוניען, וועט זי זיך ווידער אַנטפּלעקן אין א נייער געשטאַלט, וואָס ר׳האָט פריער ניט געקאָנט. זי האָט געטוישט אירע שטימונגען און געדאַנקען און אפילו איר קערפּער. יעדעס מאָל, ווען זי איז געלעגן אין זיינע אָרעמס, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז ניט דאָס זעלבע מיידל.

ס׳האָט אים אַציינד גענומען פאַרפאָלגן דער רעיון, זי קען אים אויסזויגן און פאַרצוקן. זי איז געווען דערפאַרענער פון אים, שטאַרקער אין ווילן, הייסער אין בלוט. וואַלד־העקערס, פאַרגרעבטע סטאָליאַרעס, „וואווילע יונגען" — האָבן געפּורעמט איר שטאַם. רבנים, תלמידי־חכמים, אויסגעכאָליעטע חסידישע סוחרים — זענען געשטאַנען ביי זיין וויג.

מעגלעך, ער איז — אין אונטערבאַוווסטזיין — געווען צופרידן, וואָס זי האָט ניט אָנגענומען זיין אָנבאָט. דאָך האָט ער זיך געבויגן אין צווייען פון ווייטיק, כעס אויף זיך אַליין און רחמנות אויף דזשוניען. ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן מרימען, איז ווי ער וואָלט דערזען אַ בלויען ים ביי וויסע זאַמדן און אַ רחבותדיקן האָריזאָנט פול מיט ווייטע רייזעס.

אָפט ביינאַכט האָט ער געפּליסטערט דזשוניעס נאָמען און גלייך נאָכדעם האָט ער גערופן מרים׳ס הילף.

דער עלטערער ברודער האָט באַמערקט זיין אומרו און, צווישן איין לעפל מעדיצין און אַ צווייטן, אים געגעבן אַן עצה:

— צו דער מלחמה, פאַרשאָלטענע דייטשן, צו „זאָנדער״ פּאָליציי און אַנדערע געטאָ־שלעק — האָבן מיר ניט קיין עצה, אויב אָבער דאָס איז די מויד, וואָס קומט דאָ אַריין, אָדער אַנדערע מיידן — טאָ, ברודער, נעם זיי, ווען דו דאַרפסט און שלאָג זיי פאַר אַ כפרה, ווען דו נויטיקסט זיך ניט מער אין זייערע לאַסקעס...

הערש האָט אים געענטפערט מיט אַ צעשטרייטן שמייכל און גענומען זיך צום קיבל מיט אומריינקייטן, וואָס איז געשטאַנען לעבן קאַפּלאַנעם קיכל.

— זיי פאַרזיכטיק, העניעק, ווען דו גייסט אויפן הויף. כ׳זע ס׳שיט שוין, מיט מזל, אַ שניי.

דער יונגערער ברודער האָט אַ בליק געטאָן צום פענצטער און שטיל געזאָגט צו זיך:

— דער ערשטער שניי...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן שטאָק, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אויפן פאַרטער איז אים אָקעגנגעקומען אַ יללה פון אַ מאַמען.

— ר׳איז שוין אַוועק, דער יונגער בזשעזינסקי, אַ יאָר צייט זיך גע־מאַטערט און ענדלעך זיך באַפרייט, ס׳איז בעסער פאַר אים און לייכטער פאַר זיי... מ׳גייט אַ גאַנג... מענטשן פאַלן ווי פליגן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט העניעק זיך אויפגעוועקט ביינאַכט מיט אַ מאָדנעם געפיל. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דזשוניאַ האָט אים לייכט אַ קוש געטאָן אין דער באַק, גלייך דערנאָך האָט מרים אָנגערירט זיין שטערן

מיט אירע ליפּן. ער האָט זיך אויפגעהויבן אויפן בעט און אַ טאַפּ געטאָן זיין פּנים — ס׳איז געווען נאַס. ר׳איז אַראָפּ פון געלעגער, אַ שלעפּ געגעבן דאָס שוואַרצע, פּאַפּירענע פאָרהענגל, ס׳זאָל גוט פאַרדעקן ס׳פענצטער און אַ צינד געטאָן די עלעקטרע.

פון שמוציקן סופיט האָבן געקאַפּעט דיקע טראָפּנס. זיי זיינען געפאַלן אין די ווינקלען און לענגאויס די ווענט.

ער איז געשטאַנען און געקוקט — אַ פאַרציטערטער. דורכגענומען מיט פלוצעמדיקער שרעק, האָט ער גענומען רוקן זיין בעט אויפן מיטן פון דער שטוב און אָנגעקלאַפּט אָן נאַכט־געשיר. דער קראַנקער האָט זיך איבער־געוועקט און הערש האָט באַמערקט אַז די ווייסע פּערענע אויף זיין בעט איז שוין צופוסנס פייכט און וויזט דעם רויטלעכן אָנשיט.

— קום! — האָט העניעק גענומען העלפן דעם ברודער זיך אַריבער־טראָגן אויף דעם טרוקענעם געלעגער.

דער חולה האָט זיך אויסגעטשוכעט און גענומען פרעגן אין פּאַניק:

— הערש, ווו וועלן מיר גיין? ס׳רינט דאָך פון אַלע זייטן...

איינגעמאָשטשעט דעם קראַנקן, האָט העניעק גענומען שלעפּן ס׳באַ־נעצטע בעט און ריטשן עס צום צווייטן, אין מיטן פון צימער.

אָפּגעטאָן ס׳שטיקל אַרבעט, האָט ער זיך צוגעזעצט אַ פאַרסאַפּעטער אויפן ברעג פון געלעגער. איצט האָט ער דייטלעך געהערט דאָס קלאַפּן פון די טראָפּנס אָן דעם ליידיקן דיל.

ס׳איז געווען ערגער ווי קעלט, ערגער ווי הונגער, כאָטש נעם און לויף אין די פינצטערע גאַסן און שריי געוואַלד.

ער האָט אויפגעשווידערט ביים געדאַנק, אַז ס׳קען נעמען קאַפּן אין מיטן פון סופיט. אַבי כאָטש דאָס פּיצל שטוב זאָל פאַרבלייבן טרוקן און דער ברודער זאָל האָבן וווּ צו לייגן דעם קאָפּ.

ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז דער דיל קען ווערן פאַרפלייצט. ר׳האָט אַרויס־געכאַפּט די עטלעכע טעפּלעך פון קרעדענצל און זיי אויסגעשטעלט ביי איין וואַנט. ער האָט אַ ריס געטאָן די, הענגענדיקע איבערן קיכל, פּענדלעך און אונטערגערוקט זיי אונטער די טריפנדיקע סופיט־ווינקלען.

דער חולה האָט געכאָמערט. הערש האָט פאַרלאָשן ס׳ליכט, ארויפגע־

ראָלט ס׳פּאַפּירענע פֿאָרהענגל און זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ וואַקלנדיקן בענקל לעבן די בעטן. אין חושך האָבן געפּויקט די טראָפּנס, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן געשיר און געפּליוכעט די וואַסער־קייקעלעך, וואָס האָבן אָנ־געטראָפּן אָן די הילצערנע ברעטער.

וואָס לענגער העניעק האָט זיך איינגעהערט אין דעם הילכיקן קאַפּן, אַלץ קלאָרער האָט ער פֿאַרנומען די טייוולאָנישע מוזיק:

אַ צאָל טראָפּנס האָט באַראַבאַניעט מיט קאַלטע, לאַנגע פֿינגער: — אַזוי! אזוי! אַזוי! אַנדערע האָבן פּאַמעלעך און מאָנאָטאָן זיך געשאָקלט, ווי אידיאָטן: — אַ־אַ! אַ־אַ! עטלעכע האָבן געטאַנצט ווי מאַריאָנעטן: — אַהין־אַהער! אַהער־אַהין! אַ פּאָר זייגען געלאָפֿן מיט אַ נערוועזן טריפּ־טראַפּ, טריפּ־טראַפּ — ווי דער פּולס פֿון אַ קראַנק האַרץ. דורך די אַלע קלאַנגען האָט זיך פֿון צייט צו צייט דורכגעריסן אַ שאַרפֿער שפּריץ, ווי דער טאַצן־דוש פֿון אַ טרויער־אָרקעסטער.

העניעק האָט פֿאַרשטאָפּט די אויערן מיט די פֿינגער. ער איז געזעסן איינגעקנוילט, ווי ר׳ וואָלט אָפּגעריכטן שבעה נאָך זיין לעצטן ביסל האָב. ער האָט זיך דערפֿילט אַכזריותדיק עלנט — אַ נישטיק שטויבעלע אין ווינט און קעלט.

אין פֿענצטער איז געשטאַנען אַ גרויער פֿרימאָרגן. אַ דריבנער שניי, ענלעך צו צעדריוולטער וואַטע, האָט געפּרושעט הינטער די שויבן.

העניעק האָט איינגעטוליעט זיינע אויגן אין דער פֿרימאָרגן־שיין, דעם איינציקן פֿריינט, וואָס איז אים פֿאַרבליבן.

אין וווינונג־אַמט האָט מען אים אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז פֿיס, ווי ער וואָלט געקומען מיט אַ בלבול אויף רומקאָווסקין:

— וואָס מיינט איר עפּעס? ס׳רינט אַריין אין אַ געמויערט הויז, פֿון די בעסטע אין געטאָ? ס׳גיסט אַריין אין די הילצערנע הייזער... פֿאַרשטייען מיר, אָבער ביי אייך...? אַן אַנדערע דירה? ווו נעמט מען זי? וואַרט־זשע אונטער, ביז מיר וועלן זען, וויפֿל וווינונגען ס׳וועלן פֿאַרבלייבן נאָך דער „וויִשעדלעניע״...

העניעק איז געשטאַנען פֿאַרן וווינונגס־אַמט און געקוקט אויף עטלעכע

פאַרפרוירענע יינגלעך, וואָס זיינען געלאָפן אַרום דעם ראָג מיט אָנגעהאָנ־גענע, הילצערנע קעסטלעך און געשריען מיט הייזעריקע שטימען:

— קויפט יידן, קויפט צוקערלעך, גאַנצע קלעצער!

דער שניי האָט געשאָטן אָן אַן אויפהער און אָפּגעווייסט אַ לאַנגע, שוואַרצלעכע רייע פון ווייבער, מענער און קינדער, וואָס האָבן צונויפגעקאַרטשעטע געוואַרט פאַרן „פלייש־לאַדן", אויף דער צווייטער זייט גאַס. דאָס געוועלב איז נאָך אַלץ געווען פאַרשלאָסן און דער עולם האָט גענומען טומלען, טופּען מיט די פיס. צוויי ווייבער מיט פאַרשניטע קאָפּ־טיכלעך זענען צוגעלאָפן צום פאַרהאַמערטן „לאַדן" און אָנגעהויבן זעצן אין טיר מיט די פויסטן:

— גיט שוין די פאַר דעקאָ וורושט, מאַכט שוין אויף!

— גיט שוין אַרויס ס'פּיצל בשר, זולל־וסובאות! —האָבן זיך געהויבן קולות פון דער „קאַלייקע".

די ריי האָט זיך גענומען ברעכן. דער קאָפּ איז מיטאַמאָל אָנגעשוואָלן געוואָרן ווי ביי אַ שלאַנג, נאָכדעם ווי זי כאַפּט אַריין איר קרבן. דער עולם האָט באַלאַגערט דעם אַריינגאַנג. די טיר פון געוועלב איז פּלוצעם אויפגעשפּרונגען און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ הויכער פּאָליציאַנט פון „אָרדנונגס־דינסט". ער האָט גענומען בוכצן, שטופּן און שטויסן אויף צוריק די מאַסע, מיט דער פּאַלקע, מיט דער פויסט, מיטן פוס. מען איז געלאָפן צו דער „קאַלייקע", אומוואַרפנדיק קוויטשנדיקע קינדער. ווייבער האָבן געשאָלטן, געליאַרעמט:

— דאָ בין איך געשטאַנען, דאָ, דאָ!

— ס'אַ ליגן!

— אַרויס, שוין אַרויס!

דער שניי איז געפאַלן מיט רואיקע, ווייסע פליטערלעך אויף די טיכלעך, צעריסענע מאַנטלען, אויף די נעז און וויעס, אויף די פּנימער פון די געשליידערטע קינדער.

— ווי גוט וואָלט געווען — האָט געטראַכט הערש — זיך אַוועקלייגן דאָ אויפן טראָטואַר און דער שניי זאָל דיך פאַרשיטן, פאַרדעקן...

ווען ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער געטראָפן דעם שכן, שומשטיין,

וועלכער איז געזעסן ביים ברודערס בעט און געשמועסט מיט אים וועגן פּאָליטיק. דערזעענדיק הערשן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— נו, מ'גיט אייך אַ בלעכער?

דער קראַנקער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון קישן און איינגעקוקט זיך אין ברודער. העניעק האָט ניט געענטפערט.

— כ'זע שוין, אַז ס'איז ביטער — האָט דער שכן געגומען שאָקלען מיטן קאָפּ — אָן „פּלייצעס" זייט איר אַ פאַרלוירענער, איר מוזט עמעצן אויסזוכן... און אויב אירווילט קען איך דערוויילן, אויף דער נאַכט, אַריינ־נעמען דעם חולה צו מיר... כ'האָב צוויי בעטן... איינס — אַ לײדיקס. מיין פריינט, וואָס האָט געוווינט מיט מיר, איז דאָרט געשלאָפן. ער ליגט שוין אין דער ערד. ר'איז געווען פון מיין שטעטל און גוט געקאָנט מיין פרוי און קינד.

אומגעריכט זיינען פאַרבייגעפלויגן פאַר העניעק'ס אויגן צוויי גע־שטאַלטן: מרים און דזשוניאַ — צוויי פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיעס פון אַן אַלטן אַלבום.

— אַ קינד איז דאָס געווען — אַ וואַרעם, פריילעך פייגעלע. מ'האָט עס מיר אַרויסגעריסן פון די הענט — האָט געצויגן דער שכן — ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, נייך, נישטאָ...!

—ר'זייט דער איינציקער? — האָט אַרויסגעשאָסן הערש. ער האָט דערפילט אַ דראַנג צו פאַרטיליקן אַלץ אַרום זיך. אומוואַרפן די, פולע מיט וואַסער, טעפּלעך, צעהאַקן ס'קיכל, צעברעכן די ווענט און שרייען צום קראַנקן: — וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? וואָס ווילסטו פון מיין לעבן האָבן? קום כ'ריטש מיך אויף די פיס און כ'מוז נאָך דיך שלעפּן אויף די פלייצעס...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ נידעריק, רונדיק טישל, ביי וועלכן ר'פלעגט עסן. ווי דורך אַ נעפּל האָט ער געהערט זיין עלטערן ברודער דער־ציילן וועגן זיין שרה'לען, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין געטאָ.

— וואָס טוען מיר איצט, איצט? — האָט אַ שפּרונג געטאָן העניעק — מיר קענען דאָך ניט לעבן אין דעם מעמד...

די ביידע שמועסער האָבן אים אָנגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן,

ווי זיי וואָלטן זיך געפּילט שולדיק.

— ווען מײנע פּיס וואָלטן מיך געטראָגן... — האָט אַ זיפץ געטאָן דער חולה — מ׳דאַרף אפשר אַריבערגיין צו מאַרטשאַקן, וואָס אַרבעט אין שיך־מאַגאַזין...

הערש האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און אויטאָמאַטיש אַ לאָז געטאָן זיך צו דער טיר. זיין גאַנג איז געווען ענלעך צו די באַוועגונגען פון אַ לונאַ־טיקער, וואָס פאָלגט נאָך דער שיין פון דער לבנה.

— וואַרט־זשע צו, ווו גייסטו? נעם אַ שטיקל ברויט, ווען דאָך פאַלן פון די פּיס — האָט דער עלטערער ברודער אים פאַרהאַלטן.

הערש האָט זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק, ווי אַ מעכטיקע האַנט וואָלט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאַרק.

ר׳האָט געעפנט די טירלעך פון קרעדענצל און פון אַ קופּקעלע פון פּיר דינע, אָפּגעשניטענע מוציאלעך אַראָפּגענומען איינס. ער האָט פאַמעלעך געקייט ס׳ברויט, וואָס האָט געקנאַקט אונטער די ציין.

— דער טייוול ווייס, וואָס מ׳טוט אַריין אינעם מעל.

יעדער שלונג האָט זיך אין אים צעגאָסן מיט וואַרעמע, זאַפטיקע טייכ־לעך. ער האָט אָפּגעלעקט פון זיינע פינגער עטלעכע קרישקעלעך און געזעסן פאַרדבק׳עט, ווי ר׳וואָלט זיך צוגעהערט צום ריזלען פון די פּיצלעך ברויט אין זיין מאָגן.

— ס׳הונגערט מיך — האָט ער אַרויסגערעדט און זיך געכאַפּט, אַז עמעץ איז נאָך דאָ אין צימער אַ חוץ אים.

דער ברודער און שכן, פאַרטאָן אין געשפּרעך, האָבן ניט דערהערט זיינע ווערטער. אָבער די טראָפּנס וואַסער, וואָס האָבן געקאַפּעט פון סופיט, האָבן זיך צעלאַכט מיט אַ שטאַרקערן פּלוסקען אין דעם איבערגעפולטן געשיר.

מיט זיין גאַנצן וועזן איז ער איצט צוגעפאַלן צום געדאַנק, אַז איבער־מאָרגן וועט ער קריגן די נייע „ראַציע" ברויט.

— כ׳על דאַן אַריינפרעסן, ווי גאָט האָט געבאָטן. כ׳על אָפּשניידן אַ שטיק פון לאַבן און אַריינכמאַלען, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין!

דער רעיון פון דער נייער „ראַציע" איז געווען שטענדיק זיין געוועער קעגן

הונגער, די פאַנטאַזיע איז געווען פאַר אים ווי אַ טראַטווע, וואָס האָט געהאָלפן אים אַריבערשווימען די כעסדיקע הוילקייט, דאָס רייסנדיקע לעכצן נאָך שפּייז.

— גרשון! — האָט ער פּלוצים אויסגעשריען צום ברודער — גרשון! כ׳האָב אויפגעגעסן דיינס אַ שטיקל ברויט!

— מה רעש? כ׳האָב דיר געהייסן — האָט זיך דער חולה צעשטראַלט — כ׳ליג אין בעט ווי אַ פּריץ און דו לויפסט אַרום...

— האַק ניט קיין טשייניק! לעבסט אָפּ מיט עטלעכע פּענעצלעך ברויט און מיט אַ טעלער וואַסערדיקער יושקע אַ גאַנצן טאָג און דערצו ביסטו קראַנק, ווי אַ באַרג און איך זשגייע אַריין ס׳שטיקל טייג, וואָס האַלט דיך אויף ביים לעבן?

— גענוג שוין! ר׳וועט אים אָפּגעבן פון אייער נייער „ראַציע״ — מישט זיך אַריין שומשטיין און גיט אַ זיפץ — פּונקט אַזוי איז געווען מיט מיין פרוי. זי פלעגט מיר אונטערשטופּן פון איר מאָגערער שפּייז און איך — מערדער — האָב געטליקעט. זי האָט אויך געפּאַשעט ס׳קינד פון איר זופּ. אַרויסגענומען די עטלעכע פּיצלעך קאַרטאָפל און געקאַרמיעט דאָס קליינע יינגל מיט אַ שמייכל: — עס, פּופּעלע, עס... איר מי איז געווען אומזיסט און אומנישט! ס׳קינד האָט מען צוגענומען און זי אַליין איז אומגעפאַלן ביי דער סעלעקציע... נישט געקענט זיך מער האַלטן אויף די פיס... אַ מינוט איז זי נאָך געלעגן אויף דער ערד, ביז דער עס־עס מאַן האָט זי פאַרטיק געמאַכט... זי האָט זיך באַלד אינדערפרי אָנגעשמירט די איינגעפאַלענע באַקן מיט רויטער שמינקע, זי זאָל אויסזען בעסער — מיין זעלדע...

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. אַ שטיקל טינק איז אַראָפּגעפאַלן פון צעווייקטן סופיט און אַ קלאַפּ געטאָן אָן דעם דיל.

אָן אַ שום פאַרבינדונג, איז פאַר העניעקס אויגן דורכגעשווומען ס׳רונדיקע פּנים פון דזשוניען — אַ קיילעכדיק, האַרבסטיק־פאַרטריקנט בלאַט און גלייך דערנאָך האָט אויפגעטויכט ס׳געזיכט פון ברודערס מיידעלע, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט דעם לעצטן ווינטער.

...אָט שטייט ער אויף דעם פאַרקאָוועטן מיט פראָסט פעלד. אונטערן אָרעם — אַ ווייס פּעקל — אַ שטייף איינגעשרומפּן קערפּערל פון שרה׳לען,

איינגעוויקלט אין אַ ליילעך און צוגעבונדן מיט שטריק צו אַ ברעטל.

דער באַגרעבער — אַ נידעריק, ברייטפּלייציק יידל, האַקט מיט אַן אייזערנער ברעכשטאַנגע די פאַרפרוירענע ערד. זיינע הענט, אין צעריסענע, שוואַרצע הענטשקעס, הייבן זיך אויף און פאַלן אַראָפּ ווי צוויי קראָען, וואָס זוכן שפּייז.

— ווייסט איר, ס׳קינד איז מלך ראָזנ׳ס אייניקל ?

דער קברן הייבט אויף דעם קאָפּ, א ווייסע פאַרע גייט פון זיין מויל :

— אַ ייד, אַ גביר געווען... איר זייט דער טאַטע ?

— ניין, ער ליגט, ר׳איז ניט מיט אַלעמען...

— און די מאַמע ?

— אויסגעגאַנגען פון דער זעלבער קראַנקהייט וואָס ס׳קינד : גאַלאָפּ־סוכאָטעס.

דער פראָסט בריט, שטעכט ס׳פּנים מיט נאָדלען, פאַרוואַנדלט העניעק׳ס פיס אין צוויי שטיקער אייז. ער וואָלט וועלן קלאַפּן מיט זיי אָן דער ערד און דערמאָנט זיך וועגן מת׳עלע אונטערן אָרעם : ער קען עס אַראָפּלאָזן. ס׳מיידעלע האָט אים ליב געהאַט, שטענדיק געלאָפן אים אַקעגן. אין זיינע אויערן קלינגט נאָך איר לעצט געשריי :

— פליישעלעך, טאַטעשי, פליישעלעך...

ס׳קאַפּעט אים פון דער נאָז. ס׳נאָגט אים ביים האַרצן. זיין מאָגן שרייט עסן. ר׳איז מקנא די באַגרעבער, וואָס איילן אים פאַרביי צו דער מתים־שטוב זיך אָנוואַרעמען און איבערבייסן. ס׳דאַכט זיך אים, דאָס טויטע קינד איז צוגעפרוירן צו זיין אָרעם.

דער קברן וואַרפט אַוועק די אייזערנע שטאַנגע, קלאַפּט האַסטיק מיטביידע אָרעמס אין די פלייצעס זיך אָנצוואַרעמען, רעדט מיט אַ הילכיקער שטימע צו דער פאַרשטיינערטער ערד :

— מאַך שוין אויף דיין בויך, דיין פּיסק און נעם שוין אַריין אונדז אַלע און אַ סוף זאָל עס נעמען ! אַ סוף — איינמאָל פאַר אַלעמאָל !

ער כאַפּט צוריק ס׳אייזן אין די הענט אַריין און האַמערט די פאַרקאָ־וועטע ערד מיט צאָרן און פאַרצווייפלונג...

אַ שטימע וועקט אויף הערשן פון זיינע זכרונות :

— ברענג מיר די זופּ, העניעק, כ׳בעט דיך!

ניט ווייט פון שיך־מאַגאַזין, האָט זיך געצויגן אויף אַ לאַנגער שטרע־קע אַ הילצערנער פּלויט. ער איז געווען אומהיימלעך הויך, גוט צונויפגע־קלאַפּט, אָן דער מינדסטער שפּאַרע. די פאַרבייגייער האָבן אָפט געהערט קולות פון פּוילישע קינדער, דייטשע באַפעלן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורכן פאַרקאָן און פאַרראַטן די אייגוואווינער פון פּלאַץ. העניעק האָט זיך שנעל דורכגעשלייכט לעבן הילצערנעם צוים און אַרייך אין מאַגאַזין.

מאַרטשאַק, אַן איבערגעוואַקסענער, דאַרער יונגערמאַן האָט זיך געפּאָ־רעט ביי א שטויס גענוצטע און פאַרראַכטענע שיך, צוואַרפנדיק פון צייט צו צייט אַ פּאָר פּאַנטאָפל, אַלטע שטיוולעטן, קאַמאַשן צו דעם געזעמל פון קליענטן, מענער און ווייבער, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער א הילצערנער באַריערע.

— צו ענג! — האָט זיך געקאָכט אַ מאַן מיט אַ צעאַקערט פּנים, מעסטנדיק אַ פּאָר שפּיציקע שיך — ס׳טויג אויף טויזנט כפּרות! כ׳על שוין בעסער בלייבן ביי מיינע טרעפּעס.

— אַ פּאָר אַלטמאָדישע פּאַנטאָפל!

— און די, וועלן זיך צעפּאַלן אינגיכן, סיי ווי סיי!

צוויי מיידלעך אין פאַרגרינטע מאַנטלען און דינע קאָפּ־טיכלעך, פאַר־שלייפט אונטער דער גאָמבע, האָבן געקוט מיט פאַראַכטונג אויף די צו־געוואָרפענע פּרויען־שיך.

— אַ וואָזשנע מציאה! צו וואָס האָט דער קעראָווניק אונדז דאָ אַהער־געשיקט? — האָט איינע פון די מיידלעך פאַרשנורעוועט ס׳פּיסקל.

— ווילסט, פּאַניענקעלע, אַ פּאָר נייע, לעדערנע שטיוועלעך? גיי שלאָפן מיטן קעראָווניק! — האָט זיך צעכיקעט די צווייטע.

— עפּעס געדענק איך די לאַטשן — האָט אַ נידעריקע, גרויע פרוי געדרייט אויף אַלע זייטן אַ פּאָר געמזאָווע פּאַנטאָפל, געקוקט אויף די פּאָ־דעשוועס, אויף די באַשלאָגענע מיט אייזנדלעך שפּיצן, געגלעט מיט אָדערנ־דיקע הענט די באָקעס — זיי זיינען מיר קענטלעך, זייער קענטלעך... בראָניע

איז אין זדונסקע־וואָלע... און די לעטשלעך זיינען געקומען אַהער? אוי בראָניע, שוועסטער מיינע!

זי האָט זיך צעוויינט מיט אַן אָנציִיענדיק כליפּען.

אַ פּאָר בליקן זיינען געפאַלן אין איר זייט. מאַרטשאַק, ווי אַ טשאַפּליע, וואָס הייבט אויף איר שנאָבל פון אַ ווערעמדיקער בלאָטע, האָט שטרענג אַ וואָרף געטאָן: — מאַכט דאָ ניט קיין טומל! — און באַלד זיינען אַלע געווען ווידער באַשעפטיקט ביים קלייבן און מעסטן.

עס האָט לאַנג גענומען ביז הערש האָט זיך דערשלאָגן צו מאַרטשאַקן און אים איבערגעגעבן די סיבה פון זיין קומען.

העניעק איז אַרויס פון מאַגאַזין מיט אַ קורץ בריוול צום לייטער פון דער „ביירעט"־קאָאָפּעראַטיוו אויף דער לאַגעווניצקער גאַס.

דאָ איז הערש פאַרהיפּנאָטיזירט געוואָרן פון די אָנגעוואָרפענע פּוש־קעס מיט קאָנסערווירטע פליישן, פונעם צוקער, וואָס מ'האָט געשאָטן אויף דער וואָג, פונעם מעל, וואָס האָט געבלענדט מיט ווייסע זיסקייטן, גערופן מיט זיין פּוכיק לייב: — נעם מיך און עס, באַק און פּרעגל, עס, ביז צו פלאַצעניש, ביז דיין מאָגן וועט אויפזינגען מיט לייטזעליקייט...

הערש האָט געגאַפט אויף די פרויען און מענער, וואָס זיינען אַרויס פון געוועלב מיט די ברוינלעכע, בלעכענע פּושקעס מיט חזיר־און רינד'ס־פלייש. ער האָט געקוקט אויף זיי דורך די שויבן, ווי זיי ציִען זיך מיט אַ לאַנגער פּראָצעסיע אויף דער גאַס, קייבערלעך מיט זעקעלעך שפּייז אָנגע־האָנגען אויף די אָרעמס, פּושקעס אין די הענט.

— זיי טראָגן זייער גאַקעט לעבן אין די הענט, זייערע קישקעס, זייערע געדערים...

העניעק האָט אָבסערווירט די שמייכלענדיקע אַרבעטערינס פון דער קאָאָפּעראַטיוו, אָנגעטאָן אין ווייסן, ווי פלינק און העפלעך זיי טיילן אויס די „ראַציעס". ער האָט געקוקט אויף די סטאַטעטשנע קונדן, וואָס דאַנקען, שטופּן זיך ניט און פירן אין דער ריי געמיטלעכע שמועסן, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אין אַ פאַרמלחמהדיק געשעפט אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. ער האָט אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון מאַרמעלאַדע, האָבערפלאָקן און ברויט, געפילט אויף דער צונג זייער טעם.

ער האָט פאַרגעסן, צוליב וואָס ר'איז געקומען. ער האָט זיך אויפגע־לייזט אינגאַנצן אין רואיקן, זאַטן אָרום.

אַ בייזע האַנט איז ארויפגעפאַלן אויף זיין אָרעם. דער לייטער האָט דערזען דעם האַלב־וואַכעדיקן, אויסגעדאַרטן און אָפגעלאָזטן געטאָ־מענטש צווישן דעם באַלעבאַטישן עולם.

— אַ מאַרעוויכער! — האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח.

הערש האָט אים דערלאַנגט מאַרטשאַקס בריוו. אַ שמייכל האָט אויפ־געבליט אויף די דיקע, רויטלעכע ליפּן. דער קעראָווניק, אין אויסגעפּרעסטן אַנצוג, ווי ביי אַ שייגעץ, וואָס גייט זונטיק צו זיין מאַרישע, ענלעך מיט דער האַלטונג צו אַ פאַרעלטערטן טאַנץ־מייסטער — האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ שאָקל מיטן קאָפּ און געהייסן העניעקן וואַרטן.

ווען דער לייטער האָט אים געגעבן אַ צעטעלע צו דער פאַננע גוזיק, איינע פון „אַלטנס" סעקרעטאַרשעס, האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט, ווי ר'וואָלט ניט וועלן אַרויס פון געוועלב.

דער לייטער האָט אים אָנגעקוקט. הערש האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות אַרויפצוברענגען אויף די ליפּן עטלעכע ווערטער:

— גיט מיר איין פּושקע חזיר־פלייש, כ'האָב אַ קראַנקן...

זיינע ליפּן האָבן זיך באַוויגן עטלעכע מאָל, אָבער קיין שום קלאַנג איז ניט אַרויס.

דער קעראָווניק האָט אים גוט־ברודעריש א קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און איז אַוועק. העניעק איז אַרויס פון געוועלב.

מ'האָט געטאָפּטשעט, אין דער נאַסער שטוב, אויף אויסגעלייגטע אַלטע זעק און שמאַטעס, געקראָגן פון די שכנים. אונטער די פיס האָט זיך גע־קרישלט דער אראָפּגעפאַלענער טינק. גרשון איז געלעגן אין מאַנטל אין בעט, ווייל די פייכטע קעלט האָט דורכגענומען די ביינער.

ענדלעך האָט זיך פּאַיאַוועט אַ ייד מיט אַ ראָל בלעך אונטערן אָרעם.

— כ'וויס אַלץ — האָט ער שנעל גערעדט — דער שניי האָט זיך אָפּגעזעצט אויפן דאַך און קיין לעכער פעלט דאָרט ניט, הלוואי אויף היט־לערן געזאָגט געוואָרן, אין זיין קאָפּ, לעבער און האַרץ... כ'מוז וואַרטן

אויף אַ טרוקענעם טאָג... די בלעך לאָז איך איבער... כ׳על קומען... איר גרייט מיר נאָר צו אַ האַלבן קילאָ קאַרטאָפל... איר ווייסט, כ׳שטעל איין ס׳לעבן... איין גליטש — און כ׳קען געהרג׳עט ווערן אָן אַ „שמע־ישראל״...

די זון איז געשטאַנען אין פענצטער, ווען הערש האָט גענומען אַראָפּ־שלעפּן פונעם דיל די אויסגעשפּרייטע, שוואַרצלעכע לאַכעס.

— געלויבט צו גאָט — האָט געזאָגט דער עלטערער ברודער, — מיר זיינען אַרויס פון דער צרה, מיר זיינען עלטער מיט איין דערפאַרונג...

— און אָרעמער מיט פינף קאַרטאָפל — האָט טרויעריק צוגעשאָקלט הערש.

✶

עס האָבן זיך געשטעלט גרויסע פּרעסט און ס׳געטאָ איז געבליבן אָן בריקעטן און אָן האָלץ. מ׳איז געלעגן אין די בעטן, אַרומגעגאַנגען אין דער שטוב אין מאַנטלען, צעהאַקט טישן, בענקלעך, געהייצט מיט פּאַפּיר, שטרוי, שמאַטעס.

הערש האָט זיך גענומען צום קרעדענצל, וואָס איז געשטאַנען, פאַר דער מלחמה, ביים ברודער אין דער קיך. די באַלעבאָסטע, גרשונס פרוי, רחל, פלעגט פאַרשליסן ס׳יום־טובדיקע געפעס הינטער די פאַרגלאָזטע טירלעך.

העניעק האָט גערופן שומשטיינען העלפן אים אומלייגן ס׳שטיק מעבל אויף דער ערד און דער שכן איז אַריין אין התפעלות:

— מענטשן האָבן מזל! ר׳וועט דאָך האָבן האָלץ אויף האָלץ! איך הייץ שוין מיט די לעצטע שפּענדלעך פון מיין פריינטס בעט.

ביי יעדן זעץ פון דער האַק, האָט דער קראַנקער געגעבן אַ זיפץ און דער יינגערער ברודער האָט אים געמוסרט:

— הער־זשע שוין אויף צו אָכצן און אויקן! לאָמיר נאָר איבערלעבן... דערווייל דאַרף מען האָלץ אָפּצוקאָכן ס׳טעפּל און אָנוואַרעמען די נאַרע.

די האַק האָט אָנגעטראָפן אויף סענקעס און דער קרעדענץ האָט זיך געטרייסלט אונטערן אייזן, ס׳גלאָז אין די טירלעך האָט געקלונגען, געשריען.

גרשון האָט איינגענורעט זיך אין דער פּערענע, פאַרשלאָסן די אויגן און געזען רחלען, ווי מ׳ברענגט זי צו קבורה.

...אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, זומער־צייט. אַרום גרינען די ביימער, דער זאַמד פון דער אויפגעריסענער ערד איז געל און ווייך. זי ליגט שוין אויף די קרשים אין דער נידער, אין אויסגעקאָפּעטן, פרישן גרוב. דער קברן אַנטהילט אויף אַ ווײַלע איר געזיכט. ס'פּנים איז אַשיק־גרוי מיט רויטע פלעקן. די ברייט צעעפנטע אויגן זיינען שטאַר, פון לינקן ווינקל פון מויל גיסט זיך אַ שמאָל ריטשקעלע בלוט.

רחל'ס מאַמע שרייט אַריין אין קבר: — טאָכטערשי, כ'האָב געדאַרפט פאַרלייגן ס'גרוב אַנשטאָט דיר!

גרשון רעדט אומזיניק: — האָסט דאָך אַזוי געוואָלט לעבן...

— גיכער! — רופט דער באַגרעבער צו זיינע געהילפן — פאַרשיט ס'גרוב, מ'וואַרט אויף אונדז!..

הערש האָקט ס'האַלץ און ס'קומען אים אויפן געדאַנק דזשוניאַ און מרים.

— מ'שטיינסגעזאָגט, גוטע פריינט, קיינער פון זיי שמעקט אַפילו ניט אַריין... בעסער אַזוי! ס'איז מיר באַקוועמער אָן זיי... וואָס איך דאַרף — איז רו.

ער שמייכלט צו זיך אַליין, דערמאָנט זיך אָן זיין פעטער, וואָס האָט זיך געשידן מיטן ווייב און אָפּגעלעבט יאָרנלאַנג אָן אַ פרוי. זיין קרוב, דער נאָוואָגראָדקער רב, האָט געפאַסט תעניתים און אויסגעשטאַנען געברענטע צרות פון זיין צווייטער פרוי, וואָס האָט געוואָלט אַ קדיש.

— די יאָגיס זיינען גערעכט, ווען זיי לערנען: פאַרטרייב דיינע תאוות, וואָס רואיקער דו אָטעמסט, דאָס לענגער לעבסטו!

אָנגעהאָקט ס'האַלץ, איז העניעק אָוועק צום רעסאָרט נאָך דער זופּ. גלייך- ווי ער איז אַרויף אויפן הויף, איז אים אַקעגנגעקומען דער קעראָווניק פון דער וועבעריי, איזידאָר וואַלעק. אַ זון פון אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט, איז ער, פאַר דער מלחמה, געוועזן באַוווּסט· ווי אַ לעביונג. דער טאַטע איז געקומען פון אַ שטעטל אין דער ליטע נאָך לאָדזש און געהאָרעוועט שווער ביז ר'איז אַריין אין די פערדערן. איזידאָר האָט זיך אַרומגעשלעפּט גאַנצע נעכט מיט די חברים פון דער „זלאָטאַ מלאָדזשיעזש" — גאָלדענער יוגנט און געטאַנצט מיט שיקסעס פון דער „מאַלינאָוואַ" און „מאַנטויפל".

— מיט אַ ברייטל און אַ הערינג פלעג איך אָפּפינצטערן אַ שבת און

דער יונגאַטש פֿאַרטאַכלעוועט מיין פּראַצע און בלוטיקן גראַשן — פּלעגט זיפצן דער אַלטער טאַטע, וואַרטנדיק ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף זיין תּכשיט.

מיט אַ פּלעצאַק אויף די פּלייצעס און אַ גוטן אָנצוג אויפן לייב, איז אַריין דער יונגער וואַלעק אין געטאָ. די ערשטע הונגער־טעג האָבן אָפּגע־ווישט דעם שמייכל פון זיינע ליפּן און אַריינגעשטויסן אים אין אַ פֿאַרצווייפ־לונג. אַן אַלטער ייד, מיט וועמען ר׳האָט געוווינט אין אַ שטיבל, ד׳ על ד׳, האָט אים איינמאָל געכאַפּט ביים גנבענען זיין ברויט און גענומען שרייען מיט ווילדע קולות:

— דיין טאַטע איז געווען אַן ערלעכער מענטש און דו ביסט געווען אַ הולטאַי, אַ גאַרניט און איצט ביסטו געוואָרן אַן אויסוווּרף, אַ טאַשנציער...

איזידאָר האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

ער האָט גענומען אָפּוואַרטן דעם „פּרעזעס" אויף יעדן פּלאַץ, ווו ר׳האָט געוווּסט, אַז רומקאָווסקי וועט פאַרבייפאָרן אָדער פאַרבייגיין. די מינוט, ער פּלעגט אים דערזען, איז ער צו צו אים און געבעטן אַרבעט. עס האָבן ניט געהאָלפן די בוכצעס פון דער „אָרדנונגסדינסט", וואָס האָבן פּרובירט אים אָפּשטויסן. עס האָט זיך אין אים דערוועקט דאָס ליטווישע עקשנות און ענדלעך איז אים געלונגען צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון „עלטעסטען דער יודן".

— וואַלעק... — האָט רומקאָווסקי פאַרשלאָסן אויף אַ ווײַלע די געלב־לעכע אויגן־דעקלעך און אַראָפּגעבויגן דעם גרויסן קאָפּ מיט דער זילבערנער פּאַלקע. דער נאָמען האָט אַ ווייע געטאָן מיטן ריח פון אַלטע צייטן, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די געשעפטן און פאַבריקן פון די לאָדזשער גביר׳ים און געבעטן געלט פאַר דער קינדער־קאָלאָניע אין העלענוווּעק.

— יע — האָט ער שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ — כ׳געדענק דיין טאַטן, קום אַרויף צו מיר, מאָרגן!

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קאַריערע פון איזידאָר וואַלעק.

צוערשט האָט ער געקראָגן די שטעלע פון אַן אַדמיניסטראַטאָר פון הייזער, שפּעטער איז ער אַריין אין אַ שפּייז־קאָאָפּעראַטיוו און צום סוף מגולגל געוואָרן, ווי דער לייטער פון דער וועבעריי. ניט האָבנדיק די מינדסטע אַנונג

וועגן פאַבריקאַציע, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ ייד, אַ גוטן פאַכמאַן, בערל ראָזנבערג, וועלכער האָט מיט ביסטרע אויגן און אָנגעשפּיצטע אויערן אַכ־טונג געגעבן אויף דער פּראָדוקציע, ווי דער „רעסאָרט" וואָלט געווען זיין אייגנטום.

וואָלעק האָט שנעל געכאַפּט דעם שניט פון געוואָלדעווען איבער די אַרבעטער — אָפּט אָן סיבה, אַרומגערינגלט זיך מיט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן אים געדינט מיט ראָט און מסירה און באַמיט זיך צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ זיכערן פירער, כאָטש צייטנווייז איז אַלץ אַרום אים אויסגע־קומען משונהדיק, ווילד און פרעמד.

אַן אַלטער בחור, האָט ער געהאַט אַ וואַכזאַם אויג פאַרן שיינעם מין און יעדן אָוונט געהאַט אַ גאַסט ביי זיך אין צימער, א יונג מיידל אָדער ווייבל, פון די אַרבעטאָרינס, וואָס האָבן ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון קענען אָנעסן זיך כאָטש איין מאָל צו דער זעט. און איזידאָר׳ס וועטשע־רעס, פּונקט ווי זיין קאָזעטקע, זיינען געוואָרן ווייט באַוווסט.

מיט זיין גוט־ברודערשן זשעסט און פאַרשידענע מתנות האָט ער זיך איינגעקויפט די לאַסקעס פון די וויכטיקסטע „ביירעט"־מענטשן און געוווסט, ווי אַזוי זיי אויסצושפּילן — פאַר זיין טובה — איינעם אַקעגן דעם אַנדערן.

דערזעענדיק הערשן לויפן נאָך דער זופּ, האָט ער אים פאַרהאַלטן מיט אַ שטרענגער מינע:

— וואָרט אַ ווײַלע !

ער האָט אים אַריינגענומען אין ביוראָ, פאַרמאַכט רואיק די טיר, איינגע־מאַשטשעט זיך אין פאָטעל און איינגעביסן זיך מיטן בליק אין העניעק׳ס פּנים.

— ווייסט איר, ווי רומקאָווסקי רופט אָן די לערער ?

הערש איז געשטאַנען, ווי אויף הייסע קוילן :

—כ׳על שוין היינט קריגן בלויז וואַסער, אָן אַ ברעקל קאַרטאָפל...

דער קעראָווניק האָט דערפילט זיין אומרו און גענומען געמיטלעך רעדן, פאַסמאַקעווענדיק זיך מיט יעדן וואָרט :

— פּאַראַזיטן ! — אַזוי האָט דער „פּרעזעס" אָנגערופן די לערער, ווייל זיי טוען גאָרניט, זיינען ניט פּראָדוקטיוו.

— און דו, אַלטער קורוויאַזש, נואָף, וואָס דו ביסט, האַלטסט אויף ס׳יידי־שע פאָלק — האָט געזידלט אין זיך הערש — געוואַלד! כ׳וואָלט אַלץ אין דער וועלט אַוועקגעגעבן, כ׳זאָל קענען דיר פאַרפאָרן אין די ציין, אָנשפּייען דיר אין דיין פאַרשאָלטענער צורה און צעמזיקן דיך, זאָלסט מער ניט קענען אויפשטיין תחית המתים!

— אַזוי לאַנג, ווי ס׳זיינען נאָך געווען אין געטאָ די שולן — האָט בנעימותדיק געצויגן וואַלעק — האָט מען נאָך געקאָנט מלמד זכות זיין אויף אייך, לערער, אָבער אַצינד, אַז מ׳האָט אייך צעשיקט איבער די „רע־סאָרטן״, ווי „אָפּיעקונעס״ פון קינדער, וואָס טוט איר דאָ? גאָרניט! איר דרייט זיך אַרום פּוסט און פּאַסט, ווי איידעמלעך אויף קעסט...

— הערט, פּאַניע וואַלעק, כ׳מוז גיין נאָך דער זופּ!

— וואָס יאָגט איר אַזוי נאָך דער פּרעס?

— כ׳האָב אַ קראַנקן אין דער היים!

— הערט־זשע מיך אויס! איר זייט דאָ אַן אַרבעטער, ווי יעדער איינער פון אונדז. איר קענט ניט אַריין און אַרויס, ווען איר ווילט. איר מוזט זיין דאָ אויפן פּלאַץ אַזוי לאַנג, ווי ס׳געדויערט די אַרבעט.

אַ שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף הערש׳ס קערפּער.

— לאָזט מיך גיין, כ׳על שוין ניט האָבן וואָס צ׳עסן!

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווי א ניט־דערשניטענע הון, וואָס פלאַטערט אַרויס פון שוחט׳ס האַנט.

די „ווידזשעלאַטשקע״ האָט אַ כלופּע געטאָן די זופּ אין העניעק׳ס מע־נאַזשקע.

דאָס אויער פון געטאָ־מענטש האָט ניט דערהערט דעם קלימפּער פון קאַרטאָפל אָדער קילריבן און אַן אויסגעדאַרטע האַנט האָט זיך ווידער אויס־געשטרעקט:

— ס׳איז ניטאָ קיין פּיצל קאַרטאָפל...

דער טשערפּאַק האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעבויגן צום מויל פון בלעכע־נעם געשיר און אין דער מענאזשקע האָבן זיך אַריינגעגליטשט דריי שימע־רירנדיקע ברעקלעך פון ווייסן, זיסן לעבן.

האַלטנדיק פעסט די וואַרעמע כלי ביים אויסגעבויגענעם, אייזערנעם

הענטל, האָט זיך הערש אַ לאָז געטאָן צום קאָנטראָל, אויף דעם ערשטן שטאָק פון דער וועבעריי:

— לאָמיר אויף גיך הערן אַ פּאָר ראַדיאָ־נייעסן!

אויף די טרעפּ זיינען געזעסן א צענדליק קינדער און דריי בחורימלעך. איבערגעריסן ס׳עסן, מיט די טעפּלעך אין די הענט, האָבן זיי ארומגערינגלט דעם „אַפּיעקון" און גענומען אים פאַרוואַרפן מיט פראַגן און טענות:

— אין זאַטלער־רעסאָרט קריגן שוין די קינדער „טאַלאָנען"...

— אברמ׳ל איז ניטאָ היינט, קען זיין מ׳האָט אים ארויסגעשיקט צוזאַמען מיטן טאַטן...

— פאַרוואָס קריגן ניט די קינדער קיין „קאָלאַציעס", ווי די דערוואַקסענע?...

— דער „אַפּיעקון" האָט אויפגעהערט צו דערציילן מעשיות...

דאָס אויסגעבלייכטע פּנימל פון פרעגנדיקן מיידל האָט זיך פאַררויטלט, ווען הערש האָט זי אָנגענומען פאַר דער גאָמבע:

— אמת, כ׳האָב אייך פאַרנאַכלעסיקט...

ר׳האָט אַ גלעט געטאָן אַ צווייט קינד איבערן קעפּל, זוכנדיק עמעצן מיט די אויגן:

— ווו איז מאָשע?

— אין שפּיטאָל — האָט איינער פון די ייִנגלעך מעכאַניש געענטפערט.

אַ הויך בחור׳ל מיט צוויי לאַנגע דאַרע הענט, ווי פידל־סמיטשקעס, האָט אָנגעשטעלט אויפן לערער אַ פּאָר פיבערדיקע אויגן:

— כ׳פיל זיך ניט גוט...

— ווילסט אַהיימגיין?

— ס׳איז קאַלט אינדערהיים און דאָ איז וואַרעם — האָט ס׳ייִנגל זיך אומגעקוקט, ווי ר׳וואָלט געזוכט אַ געלעגער.

— קום! — האָט הערש אים גענומען אונטערן אָרעם און אראָפּ פון די טרעפּ.

זיי זיינען פאַרביי דער שפּינעריי — אַן אייביק רוישנדיקע, דריי־שטאָקיקע געביידע — וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט פון לאַנגן הויף און געווען אָפּגעגרענעצט פון שפּיטאָל אויף דרעוונאָווסקע מיט אַ נידעריקן הילצערנעם

פלויט. די מויערן פון דער פאַבריק, צעטרייסלט פון געקלאַפּ פון די מאַ־שינען, האָבן דערמאָנט העניעקן צעשאָקלטע פּאַראַליטיקער, פּאַראורטיילט אויף אייביק צום הילפלאָזן, נערוועזן צאַפּל. ניט ווייט פון דער שפּינעריי און לעבן דעם „רעסאָרט" פון דער נידעריקער „כעמישער וועשעריי" האָט זיך באַזעצט דער שפּייכלער — דער „לאַגער" מיט זיין שפּיציקן, דרייקאַנ־טיקן דאַך, ווי אַן אויסגעפּאַשעטער נאַצי, וואָס קוקט אויף זיינע קרבנות מיט פאַרזשמורעטע אויגן.

זיי זיינען אַריין אין, פאַרלייגטן מיט באַלן־אָפּפאַל, רוים. די שטויביקע, שטיקנדיקע לופט האָט אַ זעץ געגעבן אין זייערע פּנימער. די צעקוואָקעטע ווייבער, וואָס האָבן איבערגעקליבן די שמאַטעס, האָבן זיך איינגעשטילט, דערזעענדיק די געסט.

— מיר האָבן שוין אַ נייעם אורח פאַרן „שלאָף־צימער" — האָט א ברום געטאָן אַ ברייטע יידענע מיט שטיקלעך שטאָף און פעדעם אין צעשויבערטן געלבלעכן קאָפּ האָר און מיט מאַנצבילשע הערעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ און גאָמבע.

— גיב אַ קוק די טשאַטשקע! — האָט אַ וויג געטאָן מיטן קאָפּ אַ צווייטע, פאַרקוזשעט פון קאָפּ ביז פיס, וואָרפנדיק שטיקלעך אָפּפאַל אין פאַר־שיידענע זעקלעך, אָנגעפּולט מיט אויססאָרטירטע שמאַטעס — ס'ייִנגל זעט אויס, ווי אַן אמת'ע קלעפּסידרע!

— הער אויף צו באַלעבעטשן! ווער פרעגט דיך? — עטלעכע ווייבער האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון די איבערגעדרייטע, הילצערנע קעסטלעך, אויף וועלכע זיי האָבן זיך צוגעשפּאַרט ביי איינלייגן דעם אָפּפאַל, און איינגעקוקט זיך אין בחור'ל.

זיי האָבן זיך צעשושקעט, ווי נאַקעטע צווייגן אין ווינטערדיקן ווינט.

— אָ, דאָס דאַרף עפּעס עסן...

— דאַר און הויך — די אמתע סימנים...

— ס'עט שוין פון אים קיינער ניט האָבן קיין נחת...

— ר'עט לאַנג ניט אָנטרייבן...

הערש האָט געפירט ס'ייִנגל ביזן סוף פון לאַנגן שפּייכלער, צו אַ

ווינקל, ווו, צווישן צוויי גרויסע זעק מיט שמאַטעס, איז געלעגן אַ קופּע פון אַלטע הויזן, מאַרינאַרקעס, וועסטלעך, ספּודניצעס.

— אָט דאָ, וועסטו זיך קענען אביסל דורכשלאָפן — האָט העניעק אַ גלעט געטאָן ס'ייִנגל איבער די שמאָלע פּלייצעס — עס אָבער פריער אויף די זופּ!

אויפן פאַבריטשנעם הויף איז הערשן אָקעגנגעלאָפן אַ פּראַסטיקער ווינט. הוזשענדיק, האָט ער געריסן די פּאָלעס פון זיין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און דורכגעדרונגען אַלע זיינע מלבושים ביזן נאַקעטן לייב, ווי זיין אָנטאָן וואָלט געווען פון דינעם פּאַפּיר. — כ'מוז קריגן פאַרן יונגאַטש אַ שפּייז־„טאַלאָן" — האָט אַ פאַרביסענער געדאַנק געפּיקט אין זיין מוח. פאַר זיינע אויגן איז דורכגעשוווּמען דער הויפן פון געגנוצטע זאַכן און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אז די אַרבלען, קראַגנס, פּאַדשעווקעס פון די רעקלעך, מאַנקעטן פון די הויזן, פּאַסקעס פון די ספּודניצעס — אַלע זיינען געווען אויפגעריסן, אויפגעטרענט... אַזוי האָבן די דייטשן די זאַכן אַריינגעשיקט...

ער האָט איצט אַלץ דערזען באַוווּסטזיניק־קלאָר, פריער האָט ער געקוקט אויף די בגדים מיט אַן אויטאָמאַטישן בליק.

— מ'האָט גענישטערט אין די מלבושים, געזוכט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן... וואָסערע הענט זיינען דאָס געווען און ווו זיינען די מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן דאָס אָנטועכץ?

פאַרבייאיילנדיק דעם ביורא, האָט הערש דערזען וואַלעקן אין פענצטער. זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן און דער קעראָווניק האָט זיך גלייך אויסגעדרייט און פאַרשווונדן אין די טיפענישן פון צימער.

אַדורך דער פּאַרטיערניע, איז דער לערער אַרויס אויף דער גאַס. העט ווייט האָט זיך געשפּרייט פאַר אים אַ פאַרשנייט פעלד מיט טונקעלע, היל־צערנע הייזלעך דאָ און דאָרטן. אַ שמאָלע אויסגעטאָפּטעטע סטעזשקע, פול מיט פאַרפרוירענע בלאָטעס, האָט געפירט, דורך דער שנייאיקער פּוסט־קייט, אַהיים. איבערן ווייסן פעלד האָבן זיך געטראָגן קראָען. זיי האָבן געריסן די לופט מיט גאָרגלדיקע געשרייען, געפאַלן צו דער ערד אין פייַנפולן זוכן, געדרייט זיך אין קאַראָהאָד און גענומען פליען איבערן געטאָ, וויגנדיק זיך אויף זייערע גרויסע, שוואַרצע פליגל.

✶

ער איז געלעגן אין בעט מיט אַ בוך אין האַנט. געלייענט און געשטוינט, מיט וואָס דער שרייבער פאַרנעמט זיך. די אַלע פּראָבלעמען האָבן אויסגעזען אין זיינע אויגן קליין און נאַריש. ער האָט געטראַכט, אַז אַ נייע וועלט וועט אויפשיינען נאָך דער באַפרייאונג און אַ נייער טיפּ ייד וועט ווערן געבוירן — שטאַרק און גרויס.

— פון דעם לייבן־גרוב דאָ, וועלן מיר ווידער אַרויס אויפן קיניגליכן הויף, ווי דניאל.

— סאַלאַטקע, מ׳גיט סאַלאַטקע! — האָט אריינגעשריען שומשטיין, אויפפראַלנדיק די טיר.

— אַ וואַזשנע מעשה! — ס׳איז גוט פאַר חזירים! — האָט אַרויסגעבּרומט הירש, איינגורנדיק זיך נאָך טיפער אין דער פּערענע.

גרשון, וואָס איז געלעגן אין צווייטן בעט, האָט זיך אינסטינקטיוו אַ הויב געטאָן, ווי ר׳וואָלט וועלן עפּעס זאָגן דעם ברודער, אָבער ער האָט זיך באַלד צוריקגעלייגט. פאַר זיינע אויגן האָט זיך פאַרבייגעגליטשט דאָס בילד פונעם מאכל. ער האָט דערפילט אויף זיין צונג דעם זיסלעך־זויערן טעם פון די פּיצלעך קאַרטאָפל, קרויט, גרינסן און ס׳האָט אים אַזש פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

ער האָט געגעבן אַ זיפץ. הערש האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון געלעגער און אַ פרעג געטאָן: — וואָס איז, גרשון? — און גענומען זיך אַראָפּשלעפּן פון בעט, ווי אַ ליימענער גולם. ער איז געווען מיד און פול מיט האַס צו זיין ברודער און דער וועלט און געוווּנטשן זיך אַ שנעלן טויט.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט ער געטראָפן די פרייליין ווייס, וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט אירע עלטערן אויפן זעלבן שטאָק.

— וואָס איז, פאַניע ראָזען, איר האָט אויפגעהערט צו שמייכלען? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע שוואַרצע, רונדיקע אויגן און פאַרשנורעוועט ס׳מיילכל, ווי זי וואָלט איינגעהאַלטן אין זיך דאָס געלעכטער.

— איר פאַרשטייט, כ׳מוז זיך איצט אָוועקשטעלן אין דער פּראָסט פאַר אַ שעה צייט צו קריגן דעם אָפּפאַל פון קרויט — האָט שאַרף אַרויסגערעדט הערש, אָפּמעסטנדיק זי פון קאָפּ ביז פיס.

ר׳איז שנעל אַוועק, ווי ר׳וואָלט מורא געהאַט, אַז ר׳וועט אַרויספּלאַצן און אַריינזאָגן איר אין דער זיבעטער ריפּ אַריין: — דו קענסט שמייכלען, ווייל דו האָסט אַ קאָכאַנעק פון דער „פליישׂ־צענטראַלע״.

גייענדיק אויף דער גאַס, האָט העניעק געטראַכט וועגן דעם בר־נש, אַ געזונטן חברה־מאַן, מיט ברייטע אַקסלען, רויטן, געפּאַלדעוועטן קאַרק, אויגן, וואָס זיינען ווי פלינקע מייזלעך אַפּערגעשפּרונגען, פון צייט צו צייט, פון הינטער דעם שמאָלן האַרטן שטערן. דער לובאָוויניק פלעגט זייער העפ־לעך באַגריסן הערשן און יעדן איינעם פון די שכנים אויף די טרעפּ, ווי ר׳וואָלט געבעטן אַנטשולדיקונג, וואָס ער באַזוכט זיין „כלה״.

די עלטערן פון מיידל זיינען געווען באַוווסט פאַר דער מלחמה ווי כלל־טוער און מענטשן מיט אַ ברייטער האַנט. ווייס האָט געפירט אַ גרויס גאַרן־געשעפט און געווען באַקאַנט אַלס אַן ערלעכער מענטש און גוטער סוחר. אין זיין הויז פלעגן זיך צונויפטרעפן פאַבריקאַנטן און געזעלשאַפטלעכע טוער. אין געטאָ האָט ער פּרובירט זיך צונויפרעדן מיטן פּרעזעס, אָבער אַן דערפאָלג. רומקאָווסקי האָט אים חושד געווען, אַז ער איז געווען פון די ערשטע אין לאָדזש, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג, אַז דער פאַרוואַל־טער פון העלענוווער טשעפּעט זיך צו די מינדעריעריקע יתומים. ווייס האָט געבעטן דעם „אַלטן״, ר׳זאָל אים געבן כאָטש די שטעלע פון אַ פאַרטיער אין אַ „רעסאָרט״, אָבער דער פּרעזעס, האָט אויף אַלעם געשאָקלט מיטן קאָפּ: — ניין און ניין!

ס׳איז געלונגען דער מאַדאַם ווייס, אַדאַנק דער פּראָטעקציע פון אַ פריינט, צו קריגן די אַרבעט פון אַ שיילערקע פון קאַרטאָפל אין אַ קיך. ס׳איז געוואָרן אין הויז ששון ושמחה: — אַ קלייניקייט, אַ קייזערלעכער פּאָסטן! זי האָט אַהיימגעבראַכט גרויסע טעפּ זופּ און די גאַנצע משפחה פלעגט זיך אָנעסן צו דער זעט. אָבער ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און מ׳האָט זי משלח געווען, אַן אַ פאַרוואָס און פאַרוועט און אין דער שטוב איז געוואָרן חושך.

דער אַמאָליקער גביר, ווייס, האָט ניט געקענט מער צוקוקן דעם פּיין פון זיין פרוי און קינד און איינגענומען וועראָנאַל. מ׳האָט אים באַצייטנס אַריינגעכאַפּט אין שפּיטאָל און אָפּגעראַטעוועט. די פרוי האָט זיך געשעמט

אויפהייבן די אויגן פאַר די שכנים און געשלייכט זיך, ווי אַ שאָטן, לעבן די ווענט.

צו יענער צייט האָט זיך איר טאָכטער באַקענט אין „פליישׁ־לאַדן" מיט אַ פיינעם יונגעמאַן — אַזוי האָט זי אים באַצייכנט — און גענומען זיך מיט אים טרעפן. ער האָט גענומען ארויפקומען אין הויז אַריין און דער טאַטע האָט אויף אים גלייך געוואָרפן אַן אומחן. עס האָבן זיך גענומען פאַיאַווען אויפן טיש שפּאָרע פּאַרציעס פלייש, אָבער ווייס האָט זיך צו זיי ניט צוגערירט.

איינמאָל איז ס׳מיידל געקומען מיט אַ בשורה, אַז זי גייט אַוועק צוזאַמען מיטן בחור אויף א „ביבקע" צו זיינע פריינט אויף א גאַנצע נאַכט. דער פאָטער איז אויפגעשפּרונגען:

— ניט ביי מיין לעבן! שטעל צוערשט חופּה וקידושין — דאַן וועסטו קענען גיין ווען דו ווילסט און וווּ דו ווילסט!

די טאָכטער איז אַוועק. דער טאַטע איז געזעסן אַ צייט ווי געליימט, שפּעטער האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין. די מאַמע האָט פאַרבראָכן די הענט און אים געבעטן: — הער אויף, שמעון, מאַך פון זיך ניט קיין תל, וואָס קערסטו איבער וועלטן, יונגע קינדער...

ווייס האָט נערוועז פאַרקרעמפּט די הענט אין פויסטן:

— אָט דער פאַרשוין איז ביי דיר אַ יונג קינד... דער פאָדלעץ האָט שוין ניט איין מיידל פאַרדרייט דעם קאָפּ און ניט מיט איין ווייבל געשלאָפן...

— הערזשע אויף! — האָט די פרוי געציטערט פון אויפרעגונג — לאָז אָפּ! מ׳הערט אין פאָדערהויז יעדעס וואָרט!

ער האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער, ווי ר׳וואָלט זיך געגרייט צו דאַווענען, אַזוי ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין די אַמאָליקע צייטן.

זי האָט געהערט, ווי ר׳האָט זיך פאַרהאַלטן הינטער אירע פּלייצעס און גערעדט צו זיך: — וואָס איז פון אונדז געוואָרן... אָט בין איך געווען אַ מענטש און אָט בין איך אַ גאָרניט, אַ קופּע מיסט... ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירן, אַז מיר זיינען איצט אַלע אויף קעסט ביי אַ „פּזשידופּניק"?

מיט דער צייט האָבן די שכנים געמערקט אַ גרויסע ענדערונג ביי מאַדאַם ווייס. מ׳פלעגט זי זען גיין מיט איר טאָכטער, ביידע אויסגעפּוצטע,

שמייכלנדיקע, זאַטע. צו דערקענען דאָס לעצטע זיינען די איינוווינער פון געטאָ געוווען די בעסטע אויסשפּיר־הינט.

די לאָקאַטאָרן האָבן אָפּט געטראָפן ווייסן פאַרן הויז. ר׳איז געשטאַנען און גערעדט צו זיך, זיך אויסגעשמועסט מיט עמעצן און באַמיט זיך די אומזעבאַרע פערזאָן איבערצייגן. ער פלעגט זיך מאָדנע אַ בייג טאָן פאַר יעדן איינעם, ווי ער וואָלט באַגריסט אַ פּוילישע אַריסטאָקראַטקע.

אָפּגעשטאַנען אַ לאַנגע צייט אין דער ריי נאָך דער סאַלאַטקע, האָט הערש, אַ דורכגעפרווירענער, געשלעפּט זיך אַהיים מיט דער מענאַזשקע געמויזעכץ. אַ נאַסער, ווירבלדיקער שניי האָט געשאָטן פון טונקלדיקן הימל. פון א זייטיקער גאַס איז אַרויס אַ מחנה מענטשן געפירט פון דער יידישער פּאָליציי: פרויען, מענער, קינדער אויף די הענט פון מאַמעס און ביי די זייטן. דער שניי איז געפאַלן אויף די היטלען, קאָפּ־טיכלעך, רוקזעק, טאָר־בעס, וואַליזקעס, אויף די קלימפּערדיקע טעפּלעך און מענאַזשקעס.

אַ קינד האָט זיך צעוויינט: — מאַמע, ס׳איז מיר קאַלט אָן זאָקן!

אַן אַלטיטשקע האָט זיך אויסגעגליטשט און געבליבן ליגן אַ ווײַלע, ביז צוויי פּאָליצייסקע הענט האָבן זי אויפגעשטעלט און אַ הייזעריקלעכע שטימע האָט זי באַרואיקט:

— אינגיכן וועלן מיר צוקומען צו אַ פּלאַץ, ווו איר וועט זיך אָפּרוען...

— און דאַן וועט מען דיך ווייטער טרייבן — האָט זיך עמעץ הויך צעהירזשעט און הונדערטער פּיס, אָנגעדראָלענע און אויסגעדאַרטע, שלאַבע־ריקע און קינדיש־כיבקע, ליימיקע און שטאַרע, הינקענדיקע און פאַרחלשטע האָבן ווייטער געכראָבטשעט אין ווייסן, קלעפּעקין אָנשיט.

— וואַרט־זשע אַ רגע! — האָט זיך צעגוואַלדעוועט אַ ייד — מיין קאָלאָש איז געבליבן שטעקן אין בלאָטע, וואַרט — כ׳האָב ניט קיין שיך!

— און איך האָב ניט קיין קינדער — האָט זיך גענומען רייסן א פרוי — זיי ליגן אין די בעטן און קענען זיך ניט אויפהייבן...

— שנעלער, הערט אויף צו שרייען, גייט שנעלער! — האָבן אונטערגע־איילט די פּאָליציאַנטן — גיכער!

דער שניי האָט אויפגעהערט צו פאַלן. אַ קאַלטער וויכער האָט גענומען

רייסן די שאַלן, טיכער פון די פלייצעס, גענומען דורכפּרירן די דורכגעגנעצ־טע מלבושים, געשמיסן די אָנגעלאָפּענע און ביינערדיקע פּנימער.

— אָט גייט אַ פראָסט — האָט געקלאָגט די פרוי — די קינדער מיינע ליגן אויפן געלעגער און דער פראָסט וועט זיי באַשמירן, ווי צוויי חלות לכבוד שבת און וועט זיי דערלאַנגען דעם שטומען גאָט, ר׳זאָל קענען קידוש מאַכן...

— הערט אויף! — האָבן זיך צערעוועט די „אָרדנונגס״־היטער — איילט זיך צו! שטייט נישט!

הערש האָט אויפגעשוידערט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פּאָליציאַנטן.

— לאָזט אָפּ די פרוי, כוליגאַנעס!

— טשעפּע דיך אָפּ, משוגענער!

אַ זעץ אין דער זייט האָט אים אומגעוואָרפן. ער איז געבליבן ליגן אויף דער פאַרפרוירענער ערד, די האַנט פאַרקרעמפּט אַרום הענטל פון דער מענאַזשקע. פיס אין שמאַטעס, באָטן, טרעפּעס האָבן פאַרבייגעטאָפּשעט לעבן אים, דאָס געשריי האָט געקלימפּערט, ווי אַן אַלאַרעם־פּויק:

— דיין פאָלק גייט אונטער, און דו שפּילסט זיך אין ליבעס...

ר׳האָט זיך אויפגעזעצט מיט אַ וויטיק אין די ריפּן.

— מיר מוזן שטעלן אַ ווידערשטאַנד!

ר׳האָט געפּרוווט צונויפדריקן אַ פויסט און דערשפּירט די פאַרצווענגטע פינגער אַרום הענטל פון דער כלי.

— אָט דאָס פּיצל פרעס הערשט איבער אונדז און אונדזערע געדאַנקען און מיר זעען ניט, ווי מיר גייען אויס אין מיסט און עיפּוש.

ער האָט זיך אויפגעהויבן. דער טראַנספּאָרט האָט זיך דערווייטערט, געצויגן קיין מאַרישין דורך דער ווייסער ערד, ווי אַ ריזיקע, שוואַרצע מור־ראַשקע מיט הונדערטער קעפּ און פיס. דינע שטימען זיינען דערגאַנגען פון ווייטן, געציטערט אין דער פראָסטיקער, קלאָרער לופט, ווי הענט פון קינ־דער, איידער זיי ווערן אָנטשלאָפן.

— וויפל פון אייך וועט פאַלן אויפן וועג און וויפל וועט דאָס אויסגיין

אין די וואַגאָנען, ברידער מיינע, שוועסטער מיינע... ווו איז אונדזער גאָט, דער גאָט פון ישראל? ווו איז ער?

ער האָט זיך געשלעפּט אַהיים מיט אַ צעוויטיקט לייב און פאַרפּייניקט האַרץ.

— כ'האָב זיך דערזען אין אַ קלאָרן שפּיגל — האָט ער געזאָגט צו זיך — און כ'האָב געפונען דעם ריכטיקן וועג.

✶

ער איז געזעסן צומאָרגנס אין קאַנטאָרל פון דער וועבעריי און געקוקט אויפן בוכהאַלטער, וואָס האָט צוגעגרייט די „וויפּלאַטע" אויף אַ געלן, געווירטן בויגן פּאַפּיר. אַ דאַרער יונגערמאַן מיט אַן אויסגעצויגענעם פּנים און דינעברילן אויף דער אויסגעשפּיצטער נאָז, איז וויגאָדסקי געווען פון אַ מיוחסדיקער לאָדזשער פאַמיליע: דער זיידע — אַ דאָזער אין דער גמינע, דער טאַטע אַ רייכער באַלעבאָס, איינער פון די טישזיצערס ביים גערער רבין. דער בוכהאַלטער, בטבע אַ שטילער און איידעלער, האָט אָפּגעהיט די רעכט פון יעדן אַרבעטער, ווי זיין פעטער, דער לאָדזשער דיין, האָט מקפּיד געווען אויף די דינים פון שולחן־ערוך. דער יונגער וויגאָדסקי האָט קנאַפּ זיך גערעכנט מיטן קעראָווניק און ניט געלאָזט קיין אַרבעטער באַעוולען אַפילו אויף איין מאַרק, אין דער זעלבער צייט האָט ער אָבער אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל ניט קריגן געלט אומזיסט.

הערש האָט געקוקט אויף די פאַרשטויבטע, פאַבריטשנע ווענט פון קאַנטאָרל, אויפן שטייענדיקן אין ווינקל העקל און עמער מיט זאַמד קעגן „לופט־אָנגריף", אויף די הילצערנע שיצן, לעדערנע קאַפּען און שטיקלעך פּאַסן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אונטערן טיש — און אַלץ איז אים אויסגעקומען אויסטערליש ניי, ווי ר'וואָלט עס געזען ס'ערשטע מאָל.

ער האָט געוואַרט אויף דער זופּ. שטענדיק אין דער סיטואַציע, האָט ער זיך געפילט אומבאַקוועם און געטראַכט וועגן דעם, וואָס דער בוכהאַלטער קלערט וועגן אים. היינט האָט ער אפילו ניט פּרובירט צו פאַרבינדן מיט אים אַ שמועס. ער האָט געקוקט אויף זיך אַליין, ווי ר'וואָלט באַטראַכט אַ פרעמדן מענטש. אָט זיצט ער, דער „אַפּיעקון" — אַ פאַרפרוירענער, הונ־

געריקער, וואָס וועט פריער צי שפּעטער אַוועק פון דער וועלט און אַלע זיינע צאַפּלענישן און פּיינען — פּאַדריגעס פון אַ געשלאָגענעם פּאַיאַץ — וועלן פאַרשווינדן צוזאַמען מיט אים. און אָט קוקט ער אויף דעם וועזן, ער, דער אָבסערוואַטאָר, מיט קאַלטע אויגן און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווייל ער איז שוין איצט פריי און רואיק און וויט פון דעם צעווייטיקטן, ניש־טיקן באַשעפעניש. ס׳איז אַריין דער מייסטער פון דער פאַבריק, לייזער. די הויזן, די בלוזע, ס׳פּנים פאַרשמירט מיט אייל. אין איין האַנט — רימענדלעך, אַ „שליסל״, מיט דער צווייטער — זשעסטיקולירט ער אַ צעפּלאַמטער:

— מ׳קען צעפּלאַצט ווערן, שוין ווידער קאַליע געוואָרן אַ קאַרט־שטול.

גלייך האָט זיך אַריינגעשטופּט בערל ראָזענבערג — דער ערשטער צו זיין אויפן פּלאַץ, ווו ס׳איז אַ צרה. ניט בחינם רופט מען אים „דער פייער־לעשער״.

ר׳האָט אָנגעשטעלט אויפן מייסטער אַ פאַרזאָרגט פּנים:

— מ׳מוז וואָס שנעלער פאַרריכטן, מ׳דערוואַרט אַ דייטשע קאָמיסיע.

לייזער לאָזט זיך גיט „טשאַקען״, ער קען די מעשיות שוין פון אויסנווי־ניק.

— ווע‎מען טשעפּעט דאָס? ס׳איז וויכטיקער ר׳זאָלט קריגן אַ גוטן טראַנסמיסיע־פּאַס, ווי סטראַשן מיט קאָמיסיעס...

— גוט שוין, מ׳ווייסט שוין, גייט בעסער פאַרריכטן די לאַדאַ, וואָס האָט זיך צעבראָכן!

בערל האָט אומגעדולדיק אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון מייסטער און גענו־מען דערציילן וויגאַדסקין וועגן אַ נייער אידייע, וואָס איז אים היינט געקו־מען אין קאָפּ אַריין, אַ נייע קאָמבינאַציע פון מוסטערן, וואָס קען פאַרגרע־סערן די דייטשע באַשטעלונגען.

ראָזענבערג האָט געהאַט אַ געזיכט, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי טיילן: אַ ברייטער שטערן, אַ צעוואָקסענע נאָז און אַ צעשפּרייט מויל מיט אַ מעכטיקן קין. ביי יעדן זאַץ, וואָס ר׳האָט איצט אַרויסגערעדט, האָט אַן אַנדערער טייל פון זיין פּנים זיך געפּרייט. אָט צעוויגט זיך דער שטערן, איצט האָט זיך צעשפּילט די נאָז און אַצינד ווידער האָט ס׳מויל מיטן קין

זיך פונאַנדערגעריסן פון שמחה.

ער האָט פאַרענדיקט און ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע דריי חלקים פון זיין געזיכט וועלן זיך צונויפלייגן, ווי אַ צעצויגענע האַרמאָניע נאָכן פאַרענדיקן ס׳שפּילן.

ס׳איז אַריין שטיין און בערל איז אַרויס. ר׳האָט ניט געוואָלט בלייבן און אויסהערן דעם וועבער׳ס ראַדיאָ־נייעסן. ס׳איז געווען אַ ריזיקע.

— סוף כל סוף וועט ער נאָך אַריינפאַלן, דער נאַרישער טומלער — האָט ער געטראַכט.

שטיין האָט פאַרמאַכט די פאַרגלאָזטע טיר פון קאַנטאָרל, פאַררוקט דאָס קויטיקע פאַרהענגל אויף די שויבלעך און אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ קליינע ראָלקע פּאַפּיר.

— די פּוילישע ראַדיאָ־סטאַציע פון לאָנדאָן האָט גערופן אַלע פּוילישע בירגער ניט צו פאַרלירן די האָפענונג. די רוסן האָבן אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע. אין מאַנכע פלעצער האָט די רויטע אַרמיי דורכגעריסן דעם דייטשן פראָנט. דער גרויזאַמער רוסישער ווינטער וועט פאַרטיליקן די דייטשן. פאַרטיזאַנער רייסן אויף די רעלסן פון די באַנען, וואָס פירן אַמוניציע און אַפּראָוויזאַציע פאַר די נאַצים. די היטלעריסטישע טאַנקען בלייבן שטעקן אין די טיפע שנייען און די דייטשן וועלן שטאַרבן פון הונגער אויף די אומגעהייערע רוסישע סטעפּעס...

שטיין האָט געלייענט פון צונויפגעראָלטן פּאַפּירל די ידיעות מיט אַ שטילער אָבער דייטלעכער שטימע. אַלע זיינען געשטאַנען אַרום אים, ווי פרירנדיקע מענטשן אין סיביר אַרום אַ קליינעם פייער. ער האָט געענדיקט און ס׳איז געוואָרן שטיל, ווי יעדער איינער וואָלט זיך איינגעהערט אין עכאָ פון די ווערטער.

— ס׳וועט שוין ניט נעמען לאַנג — האָט לייזער איבערגעריסן די שטילקייט.

— ס׳קען זיך ציען נאָך עטלעכע יאָר — האָט דער בוכהאַלטער גענומען ווירן ס׳געלע פּאַפּיר מיט אַ בלייער — ווער ווייס...

— און ווו זיינען די פאַראייניקטע אַרמייען פון ענגלאַנד און אמעריקע ?

ווען וועלן זיי זיך נעמען צו די מערדער? — איז הערש אים אַריין אין די רייד.

— זיי וואַרטן אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט. זייט רואיק, זיי וועלן דערשטיקן די שלאַנג! — האָט שטיין זיך אָפּגערופן.

— און אינצווישן וועלן מיר ווערן צעטראָטן ווי די ראַטן — האָט גע־שטורעמט העניעק — מיר וועלן אויסגיין פון הונגער, מען וועט אונדז צע־שיקן, צעטרייבן, פאַרניכטן...

— טאָ, וואָס איז די עצה? — האָט וויגאָדסקי רואיק געפרעגט, אויפ־הייבנדיק דעם קאָפּ פון פּאַפּיר.

—מיר מוזן זיך אָקעגנשטעלן, מיר מוזן קעמפן!

אַלע אויגן האָבן זיך געוואָנדן צום „אָפּיעקון".

— ווי אַזוי? — האָט זיך געוווּנדערט לייזער — מיר זיינען איזאָלירט, פאַרצוימט, פאַרשלאָסן, און די וואָס רינגלען אונדז אַרום: די פּאָלאַקן און דייטשן, זיינען אונדזערע שונאים אויף ס'לעבן.

— ...און אָן אַ פּיצל געווער — האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ דער בוכ־האַלטער — און אויב מיר וועלן אָנהייבן די מינדסטע אַקציע, וועלן די דייטשן פאַרטיליקן ס'געטאָ אין פאַרלויף פון געציילטע שעהן. מ'שיסט די יידן ביי די דראָטן, אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען, איצט נאָך, אַז עמעץ זאָל זיך וואַרפן אויף אַ דייטש...

פון דרויסן איז דערגאַנגען אַ וואַקסנדיקער געפילדער, געקלאַנג פון געשיר, עטלעכע שטימען האָבן זיך געריסן:

— שטופּט זיך ניט! מאַכט ניט קיין בהלה! שטעלט זיך אויס!

— מ'גיט די זופּ! — איז דער מייסטער אַרויס פון קאַנטאָר. הערש און שטיין זענען אראָפּ פון די טרעפּ, רעדנדיק צו זיך שטילערהייט.

אַריינגעשטופּט צווישן די אַרבעטער, שטייען די קינדער אין דער ריי. די קלענערע זעט מען קוים אַרויס, די גרעסערע לאָזן זיך ניט צונויפּשפּאַרן און שטייען עטוואָס פון דער זייט, טומלען און קלאַפּן מיט די פיס.

אַ הויך ייִנגל קען זיך שוין ניט מער איינהאַלטן, לויפט אַרויס פון דער „קאָלייקע" און שטופּט אַריין זיין אויסגעשטשערבעט טעפּל אין פּירקאַנטיקן קיכן־פענצטערל, אָנקלאַפּנדיק אָן דער מענאַזשקע פון אַ פרוי, וואָס דער־

לאַנגט איר „בלאַשאַנקע״ אָנצופילן. אַן אַרבעטער גיט אים אַ שטויס מיט רציחה:

— אַריין אין דער ריי, דו, קלעפּסידרע, דו!

דער „אַפּיעקון״ דערקענט ס׳בחורל: ס׳איז ס׳יינגל מיט די פיבערדיקע אויגן. הערש דערנענטערט זיך צו די קינדער, בעט זיי וואַרטן, פאַרהאַלטן זיך רואיק. אין זייערע שוואַרצע, ברוינע און גרויע אויגן לייענט ער אַ ביטערן פאַרוואורף:

— טוסט גאַרניט פאַר אונדז! גאַרניט!

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין דער שורה.

ער האָט באַשלאָסן צונויפנעמען די קינדער אין אָפּגעלאָזטן שטיבל, איבער דער קיך, גלייך נאָכן עסן. ער האָט שוין לאַנג מיט זיי גאַרניט גע־לערנט און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז היינט וועט זיין די פּאַסיקע צייט. די מענגאַזשקע מיט דער זופּ האָט ער אַהיימגעשיקט דורך שרה׳לען, אַ מיידע־לע, וואָס איר מוטער איז געווען קראַנק און זי האָט געוווינט ניט ווייט פון זיין הויז.

די קינדערשע פּיס האָבן זיך גיך געטראָגן איבער די אַלטע, סקריפּנ־דיקע טרעפּ און פאַר אַ ווײַלע האָט זיך דעם „אַפּיעקון״ אויסגעדאַכט, אַז ס׳קו־מען צוריק די ערשטע צייטן פון געטאָ, ווען ס׳זיינען נאָך געווען שולן.

און אָט זיצן שוין די קינדער אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, צונויפגעצ־דריקט, ווייל דער דיל איז טיילווייז פאַרלייגט מיט, פאַרפלעקטע מיט פאַרב, לייטערס און איז פול מיט אַלטע פּאַפּירן און שמוציקע לאַכעס.

הערש זעט פאַר זיך די פּנימלעך פול מיט נייגיר און ליכטיקן גלויבן און אַנשטאָט לערנען די קינדער אַ יידיש אָדער העברעאיש ליד, נעמט ער זיי דערציילן די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט די פּשוטסטע ווערטער.

ער מאָלט פאַר זיי אויס די גרויסע פירער, דאָס שטורמען פון דער באַסטיליע, דעם טויט פון די טיראַנען און אונטערדריקער און די עקסטאַז פון די באַפרייטע מאַסן.

די קינדער זיצן מיט אָפענע מיילער, קעפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, זיצן צונויפגעקוועטשט און שלינגען יעדעס וואָרט פון „אַפּיעקון״.

ער פּילט פֿליגל ביי זיינע אָרעמס. ער רעדט צו זיי מיט ליבשאַפֿט, אַז אינגיכן וועלן זיי ווערן באַפֿרייט און ווידער גיין אין שולן, וועלן האָבן ברויט צו דער זעט און זיי וועלן וווינען אין גערוימע, ליכטיקע שטובן.

אויף זיין אַקסל דערשפּירט ער אַ האַנט. דער מייסטער שמייכלט צו אים אין פֿאַרלעגנהייט: — די קינדער מוזן גיין צו דער אַרבעט!..

— מאָרגן וועט דער לערער ווידער דערציילן — כאַפּט אָן אַ יינגל הערשן פֿאַרן אַרבל.

— זייער אַ שיינע מעשה! — זאָגט אַ מיידל פֿון צוועלף יאָר.

—מ׳דאַרף מאַכן אַזאַ רעוואָלוציע — קוקט אַ בחור׳ל דעם לערער אין פּנים אַריין מיט אַ פּאָר פֿאַרחלומטע אויגן.

הערש שפּאַנט איבערן הויף. אַ גליקלעכער. ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווילע, פּילט זיך זייער שוואַך.

— כ׳מוז אַהיימגיין און אָנוואַרעמען די זופּ.

דערזעט די שויבן פֿון ביוראָ און אין אַ מינוט שטייט ער שוין פֿאַר וואַלעקן: — כ׳בין געקומען צו אייך מיט אַ ביטע, כ׳וויל האָבן אַ „טאַלאָן״...

— וואָס מיינט איר, אַ „טאַלאָן״? — קוקט אויף אים דער קעראָווניק מיט חוזק, פֿאַרבייסנדיק די אויבערשטע ליפּ מיט די געלבלעכע ציין.

— גיט פֿאַר מיר, פֿאַר אַ קראַנק יינגל, וואָס גייט אַרום מיט היץ...

דער לייטער פֿון רעסאָרט בלייבט זיצן אָן לשון. ערשט מיט אַ רגע צוריק האָט ער געהאַט אַ גלענצענדע געלעגנהייט אריינצוזאָגן דעם „פֿאַר־שייסטן אָפּיעקון״ אין טאַטנס־טאַטן אַריין און איצט גליטשט זיך אַרויס פֿון זיינע הענט אַזאַ וווּנדערלעכע אָקאַזיע.

ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף הערשן און זיך דערמאָנט אָן זיינע פֿאַרמלחמהדיקע פֿריינט, די „באָהעם״־חברה פֿון „אַסטאָריע״, מיט וועלכע ער האָט ניט איין מאָל געהוליעט ביזן ווייסן טאָג אַריין. דער אַ־לערער האָט געהאַט אין זיך עפּעס פֿון די לייט.

— אַ געשיכטע מיט „טאַלאָנען״ — האָט זיך דער קעראָווניק צעברומט.

— אין אַנדערע רעסאָרטן קריגן שוין די קינדער „טאַלאָנען״...

— נו גוט! גוט! ר׳וועט מיר מאָרגן געבן דעם נאָמען פֿון יינגל און זיין אַדרעס.

ווען העניעק האָט דערציילט גרשונען, ווי אַזוי ר׳האָט ארויסגעקראָגן פאַרן יינגל אַן איינמאָליקן שפּייז־צוטייל, האָט דער ברודער גאַרניט געענטפערט.

— די היינטיקע זופּ איז וואַסערדיק — האָט ער, נאָך אַ לאַנג שווייגן, אַ זאָג געטאָן.

— כ׳בין געווען דער לעצטער אין דער „קאָלייקע״ — האָט העניעק זיך אנטשולדיקט.

ער האָט ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט געזען ס׳יינגל, ווי ער שלעפּט זיך צוריק אין דער ריי מיטן פוסטן טעפּל אויף זיין שטייפן פּנים שטייען גרין־געלבלעכע פלעקן, די אויגן, האַלב־פאַרמאַכטע, זינקען טיף צווישן שטערן און די ארויסשטאַרצנדיקע, שאַרפע באַקן־ביינער.

— קינד מיינס — מורמלט העניעק — ווי אומבאַהאָלפן בין איך, ווי עלנט — נישטיק, ווי נידערטרעכטיק אָבער איז די וועלט, וואָס האָט געבראַכט דערצו מ׳זאָל דיך אַזוי פּייניקן... זיי רואיק, מיין קינד, דיינע פּייניקער וועלן אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד און דו וועסט לעבן... כ׳קוש דיך, כ׳קוש דיינע פיבערדיקע אויגן...

עס זיינען אים פאַרביי די קינדער, וואָס ר׳האָט געלערנט: פאַרעלטערטע געזיכטער, שפּיציקע הענט און פיס און אויגן, אויגן וואָס מ׳קען נאָך אויפוועקן פון זייער מאַטקייט, האַלבן גליווער...

— אויב די אויסלייזונג וועט קומען אין צייט! מחמת דער הונגער, ווי דער אַמאָליקער וועכטער פון די גאַז־לאָמפּן, גייט אַרום און קוקט אין די פרימאָרגנס, וואָסער ליכט צו פאַרלעשן.

ער דערמאָנט זיך אָן שטיינען מיט זיינע גוטע ידיעות. ער האָט אים באַדאַנקט און דער וועבער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט חידוש:

— כ׳טו קיינעם קיין טובה ניט, כ׳טרייסט נאָר זיך און אַנדערע...

אין דער אמתן, שפּילט ער זיך מיט פייער, ווייל די געסטאַפּאָ זוכט אַרום די פאַרשפּרייטערס פון די נייעסן און אויך די אייגנטימער פון די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן.

שטיין געהערט ניט צו די שרעקעוודיקע. העניעק זעט אים אין טאָג פון ערשטן מאַי. דער וועבער טראָגט דאָס בעסטע העמד און קלאָר אויסגעוואַשע־

נע הויזן. ווען די אַרבעטער קומען צו דער אַרבעט, געפינען זיי אויף יעדן וועבשטול מימאָגראַפירטע פלוג־בלעטלעך, וואָס רופן זיי צו פייערן דעם גרויסן אַרבעטער־יום־טוב דורך אַ פערטלשעהדיקער רו.

שטיין וואַרט שוין אויף זיי אין מיטן פון זאַל. אין זייערע טריט, וואָס דערנענטערן זיך צו די וועב־שטולן, הערט ער דעם מאַרש פון די טויזנ־טער אַרבעטער, וואָס האָבן געצויגן איבער דער פּיעטריקאָווער און קאָנס־טאַנטינער־גאַס צו לייגן קרענץ אויף די קברים פון די העלדן פון 1905, אין קאָנסטאַנטינער וואַלד. די רויטע פענער טראָגן זיך, ווי צעברויזטע פלאַמען איבער די קעפּ פון די מאַסן, די מוזיק שפּילט און דער געזאַנג רייסט דעם בלויען הימל.

טיף גערירט רעדט שטיין אַרויס: — היינט, ברידער, איז אונדזער יום־טוב, מיר וועלן אים אָפּהיטן דורך שוויגן אַ פערטל שעה!

די וועבער שטייען אומבאַוועגלעך, ווי זיי וואָלטן געזונגען די „שבועה״.

הערש הערט ווי גרשון דרייט זיך איבער אין בעט און קרעכצט אין שלאָף. טריט אין פאָדערהויז ציען זיין אויפמערקזאַמקייט. האַסטיקע פיס לויפן איבער די שטיגן, מ׳רעדט אין קאָרידאָר. מען קלאַפּט ביי עמעצנס טיר.

איז עס שומשטיינס, וויערביק׳ס, קאַלמאַנאָוויטש׳ס?

— די פּאָליציי!

מ׳דאַרף זיך אָנטאָן! קען זיין, מ׳מיינט אויך אים! דער סוף איז געקומען פריער, ווי ער האָט גערעכנט. אָט איז דער סוף פונעם מענטש מיטן נאָמען הערש ראָזען. אויפוועקן דעם ברודער, צי ניט? ווי אַזוי וועט זיך גרשון קע־נען שלעפּן אויף די געשוואָלענע פיס? אַ קיניגרייך האָבן מיר דאָ געהאַט, טייערער ברודער. איצט וועט מען אונדז אַרויסוואַרפן אויף שניי, פראָסט און שנעלן טויט. ניין, ער וועט בעטן די פּאָליציי, פאַלן צו זייערע פיס, ז׳זאָלן איבערלאָזן גרשונען דאָ. אָבער ווער וועט אויף אים אויפפּאַסן?

הערש האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. איבער דער וואַנט הערט מען אַ געשריי:

— לאָזט מיך אָפּ, לאָזט, כ׳וויל דאָ שטאַרבן!

זעט זיך אויס, מ׳שלעפּט וויערביקן פון בעט...

— פאַרוואָס עפנסטו ניט דיין טיר, מיין העלד, און שטעלסט זיך ניט אַקעגן? פאַרוואָס ליגסטו אויף דיין געלעגער, ווי געליימט? פאַרוואָס עפענען זיך ניט די טירן פון די שכנים? הערן זיי ניט די פאַרצווייפלטע רופן פונעם ייד? און ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין, אַז יידן שלעפן זייערע ברידער אויף הונדערטער פיינען און פראַסטיקן אויסגיין?

הערש האָט די פראַגעס זיך אַליין געפרעגט און, אַ פאַרשעמטער, אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ.

דער קאָרידאָר איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון ספּאַזמאַטישן העשן. די פינצטערניש אין אַלע שטובן האָט זיך צעוויגט, ווי אַ ים אָרום אַ היל־צערן שיפל, העלנט האָבן זיך צונויפגעדריקט, ליפּן האָבן געפּרעפּלט תפילות צו גאָט: — ראַטעווע מיך! — און אַ שטיל געבעט האָט זיך געפּלעמלט אין האַרצן: — זאָלן זיי אים שוין נעמען און אוועקגיין, פאַרשווינדן!

דאָס טרעפּן־הויז האָט איצט אויפגעהילכט פון געיאָמער. מ׳האָט, זעט אויס, וויערניקן געטראָגן, ווי אַ לעבעדיקן מת. זיינע געשרייען האָבן זיך איינגעשטילט, אָבער די מלאכי חבלה זיינען צוריקגעקומען.

ווי פאַרסמטע מייז, האָבן ווידער גענומען לויפן פיס איבערן פאַר־חושכטן קאָרידאָר און פאַרבויגענע פינגער האָבן גענומען קלאַפּן אין אַ טיר אַקעגן העניעק׳ס שטוב.

— שומשטיין! מ׳גייט אים נעמען!

אינסטיקטיוו איז הערש אַרויס פון בעט. צוגעלאָפן צו דער טיר און געבליבן שטיין. די קעלט האָט געשטאָכן זיינע פּלייצעס מיט פראַסטיקע נאָד־לען, פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

אַ פויסט האָט אַצינד גענומען זעצן אין שומשטיינס טיר. עטלעכע מי־נוט פון אָנגעדראָלענער שטילקייט און דאַן אַ געקנאַק פון אויפגעריסענעם געהילך.

— נישטאָ, ר׳איז ניטאָ — האָט עמעץ אַלאַרמירט מיט כעס.

הערש איז צוריק אַריין אין בעט.

— איצט קומט די ריי אויף מיר!

ער האָט דערשפּירט אַ דרינגענדן באַגער צו רעדן מיט עמעצן אין

דער סכּנותדיקער רגע. און מרימ׳ס נאָמען איז אויפגעגאַנגען אין אים, ווי דער ערשטער ריר פון קינד אין מאַמעס בויך.

— מיין טייערע מרים...

ס׳האָט אים דורכגענומען אַ געוואַלטיקע בענקשאַפט, אַ בריענדיקער פאַרלאַנג צו זען איר פּנים, פילן איר לייב, רעדן צו איר כאָטש פאַר אַ ווײַלע.

מ׳האָט שוין געקלאַפּט אין טיר. די שפּיצן פון זיינע הענט און פיס זיינען אָפּגעטויט געוואָרן. די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אַ הויב געטאָן, ווי דראָטן.

ר׳איז געשטאַנען אין העמד אויף דער שוועל, אַן אויסגעגלייכטער, גרייט צו גיין מיט ווייערניקן און אַנדערע. אַן עלעקטריש לעמפּל האָט אַ בלענד געטאָן אין זיינע אויגן.

— ווו איז שומשטיין? — האָט זיך געבייזערט אַ סאָלדאַטסקע שטימע.

אַ שטאַרקע לאַפּע האָט אַוועקגעשאַרט הערשן פון אריינגאַנג און צוויי פּאָר שטיוול זיינען אַריין אין דער פינצטערער שטוב.

— און דער? — האָט אַ טעמפּער קול געמאַטערט, ווען ס׳ליכט פון לעמפּל האָט אַנטפּלעקט גרשונ׳ס געזיכט.

— מיין ברודער!

— צינדט אָן די עלעקטרע, מ׳דאַרף אַלץ דייטלעך זען!

גרשון האָט זיך איבערגעוועקט, גענומען אַ פאַרציטערטער שטעלן פראַגן.

די פּאָליציאַנטן זיינען אַרויס און הערש איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ היס־טעריש געלעכטער. דער ברודער האָט אים אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם.

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

העניעק האָט אויסגעלאָשן גלייך דאָס ליכט, ווי ר׳וואָלט ניט געוואָלט אַז גרשון זאָל דערזען זיין פּנים. ער איז געווען גליקלעך און זיך געשעמט מיט זיין גליק. ער האָט גאָרניט געהאַט צו דערציילן. אַלץ, וואָס ר׳האָט איבערגעלעבט, איז ער געגאַנגען אַוועקטראָגן עמעצן, ווי אַ מתנה.

קאַפּיטל דריי

ער האָט געעפנט די טיר פון איר וווינונג. זי האָט אים דערזען און געגאַנגען אים אַקעגן. זי איז געווען שענער, די אויגן — שוואַרצער, די באַוועגונגען — זיכערער. ס׳פּנים האָט געלויכטן מיט פרייד.

— כ׳האָב געוווּסט, דו וועסט קומען — האָט זי אים אַרומגענומען און געקושט.

— האָסט נאָסע הענט — האָט ער זיך צעלאַכט.

— כ׳וואַש שאָלעכץ פון קאַרטאָפל. כ׳האָב געקראָגן דעם אוצר, דורך א פּראָטעקציע, ביי א קעראָווניק פון אַ קיך. מ׳מוז די שאָלן וואַשן א דרייצן, פערצן מאָל ביז מ׳קען זיי פּרעגלען. גוט וואָס דו ביסט געקומען, וועסט אויך קריגן אַ לאַטקע...

—אַ שיינעם דאַנק, כ׳בין פול...

— פון ניט עסן ? — האָט זי אים שעלמיש אָנגעקוקט.

— כ׳זע דיך, דאַרף איך שוין ניט עסן — האָט זיך אומפערהאָפט אַרויסגעריסן פון זיין מויל.

— דאָס מיינט, ס׳פאַרגייט דיר דער אַפּעטיט...

זיי זיינען ביידע אַרויס מיט אַ געלעכטער.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אויסגעריבענער קאָזעטקע און זיך אַרומגעקוקט : די בעטן זיינען געווען זאַרגפול פאַרבעט, די פלושענע אוי־בערדעקן אויסגעגלעט פון אויבן און גראַדליניק פאַרקנייטשט אין די זייטן. די פּאָדלאָגע — אָן אַ קרישקעלע אָדער שטויבעלע.

— ווו איז די מאַמע ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— אין קאָאָפּעראַטיוו.

— און שמולעק ?

— שטייט אין דער ריי...

— דער טאַטע ?

— געשטאָרבן.

ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. איצט האָט ער באַנומען, פאַרוואָס זי

איז ניט געקומען צו אים. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיין מוח איז געווען הויל, אויסגעליידיקט פון יעדן געדאַנק.

ער האָט געשוויגן און זי האָט גענומען דערציילן, ווי די מאַמע האָט געשפּאָרט פון איר מויל און אַוועקגעגעבן דעם טאַטן.

— ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן, זי האָט זיך נאָר אָפּגעשוואַכט. ר׳איז געלעגן אין בעט און געסקאָמלעט נאָך שפּייז, ווי אַ קליין קינד. די אַרבעט אין שאָפּ האָט אים אויך ניט געטאָן קיין טובה. אין אָנהייב פון געטאָ, האָט מען אים געוואָלט געבן די שטעלע פון אַ וועכטער אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. — „וואָס ר׳עט ווערן אַ סטרוזש?״ — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן, אָן אויפגעבראַכטער. הלוואי וואָלט ער עס אָנגענומען! געדענקסטו, העניעק, די צייט, ווען מיר האָבן געוווינט אויף דער בזשעזשינער? — — —

...ס׳ערשטע יאָר פון געטאָ, מרים׳ס משפּחה האָט פאַרנומען אַ גרויס צימער מיט אַ געריימער קוך, געהאַלטן אַ דינסט, וואָס איז מיטגעקומען פון דער שטאָט. אַקעגן די אַמאָליקע פיר צימערן אין לאָדזש, איז די איצטיקע דירה געווען אַ מפּל־קינד. אָבער די מאַמע האָט אַזוי צעשטעלט די מטלטלים, צעהאָנגען די בילדער פון אירע עלטערן, איינגעמאָשטשעט דאָ און דאָרטן אַ שטיקל פאָרצעלאַן אָדער גלאָז, אַז די וווינונג האָט געהאַט די וואַרעמקייט פון אַ פאַרמעגלעכער שטוב. דער פאָטער האָט אויספאַרקויפט ס׳ביסל ווערטזאַכן, וואָס ר׳האָט געבראַכט, דאָס משרת האָט געקאָכט גוטע מאָלצייטן און אין אָוונט זיינען זיך צונויפגעקומען די שכנים און געשמועסט פּאָליטיק. די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן, ווען דער טאַטע האָט פּרובירט אויסוועקסלען די לעצטע הונדערט דאָלער, געבראַכט פון דער פאַרמלחמהדיקער היים, ביי אַ וואַלוטע־טוישער און ר׳איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער „קריפּאָ״, וואָס האָט געכאַפּט אים צוזאַמען מיטן טוישער. מ׳האָט אים צעשלאָגן, צוגענומען ס׳געלט און גענומען אויספרעגן, ווו ער האָט באַהאַלטן גאָלד אָדער בריליאַנטן. ר׳איז אָפּגעקומען מיט לייכטע ווונדן און מיט שרעק, וואָס איז אים לאַנג געבליבן ליגן אין די ביינער. די דינסט איז אַוועק. דער פאָטער האָט געקראָגן אַרבעט אין ערשטן־רעסאָרט, מרים איז געוואָרן אַ לערערין, דער עלטערער זון, קלמן, האָט חתונה געהאַט און די מוטער האָט גענומען צוזאַמענשטעלן פּאַטראָוועס פון דער מאָגערער „ראַציע״. דאַן איז געקומען דער

צווייטער קלאַפּ: דער וווינונגס־אַמט האָט צוגעשיקט אַ מעלדונג, אַז אין צוויי וואָכן אַרום מוז די משפּחה פאַרלאָזן די דירה און איבערטראָגן זיך אין איין צימער אויף דער פראַנצישקאַנער־גאַס.

אין הויז איז געוואָרן אַ יללה. מ׳האָט גענומען לויפן מיט ביטעס, אָנגע־וואָנדן פאַרשידענע פּראָטעקציעס — ס׳האָט געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. די וווינונג האָט געזאָלט קריגן אַ „שישקע״ פון רומקאָווסקי׳ס גוואַרדיע.

אויפן הויף איז פאַרפאָרן אַ וואָגן, געצויגן פון צוויי פאַרשווינען: איינער — הויך און רעשיק ווי אַ דעמב, דער צווייטער — אַ כיבקע יידל מיט צוויי לאַנגע הענט. די שליחים פון „טראַנספּאָרטאַציע־אָפּטיילונג״ זיינען אַריין אין שטוב מיט אַ שטורעם און גענומען שלעפּן די זאַכן.

— שטייט ניט! העלפט אַראָפּנעמען די בעבעכעס! — האָט זיך דער צעוואָקסענער ייד צעכאָרכלט — מעשה באַלעגאָלע — מיר דאַרפן נאָך היינט מאַכן אַ צווייטן קורס... און וואָס זיצט איר, באַלעבאָסטעשי, און מאַכט זיך נאַריש? א פערד איז אייך געפּגרט, ווי מיר? — ר׳האָט זיך צעהירזשעט, אַנטבלויזנדיק רויטע יאַסלעס און הויכע, ווייסע ציין.

מיט פאַרוואָרפענע איבער די אַקסלען פּעטליעס, די הענט אויפן דישל, האָבן די צוויי מענטשישע פערד געשלעפּט די, אָנגעהויפטע מיט מעבל, געצ־שיר און טלומאָקעס, פור איבער די געסלעך פון געטאָ. דעם וואָגן האָבן אונטערגעשטופּט דער פאָטער, הערש, קלמן, מרים און שמולעק. די מו־טער איז געגאַנגען אויפן טראָטואַר און געווישט זיך די אויגן.

ווען מ׳האָט צעשטעלט די בעטן, איז שוין געוואָרן טונקל. מ׳האָט אָנ־געצונדן די עלעקטרע און גענומען אויספּאַקן די טלומאָקעס און רענצלעך. דאַן איז מיטאַמאָל אויסגעגאַנגען ס׳ליכט און ס׳איז געוואָרן שטאָק־פינצ־טער. אַ סקרוך איז אַדורך העניעקן, אַן אומקלאָרע אַנונג, וואָס איז געבליבן אין זיין געדעכעניש פאַר לאַנגע יאָרן.

דאָס מטושטשדיקע פאָרגעפיל האָט זיך אין זיין זכרון צונויפגעגאָסן מיט דער דערמאָנונג פון זיינע אומווילנדיקע, קאַלטע הענט, וואָס האָבן אונטערגעשטופּט די פור, געגליטשט זיך איבערן האַלץ אין א מוטנער אַטמאָספער פון פויזנדיקער צייט, פון הילפסלאָזיקייט און אַפּאַטיע. — — —

מרים׳ס מוטער איז אַריין אין צימער מיט אַ טעפּל מאַרמעלאַדע. אַ פּאַרסאָפּעטע, האָט זי זיך צוגעזעצט אויפן בענקל ביי דער טיר, דערלאַנגט דער טאָכטער דעם „ראַציע־צוטייל״ און זיך דערפרייט מיט הערשן:

—מ׳האָט אייך שוין לאַנג ניט געזען, וואָס האָט פּאַסירט?

— האָסט לאַנג געוואַרט אין דער „קאָלייקע״? — איז די טאָכטער אַריין אין די רייד.

— ס׳איז געווען אַ געדראַנג, כ׳בין קוים אַרויס מיטן לעבן און אַלץ פּאַר דעם ביסל פּאַרזיסטן שמירעכץ, מ׳שטיינסגעזאָגט. דער קעראָוניק פון דער קאָאָפּעראַטיוו האָט געפרעגט, פּאַרוואָס דו ביסט ניט געקומען...

הערש האָט דערזען, ווי מרים האָט זיך פּאַרויטלט און ס׳האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן.

די מוטער האָט גענומען גרייטן די וועטשערע און געשפּאַנט איבערן צימער מיט פּאַמעלעכע, שווערע טריט, נאָכשלעפּנדיק די פיס. העניעק האָט געקוקט אַ פּאַרחידושטער אויף איר גאַנג און געטראַכט, אַז מענטשן אין געטאָ פּאַרענדערן זיך שנעל און באַמערקן דאָס ניט אַליין.

— ווער ווייס, ווי איך זע אויס? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו זיך.

— וואָס לאַכסטו? — האָט מרים נייגעריק געפרעגט.

ר׳האָט איר געוואָלט ענטפערן, אָבער שמולעק האָט געעפנט די טיר. ער איז געווען פּאַרפרוירן און פּאַרצווייפלט. זיין בלייך, סענסיטיוו פּנים האָט געציטערט פון אויפרעגונג:

— ס׳האָט אויסגעפּעלט קילריבן.. און אַ העלפט מענטשן איז אַוועק מיט גאַרניט. פון דער קעלט שטעכט מיך אין די פינגער און אין די פּלייצעס.

— ווען מיר מאַרגן אָדער איבערמאָרגן קריגן, נעם זיך ניט איבער, וואַרעם זיך בעסער אָן ביים קיכל...

די מאַמע באַרואיקט איר מיזינעק און לייגט אַרויף אויפן פּלייש־ברעטל אַ טייל פון די אויסגעוואַשענע קאַרטאָפל־שאָלן. גלייך הערט מען דאָס קלאַפּן פון האַק־מעסער, ווי זי וואָלט געגרייט ציבעלעס מיט לעבער פּאַר שבת.

די דערינערונג רופט אַרויס אַ שמייכל אויף דער מוטער׳ס פּנים.

— וועט נאָך אַמאָל קומען דער שבת מיט פיש און פלייש, מיטן גיין צום דאַוונען און קידוש... ? ווו ביסטו, שבת ?

זי נעמט פרעגלען די „לאַטקעס" אויף דער, באַפעטסטער מיט עטלעכע טראָפּנס אייל, פּאַטעלניע און גיט אַ טיפן זיפץ.

זיי זיצן שוין ביים טיש, אונטער דער אַלטמאָדישער, עלעקטרישער הענגלאָמפּ. פון דער אויפגעוואַרעמטער זופּ — אין דער וואַזע, וואָס געדענקט בעסערע צייטן — שלאָגט אַ פּאַרע. די מאַמע שעפּט אָן „רומקאָווסקיס־גאָב" מיט אַ גרויסן פּאָרצעלאַנענעם לעפל און גיסט יעדן אַריין אין טעלער.

— ניט מיר — ווערט זיך הערש — כ׳האָב שוין געגעסן !

ס׳העלפט אים אָבער ניט.

— מאַכט זיך ניט קינדיש, ס׳איז מער וואַסער, ווי זופּ !

און וווּנדער איבער וווּנדער : ביי יעדן איינעם באַווייזן זיך אויף דעם טעלער דריי ברעקלעך גלעזיקע און גליטשיקע קאַרטאָפל. די מוטער נעמט אַראָפּ פון אירע דריי — איינס און דערלייגט שמולעקן. נאָכדעם, ווי אַלע ענדיקן ס׳עסן, גיט זי אַ „דאַלעווקע" איר זון.

— צוויי שטיקלעך קילריבן ! — רופט אויס שמולעק מיט התפעלות.

— ביסט מזל׳דיק ! — שמייכלט די שוועסטער.

העניעק קוקט אויף דער מאַמען און זעט, ווי זי אָבסערווירט מיט הנאה יעדן שלונג פון איר קינד.

— אַלץ, ווי געווען מיט לאַנגע וואָכן צוריק — דאָס זעלבע צימער, די זעלבע וועטשערע, נאָר אויפן פּאָטער׳ס שטול זיצט די מאַמע. ניט די פרוי דערמאָנט איר מאַן, ניט ס׳יינגל — דעם טאַטן. אַ קראַנקער אין געטאָ איז ווי אַן אומנויטיקער באַלאַסט אויף אַ שיף, וואָס טרינקט זיך און דער מענטש, וואָס גייט אַוועק, באַפרייט דעם אויסגעשעפּטן מוח פון זאָרג און די מידע פיס — פון גיין.

— וואָס טראַכט איר אַזויפיל, פּאַניע העניעק, נעמט אַ לאַטקע. ז׳איז אָנגעשמירט מיט אַ קאַפּ מאַרמעלאַדע, אַנשטאָט צוקער.

נאָכן מאָלצייט. די מוטער וואַשט ס׳געפעס לעבן קיכל, וואַרפט פון צייט צו צייט אַ בליק אויף מרימען און הערש׳ן, וואָס זיצן אויף דער קאָזעטקע.

— אַ געפּאַסט פּאָרל.

שמולעק ליגט אָן שיך אויפן פאַרבעטן בעט און דרעמלט.

— ר׳איז אויסגעשעפּט — ווייזט מרים מיטן בליק אויף איר ברודער — ער וואַקסט און דאַרף עסן אַ סך. ר׳האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין שטרוי־רעסאָרט, אָבער ער האָט געמוזט אויפהערן... ר׳איז קראַנק געוואָרן. פרעגסט וועגן מיין אַרבעט? די פרויען, די רוימערינס זיינען אויסגעצערט פון נויט און באַוועגן זיך קוים. זיי דאַרפן דאָס אויספירן אַלע דייטשע געזעצן וועגן ריינקייט. דאָ גיבן זיי אַ וואַש, דאָרטן אַ שמיר מיט דער בערשט, אַ קער מיטן בעזעם — און שוין, פאַרטיק. כ׳מאַך זיך ניט זען. צו וועמען קענסטו האָבן טענות? צו אויסגעשעפּטע, אויסגעמאַרכטע פּיס און הענט? טאָ האָב איך טאַקע געקראָגן, היינט, די אמתע פאַרציע פון באַלעבאָס, דעם קעראָוניק: — היתכן, איר לאָזט דאָס צו? אַ שיינע „גאָספּאָדיני סאַניטאַר־נע״ זייט איר! אויפן ערשטן שטאָק וואַלגערט זיך מיסט אין די ווינקלען, די פּאָדלאָגע אויפן צווייטן גאָרן איז שמוציק, אויף די פענצטער ליגן בלאָ־טיקע שטשערקעס... איר מוזט די לאַכודרעס אָנלערנען איינמאָל פאַר אַלע מאָל... איר מוזט זיי אָנזאָגן אַ פּסוק מיט אַ שטעקן: אויב זיי וועלן ניט האַלטן ריין, וועל איך זיי פאַרהאַלטן די זופּן...

— טאָ, וואָס מיינסטו צו טאָן, מרים?

— אָט דאָס! — האָט זי אים שנעל אַ קוש געגעבן אין דער באַק.

ער האָט זי געוואָלט נעמען אין די אָרעמס, אָבער זיך באַצייטנס געכאַפּט, אַז איר מוטער אָבסערווירט זיי ביידע.

ס׳איז אים אויפן געדאַנק געקומען זייער ערשטע באַגעגעניש אין הויז פון לערער קליין, אויף דער זגערזשער גאַס. דער לערער האָט נאָך פאַר דער מלחמה געוווינט אין דער דירה, אין דער געגנט, וואָס איז אריינגענו־מען געוואָרן אין דער געטאָ־טעריטאָריע. דאָס מאַסיווע, טונקעלע מעבל, די מאַהאָניאָווע בעטן, די אויסגעלייגטע טעפּיכער, די פאַרהאַנגען און ראַ־לעטן, די אַלטע, פאַרגעלטע לאַנדשאַפטן אויף די ווענט, די גרויסע טעפּ אויף דער לאַנגער, קאַפּלאַנער קיך — אַלץ האָט געטראָגן א צייכן פון אַ נאָרמאַל לעבן, רואיקער באַלעבאַטישקייט.

אין דער געררוימער ווינונג זיינען זיך צונויפגעקומען די יונגע יידיש־לערער אויף אַ באַראַטונג. זיי האָבן זיך אָראָפּגערעדט פון האַרצן און באַ־

קלאָגט אויפֿן קליינעם געהאַלט, וואָס סטייעט קוים אויסצוקויפֿן די „ראַציע״.
— מ׳דאַרף גיין מיט אַ דעלעגאַציע צום „אַלטן״!
— צו דער שולן־אָפּטיילונג!
— צום פֿירער פֿון דער אָפּטיילונג!
אַ הויכע ברונעטין האָט גענומען ס׳וואָרט. זי האָט זיך ניט געקאָכט, ווי אַנדערע. זי האָט גערעדט לאַגיש און געלאַסן, שמייכלענדיק מיט אירע קליינע, רויטע ליפּן. זי האָט פֿאַרענדיקט און אָפּגעשאָקלט דעם אַש פֿון פּאַפּיראָס, וואָס ז׳האָט געהאַלטן צווישן צוויי לאַנגע פֿינגער. הערש האָט באַמערקט איר רונדיק־לענגלעך געזיכט, אירע שוואַרצע אויגן, פֿאַריסענע קליינע נאָז און די רויטע ווונד פֿון מויל.
זי איז געזעסן מיטן רוקן צום פֿענצטער. אויף דעם הינטערגרונט פֿון די ווייסע פֿאָרהאַנגען, איז זי, מיט איר געשטאַלט, מיט די שטריכן פֿון איר פּנים, עטוואָס טונקעלער הויט־קאָליר, געווען ענלעך צו אַ שפּאַנישער טענצערין. כאָטש ז׳איז געווען אויסערלעך באַהערשט, האָט העניעק אין אירע בלישטשענדיקע אויגן, אין דעם צונויפֿפּרעסן פֿון צייט צו צייט די רויטע ליפּעלעך און צוק פֿון קליינע נאָז־לעכער, איגעם אומאויפֿהערלעכן רויכערן — דערשפּירט דעם געצוימטן אומרו.
די רוישיקע פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אויסקלייבן דע־לעגאַטן. הערש האָט אויסגעצילעוועט, ער זאָל אַרויסגיין צוזאַמען מיט דער לערערין. ביים פֿאַרלאָזן קלייב׳ס וווינונג, האָט העניעק אַ דריק געגעבן דעם לערער׳ס האַנט:
— ביי איך דאָ פֿילט מען ניט, אַז ס׳עקזיסטירט אַ געטאָ.
— יאָ — האָט קליין אַ שמייכל געטאָן — איך פֿיל שוין גאָר — כ׳האָב סוכאָטעס.
הערש און מרים זיינען ביידע אַראָפּ פֿון די טרעפּ.
— אין וועלכער שולע אַרבעט איר? — האָט ער זי אָנגעקוקט פֿון דער זייט. זי האָט זיך באַוויגן לייכט, מיט אַ נאַטירלעכער עלעגאַנץ.
— אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס — האָט זי געענטפֿערט און שטי־לערהייט צוגעגעבן: — די שווינדזוכט פֿאַרשפּרייט זיך אין געטאָ און די קראַנקהייט איז ספּעציעל געפֿערלעך פֿאַר קינדער.

זי איז געגאַנגען לעבן אים און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

— כ׳האָב, אויבן, ביי קליינען, געהערט אייער נאָמען, אָבער כ׳קען זיך ניט דערמאָנען — האָט העניעק אַרויסגערעדט, אַ פאַרלוירענער.

— כ׳בין מרים זילבער — האָט זי זיך אויפגעוועקט.

ר׳האָט זי באַגלייט אַהיים און גערעדט צו איר וועגן די קינדער אין דער קלאַס, וועגן בוך, וואָס ר׳האָט איבערגעלייענט, וועגן פארמלחמהדיקע שרייבער.

ר׳איז געווען בייז אויף זיך, וואָס ר׳האָט זיך צוגעשטשעפּעט צו איר, וואָס ער רעדט אַזויפיל, פאַר פייער און וואַסער.

— ווי עמעץ וואָלט מיך אָנגעשיכורט.

— איר גלויבט, מיר וועלן אַרויס לעבעדיקערהייט פון געטאָ? — האָט זי איבערגעריסן זיינע געדאַנקען.

— כ׳בין זיכער, אַז איר און איך וועלן אַרויס.

דאָס פאַרבינדן זיך אפילו ווערטלעך, מיט אַ פרעמדן מענטשן, איז אים אַליין אויסגעקומען אַזוי נאַריש און מאָדנע, אַז ר׳איז מיטאָמאָל אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַרויס? כיבע אין אַ טרונע... — האָט זי זיך צעלאַכט, צוואַרפנדיק אים אַ וואַרעמען בליק.

ר׳האָט אין אירע אויגן אויסגעזען, ווי אַ סטודענט, וואָס באַמיט זיך צו ווילן אַ מיידל, וועלכע ר׳האָט ערשט באַקאַנט. ס׳האָט איר געפאַלן זיין האַלטונג, די היציקע רייד און אַ געוויסע ניט־דערפאַרונג און יוגנטלעכע פרישקייט, וואָס זי האָט ביי מענער שוין לאַנג ניט געטראָפן. זי האָט אויך דערשפירט ביי אים אַן אויסטערלישע זיכערקייט, ווי ר׳וואָלט באַזעסן גרויסע געלטער און ווערט־זאַכן און ניט געשראָקן זיך איינגאַנצן פאַר נויט און געטאָ.

ער האָט זיך מיט איר געזעגנט פאַרן הויז, ווו זי האָט געוווינט. זי האָט זיך פאַרוווּנדערט, ווען ר׳איז אַוועק, ניט בעטנדיק זי אויף אַ באַגעגעניש.

ווען ר׳איז געקומען אַהיים און זיך צוגעשפּאַרט אויף זיין געלעגער, האָט גרשון אים אָנגעקוקט און אַ וואָרף געטאָן:

— זעסט מיר אויס, ווי וואָלסט געווען ניט מיט אַלעמען...

די זון האָט זיך געהאַלטןביים זעצן און דורכן פענצטער האָט זיך אַריינ־געגליטשט אַ שמאָלער, גילדענער פּאַס און געפאַלן אויפן בעט. שטויבעלעך זיינען געפלויגן און האָבן געטאַנצט אין זוניקן שטריף. העניעק האָט אויס־געצויגן זיין האַנט. אויף זיין אָפענער דלאָניע איז געלעגן אַ שטיק זון.

— וואָס מאַכט קלמן? איז אים איינגעפאַלן צו פרעגן מרימען און ס'האָט אים באַלד באַנג געטאָן. זי האָט אים גלייך ניט געענטפערט, ווי זי וואָלט נאָכגעטראַכט, וואָס אים צו זאָגן.

— פאַרשטייסט, מיין עלטערער ברודער האָט אַ פאַרמעגלעכן שווער. ער זיצט נאָך היינט ביי דער גמרא און לערנט. דורך זיין פּראָטעקציע האָט ער געקראָגן א גוטע שטעלע אין שניידער־רעסאָרט. ער האָט אַ ספּעציעלן „טאַלאַן".

העניעק האָט באַנומען זייער גוט די סיטואַציע. קלמן האָט געהאַט אַ פּאַסיווע נאַטור און קיינמאָל זיך ניט צופיל אָנגעשטרענגט, ניט פאַר זיך און ניט פאַר יענעם. איידער ר'האָט חתונה געהאַט, איז מרים פאַר אים געלאָפן צו פאַרשידענע „שישקעס" צו שאַפן פאַר אים אַרבעט, איצט האָט די פּאָזיציע פון פאַרזאָרגערין איבערגענומען די פרוי. מרים'ס עלטערער ברו־דער האָט אַ סך געלייענט און געווען באַהאַוונט אין דער יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור. געפּרוווט אַפילו שרייבן, אָבער עס שנעל פאַר־וואָרפן. געאַרבעט פאַר דער מלחמה אין אַ ביוראָ און פאַרלאָזן די שטעלע. חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס האָט ניט ביי אים צו שטאַרק אויסגענו־מען און ליב געהאַט — נאָך דער חתונה — אַ קוק צו טאָן פון צייט צו צייט אויפן מיידל, וועלכע איז אים געפעלן. ער פלעגט זיך מיט איר טרעפן, אָבער זייערע באַגעגענישן האָבן געטראָגן אַ פּלאַטאָנישן כאַראַקטער.

ס'איז אָפט אויסגעקומען, ווי ר'וואָלט געווען צו מיד נעמען ס'לעבן ערנסט. זיין הויכע געשטאַלט האָט זיך ווי געבראָכן ביים גיין און זיינע אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער אַלעם מיט אַ לאַנגווייליקן אָדער שפּאַסיקן בליק. ס'איז ביי אים אַלץ געווען מער שפּיל, וויווירקלעכקייט. ער איז זעלטן געווען טרויעריק, ווי ס'וואָלט זיך ניט געלוינט דעם לעבן צו שענקען צופיל אויפמערקזאַמקייט. זיין לייכטן צוגאַנג צום לעבן און צו מענטשן האָט מען

אָפּט אויסגעטייטשט ווי עגאָאיזם, אָבער ר׳איז געווען צו שוואַך צו זיין אַן עגאָאיסט, ער פלעגט פאַרבייגיין זיך און אַנדערע מיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

ווען הערש האָט פאַרלאָזט מרים׳ס וווינונג, איז שוין געווען שפּעט. ער האָט געאיילט דורך די האַלב־פינצטערע געסלעך, שמייכלנדיק צו זיך: ניט ער האָט דערציילט מרימען וועגן זיינע איבערלעבונגען, ניט זי איז געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן, ווו ר׳איז געווען אַזוי לאַנג. זי איז געווען צו שטאָלץ זיך צו פאַרנעמען מיט אויספרעגן. זי האָט קיינמאָל ניט ליב גע־האָט אויף עמעצן זיך אָנצושפּאַרן, ניט געהאַט טענות צו קיינעם און אויך ניט געוואָרפן די שולד אויף עמעצן. אין דער צייט ווען דזשוניאַ איז פול געווען מיט פּרעטענזיעס, אָפענע, באַהאַלטענע אָדער קאָקעטירנדיקע.

עס האָבן פאַר אים אויפגעטויכט די טעג און נעכט, ווען ר׳האָט פאַר־בראַכט מיט מרימען, אויפנעמענדיק צוזאַמען מיט איר און אויך מיט די אַנדערע לערערס די טראַנספּאָרטן פון יידן פון דייטשלאַנד, טשעכאָס־לאָוואַקיע און לוקסעמבורג.

...אַט מאַרשירט אויף דער ברוקירטער גאַס אַ פּאַרטיע פון עטלעכע הונדערט מענטשן, אָנגעלאָדנט מיט פּליעדן, רעגן־מאַנטלען, לעדערנע וואַ־ליזעס, איבערגעוואָרפענע דורך די אָרעמס „טאַשן״, רוקזעק פון בערג־קלעטערער. פּנימער — איבערגעשראָקענע, אָבער פולע, געזונטע. פיס — אין דיק באַזוילטע שיך, קאַמאַשן, שטאַרקע פּאַנטאָפל. די מענטשן שניידן די גאַס, באַוואַכט פון אַלע זייטן דורך דייטשער פּאָליציי אין גרינע אוניפאָרמען און מיט קורצע, אויטאָמאַטישע ביקסלעך. די אויגן פון די ניי־אָנגעקומענע קוקן מיט חידוש אויף דעם ברוק, אויף די הילצערנע הייזלעך, אויף די פאַרחושכטע געביידעס, אויף די שמאָלע געסלעך, אויף אויסגעדאַרטע מענט־שישע פערד, וואָס שלעפּן אַ פעסל מיט פעקאַליעס, אויף די אָפּגעריסענע געשטאַלטן, וואָס יאָגן זיי פאַרביי.

דער טראַנספּאָרט פליסט אַריין אין הויז פון דער געוועזענער שולע אויף פראַנצישקאַנער גאַס. פון ווילעס, לוקסוס־הייזער, מאָדערנסטע וווינונ־גען יאָגן אַריין די מענטשן אין לאַנגע קאָרידאָרן, ווייניק באַלויכטענע, אין ענגע צימערן פול מיט הילצערנע פּריטשעס, איינע איבער די אַנדערע. די

ערשטע טעג, קענען זיי ניט פאַרדייען די קעסל־זופּ. זיי ברעכן אויס די יושקע. זיי שטעקן אויס די טערמאָסן צו די לערערס און בעטן הייס וואַסער, פרעגן זיך נאָך אויף פּריוואַטע רעסטאָראַנען, געוועלבער, אויף אויפקויפערס פון „שמוק״, טייערע וועש, גוטע שיך. זיי באַקלאָגן זיך אויפן שמוץ אין די צימערן, עקלען זיך פאַר די אַלגעמיינע בתי־כסאות, גייען נערוועז איבער די קאָרידאָרן, שטייען אין קופּקעלעך אויפן הויף, דיסקוטירן און וואַרעמען זיך אויף דער האַרבסטיקער זון. אַ מאָלער מיט אַ שויבער פון בלאָנדע האָר אויפן גרויסן קאָפּ, אַ באַוואָקסענער פון ניט ראַזירן זיך עטלעכע טעג, האָט אַ זאָג געטאָן צו מרימען: — כ׳האָב אַלץ פאַרלוירן: מיין רייך הויז, מיינע בילדער, אַ גרויסע קאָלעקציע פון מייסטערווערק פון די האָלענדישע מאָ־לער, מיין גאַנץ פאַרמעגן, נאָר אויב ס׳געפינען זיך נאָך דאָ, אַזעלכע שיינע פרויען, ווי איר, טאָ לוינט זיך נאָך צו לעבן...

אַ סטאַטעטשנער מאַן, אין דיקע ברילן און אַ קול פון אַ „קאַנטאָר״, לייענט פאַר די לערערס זיין פּאָעמע: „רוים און ירושלים״ אין קלינגעוודיקע, דייטשע פערזן. זיין קול ציטערט, ווען ער פאַרענדיקט מיטן נצחון פון יהודה. אַן עלטערער הער גייט אַרום און בעט שלאָף־פּילן. אַ פרוי זיצט אויף די טרעפּ מיטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס און, אויף אַלע ביטעס פון הערשן און מרימען, ענטפערט זי מיט אַ שאָקלען מיטן קאָפּ, אַהין און צוריק, ווי עפּעס אַ ספּרוזשינע וואָלט קאַליע געוואָרן אין איר סיסטעם. זי לאָזט זיך ניט צוריקפירן צו איר צימער, זי האַלט אין איין איבערחזרן: — כ׳מוז אַוועק פון דאַנען! עס קומען צו עטלעכע פרויען, רעדן צו איר עפּעס אויף דייטש, נעמען זי אונטער די הענט.

— ICH HABE EIN EISERNEM KREUZ! — שטעלט זיך פאַר, אַן אויסגעצויגענער, ווי אַ סטרונע, אָפיציר פון דעם ערשטן וועלט־קריג. ער בעט די לערערס צו אינטערווענירן וועגן אים און נאָך עטלעכע, וואָס זיינען אין טראַנספּאָרט, זיי זאָלן שנעל באַקומען נאָרמאַלע וווינונגען.

אויף דעם ברעטל פון איינציקן פענצטער, אין לאַנגן קאָרידאָר, האָט זיך איינקוואַרטירט אַ יונגערמאַן אין אַ וויסן ספּאָרט־סוועטער, קורצע הויזן, דיקע שוואַרצע זאָקן ביז די קני. ער קוקט דורכן אָפענעם פענצטער פון דריטן שטאָק. אַט האַלט ערביידע פיס אויפן ברעטל און אָט שטעקט ער

אַרויס איין פוס דורכן פענצטער, ווי ר׳וואָלט זיך געוואָלט מיט עמעצן רייצן. ווען הערש מאַכט אים אויפמערקזאַם אויפן געפאַר, קוקט ער אים אָן מיט אַ פּאָר פאַרביסענע אויגן און שווייגט. העניעק לאָזט אים אָבער ניט אָפּ. דאַן בלאָזט דער בחור אָן זיינע ראָזע באַקן און לאַכט אַרויס:

— ניקס צו פאַרלירן, מיין גנעדיקער הער, ניקס!

אין די לאַנגע, קילע נעכט, ווען זיי האַלטן דיזשור, דערציילן זיך מרים און הערש וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט, פון די גימנאַזיע־יאָרן, ליבעס פון בחורים מיט מיידלעך, „ראַנדקעס״, „וויעטשאָרקעס״ און צענדליקער נאַ־רישקייטן, וואָס זיינען איצט אַזוי טייער געוואָרן זייער האַרצן. פון צייט צו צייט קריגן זיי טאָפּלטע זופּן, מיט האַבערפלאָקן און גוטע, מעליקע קאַר־טאָפל. מרים נעמט אַרויס פון איר פולן טעפל עטלעכע קאַרטאָפל און וויקלט זיי איין אין אַ פּאַפּיר, וואָס זי האָט געבראַכט פון דער היים.

— פּאָר שמולעקן — זאָגט זי, אַ גליקלעכע.

אויסגעשקראָבעט די טעפלעך ביזן לעצטן טראָפּן, אָפּגעלעקט די לעפל, זיצן זיי זאַטע, איינער אַקעגן דעם אַנדערן. ער נעמט אָן אירע הענט איבערן הילצערנעם טיש. זיי בייגן זיך איין און זייערע ליפּן טרעפן זיך. זיי צעלאַכן זיך מיט אַ פריידיק געלעכטער. דאָס גוטע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ס׳איז קיינמאָל ניט געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. — — —

עס איז אים אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק אַ פּאַסירונג פון יענע טעג. אומגעריכט באַוויזן זיך אין לאַגער דריי געסטאַפּאָ־לייט אין גלאַנציקע, אויסגעבויגענע היטן, און ברוינע, לעדערנע מאַנטלען. זיי פאַרטשעפּן דאָס ערשטע הייפעלע מענטשן, וואָס שטייט צוזאַמען מיט העניעקן אויפן צווייטן שטאָק, פאַרנומען מיט דיסקוטירן פאַרשידענע פּראָבלעמען.

דערזעענדיק די נאַציס, גיבן זיך די דייטשע יידן אַ צאַפּל, ווערן פאַר־שטייפט.

— באַרוף? — גיט איינער פון די היטלעריסטן אַ שטרענגן קוק אויף אַ רונדפּנימדיקן, פעטן מאַן מיט אַ טאָפּלטן גוידער.

דער ייד, דערשראָקן אויף טויט, ווערט צעמישט און רעדט אַרויס: — דויטשער בירגער.

הערש גיט אַן אינסטינקטיוון שמייכל און גלייך דערהערט ער אַ ווילד געשריי:

— וואָרום לאַכן זי?

ער וויל עפּעס זאָגן, אָבער מ׳וויל אים ניט הערן. זיי פירן אים שוין זאַלבעדריט. פון די לאַנגע לעדערנע מאַנטלען טראָגט זיך אַ חיהשער אַוויר. העניעקס פּיס גייען הונדערטער מיילן, אָבער קענען ניט צוקומען צו אַן ענד.

אַצינד לויפן אים אַקעגן דריי פּאָר אויגן, גרויס, ווי די אייזערנע פּעסל — רייפן, מיט וועלכע ר׳האָט זיך, קינדווייז, געשפּילט.

— אויסווייז? אויסווייז? — קריצן די אייזערנע רעדער.

— איך האָבּ ניכט — ענטפערט זיין איינגעשרומפּט מויל.

—באַרוף? — שפּיזן אים די אויגן.

— לערער...

זיי פירן אים ווידער. זיי שטעלן זיך פּלוצעם אָפּ און הייסן אים גיין.

ער וואַקלט זיך אַוועק, ווי ביי אַ ים־קראַנקהייט. שפּאַרט זיך אָן אַן דער וואַנט. מענטשן רינגלען אים אַרום, דערלאַנגען אים וואַסער.

דריי טעג שפּעטער טרעפט ער אויף דער גאַס זיין באַקאַנטן, יוסף קימל, דעם סעקרעטאַר פון שולן־אָפּטיילונג. יוסף גיט אים איבער, אַז די געסטאַפּאָ האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן אים, זיין עבר, זיין אַרבעט.

ער שטייט אַ ווײַלע צערודערט, ווי עמעץ וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. קענטיק, זיי האָבן אים נאָך ניט אָפּגעלאָזט. זיי וועלן קומען נאָך אים, היינט אָדער מאָרגן. זיי האָבן צייט. זיי ווייסן, ער קען ניט אַרויס פון געטאָ.

ער האָט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. ביינאַכט האָבן זיך אים געחלומט געסטאַפּאָ־לייט, בייטאָג האָט ער זיך ניט געקענט באַפרייען פון נאָכצוטראַכטן וועגן דער געפאַר, וואָס לויערט אויף אים. ער האָט גענומען גלויבן, אַז אין געוויסע פאַלן, לאָזט די געסטאַפּאָ אירע קרבנות וואַרטן, כדי זיי זאָלן ביסלעכווייז אַראָפּ פון זינען. וואָס ווילן זיי פון אים? אפשר האַלטן זיי, ר׳איז אַ באַהאַלטענער בונטאָווסטשיק, וואָס פירט אָן מיט אַ געהיימער גרופּע און זיי ווילן דערגיין, ווער ס׳זיינען זיינע חברים?

ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מ׳גייט אים נאָך. אויב ס׳זיינען דאָ

אין געטאָ יידן־מוסרים, טאָ זיינען אויך אוודאי דאָ שפּיאָנען. ר׳האָט אויפ־געהערט צו גלויבן מענטשן, ר׳האָט אויסגעווייכט די שכנים. ער האָט זיך גענומען אויסהיטן צו רעדן וועגן פּאָליטיק.

ער האָט גראָד געהאַלטן ביים וואַשן די בוראַקעס־בלעטער, צוצוגרייטן אַ פּאַטראַווע פאַר זיך און דעם שלאָפנדיקן גרשון׳ען — ווען עמעץ האָט האַסטיק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. דער בלעכענער קרוג, פון וועלכן ר׳האָט געגאָסן ס׳וואַסער, איז אַרויס אים פון דער האַנט. שומשטיין איז אַריין אין צימער.

— וואָס איז אייך? — האָט ער אָנגעקוקט דעם, ווייסן ווי קרייד, שכן.

— אָ, גאָרניט, גאָרניט — האָט הערש גענומען אויסווישן ס׳וואַסער פון דעם דיל מיט אַ שמאַטע.

—איר זעט מיר אויס חולהוואַטע — האָט געערעדט שומשטיין, אַנטוישט פון דער אויפנאַמע, וואָס העניעק האָט אים געגעבן.

— אַנטשולדיקט מיר — האָט הערש פּרובירט צו געבן אַ שמייכל — מיר וועלן זיך באַלד אויסשמועסן, לאָמיך נאָר מאַכן דאָ אביסל אָרדענונג.

— וואָס מאַכט גרשון? — האָט שומשטיין גענומען נאָכפרעגן וועגן זיין פריינט, ווען העניעק האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— כ׳האָב ערשט נעכטן געהאַט דעם דאָקטער. ר׳האָט וויטיקן אין מאָגן. כ׳גיב אים פּראָשקעס, פון וועלכע ער שלאָפט ווי אַ געהרגעטער.

— און וואָס הערט זיך ביי אייך?

הערש האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט נאָך ביז איצט קיינעם ניט דערציילט, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, אפילו ניט מרימען און גרשונען. ער איז געווען צוגעווינט, פון קינדווייז אָן, צו פאַרהוילן זיינע ראַנגלענישן, שרעקן און זאָרגן און זעלטן ווען האָט ער אַנטפּלעקט, וואָס עס קומט פאָר אין זיין נשמה.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין שומשטיינען, ווי ר׳וואָלט פעסטשטעלן, אויב ער איז דער אייגענער מענטש, וועלכן ר׳קען שוין אַזוי לאַנג. דער שכן האָט אַוועקגעלייגט זיין דלאָניע אויף העניעקס האַנט און דער וואַרעמער אָנריר האָט אויפגעמאַכט ביי הערשן אַלע טאַמעס. די ווערטער האָבן גענומען

פליסן פון לערער׳ס מויל, ווי אַ שטראָם, וואָס איז מיטאַמאָל באַפרייט געוואָרן פון אַלע צוימען.

— כ׳האָב דערקענט, אַז איר זייט איבערגעשראָקן — האָט שומשטיין רואיק אַ זאָג געטאָן, ווען העניעק האָט פאַרענדיקט — איר האָט מורא אייגנטלעך פאַרן טויט. מיר פילן אַלע די זעלבע שרעק, ווי אונדזער לעבן דאָ וואָלט געווען א גן־עדן. אין דער אמתן, שטאַרבן מיר דאָ אויף ראַטעס, איך און איר און גרשון און טויזנטער אַנדערע. אין אייער אימה, לעבט איר אָבער איבער דעם טויט הונדערט מאָל. און דאָס איז אַ הוילער אומזין! דער טויט איז אַ באַפרייאונג, אַן אויסלייזונג פון אַלע הונגערן, זאָרגן און צרות. אָט ערשט לעצטע וואָך איז מיינס אַ באַקאַנטער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בריק אויף דער זגערזשער גאַס און געמאַכט אַ סוף צו זיין טאָגטעגלעכער מאַטערניש. קען זיין, כ׳וואָלט געטאָן דאָס זעלבע, אָבער ס׳האַלט מיך אויף ביים לעבן דער געדאַנק, אפשר וועל איך נאָך דער מלחמה געפינען מיין קינד, מיין ייִנגעלע... ווען מ׳האָט אונדז צונויפגעטריבן אויפן מאַרק פון אונדזער שטעטל און די עס־עס־לייט האָבן גענומען כאַפּן די קינדער און די פרויען — מיין ווייב האָט מען דערשאָסן — האָב איך באַוויזן צוצולויפן צו מיין שוועגערין, וואָס איז געשטאַנען מיט איר מאַן ניט ווייט פון מיר.

— מלכהלע — האָב איך אויף גיך אַ זאָג געטאָן — היט מיר אָפּ מיין קינד און אנטלויף מיט אים, ביי דער ערשטער געלעגנהייט...

אַן אייזערנער קאַנטשיק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיינע פּלייצעס, אָבער צוריקיאָגנדיק צו מיין פּלאַץ, איז מיר געלונגען צו כאַפּן אַ קוק הינטערווייַלעכץ: מיין שוועגערין איז געשטאַנען אויף דער פויערישער פור, האַלטנדיק מיין קינד ביים הענטל... כ׳האָב געהערט שפּעטער דעם גערויש פון די פורן הינטער מיינע פּלייצעס, דעם געקנאַק פון די וועגענער, וואָס זיינען אַוועק מיט די פרויען און קינדער. דער געזשום שטייט אין מיינע אויערן און וועט אַזוי שטיין ביזן סוף פון מיין לעבן, ביז דער ענד פון אַלע וועלטן...

— יעדן איינעם — האָט אים געענטפערט הערש — האַלט עפּעס אַנדערש אויף ביים לעבן, אָבער זעלבסטמאָרד טאָר קיינמאָל ניט זיין קיין לייזונג

פאַר אונדזער פינצטערער דאָליע. זעלבסטמאָרד — מיינט דערזערציע. און מיר מוזן קעמפן און בלייבן לעבן און ניט אונטערגעבן זיך, בשום אופן, אפילו דעם ערגסטן גורל...

ער האָט אָפּגעענטפערט שומשטיינען, פילנדיק גלייכצייטיק, אז דעם שכנ'ס אופן רעדן, זיין געלאַסענער, ברידערלעכער טאָן און די רו, וואָס רינגלט אים אַרום, זיינען ווי אייל אויף די צעכוואַליעטע וואַסערן פון זיין געמיט.

שומשטיין האָט געשמייכלט און געשוויגן.

— און דער טויט — האָט העניעק געצויגן אַ געשטאַרקטער און זי־כערער — איז ניט דער סוף פון לעבן. דאָס איז דער אָנהויב פון אַ ניי לעבן. אָט נעמט די גוסיעניצע, וואָס לעבט, פויזנדיק איבער די בלעטער פוןביימער. איר רינגלדיקער, גרין־האָריקער גוף שרומפּט איין מיט דער צייט, צעפאַלט זיך און מיטאַמאָל באַוויזט זיך אַ טאַרבעלע — די פּופּע. אומבאַוועגלעך הענגט זי אַראָפּ פון אַ צווייג. אומגעריכט פּלאַצט זי אויף און עס פליט אַרויס אַ פאַרשידנפאַרביק פלאַטערל — אַ ניי לעבן הייבט זיך אָן. דער טויער צו אַ ניי לעבן גייט דורך טויט. קוק זיך אַרום און דו וועסט זען אויף דער ערד אַן אומאיבעררייסבאַרע קייט פון עקזיסטענץ, פון לעבן.

— און דאָס געטאָ ? — האָט שומשטיין, לאַכנדיק א פרעג געטאָן.

— דער אונטערגאַנג דאָ פירט אויך צו אַ ניי, ליכטיק לעבן...

— וועלן מיר עס דערלעבן ?

— אויב ניט מיר, טאָ — אַנדערע יידן — האָט העניעק אָנגעשעפּט מיט דער קרוג וואַסער און אַרויפגעגאָסן אויף דער שיסל, ווו ס'זיינען געלעגן די בוראַקעס־בלעטער.

ער האָט אַוועקגעשטעלט די קרוג און זיך געוואָנדן צום שכן:

— פילט איר ניט אַמאָל, ווי ס'גייט אייך דורך א שטראָם פון אַ גרויסער פרייד ? דאָס איז די פרייד פון לעבן, וואָס דרינגט אַדורך, צייטנווייז אָן שום סיבה, אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, ווו זיי זאָלן ניט זיין. ס'נעמט אויך אייך אַדורך די פרייד, ווען מיט אייער אויג, האַרץ און מוח, דערזעט איר, דער־שפירט איר און דערטראַכט זיך צו טויזנטער וועלטן. דאַן דערפילט איר זיך פריי, פריי, כאָטש אייערע הענט קענען זיין געקאָוועט אין קייטן און שטעכיקע

דראָטן רינגלען אייך אַרום פון אַלע זייטן... איר זייט פריי, אָן שרעק, אָן אימה...

הערש האָט זיך אַוועקגעזעצט און גערעדט צו זיך אָנן שומשטיינען, ווי ר׳וואָלט געלייענט פון אַן אַלטן סידור אַ תפילה:

— זאָל די פרייד פון לעבן אַרויסשפּראָצן פון אונדזערעליידן...

ס׳האָט אים אַדורכגענומען אַ דערהויבענע רואיקייט — די קילע שטילקייט פון סאָסנאָווע וועלדער, די מילדע רו פון שנייען אויף די הויכע בערג.

קאַפּיטל פיר

פון די דעכער פון די הילצערנע הייזלעך הענגען אַראָפּ אייזיקע צאַפּן. די טירן גלאַנצן מיט ווייסן פראָסט און די אָפּגעבראָכענע שויבן זייַנען פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס און פאַפּירענע טאָוולען. די געסלעך זייַנען גליטשיק און די, וואָס שפּאַנען אַהיים מיט טעפּלעך און זעקלעך שפּייַז פון דער „ראַציע״, ציטערן ביי יעדן טריט. דאָ און דאָרטן שאַרט עמעץ דעם שניי, שיט זאַמד אויפן גליטשיקן דורכגאַנג, גיט אַ קלאַפּ מיט אַ ברעכשטאַנגע אין פאַרפרוירענעם טראָטואַר און אייזערנעם בריקל. פאַרבאַבלטע געשטאַלטן איילן פאַרביי דער שוואַרצער עגלה, וואָס ציט לאַנגזאַם דורך די געסלעך, אָנגעלאָדנט מיט א שווערער משא.

הערש איז אויפן וועג צו דער ברויט־קאָאָפּעראַטיוו אויף דער ריבנער גאַס. דער פראָסט בריט און בייסט זיין שטערן, נאָז און אויערן. ער פאַרדעקט אויף אַ ווילע זיין געזיכט מיט אַ לעכערדיקער הענטשקע, פון וועלכער ס׳קוקן אַרויס פאַררויטלטע, ווי שטיקלעך בוראַקעס, פינגער. ער איז שוין נאָענט צום געוועלב און פּרובירט אַרויסשלעפּן די ברויט־קאַרטע פון דער קעשענע מיט די האַלב־פאַרפרוירענע הענט, ווען צווי פּאָליציאַנטן פאַרהאַלטן אים צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרבייגייער און טרייבן זיי אַריין אין דער באַזאַרנער גאַס, אויפן גרויסן פּלאַץ, וואָס גרענעצט זיך מיט דער לו־

טאַמיערסקער. עס צערווישט זיך פאַר זיי אַ המון מענטשן, וואָס שטייט דאָ צונויפגעדריקט, קעפּ אויף קעפּ.

העניעק גיט זיך אַ שטופּ אַריין צווישן דער מאַסע. משונהדיק לייכט צע־שאַרן זיך צונויפגעשפּאַרטע אָרעמס, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעטריקנטע, צונויפקעטשעפּעטע צווייגן פון האַלב־אָפּגעשטאָרבענע שטאַמען.

ער גיט אַ בליק איבער די קעפּ.

אין מיטן פון פּלאַץ שטייט אַ תליה.

זי איז פון ניי־געטעסעטע בוילן און לייכט מיט איר ווייסקייט. ווייט אָפּגערוקט, ביי דער לינקער זייט פון פּירעק, געשאַפן דורכן עולם, האָט זיך אויסגעשטעלט אַ שרענגע גרין־געלבלעכע סאָלדאַטן מיט אַ פּויקער אין פראָנט.

אַ צעשראָקענער, צעקנייטשטער, ווי אַ פּופּע אין אַ מאַריאָנעטן־שפּיל, באַווייזט זיך דער הויכער, יידישער פּאָליציי־קאָמיסאַר. ער שטרעקט אויס ביידע אָרעמס, ווי אַ דיריגענט, וואָס הייבט אָן אַ קאָנצערט.

— רוהע! — רייסט ער זיין גאָרגל — רוהע!

דער המון שטילט זיך איין און ער נעמט פאַרלייענען דעם באַפעל פון דער דייטשער מאַכט. זיין שטרענגע שטימע פאַרלירט זיך אָבער באַלד אין טומל פון די מענטשן.

— רוהע! — נעמט ער ווילדעווען און לויפן מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווי אַן אָראַנגוטאַנג אין צירק. זיין פול פּנים ווערט, אויס אָנשטרענגונג און צאָרן, אָנגעגאָסן מיט בלוט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ רויטן, רונדיקן פלעק: אַ צעגליטע, אונטערגייענדיקע זון איבער אַ שוואַרץ, צעאַקערט פעלד — די טונקעלע מענטשן־מאַסע.

דער עולם באַרואיקט זיך און דער קאָמיסאַר כאָרכלט הויך אַרויס דעם אורטייל פון דער דייטשער מאַכט.

די מענטשן־מאַסע צעשושקעט און צעוואַקלט זיך, ווי אַ ים פון זאַנגען, געשמיסן פון אַ שטורעם.

די פּויק טרייסלט־אויף די לופט — צענדליקער ריזיקע אַרבעס גיבן זיך אַ שאָט מיט אַ הילכיקן קנאַק איבערן פּלאַץ, איבער די קעפּ פון די מענטשן, און גלייך נאָכדעם — אין אַ טויטער שטילקייט — פירט מען

צו דער תליה דעם „פאַרברעכער״: ער שפּרייזט אָן הוט, אָן רעקל, די הענט — אין קייטן. נאָענט צו דער תליה, גיט ער זיך אַ רוק אויף צוריק. צוויי דייטשן גיבן אי אַ כאַפּ אונטער די אָרעמס און שטופּן אים צו. אַ רויטהאָריקער מחבל פאַרוואָרפט אים די פּעטליע אויפן האַלדז. אַ קורצער געשריי — און אָט וויגט זיך שוין אויפן בויל דער ייִד.

פּאַמעלעך צעגייט זיך דער עולם, צעפּויזעט און קוקט אויף צוריק, ווו ס׳הענגט זייער ברודער, אַ זון פון זייער פאָלק. אין די פּיבערדיקע אויגן בליצט אויף דער באַגער צו באַצאָלן די מערדער — גלייך אָבער גיט זיך דער הוילער מאָגן אַ צעיאָמער און די אויסגעשעפּטע פּיס נעמען שפּאַנען צו די פּלעצער, ווו זיי האָבן פריער געזאָלט גיין: צו די געמיזע־ברויט־און מילך־קאָאָפּעראַטיוון.

ס׳לייב, וואָס איז קאַלט אפילו זומער־צייט, איז איצט — אין ווינטער — דורכגעפרווירן און זוכט אַ טראָפּן וואַרעמקייט אין די היימען, ווו אין קיכל אָדער קאַנאָנדל צאַנקט נאָך א פּייערל. און דאָרט יאָגן די, וואָס האָבן ניט קיין האָפענונג צו באַקומען עפּעס אין די געטאָ־„לאַדנס״.

דער קערפּער איז אומגעהייער מיד און דער גייסט איז אויסגעדרענגט פון אַלע זאַפטן און געפילן. אַלץ איז אָן אומדערטרעגלעכער עול: דער קראַנקער טאַטע, די שלאַפע מאַמע, די אייביק־הונגעריקע קינדער, דאָס אָנשעפּן וואַסער פון פאַרפרוירענעם ברונעם דורך דרייען ס׳אייזערנע, שווערע ראָד, אָדער באַוועגן דאָס פאַרזשאַווערטע הענטל, דאָס גיין נאָך דער זופּ, שטופּן זיך אין דער ריי, אראָפּטראָגן דעם קיבל און אפילו דאָס ארויפּ־קריכן אויפן ברעטל פון בית־כסא, אָנגעהויפט — ווינטערצייט אָנגעפרוירן — מיט צואות. אַלץ איז אַ גרויזאַמע אָנשטרענגונג פאַר די אויסגעמאַטערטע לייבער, אויסגעמאַרכטע הענט און פּיס. דער טרוים פון די מענטשן: זיך אָוועקלייגן אין בעט און ניט רירן זיך פון אָרט.

דער זכר פון דער תליה וועט אין אַ פּאָר רגע׳ס אַרום מטושטש ווערן אין זייער מוח, וואָס טראָגט זיך, ווי אַ האָלציקע, פּוסטע כלי אויף די כוואַליעס פון הונגער און ציטווייליקער, האַלבער זאַטקייט.

הערש האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם געהאָנגענעם. אַ קליין געזעמל האָט באַטראַכט דעם אויסגעשטייפטן קערפּער: יידן מיט גרויסע שאַלן

אַרום די אויערן, פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע, אָדער מיט פאַטשיילעס, אַרויפגעוואָרפן אויף די צעריסענע, פאַרגרינטע מאַנטלען, וואָס האָבן לויז געהאָנגען אויף זיי, ווי דאָס אָנטאָן ביי די סטראַשידלעס אויפן פעלד. זייערע אויסגעשפּיצטע פּנימער האָבן דערמאָנט פויגלשע שנאָבלען. די שוואַרצאָפּלען פון זייערע אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט, ווי ביי פלוצעם דערשראָסענע חיות.

— ער האָט פּרובירט — האָט אַ ייד מיט אַ שאַרפן קול אַרויסגערעדט — ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן פון דעם געטאָ...

— געוואָלט צוריקגיין דאָרט, ווו ר'איז געבוירן געוואָרן — האָט אַרויסגעמאָמלעט אַן אָנצייניקער מאַנצביל, שאָקלנדיק מיטן קאָפּ.

ס'געזיכט פון געהאָנגענעם איז געווען אַשיק־גרוי, די נעגל פון די געקאָוועטע הענט האָבן זיך געבלויט, ווי די פאַרגעס־מיך־נישט בלימלעך. ער האָט געטראָגן א פּאָר געשטרייפטע, געלאַטעטע הויזן.

—אומזיסט – האָט הערש אַ טראַכט געטאָן — האָבן זיך דער פרוי'ס אויגן געבלענדט — אומזיסט !... האָסט זיך געמוזט ווערן קעגן די דייטשע מערדער, ביסט אָן רעקל, בלויז אין וועסטל...

— יידן — האָט עמעץ מיט אַ הייזעריקער שטימע אויסגערופן — לאָמיר זאָגן קדיש — און אָנגעהויבן אויפן קול: — יתגדל ויתקדש שמה רבא...

הערש האָט נאָכגעזאָגט מיט אַלע, ווען אַ פּאָליציאַנט איז אַרויסגעוואָקסן, ווי פון אונטער דער ערד.

— וואָס טוט איר דאָ ?

— מיר זאָגן קדיש — גייט דער ייד מיטן שאַרפן קול אים אַקעגן.

— מ'טאָר ניט ! משוגעים, וואָס איר זייט ! גייט אַוועק !

דאָס געזעמל האָט זיך צעפלאָסן. דער פּאָליציאַנט איז פאַרשוווּנדן. הערש איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע שריט און קריק צו צום געהאָנגענעם.

— מיר וועלן דיך אייביק געדענקען — האָט ער גערעדט צו אים — און טויזנטער דייטשן וועלן מיר הענגען צו הייליקן דיין נאָמען...

ר'האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען פאַר זיך דעם יידן מיט דער שאַרסטקער שטימע.

— כ׳בין צוריקגעקומען צו פאַרענדיקן דעם קדיש און געהערט דיינע רייד. זינדיק ניט מיט דיין צונג! כביכול׳ס נאָמען דאַרף מען הייליקן, נאָר אים אַליין!

דער ייד האָט פאַרשלאָסן די אויגן און גענומען זאָגן קדיש. ר׳האָט פאַר־דעקט מיט די הענט ס׳פּנים און העניעק האָט מיט שטוינונג דערזען, אַז זיי זיינען שניי־ווייס, ווי דער פראָסט וואָלט ניט געהאַט קיין שליטה איבער זיי. הערש האָט זיך פאַרקוקט אויף דער תליה און מיט שוידער געטראַכט, אַז דעם כלי־משחית האָבן געטעסעט און צונויפגעשטעלט די געצוווּנגענע הענט פון יידישע סטאָלאַרעס.

ר׳האָט געוואָרט אָפּצוענטפערן דעם ייד. ר׳האָט געוואָרפן אַ קוק אין זיין זייט. ס׳אָרט איז געווען פוסט.

הערש איז אַוועק און זיך נאָך איינמאָל אומגעקוקט. דער פראָסט האָט געבריט דעם גרויען קאָפּ פון געהאַנגענעם, דער ווינט האָט אים געוויגט. מיט צעשפּרייטע תליה־פליגל האָט ער זיך אַקעגנגעהוידעט דער שכינה, וואָס איז געווען ווייט, העט ווייט פון אים.

✶

— דער בטחון איז אייביק אַן אומגליקלעכע מידה פון יידישן פאָלק. דאָס טהרה־הויז אויפן בית־עולם איז אָנגעהויפט מיט מתים — ווי מיט מיסט. די באַגרעבער קענען זיך ניט קיין עצה געבן. אין די געטאָ־היימען ליגן הונדערטער, שוואַכע־קראַנקע מענטשן. מ׳שיקט טויזנטער אַרויס. וווהין? קיינער ווייסט ניט. כ׳קען אייך פאַרזיכערן, אַז זיי וועלן קיינמאָל ניט צוריקקומען. מ׳הענגט יידן! און מיר — נאַאיווע באַשעפענישן — גלויבן נאָך אַלץ, אז די גאולה איז נאָענט... האָט ניט קיין טעות! מיר וועלן זי ניט דערלעבן... מיר מוזן עפּעס טאָן!

ד״ר וואָלסקי האָט געענדיקט און איינגעקוקט זיך אין די עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אין צימער, ווו ר׳פלעגט אויפנעמען די קראַנקע.

ער האָט אַוועקגעלייגט אויף דעם טיש זיינע ביידע הענט, גרויסע, שטאַרקע ידים פון אַ שמיד, וועמעס הויט האָט געהאַט די קאָליר פון קופּער. אַוועקגעלייגט — ווי ר׳וואָלט וועלן זאָגן:

— אָט האָט איר מיינע הענט. וואָס ר׳וועט באַשטימען, וועל איך אייך צוהעלפן.

די מענטשן אַרום טיש האָבן געשוויגן. וואָלסקי האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַנען איבערן צימער. אויפגעקנעפּלט דעם קראַגן ביים העמד, די מאַרינאַרקע. זיין מאַסיווער קערפּער האָט זיך ווי געשטיקט אין דעם גע־פּאַסטן אַנצוג. זיין שווערער גוף האָט זיך געוויגט אויף די הויכע פּיס, וואָס האָבן נערוועז געשפּרייזט איבערן דיל.

— אויב מיר קענען ניט לעבן ווי מענטשן, ווילן מיר שטאַרבן ווי מענטשן — האָט ער זיך פּלוצעם פאַרהאַלטן, געוואָנדן זיין נאַקעטן, גרויסן קאָפּ צו די אַנוועזנדע און מיט איין בליק פון הינטער די געדיכטע, שוואַרצע ברעמען זיי אַלע אַרומגענומען. אַחוץ הערשן, וועמען שטיין האָט געבראַכט, האָט ער אַלע געקאָנט.

— ס׳האָבן נאָך געזאָלט זיין היינט עטלעכע מענטשן, אָבער, אינצווישן, כמנהג הגעטאָ, זיינען זיי שלאָף געוואָרן. לאָמיר האָפן, זיי וועלן קומען צו זיך, כאָטש קיין „טאַלאַנען״, וועלן זיי ניט קריגן...

מ׳האָט געשפּירט אין זיינע רייד אַ פאַרבאַרגענעם כעס. הגם אַ דאָק־טער, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו געניסן פון די ספּעציעלע שפּייז־צוטיילן פאַר מענטשן פון זיין פּראָפעסיע, פּונקט ווי ר׳האָט ניט געוואָלט טראָגן רומ־קאָווסקיס אוניפאָרם — דאָס „דאָקטאָרסקע היטל״.

— נו, זאָגט יידן, ווו האַלטן מיר ?

— לויט די ראַדיאָ־ידיעות פון „שוויט״ זיינען טויזנטער יידן אומ־געבראַכט געוואָרן אין די וועלדער אַרום קאָוונע, קויל און קוטנע — האָט אָנגעהויבן וואַלדמאַן — די רוסן האָבן פאַרשטאַרקט די אָפענסיווע באַפריי־ענדיק גאַנצע געגנטן אַרום מאָסקווע און טולע, די ענגלענדער און אַמעריקאַ־נער גרייטן זיך צו עפענען אַ צווייטן פראָנט...

— דאָס קענען מיר שוין זייער גוט. די מעשה וועגן פראָנט איז ווי אַן אַלטע הויף־קאַטאַרינקע, וואָס שפּילט דעם זעלבן ניגון נאָך און נאָך אַמאָל... אָבער כ׳וויל דיך וואָרענען, וואַלדמאַן, זאָלסט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט גוט באַהאַלטן...

— כ׳ווייס, מ׳זוכט — האָט זיך צעשמייכלט וואַלדמאַן — נו, יאָ, זאָלן זיי אים געפינען...

— זיי ניט קיין חכם! — האָט געוואָרנט וואָלסקי — און איצטער, חברים, איידער איר וועט רעדן, וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן, אז צוזאַמען מיט דער אידייע פון ווידערשטאַנד מוזן מיר פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון בויען בונקערס, גרעסערע און קלענערע... ווייל ס׳קען איינפאַלן, היינט אָדער מאָרגן, די דייטשן צו ליקווידירן ס׳גאַנצע געטאָ. און פונקט, ווי מיר פאַרשטעקן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וועלן מיר דאַרפן זיך אַליין באַהאַלטן. ווייל גיט א קוק, וואָס פאַר אַ פייער ברענט אַרום אונדז: מ׳קוילעט אויס די יידן אין די קליינע שטעטלעך, מ׳שיקט אַריין אין אונדזער געטאָ די רעשטלעך, כדי אין אַ געוויסן טאָג פּטור ווערן פון אונדז אַלע... נו, לאָמיר איצט הערן, וואָס שטיין, האָט אונדז צו זאָגן.

— מ׳האָט פּרובירט אָנבינדן א קאָנטאַקט מיט דער שטאָט — האָט דער וועבער גענומען דערציילן — עס זיינען אַצינד צוריקגעקומען די עטלעכע גאַרבערס און „שמאַטשיאַזעס", וואָס האָבן ביז איצט געוווינט אויסערן געטאָ און געאַרבעט דאָרט פאַר דער דייטשער מאַכט. צוויי פון זיי — אונדזערע מענטשן — האָבן — נאָך לאַנגע און שווערע באַמיאונגען — באַוויזן זיך צו פאַרבינדן מיט עטלעכע געוועזענע מיטגלידער פון פּ. פּ. ס., וואָס געהערן איצט צום אונטערגרונט. די קאַמעראַדן האָבן צוגעזאָגט צו העלפן און פאַרזיכערט צו געבן אַלע פּרטים וועגן דער שטיצע אין פערצן טעג אַרום. עס זיינען שוין אַוועק דריי מאָנאַטן און מ׳זעט ניט און מ׳הערט ניט...

— משמעות, די פּוילישע ארבעטער זיינען קודם כל פּאָליאַקן און דערנאָך סאָציאַליסטן — איז אים וואַלדמאַן אַריין אין די רייד — מיר האָבן ליידער זיך צופיל פאַרלאָזט אויף דער סאָציאַליסטישער תורה און צו ווייניק געטראַכט וועגן אונדזער לאַנד, וועגן עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

— ביסט ניט גערעכט, וואַלדמאַן — האָט אים רואיק געענטפערט שטיין — אָפּנים די פּוילישע אַרבעטער זיינען הילפלאָז...

— כ׳בין ניט מסכים מיט אייך — האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט הערש — דער לאָדזשער אונטערגרונט מוז האָבן פאַרבינדונגען מיט אַנדערע געהיימע

אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד, אַז נישט וואָלט ער ניט געקענט עקזיסטירן אפילו א חודש. אָבער פאַר די „זשידעס״ וויל זיך קיינער ניט איינשטעלן. די סאָציאַליסטן זיינען ניט בעסער ווי די פּאָליאַקן, וואָס האָבן אריינגעשריען דורך די דראָטן ביי דער זשוראַוויער גאַס:

— NIE MACIE CHLEBA, NIE DAMY WAM ROWNIEZ WODY !

איר האָט ניט קיין ברויט, מיר וועלן אייך אויך ניט געבן קיין וואַסער!

— ס׳וווּנדערט מיך אויף אייך, ראָזען, וואָס איר גיט דאָ אַ ביישפּיל פון פּעבל. — האָט שטיין געמוסרט דעם לערער.

— אונדזערע טענות וועלן אונדז ווייניק וואָס העלפן — האָט זיך אַריינגעמישט וואָלסקי. מ׳דאַרף זיך פאַרשטענדיקן מיטן פּוילישן אונטער־גרונט אין וואַרשע. ס׳איז דאָרט דאָ אונדזער ד״ר פּראַשקער און אַנדערע וויכטיקע טוער. עס פאָרן פון דאַנען קיין וואַרשע, פון צייט צו צייט, יחידים אָדער גרופּעס פון עטלעכע מענטשן מיט דער דערלויבעניש פון די דייטשן. מיר מוזן אַרויסשיקן עמעצן קיין וואַרשע, מיר דאַרפן געווער!

וויינטרויב, וואָס האָט געאַרבעט אין מעטאַל־רעסאָרט, האָט זיך איצט אָפּגערופן: — מיר קענען קריגן פינף הונדערט העק פון מיין רעסאָרט און אפשר נאָך מער, אויב מיר וועלן דאַרפן...

— העק? — האָט וואָלסקי אויפגעשיינט — גוט! אָבער בלויז העק איז ניט גענוג. מיר קענען אָנפאַלן אויף די וועכטער ביי די דראָטן, „אָוועקלייגן״ זיי און צונעמען ס׳געווער... אויף די „קריפּאָ״ מוז האָבן אַ זאַפּאַס אויטאָ־מאַטישע ביקסן... אָבער בלויז מיט העק וועלן מיר ווייט ניט פאַרפאָרן...

— ריכטיק! — האָט וואַלדמאַן צוגעשטימט — פאַרגעסט ניט, אַז איי־דער מיר וועלן באַווייזן „פּאַרטיק מאַכן״ די „שוץ־פּאָליציי״ ביי די דראָטן, וועלן שוין די דייטשע מערדער זיין אין געטאָ מיט פּאַנצער־אויטאָס און מאַשין־געווער.

— מיר מוזן האָבן ביקסן — האָט וואָלסקי איבערגעחזרט — און דאַן וועט אפשר א טייל יידן זיך קענען אַרויסרייסן אויף דער פריי...

— צו וועמען וועלן זיי לויפן און ווי אַזוי? — איז אים שטיין אַריין אין די רייד — ס׳געטאָ איז איזאָלירט, ארומגערינגלט מיט שונאים פון אַלע זייטן, קיין וועלדער ארום איז ניטאָ...

— און אויב עמעצער וועט שוין באַוויזן צולויפן צו אַ דאָרף — האָט הערש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — וועלן די פּויערים אים אויסגעבן די דייטשן פאַר אַ פלעשל בראָנפן...

— טאָ — וואָס־זשע איז אייער עצה — האָט וויינטרויב זיך אויפגעשטעלט, אָן אויפגעבראַכטער — אפשר איז אייער ראָט, מיר זאָלן דאָ אויספגרן אין די פאַרשטונקענע בעטן...

— ניין, — האָט שטיין געלאַסן גערעדט — כ׳וויל נאָר אַז ס׳זאָל זיין קלאָר פאַר אייך און פאַר יעדן איינעם, וואָס גייט מיט אונדז צוזאַמען, אַז מיר האָבן ניט קיין האָפענונג צו בלייבן לעבן... כ׳וויל אַז יעדער איינער זאָל זיך ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם, זאָל ניט האָבן קיין שום אילוזיעס: מיר וועלן שטאַרבן! אָבער איידער מיר וועלן אויסגיין, וועלן מיר אויסשיסן הונדערטער דייטשע בעסטיעס!

ווען הערש איז אַרויס פון דאָקטער וואָלסקי׳ס וווינונג און געשניטן דעם וועג אַהיים, האָט ער געוואָרפן זיין בליק אויף די דראָטן. זיי האָבן זיך געצויגן, ווי אייזערנע, לאַנגע נאָטן און די שטעכיקע קנופּן האָבן געזונגען אַ ליד פון פּיין און בלוטיקער נקמה.

✶

— פאַרוואָס זיינען מיר ניט פּראַקטיש? — האָט מרים געפרעגט — פאַרוואָס האָבן מיר זיך ניט באַמיט אַריינצוקריגן אין אַ קיך אָדער קאָאָפּעראַטיוו, ווי אַנדערע האָבן דאָס געטאָן, ווען די געטאָ איז אַנטשטאַנען. פאַרוואָס זיינען מיר בטלנים?

— בטלנים זיינען דאָס זאַלץ פון דער ערד, אָן זיי וואָלט די וועלט ניט געהאַט קיין טעם אָדער אפשר גאָרניט קיין קיום — האָט הערש האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק פאַרטיידיקט די בעלי־חלומות.

— פאַרוואָס נעמען מיר ניט קיין „דזשיאַלקע” צו פאַרזייען אַביסל מייערן, קרויט...

— מ׳דאַרף דאָס טאָן, אָבער פרילינג־צייט, אויב מ׳קען נאָך קריגן... כאָטש די גאַנצע מעשה מיט די שטיקלעך פאַרצעלירטער ערד, קומט מיר פאָר, ווי אַ קינדער־שפּיל... און, באמת, דאָס זאָל שוין זיין די ישועה?

— מיר טוען גאָרניט, אבסאָלוט גאָרניט זיך צו ראַטעווען — האָט זיך איר, ניט ווילנדיק, אַרויסגעריסן.

ס׳בוך לידער, וואָס ר׳האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט און געפאַלן אויפן דיל. ר׳האָט עס אויפגעהויבן און ארויפגעלייגט אויף דער קאָזעטקע.

— כ׳האָב דיר געבראַכט איציק מאַנגער׳ס „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכה׳לע דער שיינער״. כ׳האָב דיר געוואָלט עטלעכע לידער פאָרלייענען — האָט העניעק שטיל גערעדט, ווי ר׳וואָלט זיך וועלן פאַרטיידיקן — כ׳האָב ס׳ביכל געקויפט פאַר א שיבוש ביים ייד אויפן אַלטן מאַרק, וואָס וווינט אין זיין פאַרמלחמהדיקער דירה און זיצט אין געטאָ... ר׳האָט איין צימער פול מיט פאָליצעס מיט ביכער, וואָס באַדעקן די ווענט פון סופיט ביז דער פאָדלאָגע. מאָדנע, ווי דער ייד האָט גאָרניט מורא פאַר די דייטשן...

— וואָס האָט ער צו פאַרלירן? מסתמא איז ער שוין אַלט... ס׳איז מיר מער אַ שאָד די יונגע מענטשן, די קינדער...

זי איז פאַר אַ ווײַלע אנטשוויגן געוואָרן.

— שמולעק באַקלאָגט זיך אויף שטעכענישן אין דער פלייצע שוין פון אַ לענגערער צייט. — האָט זי גענומען דערציילן — ער וואָלט נאָר געשלאָפן און זעט שלעכט אויס. בין איך אַוועק מיט אים צו דאָקטער גראָס. ער האָט אים אויסגעקלאַפּט, צוגעלייגט זיין האַריק אויער צו די אויסגעדאַרטע פלייצעס, אויסגעטאַפּט און באַקוקט אים און מיר דערקלערט, אז ס׳ייִנגל נויטיקט זיך אין גוטער דערנערונג: אַ סך מילך, פּוטער, אייער, פלייש... פון אלע מיינע צרות האָט זיך מיר געוואָלט לאַכן: דאָס אַלץ פאַר מיין געהאַלט פון זיבעציק מאַרק א חודש, וואָס קלעקט קוים אויף אויסקויפן די „ראַציעס״, זוילן די שיך, פאַרלאַטן די לעכערדיקע באַטן, באַצאָלן פאַר דער מאַמעס מעדיצינען, פאַר קויפן רערן צום קיכל, וואָס וויל ניט ברענען, פאַר אָפּטראָגן אַהיים די קילריבן פון „געמיזע־פלאַץ״ און אַזוי ווייטער... טאָ פונוואַנען זאָל איך נעמען אויף די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דער דאָקטער האָט פאַרשריבן אַלס די בעסטע רפואה? א קלייניקייט! א שטיקל פלייש אָדער פוטער קאָסט צענדליקער מאַרקן אין פריוואַטן געוועלבל.

ר׳האָט זי אויסגעהערט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי ר׳וואָלט מורא

געהאַט אַנטרעפן איר בליק. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ מאָמענטאַלער חשק צו אַנטלויפן אהיים.

— אָט — האָט ער געצויגן אין זיך דעם פאָדעם פון געדאנקען — כ'קום, זעט זיך אויס, דאָ אַהער צו פאַרגעסן מיין אומעט... איז עס דער ריכטיקער זין פון ליבע ?

אין איר שטימע האָט ער דערהערט דעם קלאַג פון אַלע מאַמעס אין געטאָ, וואָס האָבן שוואַכע קינדער. אין דערזעלבער צייט האָט אים איר קול דערמאָנט דעם לאַמענט פון אַלע אָרעמע ווייבער אין פאַרשידענע צייטן.

— ווי מיר וואָלטן שוין יאָרן־לאַנג געוועזן מאַן און פרוי...

זי האָט, אַפּנים, דערשפּירט, אַז אירע ווערטער געפינען ניט קיין אָפּ־קלאַנג און דערפילט זיך צאַרנדיק איינזאַם.

— מענטשן, ווי נאָענט זיי זאָלן ניט זיין איינער צום צווייטן, פאַר־בלייבן זיי דאָך מוראדיק אַליין, לעבן און ליידן אַליין.

הערש האָט דערזען אירע פרעמדע אויגן און אַ ציטער איז אים אַדורך.

— לייענט זי מיינע מחשבות ?

זי האָט באַמערקט זיין הילפלאָזן בליק און ער איז איר נאָענט געוואָרן אין זיין פאַרלוירנקייט.

— דו פילסט די קעלט ? — האָט זי זיך צוגערוקט צו אים — מיר זיצן דאָ אין די מאַנטלען, ווי צוויי פאַרשפּעטיקטע פּאַסאַזשירן אויף אַ ניט־באַ־הייצטן וואָקזאַל ווינטערצייט.

— וואָסערע קעלט ? — האָט ער שמייכלנדיק זי אַרומגענומען אין דער העלפט.

— די קרירה אין שטוב.

— פאַראַן אַן ערגערע...

— ווו ?

— אויף דער גאַס — האָט ער לאַכנדיק אַראָפּגענומען די פאַנטאָפל פון אירע פיס און געריבן מיט די הענט אירע סטאָפּעס.

— געווג ! לאָמיר טאַנצן ! — האָט זי געגעבן אַ געשריי, אריינגע־שפּרונגען אין אירע קליינע שיך, אַ כאַפּ געגעבן אים פאַרן קאַרג און גענומען מיט אים פליען אַרום דעם צימער אין אַ ווילדן וואַלץ.

— זינג! — האָט זי אים באַפוילן, בלישטשענדיק מיט אירע שיפּע, שוואַרצע אויגן.

ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ר'האָט פאַרגעסן די מעלאָדיע. ר'האָט זיך פאַרטראַכט און מיטאַמאָל האָבן די טענער געגומען פליסן פון זיין האַלדז, ווי זיי וואָלטן געוואַרט, טיף אין אים, אויף דער מינוט.

זיי האָבן געטאַנצט, פּנים בײַ פּנים, איינגעטוליעט אין זיך, געוויגט זיך אין ריטם פון „בלויען־דונאַי־וואַלץ", געשוועבט ווי אין אַ וויַכן נעפּל פון קאָנפעטי און פּאַפּירענע, קאָלירפולע סטענגעס פון די סטודענטישע בעלער.

ער האָט זי געהאַלטן אין די אָרעמס, פילנדיק איר בייגעוודיק לייב, שעפּטשענדיק אין איר אויער אומזיניקע ווערטער, ליבע נאַרישקייטן.

— איצט — אַ פּאָלקע! — האָט ער אויסגערופן, ווי צו אַן אומזעבאַרן אָרקעסטער און טאַנציקע אין זאַל, פּאַרלעך.

— הו! האַ! — האָט ער אַ זעץ געטאָן מיטן רעכטן פוס אין דער פּאָדלאָגע און שוין געיאָגט מיט מרימען, פון איין עק שטוב ביזן צווייטן, אין אַ דונערנדיקער פּאָלקע.

דער טיש, די בעטן לעבן די ווענט, דאָס שוואַכע שענקל אין ווינקל, דאָס קאַלטע קיכל לעבן דער טיר, האָבן געציטערט פון איבעררראַשונג.

דער אָפּגעהאַקטער שפּיגל איבער דער קאָמאָדע האָט נאָכגעקוקט מיט זיין האַלבן זילבערנעם געזיכט די געליבטע, געפרייט זיך מיט זיין האַרינס גליק. ער האָט אויסגעשטשירעט זיינע שאַרפע, אָפּגעבראָכענע קאַנטן צו די פּראָסטיקע בלומען אויף די פענצטער: — גיט אַ קוק ווי מ'לאַכט דאָ פון אייך!

קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט מרים זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קאָזעטקע.

— ס'איז מיר אַזוי הייס איצט, אַז כ'וואָלט זיך וועלן אויסטאָן נאַקעט

— האָט זי אַ פאַררויטלטע אַ זאָג געטאָן, אַראָפּוואַרפנדיג פון זיך דעם מאַנטל.

— טו עס! — האָט ער זי געקושט.

— משוגענער! די מאַמע און שמולעק זיצן בײַ דער שכנ'טע. זיי

זיינען אַריין זיך אָנוואַרעמען און קענען צוריקקומען יעדע רגע.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט באַדויער:

— דו מוזסט אָפּט פילן, ווי דו גייסט אַוועק פון אַ טיש, וואָס איז גע־גרייט מיטן עסן.

— רעד ניט אַזוי פיל! — האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך, גלעטנדיק אירע האָר.

זי האָט אים לייכט אָפּגערוקט פון זיך און א שמייכל געטאָן:

—מ׳מוז שאַנעווען די כוחות, מ׳טאָר זיך ניט צופיל אויסשעפּן! כ׳האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן: בעלאַ האָט אונדז איינגעלאַדן צו זיך. זי גייט אַוועק מיט איר מאַן, דעם פּאָליציאַנט, אויף אַ רעוויע אין קולטור־הויז.

— טאָ צו וואָס בעט זי אונדז צו קומען?

— מ׳זאָל קענען בלייבן אַליין — האָט זי זיך צעלאַכט.

ער איז אויפגעשטאַנען פון דער קאָזעטקע און זיך איבערשפּאַצירט איבערן צימער. ר׳האָט ניט ליב געהאַט דעם מוטערלעכן צוגאַנג. זיין אימ־פּולסיווער כאַראַקטער האָט אויך ניט געקענט פאַרטראָגן די קאַלטע אויס־רעכענונג.

זי האָט אים אָבסערווירט און געפילט זיך געשמייכלט. זיין אומגעדולד האָט פאַרראַטן זיין אומזיגבאַרן באַגער.

— האָסט אַ סך געטאַנצט פאַר דער מלחמה? — האָט זי אָפּגעשטעלט זיין נערוועז שפּאַנען.

— ניט צו פיל — האָט ער זיך מודה געווען.

— מיט וועמען האָסטו אַמבעסטן געטאַנצט?

— מיט דיר! — האָט ער מיט אַ געלעכטער זיך באַזעצט לעבן איר.

— זעסט, מיך אינטערסירט דיין פאַרגאַנגענהייט, דיך אָבער גייט גאָר־ניט אָן מיין עבר.

— צו וואָס? אַ מענטש טוישט אָפּט זיין הויט און פרויען — אָפּטער ווי מענער. אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען און מענטשן, וואָס מיר טרעפן אויף אונדזער וועג. ווערן מיר אַנדערש, גאָרניט ענלעך צום וועזן, וואָס מיר זיינען געווען פריער.

זי האָט אים אריינגענומען אין אירע אָרעמס און באַדעקט מיט קושן.

— דו גלויבסט מיר ? וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען כ׳פּאַרראַט דיך — האָט זי געגומען זיין פּנים אין אירע הענט און געקוקט אים אין די אויגן אריין מיט אַ שטיפערישן בליק.

— כ׳וואָלט פון דיר אַוועק.

— און ווען כ׳וואָלט געפאַלן צו דיינע פיס און געבעטן דיך, זאָלסט מיר פאַרגעבן. ס׳קען דאָך פּאַסירן, מ׳פאַרגעסט זיך...

— עס עקזיסטירט ניט פאַר דעם קיין שום אויסרייד. דער מאַן, וואָס איז מוחל — אין דעם פאַל — איז אַן אידיאָט. ווייל די זעלבע פרוי וועט זיך ניט איינמאָל פאַרגעסן.

— און אויב די פרוי, כאַפּט דעם מאַן ביי דער האַנט ?

— דאַרף זי אים אַוועקוואַרפן.

— דיין האַרבקייט געפעלט מיר. אָבער ס׳לעבן האַלט ניט פון קיין געזעצן און דיינע — זיינען צו דראַקאָניש.

זי האָט געגומען שטאַרק לאַכן.

— וואַרט אַ מינוט ! כ׳על דיר עפּעס דערציילן... — האָט זי זיך גע־שטיקט פון געלעכטער.

ר׳איז געזעסן אַ צעטומלטער און געוואַרט ביז זי וועט זיך באַרואיקן.

— הער־זשע אויס ! — האָט זי געווישט די טרערן פון אירע אויגן — ביי אונדז אויפן אוניווערזיטעט האָט שטודירט אַ יונגער, קאַטוילישער גלח — אַ פאַרברענטער אַנטיסעמיט און אַ שטרענגער מאָראַליסט. איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, גייט דער „וואַזשני” פאַרשליסן איינעם פון די זאַלן און דערזעט, אין אַ פינצטערן ווינקל, דעם חברהמאַן קושן און האַלדזן אַ שיינע „זשידוווקעטשקע”.

— קריגסט שוין פעטש ! א העזה ! פאַרגלייכסט מיך גאָר צו א הינטישן לעבער — אַ קאַטוילישן צבועק !

— זיי ניט בייז ! כ׳האָב דיך ניט געמיינט !

— געגוג שוין ! לאָמיר איצט אויסגעפינען, וואָס זי ווינטשן זיך, גנע־דיקע מאַדאַם — האָט ער זיך פאַר איר פאַרנויגט, מעשה קעלנער — „ליאָדעס” צי „טשאָסטקעס” ?

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקעלע פון דער טאַש און צעלייגט אויפן

טיש, אויף אַ פּאַפּיר, אַ דין פּעניצל ברויט און אַ קליין, געלבלעך קיילעכל, ענלעך צו אַ שטיקל געפילטע פיש.

— עס! — האָט ער אַ צעשטראַלטער אויסגערופן.

— פון וואַנען האָסטו דאָס אַלץ גענומען? ברויט גיט מען דאָך ערשט מאָרגן...

— כ׳האָב אויסגענוצט די פּראַטעקציע פון א באַקאַנטער אין דער „אַפּ־ראָוויזאַציע" און געקראָגן ס׳ברויט, אַנשטאָט מאָרגן — היינט.

— ניט גוט, וועסט עס פריער אויפעסן. דאַרפסט טאָן, אַזוי ווי איך, איינטיילן די „ראַציע" ברויט, ז׳זאָל סטייען אויף אַ גאַנצע וואָך. און, אגב אורחא, ווער איז דאָס די פרוי, אַדאַנק וועלכער ביסט געהאָלפן געוואָרן?

— אַ געוועזענע סטודענטין פון דער וואַרשעווער, העכערער האַנדלס־שול. כ׳בין אַרויפגעקומען צו איר און צו איר חברטאָריך, ווען כ׳האָב שטו־דירט אין וואַרשע.

— ז׳איז אַ שיינע?

— אַמאָל איז זי געווען אַ שטאַרקע ברונעטין. היינט איז זי בלאָנד, ווייל איר מאַן האָט ליב העלע האָר.

— האָסט זי ליב?

— ווי אַזוי קען מען ליב האָבן צוויי פרויען מיטאַמאָל?

— ס׳פּאַסירן אַזעלכע משונהדיקע פאַלן. גאָט זאָל דיך אָפּהיטן פון אַזאַ אומגליק. דערצייל מיר וועגן איר...

— צוערשט נעם זיך צום עסן!

— און דו?

— כ׳האָב שוין גענוג אריינגעטליקעט. כ׳האָב דאָס געבראַכט פאַר דיר!

—און וועמענס איז דאָס פיינע שטיקל „פיש"!?

— אונזער שכנ׳טע האָט אַריינגעטראָגן פאַר מיין ברודער און מיר צוויי קיילעכלעך, געמאַכט פון אויסגעקאָכטע און צעהאַקטע קילריבלעך, צו וועלכע זי האָט צוגעמישט אַ לעק מעל און א ברעקל קאַרטאָפל און דאָס אַלץ באַשאָטן מיט פּאַפּריקע.

— גאָר אַ גוטע שכנטע...

— זי קומט צו אונדז אַריין, זיבט שומשטיין איז פאַרשוווּנדן. זי וויל, כ׳זאָל אויסגעפינען, ווו ער באַהאַלט זיך אויס פאַר דער פּאָליציי. ער פלעגט צו איר אָפּט אַרייַנקומען, ווען ר׳האָט געוווינט אין הויז. די פרוי האָט אַ קינד, אַ מיידעלע, וואָס איז קליין און רונדיק, ווי א באַלעמל און אויגעלעך האָט עס גרויסע און שוואַרצע, ווי סאַדזשעס.

מרים האָט אים פּלוצים פאַרדעקט די אויגן מיט די הענט און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וויפל קינדער וועלן מיר האָבן ?

—אַ טוץ !

— וועלן מיר עס דערלעבן ? — האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים און איינגעזונקען אין געדאַנקען.

— וואָס עסטו ניט ? די פיש וועלן דאָך קאַלט ווערן — האָט ער מיט אַ וויץ פּרובירט זי אויפוועקן.

זי האָט אָפּגעבערעקלט פון געלבלעכן קיילעכל:

— עפּן ס׳מויל ! צוערשט דו און דאַן איך...

ער האָט געפאָלגט. זי האָט אַרייַנגעזויגן אין זיך די שטריכן פון זיין געזיכט, די רויטלעכע, צענומענע ליפּן און אַ ציטער איז אַדורך איר לייב:

— גאָט האָט מיר אים אויסגעבאָרגט...

ר׳האָט באַמערקט איר אומעט און געשמייכלט אין זיך:

— זי בייט זיך אומדערוואַרט, ווי די מוזיק פון גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן. איר געמיט איז געגליכן צו ים־כוואַליעס. אָט ברויזן זיי מיט ווייסער שוים און אָט לאַשטשען זיי זיך צום ברעג מיט סאמעטענע פעלדלעך. אָט ליגן זיי, ווי שוואַרצע לעמער אין דער האַלבער פינצטערניש פון דער נאַכט און אָט לאַכן זיי צו דער זון מיט גילדענע צונגען...

— האָסט מיר געזאָלט דערציילן וועגן דער פרוי, וואָס האָט דיר געגעבן פריערויס ס׳ברויט...

— ביסט נייגעריק ?

— באַהאַלטסט עפּעס אויס פון מיר ?

— חלילה וחס ! די געשיכטע איז זייער א פּשוטע. אַ יונגיטשקער סטודענט פאַרליבט זיך אין אַ סטודענטין. איר נאָמען איז בראַניאַ. זי האָט

שוואַרצע האָר און טיף־בלויע אויגן. זי איז הויך, עטוואָס העכער פון דעם יונגענמאַן און האָט אַ מילדן שמייכל, פון וועלכן די שטוב לויכט אויף. זי ווינט מיט אַ צווייטער חברטאָרין — פעלאַ, א מיידל מיט גרינע אויגן און געזיכט ענלעך צו בריגיטאַ העלם — אַ דייטשע אַקטריסע, וואָס האָט געשפילט די הויפּט־ראָלע אין דעם פילם „אַלראונע". דער בחור באַקענט זיך מיט בראָניען דורך פעלען, מיט וועלכער ער פאַרברענגט לאַנגע אָוונטן, שמועסנדיק וועגן ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. דער סטודענט שעמט זיך אַרויסצוווייזן דעם מיידל מיט בלויע אויגן צופיל אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער האָט רחמנות אויף דעם פריילין מיט די גרינע אויגן, וואָס איז זייער איפּערזיכטיק...

— נו, דער סוף ?

— פעלאַ רעדט איין דעם יונגן בחור, אַז בראָניאַ איז א פשוטער גולם. ער לאַכט זיך פון איר אויס, אָבער נעמט גוט זיך צוקוקן צו דער הויכער ברונעטין, דערזעט איר שמאָלן שטערן און איר צוריקגעהאַלטנקייט...

— מיט וואָס האָט זיך די מעשה פאַרענדיקט ?

— כ'בין אַוועק פוןביידע...

—ווי איך זע, ביסטו אַן אמת'ער דאָן־זשואַן. דו פאַרליבסט זיך און פאַרלאָזסט דיינע געליבטע. פאַרוואָס ?

— צוליב פאַרשידענע סיבות.

— מיינסט תירוצים. אָט דאָס איז דער חילוק צווישן אַ מאַן און אַ פרוי. ווען זי ליבט, איז ניטאָ ביי איר קיין פּלאַץ אויף נאָך עפּעס... דער מאַן אָבער, קען זיין פאַרקאָכט איבער די אויערן, וועט ער נאָך אַלץ, א חוץ דעם, האָבן זיינע אַמביציעס, זיינע שטרעבונגען... אַזוי איז עס! פאַר דער פרוי איז דער מאַן שטענדיק אַ שטיק אומזיכערע ערד. זי שטעלט אויף דעם באָדן אַ פוס, פּאַקטיש, ביידע פיס און ניט מיר און ניט דיר, גיט זיך דער גרונט אַ גליטש אַרויס פון אונטער אירע סטאַפּעס, ווי אַן אינדזל, וואָס זינקט אין ים אַריין. פאַר דיר איז די געשיכטע מיט בראָניען א קורצע, טרוימערישע ליבעניש. קען זיין, אז פאַר איר איז עס געווען אַ טיפע איבערלעבעניש...

זי האָט גערעדט און ער האָט זיך פאַרקלערט:

— פון זיין פריער יוגנט אָן איז ער געווען להוט נאָך ליבע און יעדעס מאָל ווען זי איז געקומען, האָט ער זי איבערגעלעבט בכל נפשו ומאודו...

ס'איז אים געלעגן אויף דער צונג אויסגעבן דעם סוד, אָבער שטאָט דעם, האָט ער גענומען אַנטוויקלען א נייעם געדאַנק:

— דער מענטש איז איינזאַם. און דאָס איז זיין גרעסטע קללה. זיין גאַנץ לעבן זוכט ער עמעצן וועמען ר'זאָל קענען פולשטענדיק גלויבן. ער וויל געפינען אַ צווייטן, וועגן וועלכן ר'זאָל קענען זאָגן: „ער איז מיר מער געטריי, ווי איך בין אים", „כ'האָב אין אים די פולע אמונה". פונקט אַזוי ווי ס'בייטן זיך די צעלן פון מענטשנס גוף, אַזוי ענדערט זיך אויך זיין נאַטור. ער איז בטבע א פאַררעטערישע בריאה. און דאָס באַשעפעניש זוכט ביי דעם צווייטן די באַשטענדיקייט, די סטאַביליטעט. ער גאַרט צו געפינען אין דער אַנדערער בריאה א דויערהאַפטיקייט און אומבאַוועגלעכקייט פון אַ דעמב. דערפאַר לעבט דער מענטש איבער אַזוי שטאַרק יענעמס פאַרראַט. ער האָט געזוכט אַ שוצאָרט פאַר זיין בייטעוודיקייט און אַן אַנשפּאַר קעגן זיינע אייגענע ענדערונגען און מיטאַמאָל האָט ער דערזען זיך אַליין אין שפּיגל.

—וואָס שטעלסטו זיך פאַר, אַז ליבע איז אַ גלאָז, שטעלסט עס אַוועק און ס'שטייט. פאַר דער אמת'ער ליבע, הערש, מוז מען קעמפן. יעדעס מאָל אויפסניי. באַנעמסטו עס?

— כ'פאַרשטיי אַלץ! אָבער עס שווין אויף ס'פּיצל ברויט מיטן קיילעכל.

זי האָט גענומען קייען די „פיש" מיטן דינעם מוציא'לע, דערציילנדיק אים גלייכצייטיק דעם אינהאַלט פון א קאָמעדיע, וואָס ז'האָט געזען אין פאַרמלחמהדיקן, פּוילישן טעאַטער אין לאָדזש.

— צוויי יונגע געליבטע האָבן ניט פון וואָס צו לעבן. עס רוקט זיך אונטער אַ רייכער פאַבריקאַנט און ס'מיידל שלאָגט פאַר דעם געליבטן אַ פּלאַן: זי וועט אַריינציען אין אירע נעצן דעם אַלטן, רייכן בעל־עברהניק, אַרויסקריגן פון אים ס'געלט און דאַן, וועלן זיי, די געליבטע, אַנטלויפן, ווי דער פעפער וואַקסט. דער בחור וויל ניט הערן פון דעם פאַרשייטן געדאַנק. דאָס מיידל מאַכט זיך ניט וויסן און טרעפט זיך מיטן גבירישן הולטאי אין אַ האָטעל. אַלץ גייט כשורה, אָבער ווען דער מאַן וויל ווערן מיט איר אינ־טים, באַפאַלט זי אַ פּחד און זי אַנטלויפט אין פּאַניק ארויס פון צימער...

זי האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן און אים אַ קוש געטאָן.

— אַ דאַנק פאַר די קיכעלעך פאַטראָוועס. כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן העניעק: — כ׳האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין מזל צו געלט, כ׳האָב אָבער שטענדיק געהאַט אַ גליק צו מענטשן. מיין פאָטער האָט געפירט גרויסע געשעפטן, ווען כ׳בין געווען אַ קינד. בשעת מיין לערנען זיך אין דער גימ־נאַזיע, האָט שוין אונדז געמוזט גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ. און ווען כ׳האָב געוואָלט שטודירן, האָב איך געמוזט אַרבעטן אין אַ באַנק און שפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, כדי כ׳זאָל קענען אַרויספאָרן קיין וואַרשע... כ׳האָב מקנא געווען מיינע חברטאָרינס, וואָס האָבן זאָרגלאָז שטודירט אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט, פאַרבראַכט אין צוקערניעס, געטאַנצט אין עלעגאַנטע „לאָקאַלן״...

ביי אונדז אין שטוב האָט געהערשט אַן אייביקער מאַנגל אין געלט. דער טאַטע פלעגט פאַרזעצן אין לאָמבאַרד אַ שטיינדל, אַ רינג, אָדער אַ בריליאַנטענע בראָש, אויסצוקויפן זיינע „פּראָטעסטירטע״ וועקסלען. דער שטייער־עקזעקוטאָר איז געווען ביי אונדז אָן אָפטער גאַסט. ער האָט פאַר־קלעפּט דאָס מעבל מיט זיגלען פון „אוזשאָנד־סקאַרבאָווי״ און מיין פאָטער איז אַרומגעלאָפן צו באָרגן געלט צו באַצאָלן די „פּאָדאַטקעס״... אָט האָט מען מיין טאַטן אָנגעזעצט און צוגענומען אים סחורה פאַר „קינדישע״ וועקסלען און דאָ ווידער זיינען אונדזערע צוויי „פּאָרערס״ אַוועק אויף די „קרעסן״ מיט פּעקלעך און קיינמאָל ניט צוריקגעקומען... די מאַמע פלעגט זיך אָפּבייסן די פינגער פאַר אַ זלאָטי. און געמאַכט פון שניי גאָמולקעס. זי האָט ניט געלאָזט פאַרקויפן די פּיאַנאָ, כדי מ׳זאָל אין דער גאַס ניט טראַכטן, אַז מיר זיינען שוין אַראָפּ פון דער גדולה. זי האָט אויפגענומען געסט מיט די שענסטע פּרוכטן, שאָקאָלאַד, בעסטע דישקינס־וווּרשטן, אין דער צייט, ווען מ׳פלעגט פּגר׳ן פאַר אַ גראָשן. זי האָט זיך געקניפּט אין די באַקן, כדי די פאַרב זאָל שטיין און ניט געלאָזט דעם טאַטן פאַרקויפן ס׳ביסל ווערט־זאַכן, הגם זי האָט זיך געמאַטערט און געקוועלט.

און טראָץ דעם אַלעם, האָב איך באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט אַן אָרעמען, יונגן אינזשיניער, כאָטש ס׳איז מיר נאָכגעלאָפן אַ זון פון אַ רייכן פאַבריקאַנט.

זי איז א ווײַלע שטיל געבליבן.

— ס'איז מיר הײַנט שווער צו פֿאַרשטײן דעם גאַנצן ענין. קען זײַן אַז דווקא דערפֿאַר, ווײַל מײַנע עלטערן האָבן געוואָלט דעם גבירישן בחור, האָב איך געזען אין אים בלויז חסרונות. און אפֿשר גאָר בין איך געווען פֿאַרלאָפֿעט אינעם קבצן, אַז כ'האָב אחוץ אים ניט געזען די וועלט. הײַנט פֿאַרשטיי איך בעסער, וואָס געלט מיינט...

העניעק האָט געשלונגען מרים'ס ווערטער.

א מענטש איז דאָרשטיק צו דערקענען זײַן נאָענטן. אײַנציײַטיק אָבער שרעקט ער זיך אָנטרעפֿן אין אים עפּעס, וואָס פּאַסט זיך ניט אַרײַן אין בילד, וואָס ר'האָט זיך וועגן אים געשאַפֿן.

האָט, באמת, מרים געוואָלט זײַן רײַך און באַדויערט, וואָס איר גורל פֿאַרט זי צונויף מיט אָרעמקייט? איז דער דראַנג נאָך רײַכטום בײַ פֿרויען אַ טייל פֿון זייער כאַראַקטער? אפֿשר דערפֿאַר ווײַל זייער שיינקייט און קערפּער אַנטפּלעקן זיך אַמבולטסטן אין קאָסטבאַרע קליידער, ביים בלישטשן פֿון בריליאַנטן און גאָלדענעם שימער פֿון בראַנזאָלעטן און האַלדזבענדער. און מעגלעך, אַז זייער ביאָלאָגישער מוז צו געבוירן קינדער טרײַבט זיי צו זוכן אַ וואַרעמע, גוט־אויסגעבעטע נעסט.

ס'איז אים אין דער רגע געקומען אויפֿן געדאַנק דזשוניאַ.

זי האָט זיך געפֿירט, ווי זי וואָלט געהאַלטן, אַז זי געהערט, אין דער ווירקלעכקייט, צו דער וועלט פֿון לוקסוס און נאָר דורך אַן אומפֿאַרשטענד־לעכן צופֿאַל איז זי געבליבן אויסער איר. אין איר שמייכל, מאַניערן, האַל־טונג און דערוואַרטונג פֿון מאַנצבילישער ריטערלעכקייט, האָט זי, אַפּנים, קאָפּירט די רײַכע אַריסטאָקראַטיע און, מעגלעך, אַז דער פֿאַרמלחמהדיקער העניעק איז געווען, אין אירע אויגן, אַ שפּרינגברעט זיך אַרײַנצוקריגן אין דער „העכערער געזעלשאַפֿט".

— און מרים? — האָט העניעק זיך אַליין געפֿרעגט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרמוטשט? — האָט מרים אים אַרומגענומען — ס'איז מיר ווידער קאַלט געוואָרן.

זי האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און אונטערגעקורטשעט אונטער זיך

די פּיס. איינטוליענדיק איר פּנים אין אויסגעקראַכענעם, פּוטערנעם קאָלנער פון איר מלבוש, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וואָלט געוואָלט האָבן כאָטש אַ טייל פון דיין זיכערקייט, פון דיין שטאַרקן בטחון. אַמאָל האָב איך געטראַכט, אַז דו פאַרמאָגסט פאַרבאָרגענע געלטער, היינט ווייס איך, אַז דאָס איז דיין טבע...

— מיין רואיקע, זאַרגלאָזע יוגנט האָט מיך באַשאָנקען מיט דער אייגנ־שאַפט... און איך גלויב באמונה שלמה, אַז מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה און זיך פרייען, ווען ס׳וועט קומען דער טאָג פון אויסלייז...

— ס׳זאָל נאָר איבערבלייבן עמעץ, אַ נאָענטער מענטש, מיט וועמען מ׳זאָל זיך קענען פרייען צוזאַמען... אויב ניט, וואָס־זשע איז שוין ווערט ס׳לעבן?

— כ׳זע דעם טאָג פון באַפרייאונג — האָט הערש גערעדט מיט אַ ליכטיקן ציטער — די גאַסן וועלן זיך טינקען אין פענער, אָרקעסטערס וועלן שפּילן, מ׳וועט אונדז אַקעגנגיין מיט בלומען... מיר וועלן צוריקקערן צו אונדזערע היימען, די יאַשמין־ביימער אין סטאַשיץ־פּאַרק וועלן זיך ווידער צעבליען, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען מיר זיינען דאָרט געזעסן אויף די בענק. די סאָסנע־וועלדער אין קראָשעוו, ווישנאָווע־גורע און קאָלומנע וועלן ווידער אויפהילכן מיט שטימען פון גמרא־לערנער, מיטן געלעכטער פון שטיפערישע מיידלעך, פאַרשייטע בחורים, קינדער און עלטערן... די וועלדער וועלן אונדז אַקעגנרוישן מיט פרייד, וועלן אונדז אַרומנעמען מיטן מחיהדיקן ריח פון זשיוויצע און פּאַפּראָטש, וועלן אויסשפּרייטן פאַר אונדז דעם דיקן סאַמעט פון נאָדלדיקן גראָז...

— און די דינסט — האָט מרים שמייכלנדיק אריינגעוואָרפן — וועט ברענגען ווידער אין וואַלד אַריין די קנאַקנדיקע בולקעס מיט פּוטער, טרוסקאַווקעס מיט שמאַנט, האַרטע אייער און אַ קרוג מיט שוימענדיקער מילך... און איך וועל אַ זאָג טאָן צו מיין ברודער שמולעק: — עס, עס און ווער הויך און שטאַרק, ווי די סאָסנע־ביימער, ווער געזונט, ווי די פייגל אַרום!

זי איז האַסטיק אַראָפּ פון דער קאָזעטקע און צו צום שאַמאָט־קיכל.

הערש איז געזעסן — אַ פֿאַרלוירענער. איצט האָט ער דערשפּירט די פּראָסט אין צימער.

מרים האָט, שווייגנדיק, צעשאַרט די פּייערקעס און אַרייַנגעוואָרפֿן אין קאַלטן קיכל צעריסענע פּאַפּירלעך און עטלעכע צעשפּאָלטענע העלצלעך. זי האָט אָנגעצונדן אַ שטיקל געלבלעכן קיין און עס באַדאַכטיק אַרויפֿגעלייגט אויפֿן פּאַפּיר. אַ פֿלעמל האָט אויפֿגעשפּריצט, צעפֿרעסן ס'פּאַפּיר, פֿאַרצוקט ס'צינדל און איז אויסגעגאַנגען. מרים האָט גענומען האַסטיק בלאָזן אין די פֿאַרבליבענע פֿונקען.

— ס'ברענט ניט! — איז זי געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט — כ'האָב ניט מער קיין קין און די שכנים באָרגן ניט, ווייל זיי דאַרפֿן אַליין די פֿלאַקערדיקע שפּליטערס.

— כ'על אַריין צו אַ שכן — האָט זיך הערש אַ כאַפּ געטאָן.

— ניין, וועסט ניט קריגן. כ'על אַרייַנגיין צום ייִד, איבער דער וואַנט, כ'האָב געהערט אים היינט אינדערפֿרי האַקן האָלץ...

— כ'האָב געקראָגן! — האָט זי מיט טריאומף, נאָך אַ ווײַלע, אַרײַנ־געבראַכט צוויי סענקאַטע העלצלעך — פֿאַרשטייסט, דער שכן האָט צעהאַקט אַ בעט און ר'האָט אַ קופּע האָלץ. מ'האָט נעכטן אַרויסגעפֿירט זיין טויטע שוועסטער, האָט ער היינט אַן אוצר ברענמאַטעריאַל.

אינסטינקטיוו. האָט העניעק אַ קוק געטאָן אויף די אייזערנע בעטן, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן די ווענט און זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין.

— מרים, כ'וואָלט אפשר פּרובירט אַרייַנגעמען שמועלקן אין מיין „רעסאָרט״? — האָט ער געפֿרעגט.

מרים האָט גאָרניט געענטפֿערט. זי האָט מיט זאָרג געקוקט אויף די צוויי בריקעטן, וואָס ז'האָט אַריינגעוואָרפֿן אין קנאַקנדיקן פֿייער. עס זיינען איר פֿאַרבליבן נאָך דריי — און וואָס וועט זיין שפּעטער?

זי האָט אַראָפּגענומען עטלעכע פּייערקעס און איבערגעגאָסן די זופּ פֿון איר מענאַזשקע אין אַ בלויען טאָפּ. זי האָט אָנגעשעפּט פֿון עמער, וואָס איז גע־שטאַנען אין ווינקל, וואַסער און צוגעגאָסן צו דער יושקע.

— מרים! — האָט הערש, אומגעדולדיק, איבערגעחזרט — וואָס זאָגסטו, ס'וואָלט אפשר גוט געווען, כ'זאָל אַרייַנעמען שמועלקן אין דער

וועבעריי? ר'עט ווייניק וואָס טאָן. כ'על זען, ר'זאָל אַביסל צוהעלפן ביי דער שפּול־מאַשין...

זי האָט אים ניט געענטפערט. זי האָט געגאַפט אויפן בלוי־גילדענעם פלאַקער דורך די שפּאַרעס פון די פייערקעס. מיטאַמאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פנים:

— ווי אַזוי וועט ער קענען גיין אין אַזאַ פראָסט און וואָס וועט ער ביי דיר קריגן? אַביסל וואַסערדיקע זופּ? זעסט דאָך כ'האָב אין דעם עמער אַ סך וואַסער...

ז'איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— זעסט — האָט זי, נאָך אַ לאַנגער ווײַלע, גענומען רעדן — כ'בין ווי אין אַ קאָשמאַרנעם חלום, כ'וויל לויפן און כ'קען ניט, מיינע פיס זיינען צוגעשמידט צום פּלאַץ, כ'בין ווי פּאַראַליזירט...

קאַפּיטל פינף

ווען הערש איז געקומען אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט ער מרימען ניט געטראָפן אין שטוב. שמולעק, אין סוועטער און מאַנטל, האָט זיך אַרומגעדרייט אין צימער און געקייט אַן אָפּגעקאָכטן בוראַק. מרים'ס מאַמע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ פון בעט און, מיט אַ שמייכל אויפן אַנגעלאָפּענעם פנים, זיך אַנטשולדיקט: — אָט האָב איך זיך אַוועקגעלייגט. כ'בין פויל און אַביסל שוואַך. כ'מוז זיך גוט אויסרוען. שמולעק, שטיי ניט, גיב אַ בענקל...

ס'יינגל האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט די שטול, אַ שטויס געטאָן אַ געלבלעכן קילריב טיפער אונטערן טיש און אַוועקגעשטעלט ס'בענקל צופוסנס פון געלעגער.

— נו, דערציילט מיר, פּאַניע העניעק, ווי מיר האַלטן מיט דעם דייטשן עמלק, ימח שמו... — האָט די מוטער אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר רירעוודיקע, שוואַרצע אויגן. העניעק האָט גערעדט און זיך פאַרקוקט

אויפן הענגענדיקן, איבער איר קאָפּ, פּאָרטרעט פון אַ יונגער דאַמע אין אַ ברייטער קרינאָלין און שטרויספעדער־הוט. די עלטערע פרוי האָט באַ־מערקט זיין בליק און, מיט אַ טיפן זיפץ אַ זאָג געטאָן:

— דאָס בין איך, נאָך דער חתונה... זעט, וואָס איז פון מיר געוואָרן...

— מרים איז ענלעך צו אייך...

— און שיין, ווי איך בין געווען אַמאָל — האָט די מאַמע צוגעגעבן — אָבער קיין מזל האָט זי ניט, זי מוז אונדז אַלע אויסהאַלטן און זאָרגן פאַר אונדז, אַ טייער, גוט קינד... איצט האָב איך זיך אָוועקגעלייגט — אַ צולאָג צו די צרות...

— מאַמעשי — רעד ניט אַזוי, וועסט דאָך באַלד געזונט ווערן — איז שמולעק צוגעקומען נענטער צום געלעגער. זיינע ליפּן, רויט פונעם בוראַק, האָבן פאַרדייטלעכט די ווייסקייט פון זיין פּנים.

ס'איז געוואָרן שפּעט. די עלטערע פרוי האָט געכאַפּט אַ דרימל. ס'יינגל האָט באַמערקט הערש'ס אומגעדולד:

— מרים איז געגאַנגען צום שוסטער, אירע פּאַנטאָפל צעפאַלן זיך. זאָגט מיר, ווען וועלן שוין קומען די רוסן?

הערש האָט אים פאַרזיכערט, אַז אינגיכן — און אָנגעשפּיצט זיינע אויערן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, ער הערט מרים'ס טריט. אָט וועט זי זיך באַלד באַווייזן אויף דער שוועל אין אירע גרויסע באָטן, „די קאַץ אין די שטיוול".

קיינער האָט ניט געעפנט די טיר. אומעטיק איז געווען די שטוב אָן מרים'ס שמייכל. העניעק האָט ניט געזען, ווי שמולעק'ס אויגן בלאַנדזשען איבער די טאַשן פון זיין מאַנטל, איבער זיינע הענט. ס'יינגל פלעגט שטענדיק קריגן אַ ברעקל פון דער מאָגערער שפּייז, וואָס הערש האָט געבראַכט פון צייט צו צייט.

העניעק איז אַוועק. ער האָט געיאָגט לענג אויס דער בזשעזשינער גאַס. אַריין און אַרויס פון די שוסטער־געוועלבלעך. צווישן די הויפנס, געלאַטעטע צענדליקער מאָל, שיך, פאַרבלאָטיקטע קאַלאָשן, צעפליקטע פּאַנטאָפלעס, אין געקלאַפּ פון העמערלעך, צושלאָגנדיקע טשוועקעס, שטיפטן און אייזנדלעך, זיינען געזעסן אויסגעמאַטערטע בעלי־מלאכות.

זיי האָבן אויפגעהויבן געראָנצלטע פּנימער, פאַרוואָסערטע אויגן פון איבער די קאַפּיטעס און אַרויסגעברומט מיט די בלייכע ליפּן, וועלכע האָבן אין איין ווינקל געהאַלטן שטיפטן:

— אַ הויכע... וואָס... אַ ברונעטקע... דאָ?

— קען זיין... עטלעכע פרויען... געווען...

ער איז צוריקגעלאָפן צו מרים׳ס וווינונג. געשטאַנען עטלעכע מינוט הינטער דער טיר. ניט געהערט דעם מינדסטן שאָרך. משמעות, ס׳יינגל איז שוין געשלאָפן.

אויף דער גאַס איז אים באַפאַלן אַ אימה.

— ז׳איז אַוועק פון אים. איז עס דער קעראַוויניק פון דער קאָאָפּעראַטיוו? דערזעלבער, וועמען איר מאַמע האָט אַמאָל דערמאָנט?

יענע נאַכט איז ער ניט אַנטשלאָפן געוואָרן. ער האָט געפּיבערט פון אייפערזוכט, געראָפן זיין געליבטע, געשפּאָט פון זיך:

— פּאָעזיע — ביכער ברענגסטו פאַרצולייענען, ווען זי דאַרף קאַרטאָפל און ברויט פאַר איר משפחה.

מרים האָט אים אויפגענומען זייער רויִק. זי האָט אַ שמייכל געטאָן פון זיין באַזוך ביי די שוסטערס:

— געוועזן ביי איינעם פון זיי. ר׳איז האַלב־טויב. אין דער „קריפּאָ” האָט מען אים צעקאַלעטשעט די אויערן. כלומרשט, ר׳זאָל האָבן פאַרשטעקט לעדער. כ׳בין אויך געווען שפּעטער ביי מיינס אַ באַקאַנטער, וואָס קען גוט איינע פון די סעקרעטאַרינס פון „אַלטן”. כ׳וויל בעטן ביי איר „קאָלאַציעס” פאַר שמולעקן. לעת־עתה, דאַרף איך, דאַכט זיך, דעם דאָקטער פאַר דער מאַמען.

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט אין דער שטיל. אין איר קול איז געווען אַ געוויסע פרעמדקייט און ער האָט זיך דערפילט אַן איבער־ריקער, ס׳ערשטע מאָל זינט זייער באַקאַנטשאַפט.

ער האָט באַמערקט איר פאַרזאָרגטן בליק, וואָס זי האָט געוואָרפן אויף איר מוטער. ר׳האָט געזוכט אין זיין מוח אַ פּאַסיק וואָרט פון שטאַרקונג, אָבער זיין קאָפּ איז געווען באַהערשט פון אַ מיש־מאַש פון געדאַנקען, ווי אַן אַרמיי פון סאָלדאַטן אין פּאַניק.

ר'איז אַרויס פון דער וווינונג אונטער אַ נאַרישן תירוץ און מרים האָט אים ניט פאַרהאַלטן.

ר'איז געווען נאָענט פון פאַרצווייפלונג, אָבער ר'האָט זיך געווערט מיט אַלע כוחות קעגן אַרויסציען אַן ענדגילטיקע מסקנה פון מרים'ס באַנעמונג.

ביינאַכט אויפן געלעגער — האָט ער קלאָר און שאַרף אַ זאָג געטאָן צו זיך: — זי וויל זיין פריי, טאָרסט איר ניט שטערן! דו שטייסט איר אין וועג!

✶

מרים איז געשטאַנען פאַר פאַנגע גוראַלניק, ווי אַ באַשולדיקטער פאַר אַ ריכטער. אירע קני האָבן געציטערט. זי האָט זיך מיט דער האַנט אָנגעשפאַרט אָן אַנלען פון בענקל, פון וועלכן זי האָט זיך ערשט אויפגעהויבן.

— ס'ייִנגל איז קראַנק — האָט זי געבעטן און געווען בייז אויף זיך, וואָס זי טוט דאָס — אויב איר קענט אים ניט געבן די „קאַלאַציעס", גיט מיר כאָטש פאַר אים אַן איינמאַליקן „טאַלאָן" פאַר פוטער און שפייז... זיינע לונגען זיינען אָנגעגריפן...

די פריילין האָט אויף איר ניט געקוקט, געשריבן עפּעס אויף אַ בויגן ווייס פּאַפּיר, ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון נייעם, לאַקירטן שרייבטיש.

מרים איז אַנטשוויגן געוואָרן, געוואָלט עפּעס זאָגן און צוריקגעהאַלטן זיך, ווי זי וואָלט זיך געשעמט די זאַך צו אַנטפּלעקן און געווען גלייכצייטיק צו שטאָלץ צו ווייזן אַ וווּנד:

— כ'קען אייך ברענגען אַ באַשייניקונג פון דאָקטער — האָט זי לסוף אַרויסגעזאָגט.

גוראַלניק האָט אַ הויב געטאָן איר קאָפּ מיט די פריש־אָנדולירטע, בלאָנדע האָר און אַ מאַך געטאָן מיט דער פוכיקער, ווייסער האַנט, פון וועלכער ס'האָט אַ ווי געטאָן מיט קעלניש וואַסער:

— מיר קענען ניט אַרויסגעבן „טאַלאָנען" אָט אַזוי — דער ריח פון דעם פריזירער־סאַלאָן האָט אַ שלאָג געטאָן אין מרים'ס נאָז — ליידער, ליידער! — האָט זי חנודיק צוגעגעבן מיט אַ שמייכעלע — מיר מוזן האָבן אַ שריפט פון „פּרעזעס" אָדער פון קעראָווניק פון „רעסאָרט"...

די פריילין האָט ווידער גענומען שרייבן אויפן פּאַפּיר און מרימען האָט

זיך אויסגעוויזן, ווי די שטאָלענע פעדער וואָלט איינצייטיק געלאָפן, רייסנ־דיק און קראַצנדיק, איבער איר צעוויטיקטן מוח. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די פריילין איז איינע פון די קעפּסוויבער פון „פּרעזעס" און אַ זאָג געטאָן:

— איר קענט דאָך גוט רומקאָווסקין, קענט איר ניט קריגן פון אים די נויטיקע שריפט...?

די סעקרעטאַרשע האָט זיך אַזש פאַרוויטלט פון אויפרעגונג. אירע קאַרמינירטע ליפּעלעך האָבן זיך צעעפנט און באַוויזן בייזלעכע, שיטערע ציינדלעך:

— איך זאָל דאָס טאָן? ס'איז אייערס אַן ענין...

מרים איז אַרויס אויף דער גאַס. געגאַנגען אָן ציל, פאַרביי הילצערנע הייזקעס, שמוציקע מויערן, צעוויגטע, אויסגעדאַרטע מענטשישע געשטאַלטן, פאַרביי אַ געהויפטער פור מיט זעקלעך מעל, וואָס איז אַרויס פון באַלוטער־מאַרק.

זי האָט זיך דערזען ביי די דראָטן אויף דער זגערזשער־גאַס. אַהין און צוריק האָט געשפּאַנט, אין אַ גרין־געלבן מונדיר, די דייטשע וואַך. דער סאָלדאַט האָט באַמערקט מרימען און זיך אָפּגעשטעלט.

זי האָט זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק.

— וואָס האָט זי געטריבן אַהער? ערשט נעכטן האָט מען דאָך דאָ דער־שאָסן אַ פרוי מיט אַ קינד.

זי האָט געאײַלט אַהיים.

— ס'איז נאָך ניט אַלץ פאַרלוירן — האָט זי בהלהדיק געטראַכט — מ'מוז צונויפנעמען די כוחות און ווייטער מלחמה האַלטן...

ווי שמייכלנדיקע כערובינען, האָבן געגומען שוועבן אין איר קאָפּ מעשהלעך פון די קינדער־יאָרן.

...אָט קומט זי אַריין אין שטוב. ס'איז ליכטיק און פריילעך. ביים טיש, וואָס איז געגרייט מיט כל־טוב, זיצן די מאַמע און שמולעק... ווייסטו, גאָלד מיינס, ווער ס'איז צו אונדז געקומען? שאַ, זאָג קיינעם ניט אויס! — פליסטערט די מוטער אין איר אויער — ווייסטו ווער? אליהו הנביא!...

צומאַרגנס איז מרים אַוועק צו איר באַקאַנטער. אויסגעהערט די מעשה מיט דער פאַנבע גוראַלניק, האָט די פריינדין אויסגערופן: — הער מיך אויס,

פודער זיך אַביסל צו, כ׳על דיר געבן שמינקע, ס׳עט דיר גאַרניט שאַטן אַ שמיר טאָן די בלייכע באַקן און טו אָן ס׳בעסטע קלייד און קום מיט מיר צו מיינע פריינט, די זאַווליקס.

— כ׳בין דאָך ניט געלאַדן ?

— מאַך זיך ניט נאַריש. זיי זיינען זייער גאַסטפריינטלעך, ס׳פּעציעל צו שיינע פרויען...

— זאַווליק ? — האָט איבערגעחזרט מרים — דער נאָמען איז מיר קענטלעך, אָבער ווו האָב איך אים געהערט ?

די שטוב האָט געאָטעמט מיט זאַטקייט, געווען פול מיט ליכט און געלעכ־טער. אויף דעם ווייס־געדעקטן טיש האָבן זיך גערויטלט עפּל, געבלויט גרויסע פלוימען. געשניטענע, צונויפגעלייגטע לחמא׳ס ברויט מיט וווּרשט האָבן זיך געהויפט אויף באַמאָלטע, פאַרצעלאָגענע טעלער, געריסן מיט פּע־פּערדיקע ריחות, געוועקט דעם אַפּעטיט. צוקערלעך, צעשאָטן אויף טעצלעך, האָבן געצויגן די אויגן מיט פאַרשידענע קאָלירן. געשליפענע קאַראַפקעס מיט ליקער און בראָנפן האָבן זיך געמיניעט אין ליכט פון לאָמפּן. מ׳האָט אַריינ־געטראָגן אַ גרויסן טאָרט מיט העל־געלן קרעם און די באַלעבאָסטע האָט גענומען שניידן דיקע פּאָרציעס קוכן פאַר יעדן איינעם.

אַרום מרימען האָבן געקלונגען גלעזלעך, צונויפגעקלאַפּטע אויף „לחיים", גאָפּלען האָבן געקלימפּערט אָן טעלערלעך מיט טאָרט, לעפעלעך — אָן גלעזער מיט טיי. עס האָבן געהילכט מענערישע שטימען, מיידליש געלעכטער.

מרים האָט קוים באַנומען, וואָס מ׳רעדט צו איר, געענטפערט מיט אַ געצוווּנגענעם גרימאַס פון פּנים אויף שמייכלנדיקע ווערטער, געגעסן און געגאַפט אויף די פרוכטן, וואָס ז׳האָט שוין יאָרן ניט געזען, געשטאַרט אויף די גרויסע מוציא׳ס מיט אויפשניט, אויפן ווייסן צוקער אין גלעזערנעם געפעס.

זי האָט מורא געהאַט, אַז אַלץ וועט פאַרשווינדן, ווען זי וועט אויסציען די האַנט.

מיטאַמאָל האָט זי גענומען פּאַקן אין זיך קוכן, ברויט מיט לעבער־

וואורשט און זאַפּטיקע פּלוימען. אַ זיסע זאַטקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע אירע גלידער. איר שוואַכקייט און געפיל פון אומזיכערקייט זיינען פאַרשוווּנדן.

— כ׳האָב געמוזט פריער קראַנק זיין — האָט זי געטראַכט, זיפּנדיק דעם אָפּגעצוקערטן טיי און וואַרפנדיק אַריין נאָך אַ לעפעלע פּאַרין.

— ווו איז זי געווען, איידער זי איז דאָ געקומען?

ס׳איז איר געקומען אויפן געדאַנק איר ברודער און מוטער און זי האָט גענומען זיך אַרומקוקן. דער עולם האָט זיך געהויבן פון די שטולן, געשמועסט, געריכערט און זיך צוביסלעך צעזעצט אויף די סאָפּעס, וואָס זיינען געשטאַנען לענגאויס די ווענט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פּאָטעלן אין די ווינקלען.

מרים האָט אַ כאַפּ געטאָן צוויי לחמאס ברויט מיט וואורשט און אַריינגעוואָרפן אין איר האַנט־בייטל, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף דער שויס. זי האָט ווידער געגעבן אַ בליק אַרום זיך — און אַ צווייטע פּאָרציע איז אַריין אין דעם בייטל. זי האָט גראָד גענומען אַ דריטע, ווען ס׳האָט זי זאַטשעפּעט אַ דיקלעכער יונגערמאַן מיט אַ פאַררויטלט פּנים און פאַרלאָפּענע אויגן:

— וואָס זיצט איר דאָ אַליין? לאָמיר אויסטרינקען ברודערשאַפט...

— טרינקען — מיט פאַרגעניגן, אָבער קענען, קען איך אייך נישט...

— זאַווליק — האָט זיך דער מאַנצביל אַ נויג געטאָן, מעשה קאַוואַליר, און איצט, וואָס זאָל איך אייך איינגיסן — אַ גלעזעלע וואָדקע?

— ניט פאַר מיר... גיט מיר ליקער...

ער האָט באַמערקט, ווי זי האָט קוים אָנגערירט מיט די ליפּן דאָס געשליפענע כוסעלע מיטן רויטלעכן געטראַנק.

— אָ, ניין — האָט ער שנעל אַ זאָג געטאָן — אונדזערע געסט מוזן אויסטרינקען ביזן לעצטן טראָפּן.

ער האָט זיך באַזעצט לעבן איר און גענומען דערציילן וועגן זיינע עלטערן, די באַלעבאַטים פון דער וווינונג, וואָס האָבן אַ פּריוואַט געוועלבל, וועגן זיין עלטערן ברודער, וואָס פאָרט אָפט אין דער שטאָט אַריין.

— אָ, לאָדזש איז שוין ניט די זעלבע שטאָט! מע צענעמט הייזער אויף דער נאָוואָמייעסקער און אָגראָדאָווע. דייטשן זוכן דאָרט באַהאַלטענע,

ייִדישע פּאַרמעגנס און אַמאָל געפינט מען טאָקע: סחורות, דאָלאַרן, צירונג...

ווען מרים האָט אים דערציילט, אַז זי איז אַ „סאַניטאַרע ווירטין", האָט ער זיך צעהירזשעט: — אַ וויכטיקע אַרבעט, גוט פֿאַר נאַראָנים!

זי האָט זיך געגרייט אים שאַרף צו ענטפֿערן ווען אַ פּאַטש און אַ גע־לעכטער האָבן אָפּגעהילכט אין גרויסן צימער.

אַן אויסדעקאָלטירטע פֿרוי מיט אַ פּאָר שטאַרקע היפּטן און נאַקעטע אָרעמס איז געשטאַנען, מלא חימה, אַקעגן אַ פֿליכעוואַטן מאַן מיט אַ שפּי־ציקן קין און טאָרבעס אונטער די אויגן:

— דו וועסט מיר מיין טייל אָפּגעבן, אַפֿילו, אַז דו זאָלסט אָוועקפּגרן, דו אַלטער מאַטשיאַרניק!

דער באַלעבאָס פֿון שטוב איז אונטערגעשפּרונגען און פֿאַרמאַכט איר ס׳מויל מיט זיין האַנט:

— גענוג שוין! פֿאַרגעסן, אַז ס׳זיינען דאָ פֿרעמדע מענטשן?

די פֿרוי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— וואָס איז דאָ געשען? — האָט מרים געפֿרעגט איר קאַוואַליר.

אַנטשטאָט איר צו ענטפֿערן, האָט ער פּלוצעם אַנגערירט אירע באַקן מיט זיין גרויסער דלאָניע:

— איר דאַרפֿט מער עסן...

זי האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים און גענומען אים אויספֿרעגן וועגן זיין אַרבעט. ער האָט זיך ניט געמאַכט הערן און געלענקט איר אויפֿמערקזאַמ־קייט אויף דער פֿרוי, וואָס האָט זיך ערשט אַזוי צעקאָכט:

— גיט אַ קוק אויף איר! זי האָט אַ גוטן סוחרישן קאָפּ, אַ חוצ־ וואָס זי פֿאַרמאָגט אַ פּאָר בלענדיק ווייסע אָרעמס. זיי זיינען מחיהדיק ווייך און ציען צו מיט זייער קיילעכדיקייט. און אַ פּאָר פּיס האָט זי!.. אָבער אייערע אָרעמס און פּיס זיינען זיכער שענער...

— איר האָט געטרונקען צו פֿיל! — האָט מרים שמייכלענדיק אים געענטפֿערט.

די זאַטקייט און דער ליקער האָבן געמאַכט זי האָפֿערדיק. זי האָט פֿאַרגעסן וועגן אַלץ און אַלעמען. די פֿאַרגאַנגענהייט איז געווען וויט פֿון איר, ווי אַ דיקער טומאַן הינטער די הרי חושך. זי וואָלט אַ טאַנץ געטאָן,

אָבער ניט מיט דעם טעמפּן בער, וואָס איז געזעסן לעבן איר.

זי האָט זיך צעלאַכט פון דעם פאַרגלייך און ס׳האָט זיך איר אויסגע־וויזן, אַן עכאָ ענטפערט איר. אויף דער אָטאָמאַנע, אַקעגנאיבער, האָבן עט־לעכע צוגעטוליעטע פאָרלעך זיך געקושט און געכיכעט מיט אַ שיכורלעך געלעכטער. אין אַ ווינקל האָט אַ געזונטער יאָט מיט כוח אַריינגענומען אַן איבערגעשראָקן מיידל אין זיינע אָרעמס און, וואַקלדיק זיך אויף די פיס, זיך איינגעזויגן אין איר מויל. אויף דער סאָפע, ביי דער צווייטער וואַנט, האָט אַן עלטערער מאַנצביל געגלעט מיט גיריקע הענט דעם הויכן בוזעם פון אַ קיילעכדיקער צעהיצטע פרוי (זי מוז זיין אַ קיכן — „ווידזשעלאָטשקע״ איז אַדורך אַ געדאַנק אין מרים׳ס מוח) און דער פליכעוואַטער מאַן האָט גע־צערטלט די אויסדעקאָלטירטע מאַדאַם, קראַצנדיק אירע האַלב אַנטבלויזטע פלייצעס מיט אַ האַריקער, באַרינגלטער האַנט. צוויי יונגע מיידלעך — קענטיק ס׳ערשטע מאָל דאָ, אין בלוזקעס מיט ווייסע קעלנערלעך, האָבן זיך געוועקט קעגן צוויי בחורים אין גלאַנציקע שטיוול, וואָס האָבן געפּרוווט, בגילופינדיקערהייט, אַריינשלעפּן זיי אין צווייטן צימער.

מרים האָט מיט חידוש דערזען איר פריינדין אויף די קני פון אַ הויכן חברהמאַן (ר׳מוז זיין אַ „זאַנדער״־פּאָליציאַנט!). די אויסגעפּוצטע חברטאָרין האָט געהאַט צעשויבערטע האָר, אַ צעקנאָדערט קלייד און זי האָט געוואָרפן מיט די פיס אַן פּאַנטאָפל, ווי אַ צעבאַלעוועט קינד.

מרים האָט דערשפּירט, ווי דער יונגערמאַן, לעבן איר, נעמט זי אַרום. זי האָט זיך שנעל אָפּגעשאָקלט און שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— זייט איר אַראָפּ פון זינען?

אַ פּאָר פאַרגלאָזטע אויגן האָבן זי אָנגעקוקט און דיקלעכע ליפּן האָבן אַרויסגעמאַמלעט:

— צו וואָס ביסטו געקומען אַהער?

דאָס ליכט איז פּלוצעם אויסגעגאַנגען. ס׳האָט זיך דערהערט אַ האַסטי־קער קלאַפּ, ווי אַ פּאָרל וואָלט זיך אַראָפּגעקייקלט פון דער קאַנאַפּע. עמעץ האָט געריפן הילף אין דער פינצטערניש, מ׳האָט געהערט אַ געבעט, אַ שווער סאָפּן, געלעכטער, ווילדע רייד, דערשטיקטע קולות.

מרים האָט זיך גיך אַ לאָז געטאָן, אין חושך, אין דער ריכטונג פון

דער טיר. זי האָט זיך שיער ניט אויסגעגליטשט, אָנטרעטנדיק אויף אַ פוס און אַ האַנט. עמעץ האָט איר נאָכגעוואָרפן אַ רוסישע קללה, אַ מיידל האָט זיך צעפּישטשעט. מרים האָט ענדלעך דערטאַפּט די טיר. איין ריס און זי איז געווען אין קאָרידאָר. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר מאַנטל פון הענגער און אַראָפּ פון די טרעפּ.

אַן איבעררגאַשטע, האָט זי דערזען לעבן זיך זאַווליקן.

— אַנטשולדיקט מיר, עמעץ האָט געמאַכט אַ נאַרישן וויץ און אויסגעלאָשן די עלעקטרע. דערלויבט מיר אייך אָפּצופירן אַהיים.

זי האָט אים ניט געענטפערט. ער איז געגאַנגען לעבן איר אַן אויסגעניכטערטער, געשפּאַנט און גערעדט:

— מיין עלטערער ברודער קען אַ סך וויכטיקע דייטשן. ער פאָרט מיט זיי אָפט אין דער שטאָט אַריין. ער העלפט אַרויס יידן, וואָס פאַלן אַריין אין די הענט פון דער „קריפּאָ". ער טוט אַלץ, כדי זיי צו ראַטעווען... כ׳וואָלט אייך געקענט בייהילפיק זיין...

ר׳האָט געזוכט ווערטער, וואָס זאָלן נושא חן זיין אין אירע אויגן:

— איר האָט אַ משפחה?

אַ פרוי מיט אַ כליפּענדיק קינד ביי דער האַנט האָט זיך פאַרבייגעשלעפּט אין דער האַלבער פינצטערניש. מרים איז געבליבן שטיין:

— כ׳קען ביי אייך קריגן פוטער, פלייש?

איר הייזעריק קול און די פּלוצעמדיקע פראַגע האָבן אים פריטשמיעלעט.

— וואָס מיינט איר? — האָט ער זיך פאַרחידושט.

און גלייך נאָכדעם:

—כ׳על אייך אַלץ שאַפן... קומט אַרויף צו מיר אין אַ צוויי טעג אַרום, קומט אַליין...

ער האָט זי אָנגענומען אונטערן אָרעם. זי האָט געפילט דורכן אַרבל פון איר מאַנטל די הייסקייט פון זיין האַנט.

ביים געזעגענען האָט ער געפּרוווט איר אַ קוש טאָן. זי האָט אָפּגעבויגט איר געזיכט, אַ דריק געטאָן זיין האַנט און אַרויפגעלאָפן אויף די פינצטערע טרעפּ.

די מאַמע און שמולעק זיינען געלעגן אין די בעטן, געוואַרט אויף איר.

— אַזוי שפּעט ? — האָט די מוטער זיך געוווּנדערט.

מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט אין איר אויסגעריבענעם מאַנטל אַקעגנ־איבער זיי. דער מאַמע׳ס געזיכט איז געווען געשוואָלן ביז אונטער די אויגן, שמולעק׳ס פּנים איז געווען ווייס, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס איז געוואָרן איבערגעשראָקן צום טויט.

מרים האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, ווי אין פיבער, אַרויסגע־רעדט :

— כ׳קען ניט, כ׳קען באמת ניט...

און זיך צעוויינט.

— וואָס איז דיר, קינד מיינס ? — האָט די מוטער אויפגעזעצט זיך אין בעט.

שמולעק איז אַראָפּ פון געלעגער און געשטאַנען, לעבן דער שוועסטער, אין דער אונטערוועש און באָרוועס.

— אַריין אין בעט ! — האָט זיך מרים אויף אים צעשריען.

זי האָט אויפגעמאַכט דעם ביי‌טל און צעטיילט די מוציא׳ס ברויט מיט ווורשט צווישן דער מאַמען און דעם ברודער.

ז׳איז געזעסן און געקוקט, ווי זיי עסן, ווי זיי פּאַסמאַקעווען זיך מיט יעדן ביסן. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און איינגעהאַלטן די טרערן.

די מוטער האָט צוגערופן די טאָכטער און שטיל אַ זאָג געטאָן :

— נעם פון מיר אַ העלפט...

— כ׳בין זאַט, כ׳האָב מיך אָנגעפרעסן ביז צעפּלאַצעניש...

— טאָ, נעם דאָס שטיקל ברויט מיט אויפשניט, וויקל עס איין אין עפּעס און לאָז עס פאַר שמולעקן, אויף מאָרגן.

ס׳יינגל האָט אַריינגעכמאַלעט זיין פּאָרציע. אויפגעצופּט די קרישעלעך ברויט פון דער פערענע און זיך אַ גלעט געטאָן איבערן בויך :

— ס׳איז גוט געווען, שוועסטערל, אַ מחיה !

מרים האָט ניט געהערט. זי האָט געזען פאַר זיך העניעקן, זי האָט גע־פירט מיט אים אַ לאַנגן געשפּרעך און געקושט זיין געזיכט.

★

ער איז געזעסן ביי דזשוניען אין שטוב און געהאַלטן זיך אין איין וווּנדערן, צו וואָס ר׳איז געקומען אַהער.

— שוין לאַנג דיך ניט געזען — האָט זי זיך געפרייט — האָסטו גע־רייזט ?

— אָ, יאָ — איז ער אַריינגעפאַלן אין איר טאָן — פון דער היים צום „רעסאָרט״ און פון דער פאַבריק צום הויז.

— און ביי דער מויד פון דער קאָאָפּעראַטיוו ביסטו גאָרניט געווען ? כ׳האָב אַנומלט געטראָפן איך אויף דער גאַס. האָסט מיך ניט געזען, אַזוי פאַרנומען ביסטו געווען מיט איר...

— זי איז ניט פון קיין קאָאָפּעראַטיוו, הלוואי וואָלט זי געווען. זי איז אויף צרות, ווי יעדער איינער פון אונדז.

ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס מרים׳ס נאָמען האָט מען דאָ דערמאָנט. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַ שיינער קאַוואַליר, וואָס אַנשטאָט ווילן זיין דאַמע פאַלט ער גאָר אַריין אין אַ שלומער. דערציי̇ל בעסער, וואָס הערט זיך, העניעק !

— אַלץ איז גרוי, ווי די „בעקאַנטמאַכונגען״ פון „עלטעסטן דער יודן״, ווי די הונגער־„ראַציעס״, ווי די פּעטש, וואָס דער „פּרעזעס״ טיילט אויס צווישן זיינע באַאַמטע און אַרבעטער, ווי די מלחמה, וואָס האָט ניט קיין סוף.

— ביסט ניט דער זעלבער. וואָס איז דיר ?

ס׳זיינען אים געקומען אויפן זכרון די צייטן, ווען זי האָט אים פאַראַכטן דעם קראַוואַט, ר׳זאָל זיך ניט רוקן אָן אַ זייט. אין יענע, פאַרמלחמהדיקע צייטן, ווען זי האָט זיך מאַסקירט און געשפּריצט מיט גיפט, איז עס געווען ביי איר דער זעלטענער אויסדרוק פון איר פאַרבאָרגענער ליבע.

ער האָט געקוקט אויף איר און אָפּגעגעבן זיך אַ חשבון, וואָס פאַר אַ גרויסע השפּעה די פּרוי האָט געהאַט אויף זיין לעבן. ווען ר׳האָט זי באַקענט, איז ער געווען אַ צעקראָכענער יונגערמאַנטשיק פון אַ רייך הויז. איר בייסיקע איראָניע, איר בייזע באַהאַנדלונג האָט אויסגעהאַמערט פון אים דעם מאַן. ער פלעגט אַוועק פון איר אַ צעטרייסלטער, אַ דערנידעריקטער און ניט דער־זעטיקטער, אָבער גלייכצייטיק האָט זי אים געוויזן זיין קליינלעכקייט, זיין פּחדנות אין לעבן. זי האָט אים געגעבן די מענלעכע רייפקייט.

ער האָט געשמייכלט איצט, ווען זי האָט צעשפּרייט אַלע פּעכערס פון איר ווייבלעכקייט צו געווינען אים צוריק. זי האָט ניט באַנומען, אַז ר׳איז געקומען אַהער, כדי ניט מוזן גיין צו מרימען. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט שוין אויף אים ניט מער קיין שום איינפלוס און אַז זי איז באַזיגט געוואָרן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל.

— ליידער, האָב איך ניט קיין מאַראַנצן און עפּל, ווי אין די אַמאָליקע צייטן — האָט דזשוניאַ געקוקט אים אין די אויגן אַריין — טאָ אפשר זאָל איך אייך מאַכן אַ קאַווע־לאַטקע, מיין גנעדיקער הער?

ר׳האָט זיך דערמאָנט, ווי דער קעראָווניק פון דער וועבעריי, וואָלעק, ווילצלט זיך אויפן חשבון פון די אַרבעטער, וואָס לויפן אין בית־כסא:

— „גייט בעסער אויפן קוילן־פּלאַץ, וועט איר דאָרטן פאַרגרעסערן די צאָל קוילן".

— לאָז געמאַך, דזשוניאַ, כ׳בין ניט געקומען אַהער עסן...

— האָסט געהערט, העניעק, מ׳שיקט שוין ווידער אַרויס פון געטאָ? שוין אַ לאַנגע צייט, ווי כ׳אַרבעט אין „סטאַטיסטישן אַמט", צווישן אַ כאָפּטע אַלטע ווייבער. זיי שפּיאָנירן מיך, מאַכן אויף מיין בייטל, זוכן ליבעס־בריוו. זיי האַסן מיך, ווייל כ׳בין יונג. איצט זאָגן זיי, כ׳על זיין די ערשטע צו ווערן אַוועקגעשיקט, ווייל כ׳בין אַליין, ניט פאַרהייראַט... הערש, כ׳מוז זיך אויסבאַהאַלטן...

ס׳האָט אים פאַרגאָסן אַ כוואַליע פון רחמנות. אינסטינקטיוו האָט ער געוואָלט אויסציען די האַנט און זאָגן: — קום צו מיר...

גלייך אָבער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער קען דאָס ניט טאָן...

זי האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— אפשר זאָל איך נעכטיקן ביי דיר, ביז די גזירה פון דער נייער „ווישעדלעניע" וועט אַריבער... מיין שוועסטער און איר קינד נעכטיקן אין דער צווייטער גאַס. פאַר מיר איז דאָרט ניטאָ קיין פּלאַץ.

ר׳האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָרטן, ביי מרימען, איז ער געווען, ניט ווילנדיק, דער מלאך המוות פאַר איר משפחה און דאָ, שטייט ער, ווי אַן אָפּגעריסענער נאַר און קען איר, דעם מענטש, וואָס ר׳האָט יאָרן־לאַנג ליב געהאַט, גאָרניט העלפן.

ער האָט געוואָלט איר זאָגן, ר׳האָט אַ קראַנקן ברודער אין שטוב. אַנשטאָט דעם האָט ער זי געטומען טרייסטן:

— מ׳ווייסט נאָך נישט, ווען מ׳עט „אויסזידלען״.

ער האָט, אין דער אמתן, געציטערט זיך ווידער מיט איר צו פאַר־בינדן. אויב אַזוי, צו וואָס איז ער געקומען אַהער?

מיטאַמאָל איז אים באַפאַלן אַ מוראדיק בילד: — אָט שלעפּט מען זי פונעם וואַרעמען בעט, ווי מיט אַ צייט צוריק ווערניקן... זי איז פיזיש שוואַך און דעליקאַט און זי וועט אַפילו דעם וועג ניט אויסהאַלטן...

נאָך פאַר דער מלחמה האָט זי געליטן אויף די פיס, אָפט זיך פאַרקילט. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט באַמערקן איר סענסיטיוון קערפּער און איר שאַרפפילנדיקע נשמה. ער האָט געפירט מיט איר אַ קאַמף און איבערגע־טריבן איר שלעכטקייט, כדי צו פילן זיך באַרעכטיקט צו זיינע אומרח־מנותדיקע ווערטער און טאַטן. האָט ער דען זי געוואָלט פאַרשטיין?

ער האָט זיך דערזען, זיך, דעם איידעלן מענטש, וואָס שפּרייט חורבן אומעטום, וווּ נאָר ער ווענדט זיך. קעגן זיין ווילן, ברענגט ער אונטערגאַנג מיט זיין כאַראַקטער. דזשוניעס לעבן, מעגלעך, וואָלט אַנדערש אַוועק, ווען זי טרעפט אים ניט אָן אויף איר וועג. קען זיין, זי וואָלט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן יונגענמאַן און געלעבט איצט אין אויסלאַנד.

וואָס איז אייגנטלעך געווען זיין לעבן? איין גרויס בלאָנדזשעניש, אַ משונהדיקער ווירוואַר.

זי האָט געזען, ווי ער זיצט פאַרטראַכט און זיך אויסגעטייטשט זיין גע־מיט־צושטאַנד אויף איר אופן.

— ענדלעך קומט ער צוריק צו איר...

אירע גרינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן, ווי כוסעלעך, מיט זודיקן גאָלד. זי האָט אַרויפגעלייגט איר קליינע האַנט אויף זיין באַק.

ווי אַ פייער־צונג וואָלט אַ לעק געטאָן זיין הויט. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע אָרעמס און צוגעדריקט צו זיך.

ער האָט זי אַ הויב געטאָן פון דער ערד און אַוועקגעטראָגן אויף איר געלעגער.

ווען ר׳האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם צוואַרעמטן בעט, האָט ער

דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס און אַ הוילקייט אין זיין לייב. זי איז אַראָפּ פון געלעגער און געקושט אים צענדליקער מאָל.

— כ'מוז שוין אַהיימגיין — האָט ער גיך אַ זאָג געטאָן.

— געדענק וועגן מיר — האָט זי זיך געבעטן מיט אַ שטימע פון אַ קינד.

ר'איז געבליבן שטיין און איר אַ קוש געטאָן עטלעכע מאָל.

— כ'על דיך געדענקען, דזשוניאַ — האָט ער צו איר גערעדט.

אין ליכט פון קליינעם, עלעקטרישן לעמפּל האָבן זיך געבליכט אירע באַקעטע, קליינע ברוסטן, געשוואַרצט זיך אירע צעשויבערטע האָר, ווי טונקעלע וויינטרויבן און געראָזט זיך ס'רונדיקע פּנים פון אַן אַכצעניעריק מיידל. הערש האָט אַרומגענומען מיט זיין בליק דאָס האַלבע צימער, ס'שמאָלע בעט, די פאַרחושכטע ווענט און זיין אויג איז ווידער צוריק צו דער נאַקעטער געשטאַלט, וואָס האָט אויסגעזען קלענער, ווי שטענדיק, יינגער, ווי ז'איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

ער האָט דערשפּירט, ווי ס'ווילט זיך אים צעשפּרייטן זיינע אָרעמס, צודריקן זי צו זיך און אַוועקפירן אַהיים: זי האָט אַליין ניט געוווּסט ווי עלנט, איינזאַם זי איז, פאַרלאָזט פון גאָט און פון מענטשן.

— גיי אין בעט אַריין, מיין קינד, ס'איז אַ ביטערע קעלט — האָט ער גערעדט צו איר.

— כ'האָב דיך אַזוי ליב — האָט זי אים אַרומגענומען און געקושט זיין מויל — וועסטו קומען צו מיר? זאָג!

— כ'על קומען — האָט ער געפּליסטערט, כאָטש ר'האָט געוווּסט, אַז ער זאָגט אַ ליגן — כ'על קומען, כ'האָב דיך ליב, כ'האָב דיך זייער ליב.

און אַ פינצטערע אַנונג איז אַדורך זיין האַרץ.

קאפּיטל זעקס

ד״ר וואָלסקי האָט באַטאַפּט גרשונען, אַריינגעקוקט אים אין אויגן, מויל, באַקלאַפּט זיינע פּלייצעס און געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו הערשן.

— ד״ר ווינער איז געווען גערעכט...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן צום קראַנקן, דערציילט אים אַ פּאָר וויצן וועגן דער גרויספירשטין קענט, די שווּעגערין פון ״קייסער״ רומקאָווסקי.

— מ׳רופט זי מיט דעם אַדעליקן טיטל, ווייל ווער האָט זי פריער געקענט ?

ער האָט געכאַפּט זיין דאָקטאָרסקע טאָרבע און ר׳איז אַרויס פון דער שטוב. הערש איז אים נאָך און געכאַפּט מיט אים אַ קורצן שמועס אויף די טרעפּ.

— איר פאַרשטייט — האָט דער דאָקטער געקנייטשט די ראַנדאָ פון זיין גרויסן, גרינעם קאַפּעלוש — די קראַנקהייט פון אייער ברודער איז די זעלבע, ווי ביי אַלע שלאָפּע אין געטאָ. די דייטשע מערדער רופן זי : ״אונטער־ערנערונג״. ניט איך, ניט ווינער קען עפּעס טאָן אויסצוהיילן אייער ברודער. איצט וועגן אונדזער ענין : מיר זאַמלען געלט צו קענען שיקן עמעצן קיין וואַרשע... דערווייל איז שוין די ״געסטאַפּאָ״ אויף די שפּורן פון די ראַדיאָ־באַזיצער און ווער ווייס, מיט וואָס די מעשה וועט זיך ענדיקן...

העניעק איז צוריק אַריין צו גרשונען און אים באַרואיקט, אַז אַלץ ביי אים איז אין בעסטן אָרדענונג, ער דאַרף אָבער מער עסן.

— דיין דאָקטער מוז זיין פון כעלם. — האָט זיך דער חולה צעשמייכלט — פון וואַנען קריגט מען דאָס עסן ? גאָט וועט עס מיר פון הימל ניט אַראָפּשיקן און רומקאָווסקי וויל בעסער פאַרזאָרגן זיין ״בייראַט״, טאָ צו וואָס גלאָט פלאַפּלען אין דער וועלט אַריין. האָסט געדאַרפט פרעגן דעם רופא, ווי לאַנג נאָך דאַרף איך זיך אַזוי מוטשען ? אַ האַלב יאָר, אַ פּאָר חדשים ?

הערש האָט ניט געקענט פאַרנעמען זיין ברודער׳ס רייד. ער האָט אים

אויפגעוואַרעמט ס'ביסל זופּ און פאַרראַכטן ס'קישן. ווען דער קראַנקער איז אַנטדרעמלט געוואָרן, איז העניעק אַריין צו דער שכנטע און זי געבעטן, אַ בליק טאָן פון צייט צו צייט צום חולה און דאַן איז ער אַרויס אויף דער גאַס.

ער האָט זיך גענומען בלאָנקען איבער די פאַרשנייטע טראָטואַרן, אָן אַ ציל. די ווייסקייט אַרום האָט באַרואיקט זיינע נערוון, אַרויסגערופן אין אים בילדער פון אַמאָל. זיינע פיס האָבן אים אַוועקגעטראָגן צו מרים'ס הויז.

ר'איז שוין עטלעכע וואָכן ניט געווען ביי איר און ער האָט לאַנג גע־קעמפט מיט זיך, ביז ר'האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר.

מרים איז אים אַקעגנגעקומען מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

— גראָד גוט געטראָפן. ס'איז ביי אונדז היינט וואַרעם. אַט, מיין ברודער האָט אונדז געמאַכט אַ סיורפּריז און געבראַכט צוויי גרויסע ברע־טער.

— מאַכסט אַ גאַנצן צימעס פון מיינע שטיקלעך האָלץ — האָט קלמן אויסגעשטרעקט צו הערשן די האַנט מיט אַ ברייטן שלום־עליכם.

זיי האָבן זיך צערעדט ווענן דער לאַגע אויף די פראָנטן, ווענן קלמנ'ס שווער, וואָס זיצט ביי דער גמרא יומם ולילה.

— ר'וויל זיך פאַרזאָרגן מיט עולם הבא — האָט מרים געמאַכט אַן איראָנישע באַמערקונג — עולם הזה האָט ער שוין...

— אַ ווילער ייד! — האָט די קראַנקע מוטער, האַלב־שלעפעריק אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אין שמועס.

— דערוויל איז אים ניט פריילעך אויפן האַרצן — האָט באַמערקט מרים'ס ברודער — די „קריפּאָ״ רופט אַלע געוועזענע באַלעבאַטים פון הייזער און סתם יידן גבירים...

— ווי אַזוי ווייסן זיי דאָס אַלץ? — האָט געפרעגט הערש.

— פון פאַרמלחמהדיקע טעלעפאָן־ביכער און פון מוסרים, טאַקע יידישע מוסרים. מ'ווייס, ווער זיי זענען: ראַבאַטשעווסקי, זאַווליק און אַנ־דערע — האָט מיט באַדויער געשאָקלט מיטן קאָפּ, קלמן.

מרים האָט אַ ציטער געטאָן און געבעטן אַלע שטילער רעדן, ווייל די מוטער איז איינגעשלאָפן.

— וואָס מאַכט זי ? — האָט העניעק אָנגעקוקט די טאָכטער.

— ס'איז ניט גוט — האָט מרים אַראָפּגעלאָזט די אויגן — די פּיס זיינען געוואָרן אָנגעבלאָזן און זיי גלאַנצן מיט אַ בלוי־רויטלעכער קאָליר. ס'געשווילעכץ איז אַרויף אויפן בויך. זי קען זיך ניט אַליין איבערדרייען, ניט אַרויפּרוקן.

שמולעק איז אַוועק פון קיכל, ווו ר'איז געזעסן ביז איצט און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער שוועסטער.

— ס'דאַכט זיך מיר, דו האָסט שוין ווידער גערעדט וועגן דער מאַמען. זי וועט זיין געזונט, ס'וועט איר גאָרניט זיין. היינט אינדערפרי האָט זי מיר געזאָגט, זי פילט זיך שוין אַ סך בעסער, זי מוז נאָך זיך אויסרוען...

קלמן האָט געקוקט אין פענצטער אַריין, קלאַפּנדיק שטילערהייט מיט די פינגער איבערן טיש.

— כ'האָב ערשט היינט געהאַט דעם דאָקטער — ביי מיין ברודער — האָט, ניט ווילנדיק, אַרויסגערעדט הערש — כ'וואָלט געדאַרפט פאַר אים קריגן אַ „טאַלאָן", אָבער פון וואַנען קריגט מען אים ?

— און, אַז מ'קריגט שוין אַ „טאַלאָן" איז שוין דער ענין געלייזט ? וואָס, מ'שטיינסגעזאָגט, קריגט מען דאָס אויפן „טאַלאָן" ? — האָט קלמן אַ קער געטאָן זיין פּנים צו העניעקן.

הערש האָט געמערקט זיין גוט אויסראַזירט, גלאַטיק געזיכט, דאָס דייטלעכע חן־גריבעלע אין דער גאָמבע.

— כ'האָב געהערט, אַז אין דער צענטראַל־תפיסה אויף טשאַרנעצקעגאָ — האָט העניעק זיך אָפּגערופן — האָט אַ „פאַרברעכער" געבעטן מ'זאָל אים געבן אַ האַלב ברויט, איידער מ'גייט אים הענגען. ער האָט געוואָלט כאָטש איין מאָל זיך אָנעסן צו דער זעט...

— דאָס לאַנגע מאַטערניש איז ערגער פון טויט — האָט קלמן פילאָזאָפיש באַמערקט.

— ערגער פון טויט, איז צוקוקן זיך, ווי דיינע נאָענטע גייען אויס און דו קענסט זיי גאָרניט העלפן — האָט שאַרף אַרויסגערעדט מרים.

קלמן האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַנען איבערן צימער. הערש האָט אים באַגלייט מיט זיין בליק.

מרים׳ס ברודער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַנטשולדיקט:

— כ׳מוז אַהיימגיין, מיין פרוי וואַרט אויף מיר, כ׳על דאָ מאָרגן זיין.

ער איז אַוועק. מרים האָט אַ זיפץ געטאָן און שפּעטער געגומען לאַכן:

— מאָרגן וועלן מיר האָבן אַ קאַרטאָפלאַנקע...

שמולעק האָט אַ שפּרונג געטאָן פון גרויסער שמחה.

— שאַ! — האָט אים די שוועסטער געמוסרט — די מאַמע שלאָפט.

— דו באַנעמסט ניט, העניעק, פון וואַנען האָב איך מיטאַמאָל זיך דער־וווסט, אַז מאָרגן וועלן מיר געבענטשט ווערן מיט אַ זופּ מיט קאַרטאָפל. אָט, קלמן וועט זי ברענגען... נו, איז ער ניט קיין גוטער ברודער און זון?

העניעק האָט פאַרשטאַנען די ביטערע איראָניע און האָט זיך געוווּנ־דערט, וואָס מרים רעדט אַזוי אָפן וועגן איר ברודער׳ס כאַראַקטער. ער האָט פון איר קיינמאָל ניט געהערט קיין שלעכט וואָרט וועגן קלמנען.

— ביי די הונגעריקע אין געטאָ ווערן טעמפּ אַלע געפילן — פון נויט, ביי די זאַטע ווערן זיי פאַרטריבט פון דער מורא אַריינצופאַלן אין הונגער — האָט געצויגן מרים — וויפל די זאַטע זאָלן ניט קריגן שפּייז, דוכט זיך זיי אויס, ס׳איז ניט גענוג. זיי זיינען באַהערשט פון דער תאווה איבערצולעבן די מלחמה פאַר יעדן פּרייז.

— אייגנטלעך, איז דער גוטער מענטש — האָט זיך צעשמייכלט הערש — אַ ניט קיין נאָרמאַלע דערשיינונג. ער באַוויזט זיך צווישן די רויב־חיות און זיי חידושן זיך, פון וואָס דאָס באַשעפעניש ציט זיין חיונה. ער איז פאַר־אורטיילט צום אונטערגאַנג, פריער צי שפּעטער. זיין קיניגרייך איז ניט פון דער וועלט, ר׳איז געוועבט פון אַ זייער דעליקאַטן שטאָף, וואָס מוז זיך שנעל צערייסן.

— כ׳על דיר זאָגן, פון וואָס דאָס געוועב באַשטייט: — איז אים אַריינ־געפאַלן אין די רייד מרים — פון חלומות, טרויעריקן געלעכטער, רעגנבויגן־קאָלירן, בלומען־ריחות און נאַרישן שכל.

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

די מוטער האָט זיך אויפגעוועקט און געבעטן, מ׳זאָל זי אַרויפּרוקן אויפן קישן. העניעק איז צו צום בעט, איבערגעבויגן זיך איבערן געלעגער,

אַנגענומען די קראַנקע אונטער די אָרעמס און פּאַמעלעך זי אַ רוק געטאָן אין דער הייך.

— ז׳איז אומגעטירלעך שווער — האָט הערש בשעת מעשה געטראַכט — ווי כ׳וואָלט געשלעפּט אַ פּעלדז...

די קראַנקע האָט א שמייכל געטאָן צו אים און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— קומט אָפּטער, פּאַניע העניעק...

ס׳האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. די מוטער האָט געמוזט באַמערקן דעם אומרו פון מרים, ווען ער איז ניט געקומען צו איר אין הויז.

— וואָלסט געוואָלט אַביסל זופּ? — האָט מרים געפרעגט דער מאַמען.

— ניין, מיין קינד, גיב מיר אַ טראָפּן יויך...

מרים און הערש האָבן זיך איבערגעקוקט. די מוטער האָט פאַרשלאָסן די אויגן.

— כ׳על דיר עפּעס דערציילן — האָט מרים גענומען היציק רעדן — כ׳האָב געטאָן אין מיין לעבן אַ גרויסן פעלער, כ׳האָב זיך געאָפּפערט פאַר מיין משפּחה און דער רעזולטאַט איז אַ קאַטאַסטראָפע פאַר אַלע. כ׳געדענק, ווי היינט, די בריטשקע מיט מיין מאַן איז פאַרפאָרן פאַר אונדזער הויז אויף דער זשעלאָזנער גאַס. מוניעק האָט מיך געבעטן: „מרים קום מיט!" מיין ענטפער איז געווען: „פאַר צוערשט, כ׳על נאָכקומען! כ׳וויל קודם זען, וואָס וועט פּאַסירן מיט מיין משפּחה". און אָט האָסטו: מיין מאַן איז פאַרשוווּנדן אויף אייביק און איך און מיינע נאָענטע גייען אונטער... ווען כ׳לאָז מיין משפּחה אַליין, וואָלט קלמן געמוזט פאַר זיי זאָרגן... און איך וואָלט מיר אין רוסלאַנד אַן עצה געגעבן... פון דעם האָסטו אַ מוסר השכל: ברענג ניט קיין קרבנות, פאַרגעס ניט וועגן זיך, ווייל אין רעזולטאַט, וועסטו קיינעם ניט ברענגען קיין נוצן און זיך — דעם גרעסטן שאָדן...

העניעק האָט געפילט, אַז מרים איז אַדורכגעגאַנגען לעצטנס אַ פּסיכישע אויפטרייסלונג, אָבער ר׳האָט ניט געוואַגט זי צו פרעגן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, פּונקט ווי זי איז ניט געווען נייגעריק צו וויסן, וווּ ר׳האָט פאַרבראַכט די לעצטע פאַר וואָכן.

שמולעק האָט אַ הוסט געטאָן און די שוועסטער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן.

— האָסט זיך שוין פאַרקילט, שטייסט אַ גאַנצן טאָג און וואַרעמסט זיך ביים אויוון. געגוג פאַר היינט. כ׳על דיר מאַכן עפּעס צו עסן און וועסט גיין אין בעט אַריין.

*

—נו, יאָ — האָט וואַלדמאַן פאַרפלאַכטן זיינע אָרעמס אויף דער ברוסט און זיך צוגעהערט צו בערג׳ס שטימע.

— כ׳וואָלט דיך וועלן אויסבאַהאַלטן, דאָ, ביי מיר — האָט וואַלדמאַנס פריינט גערעדט שטיל און פאַרשעמט — אָבער מיין פרוי לאָזט ניט. זי האָט מורא, מיר וועלן אַריינפאַלן, צוליב דיר, אין די הענט פון דער געסטאַ־פּאָ...

— נו, יאָ — האָט וואַלדמאַן אַ שמייכל געטאָן — זי איז קלוג, ווי דער טאָג, דיין פלוניתטע, זי איז גערעכט... טאָ וועל איך דיר שיין באַדאַנקען פאַר די דריי טעג פון דיין גאַסטפריינטלעכקייט און כ׳על מעך ציען... לאָז מיר נאָר מיטנעמען אַביסל וואַרעמקייט פון דער שטוב, איידער כ׳שפּאַן אַריין אין דער ווינטערדיקער קעלט...

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט, דער קליינער וואַלדמאַן, ביים קאַנאַנדל און געוואַרעמט די אייז־קאַלטע הענט.

— וואָס איז מיט איך, איר נאַרישע הענט — האָט ער שטיל גערעדט

— מיך באַפאַלט ניט קיין פּחד, טאָ, וואָס־זשע איז מיט איך ?

— נו, יאָ — צום ווידערזען ! — האָט ער געצויגן ס׳היטל פאַר זיין יוגנט־פריינט — זאָל איך אָפּגעבן אַ גרוס פון דיר, אַלטער הינערפרעסער ?

— וועמען ? — האָט געשטוינט דער חבר.

— דעם רבונו של עולם ! — האָט זיך וואַלדמאַן צעלאַכט.

בערג איז אים נאָכגעלאָפן אויף די טרעפּ :

— אפרים, וואָס מיינסטו ?

— כ׳מיין גאָרניט, אַלטער טערק !

— וווהין גייסטו ?

— ווו כ׳על זיין פריי, ווי אַ פויגל...

— קום צוריק, כ׳לאָז דיך ניט אָפּ !

וואַלדמאַן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיינע הענט און ארויס אויף דער גאַס. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די לאַפּן פון זיין היטל און אריינגעצויגן אין זיך די פרישע לופט.

ס׳האָט זיך אים דערמאָנט דער אַוויר פון קעמערל, הינטער דער וואַנט פון בערג׳ס וווינונג, ווו ר׳האָט אָפּגעפינצטערט די לעצטע פּאָר טעג און ר׳האָט א שמייכל געטאָן:

— אַביסל פרישע לופט איז ווערט ס׳גאַנצע געלט!

שטענדיק, די צייט, פלעגט ער אויפכאַפּן אויף זיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט די ידיעות פון לאָנדאָן. איצט דרייט ער זיך אַרום פוסט און פּאַסט איבער די גאַסן פון געטאָ און ווייסט ניט, וואָס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט.

די מינוט, ווען ר׳האָט זיך דערוווּסט, אז די געסטאַפּאָ האָט שוין זיין נאָמען געקראָגן פון אַן אויסוואורף, אַ מוסר, האָט ער אויף גיך פאַרשטופּט דעם אַפּאַראַט אין מאַטראַץ און אַוועק פון דער שטוב.

— נו, יאָ, אפרים, איצט דאַרפסטו נאָך נעמען לויפן, ווי די פאַרברעכער אין די פאַרמלחמהדיקע פילמען — און דער באַל וואָלט געוווען געדעקט! אין לעבן, אין דערווירקלעכקייט יאָגט מען ניט, אפילו ווען די געסטאַפּאָ זוכט דיך שוין אַרום... מ׳גייט רואיק און מ׳טראַכט וועגן די ליבע חברים, וועגן די פריינט, וואָס וואָלטן דיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און דיך אויסבאַהאַלטן, אפילו, ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז ס׳דערוואַרט זיי דער זיכערער טויט. אָט ד״ר וואָלסקי, שטיין און אַנדערע... אָבער ער וועט זיי ניט אויסשטעלן אויף געפאַר... ניין, וואַלדמאַן, דו וועסט דאָס ניט טאָן!... איי, ווי גוט וואָלט געווען איצט אַריינגיין אין דער באַראַכאָוו־ביבליאָטעק אויף זאַכאַדניע־גאַס, ווי אין די אַמאָליקע פאַרמלחמהדיקע צייטן, נעמען אַ בוך און בלעטערן און לייענען צוביסלעך און הערן ס׳געלעכטער פון די יונגע מיידלעך און בחורים אין דעם גוט־באַהייצטן זאַל...

דער פּראַקטיקער ווינט האָט פאַרכאַפּט זיין אָטעם. ער האָט זיך פאַרהוסט און געפּומען זוכן א טויער אַריינצוגיין.

— אפרים, ביסט שטענדיק געווען אַ שוואַך, אויסגעצערט מענטשעלע! ווען דו וואָלסט געווען שטאַרק, וואָלסטו דאָך אויסגעהאַלטן די הכשרה אין קיעלץ. די אַרבעט אין טאַרטאַק האָט דיך דאָרט קראַנק געמאַכט און דו

ביסט צוריקגעקומען אהיים צו דעם טאַטן, דעם אָרעמען שניידער און צו דער מאַמען, וואָס האָט ס׳גאַנצע לעבן געזיפצט אויף איר ביטערער דאָלע. צוריקגעקומען, ניט געקראָגן קיין סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל און איצט דרייסטו זיך דאָ אַרום, ווי אַ רשע אויף יענער וועלט...

ער איז אַריין אין אַ טויער אויף לאַגעווניצקער־גאַס און אוועקגעזעצט זיך אויף אַ טרעפּל אין פּאָדערהויז.

— ס׳איז דאָ א סך בעסער, ווי אויף דער גאַס — האָט ער געטראַכט — גאָט צו דאַנקען, כ׳האָב מיר פּאַפּראַווועט מיין לאַגע, אויף היטלערן געזאָגט געוואָרן! איצט דאַרפן מיר נאָר טראַכטן וועגן תכלית... ניט ארומגיין מיט חלומות...

ס׳איז מיטאַמאָל אויפגעגאַנגען אין זיינע אויערן אַ ניגון, וואָס ס׳האָט געזונגען דער לערער דזשעוויעצקי מיט זיינע תלמידים אין דער קלאַס:

... אלף ידים עובדות ובונות,

תכלת מלמטה ותכלת מעל,

אנו בונים פה נמל, פה נמל!

ער איז געזעסן, דער קליינער, אויסגעדאַרטער וואַלדמאַן און געברומט די מעלאָדיע.

ער האָט געהערט אינעם ניגון דעם קלאַפּ פון האַמערס, דעם פייף פון די זעגן, דאָס זשומען פון די מאַשינען, וואָס בויען דעם פּאָרט אין תל אביב.

— ער איז שוין לאַנג פּאַרענדיקט... און שיפן קומען אַריין, שווישטשענ־דיק מיט די סירענעס און אויף איינעם פון די דאַמפּערס זיצט אפרים וואַלד־מאַן...

אַ פלוצעמדיקער געדאַנק האָט דורכגעשניטן זיין מוח:

— די מחבלים פון דער געסטאַפּאָ וועלן אים פּייניקן ביז בלוט, כדי פון אים אַרויסקריגן די נעמען פון אַנדערע ראַדיאָ־הערער און אויך פון די פּאַר־שפּרייטער פון די נייעסן און ער, חלילה וחס, ליגנדיק א צעקאַטעוועטער, אין אַ רגע פון שוואַכקייט קען נאָך עמעצן אויסגעבן...

ער איז פאַרזונקען אין מחשבות.

— נו, יאָ, אפרים, דיין צייט איז געקומען...

ר׳ האָט זיך אויפגעהויבן פון טרעפּל און אַרויס אויף דער גאַס.

א רואיקער הימל האָט זיך געשפּרייט פון איין עק וועלט צו דער צווייטער. אויף דעם פאַרצוימטן שטיקל פאַרפרוירענער ערד האָבן זיך געוויגט פאַרבאַבלטע געשטאַלטן פון מענער און פרויען מיט טעפּלעך אין די הענט. א פרוי האָט זיך אויסגעגליטשט און געבליבן ליגן אויפן טראָטואַר. א בחור מיט אַ געל פּנים איז געלאָפן מיטן קאָפּ פאָרויס און די הענט אויסגעשטרעקט, ווי ר׳וואָלט עמעצן געוואָלט כאַפּן. א פאַרסאַפּעטער ייד מיט א זעקל אויף די פּלייצעס, פון וועלכן ס׳האָבן ארויסגעקוקט ברוינע שפּיצן פון גמרא׳ס, איז אַריבערגעגאַנגען די גאַס צו דעם קעגנאיבערדיקן געוועלבל פון מאַקולאַטור. אַן אַלטער מאַן, מיט די פּלייצעס אָנגעלענט אָנעם מויער, איז געזעסן אויף דער ערד מיט אַ אָפן מויל און אויסגעקוילערטע אויגן. רומקאָווסקיס קאַטש איז אַדורך ווי אַ וויכער, איילנדיק צו זיין וווינונג אויף דער לאַגעווניצקער גאַס, אין שפּיטאָל. א בחורל, מיט א ווייסן פוך אויף דעם אָנגעשוואָלענעם געזיכט, האָט געפירט אַן עלטערע פרוי און צו איר גערעדט מיט אַן אויפגעהייטערטער שטימע....

— אפשר דערציילט ער איבער מיינע ידיעות פון פּאָר דריי טעג צוריק, וואָס ר׳האָט געהערט פון עמעצן אין זיין „רעסאָרט״ — האָט זיך וואַלדמאַן צעשמייכלט — הער נאָר, דו, אפרים, זיי ניט צו שטאָלץ ביי זיך... אמת איז, האָסט עפּעס אין געטאָ אויפגעטאָן: האָסט מאַנכע יידן געשטאַרקט און געטרייסט אין זייערע צרות... און איצט גענוג שוין, גיב נאָך אמאָל א קוק אויף דעם הימל, וואָס שפּרייט זיך פון איין עק וועלט צו דער צווייטער און גיי צוריק אין דיין מקום מנוחה, אויפן טרעפּל...

ער איז ווידער געוווען אין פאַדערהויז.

— נו, יאָ, אפרים, טאָ ווי וועט דאָס זיין? וועסט זיך דאָ, אויף די שטיינערנע טרעפּ אויסשטייפן. מ׳עט דיך שלעפּן און רייסן. פּנימער פון קלעפּסידרעס וועלן זיך איבער דיר בייגן און ס׳קען זיין, אז קיינער וועט אפילו ניט אַ קלאָג טאָן ווי אַמאָל אין לאָדזש: — „או וואַ! או וואַ! וואָס איז מיט אים געשען? א ווילער מענטש געווען!״ ווער וועט זיך דאָס אין געטאָ אומקוקן אויף אַ זעקל מיט ביינער און דערצו נאָך אַ קליין זעקל... נו, אפרים, זאָג שוין ווידוי...

וואַלדמאַן האָט גענומען זינגען דעם ניגון:

— אנו בונים פה נמל, פה נמל!

ער האָט פּאַרזיכטיק אַרויסגענומען צוויי קליינע פּילן פונעם אויבער־שטן טעשל פון זיין רעקל און געהאַלטן זיי אַ ווײַלע אין האַנט.

— נו, שלינג שוין אַראָפּ די מעדיצין! — האָט ער געהערט זיין מאַמעס קול, ווען ער האָט ייִנגלווייז ניט געוואָלט נעמען די פאַרשריבענע רפואה — שלינג שוין אַראָפּ!

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַ זאָג געטאָן:

— וויג מיך, מיין ליד, וויג מיך איין! — און אַרייַנגענומען די פּילן אין מויל. ער האָט געהערט דעם פּיף פון ווייטע שיפן... ער האָט גע־שפּאַנט איבער די גרינע פעלדער פון עמק... אַ קילער ווינט פון די בערג פון יהודה האָט געגלעט זיין פּנים, די בלויע וואַסערן פון כנרת זיינען אים אַקעגנגעלאָפן מיט געזאַנג...

מ׳האָט אים געטראָפן ליגן אויף די טרעפּ מיט אַ שמייכל אויפן פאַר־שטאַרטן פּנים.

*

מרים, איינגענורעט מיטן פּנים אינעם קאָלנער פון איר מאַנטל, האָט געקוקט אויף איר ברודער, קלמן, וואָס האָט געגעסן ביי דער צווייטער זייט טיש — אַנטקעגן איר — די „רעסאָרט"־זופּ פון אַ בלעכענער מענאַזשקע. דער לעפל האָט געקלאַפּט אָן דעם דנאָ פון געשיר, קלמן האָט אויסגעקראַצט דאָס געדיכטע — די ברעקלעך קילריבן — מיט אַ הויכן סקריפּן. שמולעק, ענלעך מיטן פּראָפיל צום יונגן באַנאַפּאַרטע, האָט געוואַרעמט זיינע אָפּגעפרוירענע פינגער ביים בריקעטן־פייער, ביי די אָפענע רינגען פון שאַמאָט־קיכל.

איבערגעדעקט מיט אַ פאַרפלעקטער קאָלדרע איז געלעגן דער מת אין בעט.

פון פאָדערהויז איז דערגאַנגען אַ גערודער פון ווייבערשע שטימען. טרעפּעס האָבן געקלאַפּט, לויפנדיק פון די שטיגן. עמעץ האָט געריסן די טיר.

— איילט זיך צו, מ׳גיט פּעטרישקע אין קאָאָפּעראַטיוו!

אַ מיידל האָט אַריינגעגראַגערט דורך דער שפּאַרע אין דער טיר און

גלייך פֿאַרשווונדן. שמולעק האָט זיך אויפֿגעהויבן אינסטינקטיוו און באַלד צוריק אוועקגעזעצט.

קלמן האָט אָפּגערוקט מיט אַ געקלימפּער די מענאַזשקע, מיטן פֿינגער האָט ער אָפּגעווישט די ברעגעס פֿון אָוואַל דעקל, וואָס איז געלעגן ביי דער זייט און אָפּגעלעקט די קילריבן־יויך.

— מיטן מעלדן וועלן מיר וואַרטן ביז איבערמאָרגן אין אָוונט — האָט ער הויך אַ זאָג געטאָן.

מרים האָט געגעבן אַ לייכטן ציטער. שמולעקס דורכזיכטיק פּנים האָט זיך פֿאַררויטלט. ווי פֿון זיך אַליין, זיינען געפֿאַלן פֿון זיין מויל דריי ווערטער:

— אַ גאַנץ ברויט.

צוויי פּאָר אויגן לויפֿן אים אַנטקעגן, ווי דערשראָקענע פֿון אַ פּלוצעמ־דיקן שאָס. מיט אַ שטילן זיפֿץ צעשיטן זיך די בריקעטן אין קיך, אַ פּיאָלעט פֿייער גיט הויך אַ שפּריץ.

— קיינער פֿון די שכנים דאַרף ניט וויסן — זאָגט שנעל קלמן.

מרים גיט אַ ריר מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס זאָגן.

זי פֿאַרקוקט זיך אויף שמולעקן מיט שטוינונג: דאָס ייִנגל, וואָס האָט ערשט געהעשעט לעבן דער גוססדיקער מוטער, טראַכט איצט וועגן ברויט.

זי וואַרפֿט אַ בליק צום פֿענצטער. זי וואַרט אויף עמעצן. זי קוקט אויף די שויבן באַמאָלטע מיט פֿראָסט, אויף די געלע, האַלב־פֿאַרפֿוילטע קילריבן, וואָס וואַלגערן זיך אויפֿן שמוציקן דיל. אירע אויגן — דוכט זיך — זעען דאָס אַלץ צום ערשטן מאָל. אַלץ אַרום איז אַזוי אויסטערליש שטיל, ניי. קיינער פֿאָדערט פֿון איר שוין נישט קיין קאַווע, קיין מעדיצין, קיינער בעט ניט, זיפֿצט ניט.

שמולעק, ווי איינגעהערט אין עכאָ פֿון זיינע אייגענע ווערטער, חזרט זיי איבער:

— אַ גאַנץ ברויט.

— כ׳על ניט דערלאָזן — רופֿט אויס מרים — כ׳על נישט...

די ברידער ווערן בלייך. קלמן שפּאַנט נערוועז איבערן צימער. שטעלט זיך ענדלעך אָפּ אַנטקעגן דער שוועסטער:

— מיר מוזן נאָר איבערוואַרטן דעם מאָרגנדיקן טאָג. איבערמאָרגן נעמט מען ברויט אויף א נייעם קופּאָן פון דער קאַרט. וועסט דאַן אויפשטיין זיבן אינדערפרי און אָפּנעמען דער מאַמעס ברויט.

ווי אויף אַ באַפעל, גיבן אַלע דריי מיטאַמאָל אַ קוק צום מת. מרים דערפילט א הוילקייט אין גוף. ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָט די מאַמע געבעטן פאַרריכטן דאָס קישן, גערעדט שטיל און קלאָר:

— מיין טייערע, גיב מיר אין אַ שאָל אַ ביסעלע יויך. וועסט זען, ווי דאָס געשווילעכץ וועט באַלד אָפּפאַלן. דאָרט אינעם טעפל קאָכט זיך דאָך א הון...

אין מרימ׳ס מוח פּלאָנטערט זיך: אַ פּעטרישקע־זופּ איז גאַנץ געשמאַק, ווער קאָן אָבער שטיין אין פּראָסט אין דער ריי? די מאַמע וואָלט אפשר געטרינקען א ביסל פּעטרישקע־זופּ. וואָס פאַלט איר איין? די מוטער דאַרף שוין גאָרניט.

מרים איז מיד. זי וואָלט זיך וועלן אַוועקלייגן און שלאָפן א גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט. זי פילט, ווי אירע פיס נעמען פרירן. מיטאַמאָל דערשפּירט זי אַ וואַרעמע האַנט אויף איר אַקסל: הערש.

עד איז אַריין אין צימער אומבאַמערקטערהייט. ער קוקט אויפן בעט מיטן מת און גיט א שאָקל מיטן קאָפּ. זיינע ברוינע אויגן נעמען אַרום מיט ליבשאַפט און טרייסט מרימ׳ס געשטאַלט און זייערע בליקן טרעפן זיך צונויף.

אויסהערנדיק קלמנען ביז צום סוף, גיט ער א זאָג:

— און אז מ׳וועט אייך פּאַקן?

הערש רעדט אינגאַנצן ניכטער. מרים דערפילט א פּלוצעמדיקע אויפ־רעגונג:

— ווייסט ער דען נישט, אז איר מאָגן קען נישט מער פאַרדייען קיין קילריבן. טאָ וואָס־זשע זאָל זי עסן?

גלייכצייטיק כאַפּט זי זיך: — וואָס זאָל דאָס באַדייטן? איז זי טאַקע גרייט אָפּטאָן אזא שרעקלעכע זאַך? וויי, ווי ווייט ז׳איז שוין דערגאַנגען...

אין הערש׳ס ווערטער פילט זי דאָך א קאַלטקייט. ער איז אפשר אין

כעס אויף זיך, וואָס ער איז געקומען אהער, אנשטאָט זיך איינגורען אין דער פּערינע און פאַרגעסן פון הונגער און קעלט.

מרים שמייכלט. אויף הערש׳ס פּנים באַווייזט זיך א שטראַל:

— ווען מ׳וואָלט איצט די מאַמע געפרעגט... — רעדט ער ווייך.

דאָס לעצטע ביסל פייער אין דער קיך האָט אויסגעצאַנקט. שמולעק רופט זיך אָפּ:

—און וואָס באַדייט בזיון המת ווייסט איר?

עס ווערט שטיל. דער פּיינלעכער געראַנגל האָט באַקומען פלייש און בלוט און א פּנים. א ציטער איז אַדורך די לייבער.

— דאָס טאָר ניט פּאַסירן — זאָגט שאַרף מרים און פילט אַ לעכצנדיק נאָגן אונטערן האַרץ. כאַטש אַ קרישקעלע ברויט — אַ פּאָר דעקאָ! ערשט איצט קומט איר אויפן געדאַנק, אז איר גאַנץ עסן היינט איז געווען א פּאָר לעפל רויע ערזאַץ־קאַווע.

שמולעק וויל עפּעס זאָגן, פאַרגייט זיך אָבער אין הוסטן. זיינע אויגן ווערן פאַרלאָפן מיט טרערן.

— שוין גענוג! — שרייט אויס קלמן — די טיר פון שטוב מוז זיין היינט און מאָרגן געשלאָסן. די קראַנקע שלאָפט — און דאָס אַלץ!

ער דערנענטערט זיך צום מת און דעקט אים גוט אַרום. ער גייט אַרויס פון שטוב אַנוואָרעמען זיך ביים שכן. שמולעק שלעפּט זיך נאָך: אפשר וועט דעם שכנ׳ס מיידל מיטנעמען די „געמיזע־קאַרטע" און אַרויסקריגן די פּעט־רישקע פון דער קאָאָפּעראַטיוו.

הערש און מרים בלייבן אַליין.

אַ כישופדיקער כוח שטראָמט פון מיידלישן גוף. הערש פילט ניט די קעלט אין שטוב, פאַרגעסט, אַז די נאַכט פאַלט צו. ער גלעט מרים׳ס האָר, אירע הענט, וואָגט ניט אַנרירן אירע ליפּן.

— זע, זע — דערמאָנט ער זיך — כ׳האָב דאָך מיר געבאָרגט פון דער שכנטע 20 דעקאָ ברויט... אָט איז דאָ פאר דיר אויך א שטיקל.

איר פּנים פלאַמט פון צאָרן. זי שטופּט פון זיך אָפּ דעם פּענעץ ברויט, וואָס ר׳האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע.

— כ׳וויל ניט, ביסט אַראָפּ פון זינען. דו האָסט דאָך ניט מער, ווי 25 דעקאָ ברויט אַ טאָג...

דער שטרייט דויערט לאַנג. הערש פאַלט צו צו מרים׳ס הענט און באַשיט זיי מיט קושן.

ערשט איצט, נאָך אַ לאַנגן טאָג פון פּיין, קומט דער אויסלייז. ערשט איצט שטראָמען פון אירע אויגן טרערן. זי וויינט אָנגעלענט אויף זיין ברוסט.

— מאַמע, מאַמע...

זי יאָמערט און ברעקלט אָפּ פון דער מוציא.

— מיין טייערער, העלד מיינער — שטאַמלט זי, עסט און וויינט.

— האָסט מיך ליב ?

— כ׳האָב דיך ליב, ווי ברויט — ענטפערט זי מיט אַ שטילן שמייכל.

*

מרים האָט אָנגעהויבן זוכן לעקציעס אין פּריוואַטע הייזער און ס׳איז איר געלונגען צו קריגן עטלעכע אין די היימען פון די אייגנטימער פון שפּייז־געוועלבלעך, וועלכע האָבן פאַרקויפט עסנוואַרג פאַר געפעפערטע פּרייזן. זי האָט געקראָגן באַצאָלט מיט געלט און אויך פון צייט צו צייט האָט די באַלעבאָסטע איר צוגעוואָרפן אַ הייפטל קרויט, עטלעכע מייערלעך, רע־טעכלעך. זי איז געווען גליקלעך מיט יעדן פּיצל שפּייז, וואָס זי האָט געקענט ברענגען אַהיים. פאַרן געלט פלעגט זי קויפן צוגאָב־זופּן. זי האָט גע־שמייכלט, קוקנדיק אויף די שוי־פענצטער פון די קרעמלעך, וווּ ס׳זענען געווען אויסגעשטעלט אויף טעלערלעך שטיקלעך וווּרשט, אַ פערטל ברויט אָדער אַ שטיקל מאַרגאַרין. אינעווייניק האָט מען געהאַנדלט ניט בלויז מיט שפּייז, מ׳האָט אויך פאַרקויפט דאָלאַרן און שטיינדלעך. די אייגנטימער זיינען געווען, אין גרעסטן טייל, קרובים פון דער זאַנדער־פּאָליציי און זיי האָבן ניט מורא געהאַט צו פירן ליַנקע געשעפטן. זיי פלעגן צוטיילן דער לערערין גרויס כבוד :

— קינדער, זייט שטיל און פאָלגט די פּאַניע, אַז נישט, וועל איך אייך אָנברעכן די ביינער...

מרים האָט נאָכגעמאַכט די פּראָסטאַצקע שטימען און שמולעק האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער.

ס׳איז געקומען דער פרילינג. לענגאויס די טראָטוארן האָבן געגומען פליסן ריטשקעלעך וואַסער פון די צעשמאָלצענע שנייען. ווינונגען אין די קעלערן זענען געוואָרן פאַרפלייצט און די איינוווינער האָבן געקלאָגט אויף זייער אומגליק. גראָזן האָבן גענומען שפּראָצן אויף מארישין און צווישן די שטיינער פון ברוק. דיביימער אויף דער לוטאָמירסקער גאַס האָבן זיך באַדעקט מיט גרינזאַפטיקע קנאָספּן. אין די שבתים האָבן די מענער פאַר־נאַנדערגעגראָבן זייערע „דזשיאַלקעס" און צוגעגרייט זיי פאַר דער זריעה. מילדע, וואַרעמלעכע ווינטן פון ווייטע פעלדער און לאָנקעס זיינען אַריין אין געטאָ, געגלעט די פּנימער, באַרואיקט די געמיטער.

די אַרבעט אין דעם „רעסאָרט" און דאָס לויפן אויף די לעקציעס האָבן אָפּגעשוואַכט מרימען. זי האָט געקראָגן וויטיקן אין ליַנקן פוס און געמוזט זיך אַריינלייגן אין בעט. די רוימעריגס — „ספּזשאָנטאָטשקעס" פון איר „רעסאָרט" האָבן געבראַכט איר די זופּ, יעדן טאָג — אַן אַנדערע פרוי. די ווייבער וואָס האָבן זיך קוים געריטשט אויף די אָנגעדראָלענע פיס, האָבן מיט שטילע, גוטע רייד געטרייסט די קראַנקע:

— איר וועט גיך געזונט ווערן, עסט די זופּ, היינט איז זי גוט, כ׳האָב געבעטן די „ווידזשעלאַטשקע" פאַר אַ פּאָר קאַרטאָפל...

— ווען כ׳קריג א פלעשעלע „וויגאַנטאָל" וואָלט איך זיך שנעל געשטעלט אויף די פיס — האָט גערעדט מרים צו הערשן.

ער האָט גענומען זוכן אין אַלע אַפּטייקן די „ווונדערלעכע מעדיצין", אין וועלכער די געטאָ האָט געגלויבט ווי אין א רבי, א בעל־מופת.

ער איז געשטאַנען אין דער ריי פאַר דעם הויז פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדע". זיי האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט, די זאָנדער־פּאָליציאַנטן, אין הויכע, גלאַנציקע שטיוול, האָפּערדיקע, מיט רויטע צורה׳ס, קאַרקן פון געזונטע טרעגערס, חוצפּהדיקע אויגן און הענט, גרייט צו רייסן ווענט און צעלייגן מויערן, כדי צו געפינען באַהאַלטענע סחורות און ווערט־זאַכן.

צווישן דער חברה פון די „ווילע יונגען" האָט הערש דערזען א קענטלעך פּנים. ער איז געוואָרן אויסער זיך פון שמחה:

— בנימין, העלף מיר אַרויס!

— ווער זייט איר?

— מיר זיינען דאָך צוזאַמען געגאַנגען אין דער שולע...

— שולע־שמולע, ווער ביסטו דאָס כ׳זאָל דיר העלפן?

ווען הערש איז צוגעקומען צום פענצטערל, נאָך עטלעכע שעה װאַרטן אין דער „קאַלייקע״, האָט מען אים דערקלערט, אַז מ׳האָט שוין אַלע פּלעש־לעך פאַרטיילט און מ׳האָפט צו קריגן די מעדיצין אין א פּאָר וואָכן אַרום.

— ס׳פעלט אויס, ווייל איר האַנדלט דערמיט — האָט העניעק אַ בייזן ברום געגעבן און שנעל אַוועק.

נאָך לאַנגע זוכענישן, איז העניעק אַריין נאָכאַמאָל אין א קליינער אַפּטייק אויף דער ריבנער־גאַס. דער פאַרמאַצעווט האָט אים דערקענט און א זאָג געטאָן:

— איר זייט דאָך שוין געווען, מיר האָבן נאָך ניט געקראָגן קיין נייעם „וויגאַנטאָל״.

הערש איז אַרויס פון די כלים און גענומען שרייען:

— דערציילט מיר ניט קיין באָבע־מעשיות, איר פאַרקויפט די פּלעשלעך פאַר געזאַלצענע פרייזן צו די וואָס קענען באַצאָלן... איר וועט מיר געבן די מעדיצין, אויב ניט, וועל איך אייך פּלעטן דעם מוח!

דער דערשראָקענער אַפּטייקער האָט אַרויסגעצויגן פון באַהעלטעניש די רפואה און זי אים געגעבן.

מיט גרויס פרייד האָט ער גענומען יאָגן צו מרימען. אויפן וועג איז אים איינגעפאַלן, אַז די מעדיצין וואָלט אפשר אויך גוט געווען פאַר גרשונען.

— וואָס איז עס אייגנטלעך? — טראָן, פעטס...

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ צעמישטער.

— מ׳קען ניט די פּאָר טראָפּנס צעטיילן, טאָ וואָס־זשע זאָל ער טאָן? גרשון וועט סיי ווי ניט אויסהאַלטן, ער דאַרף שפּייז, נאָרמאַל עסן, ווי פאַר דער מלחמה...

ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ.

— ווי שנעל האָב איך אָפּגעזאָגט ס׳לעבן מיין אייגענעם ברודער...

כ׳בין דאָך שוין געוואָרן א חיה, אויס מענטש... וואָס איז מיט מיר געשען? גרשון, זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל!

ער האָט גענומען לויפן אַהיים. אויפן וועג זיך פאַרהאַלטן.

— גאָט מיינער, וואָס זאָל איך טאָן? מרים וואַרט דאָך אויף דער רפואה. ווי איז צו מיר!

ער איז אַוועק צו זיין געליבטער. ער האָט איר געגעבן ס׳פלעשעלע און איר געזאָגט, אז ר׳מוז אַהיימגיין צו זיין ברודער. זי האָט דערזען זיין ערנסט פנים און אים ניט פאַרהאַלטן.

ס׳האָט גענומען עטלעכע וואָכן, ביז מרים האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט. זי איז געווען בלייך און שוואַך און ס׳איז איר שווער געווען ממשיך צו זיין די לעקציעס. די רוימערינס אין „רעסאָרט" האָבן זי אויפגענומען מיט פאַטשן אין די הענט און מיט קושן, דער קראַנקוויק אָבער האָט געוואָרפן אויף איר א בייזן בליק און איינגעשטילט די אַרבעטאָרינס:

— גייט בעסער ריייניקן, הערט אויף צו שפּילן טעאַטער...

מרים האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן זיינע רייד. זי האָט געהאַט אַנדערע זאָרגן, וואָס האָבן אַבסאָרבירט אַלע אירע געדאַנקען.

שמולעק איז אַרומגעגאַנגען מיט פיבער. די טעמפעראַטור איז ניט געווען הויך, אָבער אויך ניט נאָרמאַל. זי האָט אים געוואָלט לייגן אין בעט אַריין, אָבער דער דאָקטער האָט געהייסן ברענגען אים אין שפּיטאָל אריין.

דעם טאָג, ווען ר׳איז אַוועק, האָט זי אים ארומגעבאַבלט מיט אַ שאַל אויפן האַלדז, מיט אויערן־האַלטערס, אָנגעטאָן אים א ווינטערדיקן מאַנטל, כאָטש דרויסן איז שוין געווען וואַרעם און די זון האָט געשיינט. דער דאָקטער איז געקומען זיי אַקעגן און צעוויצלט זיך:

— ס׳ייגגל קומט פון סיביר?

אָנקוקנדיק מרים׳ס פאַרזאָרגט פנים, האָט ער איר אַ קלאַפּ געטאָן איבער די פּלייצעס:

— וואָס איז מיט אייך? דער בחור וועט דאָ ליגן עטלעכע טעג און דאַן שיק איך אים אַהיים. ס׳איז אים גאָרניט, ער פּיעשטשעט זיך, ווייל ער ווייס, אז מ׳קוקט אים אין די אויגן אַריין.

מ׳האָט שמולעקן פאַרהאַלטן אין שפּיטאָל לענגער, ווי אויף עטלעכע

טעג. ער האָט געשריבן בריוולעך אויף שטיקלעך געלן פּאַפּיר צו מרימען און געשיקט זיי דורך אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט געוווינט ניט ווייט פון איר. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף די קליינע פּאָרציעס עסן, אויף די באַהאַנדלונג. ער האָט געבעטן מרימען, זי זאָל זוכן אַ פּראָטעקציע צו דער אָנפירערין פון דער אָפּטיילונג, וווּ ער ליגט, אַ פרוי מיטן נאָמען איזאַ שליפּקאַ, וואָס וווינט אויף זאַווישאַ 11. ער האָט געשריבן, אַז ס׳שווידערט אים פון צייט צו צייט און ער קריגט אָפּט שלשול.

מרים האָט גענומען לויפן צו באַקאַנטע און בעטן שפּייז פאַרן יינגל, זי האָט זיך אָנגעבאָרגט ביי די שכנים פון הויז, זיך אַליין באַוווּנדערט, ווי זי שעמט זיך ניט צו זיין אַזוי צודרינגלעך.

זי האָט אים געשיקט צען דעקאָ פּוטער, פיר שטיקלעך ברויט, שפּעטער אַ שטיקל ווורשט, אַביסל מאַרמעלאַדע. זי האָט אים געשיקט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט אַרויסקריגן.

ער האָט געשריבן אויף די פּירקאַנטיקע, גרוי־געלבלעכע פּאַפּירלעך, אַז מ׳שיקט אים אויף באַשטראַלונגען — „נאַשוויעטלאַניעס״, נאָך וועלכע ער פילט זיך ערגער.

זי איז געגאַנגען אים באַזוכן און געבעטן הערשן, ר׳זאָל מיטגיין, אָבער ער האָט איר אַנטזאָגט און זי האָט דאָס ניט געקענט באַנעמען.

ער האָט זיך געשעמט איר צו זאָגן, אַז ער האָט ניט קיין כוח זיך לאָזן קיין מאַרישין, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער שפּיטאָל.

ער האָט זיך געפילט לעצטנס ניט מיט אַלעמען. ס׳פּלעגט אים שטעכן אין די זייטן און אַ פּלוצעמדיקע שוואַכקייט איז אים פון צייט צו צייט באַפאַלן, ווי צו חלשן.

ער האָט געשפּאַנט אַהיים מיט דער לוטאָמיערסקער־גאַס און אַריינגעצויגן אין זיך דעם ריח פון די זאַפטיקע בלעטער, וואָס האָבן געציטערט מיטן זומערדיקן ווינט, ווי גרינע, צעכוואַליעטע אויגן, וואָס וואַרטן אויף די ערשטע ליבע־דערפאַרונגען.

ער איז פאַרביי דזשוניעס הויז און זיין אויג איז געפאַלן אויף אַ פרוי מיט אַ יינגל ביי דער זייט. ער האָט דערקענט דזשוניעס שוועסטער און איר קינד — יעזשיקן.

ער האָט זי באַגריסט און געפרעגט וועגן דזשוניען. די פרוי האָט זיך צעכליפּעט:

— מ׳האָט זי דאָך אַוועקגעשיקט ווינטער־צייט. איר ווייסט דען ניט וועגן דעם?

ער איז געבליבן שטיין — אַ געפּלעפּטער.

— זי איז שוין ניטאָ. זי איז אַוועק אויף אייביק. אַ שטיק פון זיין לעבן איז אַוועק מיט איר.

ר׳האָט ניט באַנומען, וואָס איר שוועסטער רעדט צו אים. אַלץ ארום איז געוועזן אַ שווידערלעכער, מטורפדיקער קאָשמאַר.

— און דו האָסט זי ניט געוואָלט אַריינגעמען צו זיך איבערנעכטיקן...

ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב, געוויגט מיטן קאָפּ, ווי אַ קלאָגע־ריק. ער האָט אַ קוש געטאָן ס׳יינגל עטלעכע מאָל אין קאָפּ אריין, ארומגע־נומען דזשוניעס שוועסטער מיט אייז־קאַלטע הענט און אַוועקגעשפּאַנט, ניט זעענדיק וווּהין ער איילט. ער האָט ניט געהערט די ווערטער פון דער פרוי ביים אַוועקגיין:

— זי האָט אייך אזוי ליב געהאַט, זי האָט אייך ליב געהאַט פון דער ערשטער מינוט, וואָס זי האָט אייך באַקענט.

מ׳האָט צוריקגעשיקט שמולעקן פון שפּיטאָל. ער איז געלעגן אין בעט אַן אויסגעצערטער, מיט טרוקענע ליפּן און אומרואיקע אויגן.

הערש איז געזעסן ביי זיין געלעגער און אים דערציילט, אז דייטשע שטעט ווערן באָמבאַדירט, די ענגליש־אַמעריקאַנער טרופּן האָבן שוין געלאַנדעט אין סיציליע, די רוסן זיינען שוין זייער נאָענט...

— איז עס וואָר? זאָגסט מיר ניט קיין ליגן?

— כ׳שווער דיר!

— שווער זיך ביי מרים׳ס געזונט, וועל איך דיר גלויבן...

הערש און מרים האָבן זיך איבערגעקוקט און זי האָט אים געגעבן אַ שטופּ.

— כ׳שווער דיר אויף איר געזונט, דו מוזסט אָבער זיך שטאַרקן און אַרויס פון בעט...

הערש האָט באַטראַכט דאָס לענגלעכע פּנימל פון ווייסן אַלאַבאַסטער, די אומרויקע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַלץ אַזוי גוט פאַרשטאַנען און ער האָט דערפילט דעם גאַנצן אומזין פון לעבן, דעם גרויסן אומזין פון כביכול׳ס וועלט.

— קענסטו זיך צוקוקן, גאָט, ווי אומשולדיקע, יונגע קינדער גייען אויס ? זעסט דאָס און שווייגסט ? ביסטו היטלער׳ס שותף ?

מרים האָט אונטערגעשטופּט שמולעקן איר ברויט, געפּאַשעט אים מיט פּיצלעך קאַרטאָפל פון דער זופּ, מיט אויסגעשנאַרעטער ווורשט און מאַרגאַ־רין און אָבסערווירט, ווי זיין אַפּעטיט ווערט וואָס אַמאָל קלענער.

זי האָט זיך צוגעהערט צו זיין הייזעריקלעכן, אומרואיקן אָטעם ביינאַכט און געטראַכט וועגן דער מאַמען, וואָס איז אַוועק, וועגן זאַווליקן, וואָס האָט געקענט ראַטעווען איר משפּחה, וועגן הערשן, וואָס גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן.

זי האָט געטאָן תפילה צו גאָט, ער זאָל איבערלאָזן איר שמולעקן, וואָס איז געבליבן דער לעצטער פון אַלע. זי האָט געוויינט אין דער שטיל אויף איר דלות, אויפן פאַרשאָלטענעם כוח, וואָס שטעקט אין איר, אַז זי קען זיך רואיק צוקוקן, ווי ס׳יינגל גייט אויס און זי וויל ניט געניסן פון דעם לעב־יונגס הילף.

ס׳איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. די זון איז אַריין דורכן אָפענעם פענצטער און זיך אויסגעלייגט צוקאָפּנס פון שמולעקס בעט.

ס׳יינגל איז געווען מונטער, געוואָלט וויסן, ווען ר׳וועט קענען ארויס אויף דער פרישער לופט, צוגעהערט זיך צום שמועס פון הערשן מיט קלמנען און רואיק געפרעגט :

— וועל איך נאָך דערלעבן דעם טאָג פון באַפרייאונג ?...

— וועסט אים זען, שמולעק — האָט די שוועסטער צו אים געשמייכלט.

— וועל איך זיך נאָך לערנען, גיין אין אוניווערזיטעט ווי דו, מרים... ?

— וואָס איז מיט דיר, שמולעק ? — האָט קלמן זיך געוווּנדערט — פאַרוואָס רעדסטו אַזוי...

— כ׳ווייס ניט...

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און פאַרזשמורעט די אויגן פון דער זון, וואָס איז איצט געפאַלן אויף זיין געזיכט.

— כ׳האָב זייער ליב דעם זומער — האָט ער שלעפּערדיק געצויגן — כ׳האָב ליב די גראָזן און די גרינעביימער... וועל איך נאָך אַמאָל זיך קענען לייגן אויפן גראָז, באָדן אין טייך ?

ער האָט זיך צוריקגעלייגט אויפן בעט און אַ ציטער געטאָן.

—די מאַמע רופט מיך — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. ער האָט זיך פאַרהוסט, געגעבן אַ כאַרכל און פאַרמאַכט די אויגן.

די שטראַלן פון דער זון האָבן אַ קוש געטאָן זיינע יונגע, צעשויבערטע האָר.

מרים האָט אַרויפגערופן אַ הענדלער פון דער גאַס און אים פאַרקויפט די דריי ליידיקע בעטן. זי האָט געהערט, ווי עס רעדלען זיך אָוועק די רעשטלעך פון איר פאַרמלחמהדיקער היים, די זאַכן וואָס זיינען געווען ווי אַ טייל פון אירע נאָענטע.

— טאַטע, שמולעק, מאַמע — האָבן געקלאַפּט אָנעם געטאָ־ברוק די, געקאָוועטע מיט אייזן, רעדער פון האַנט־וואָגן.

ס׳צימער איז איצט געוואָרן אומהיימלעך גרויס, פול מיט עכאָס פון שטימען. פון די ווינקלען האָבן אַרויסגעקוקט, אָנגעלייגט אויף שטולן, דער מאַמעס קליידער און שמולעקס אָנטאָן. אויף די טרעפּ האָט מען געהערט טריט: דער מאַמעס שלעפּנדיקע פּיס און שמולעקס כיבקע שפּרייזן.

מוראַדיק גרויס איז די שטוב און פון די לייסטן לעבן דעם דיל, וווּ ס׳זיינען געשטאַנען די בעטן, קריכן איצט אַרויס שוואַרצע ווערעם און צעפּויזן זיך איבער דער פּאָדלאָגע.

— כ׳קען דאָ ניט בלייבן, הערש — זאָגט מרים.

— כ׳על מיך אַריבערציען צו דיר — ענטפערט העניעק און דערשרעקט זיך פאַר זיינע אייגענע רייד.

— ווען וועסטו קומען ? — פרעגט זי איר געליבטן.

— מאָרגן אָוונט — קושט ער איר פּנים.

לאַנג האָט זיך געצויגן דער אָוונט פון יענעם טאָג.

זי האָט אַרויסגערוקט דעם טיש אין מיטן פון דער שטוב, איבערגעצויגן דאָס בעטגעוואַנט, אויפגעהאָנגען שמולעקס אָנצוג און דער מאַמעס קליידער

אויף דער וואַנט און פאַרצויגן זיי מיט אַ ליילעך, אָפּגעוואַשן דעם דיל און אַרויפגעבראַכט פון דער פּלומפּ אַן עמער פריש וואַסער.

פון דרויסן זיינען דערגאַנגען שטימען פון קינדער.

— אויב כ׳על אַמאָל זיין גליקלעך, וועט מיר, דייך פּנים, שמולעק, קומען אַנטקעגן און פרעגן: — פאַרוואָס, פאַרוואָס האָב איך געמוזט שטאַרבן אַזוי יונג?

ס׳איז געוואָרן שפּעט. דאָס געטאָ איז פאַרזונקן אין טיפן שלומער. זי האָט געוואָגלט איבער דער שטוב, ווי אַ תּפיסהניק אין דער צעל. זי האָט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך איבער דער וואַנט, צו יעדן סקריפּ, וואָס איז געקומען פון די טרעפּ. ס׳האָט אין איר אויפגעזידט דער צאָרן:

— פּחדן, פאַררעטער! — האָט זי אויסגעשריען צו די נאַקעטע ווענט, צום האַלב־ליידיקן צימער — כ׳דאַרף דיך ניט מער, הערש! כ׳על זיך באַגיין אָן דיר!

זי האָט זיך צוגעשפּאַרט אויפן בעט און אַ שטילער צער איז אויפגעגאַנגען אין איר לייב.

— קום, הערש, פאַרוואָס ביסטו נאָך ניטאָ?

זי האָט זיך אין אָנטאָן אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער און פאַרמאַכט די אויגן. זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן און דערזען איר מאַמען, ווי זי שטיקט העניעקן ביים האַלדז.

— ר׳האָט אומגעבראַכט מיין יינגל, מיך אומגעבראַכט! — האָט די מוטער געשריען.

אין פענצטער איז געשטאַנען דער בלוי־גרויער באַגינען, ווען הערש האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

ער איז געווען בלייך, מיט טונקעלע פלעקן אונטער די אויגן. ער האָט געקושט מרימ׳ס הענט און געבעטן, זי זאָל אים פאַרגעבן.

— כ׳האָב שוין געהאַט איינגעפּאַקט דעם פּלעצאַק און גרייט געווען צו פאַרלאָזן די שטוב, ווען גרשון האָט מיך אָנגעקוקט און אַ זאָג געגעבן:

— גיי, ברודער מיינער און זיי גליקלעך, כ׳וואָלט דיך אָבער געוואָלט

זען לעבן מיר, „וועז כ׳על גוססן...״ כ׳האָב זיך צעיאָמערט און ניט געקענט רירן פון אָרט...

זי האָט אָפּגעקערט איר פּנים פון אים און גאָרניט געענטפערט.
ר׳איז געזעסן לעבן איר און ניט ארויסגערעדט קיין וואָרט.
זייערע הענט האָבן זיך צונויפגעטראָפן און פאַרפלאָכטן.

✶

וואַלעק האָט געקראָגן אַ באַפעל צונויפצושטעלן אַ ליסטע פאַר דער „אויסזידלונג״.

ראָזענבערג האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אין ביוראָ מיט דער פולער רשימה פון ארבעטער און באַאַמטע און גענומען פאַרשרייבן אויף אַ באַזונדערן בויגן פּאַפּיר די נעמען פאַר דער „ווישעדלעניע״.

דער לייטער פון דער וועבעריי האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ, געכראַקעט, געקלאַפּט מיט די פינגער אין די אַנטבלויזטע, געלבלעכע ציין און גערעדט:

— וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלן קאַזשיאַל און הערש ראָזען... קאַזשיאַל איז אַן אַלטער מאַן און הערש ראָזען האָט אַ זייער קראַנקן ברודער...

— טאָ וועמען דען? דעם רבונו של עולם, אָדער אפשר מיך, אָדער אייך?

— האָט זיך געקאָכט ראָזענבערג — כ׳מוז איבערלאָזן די גוטע פאַכלייט און אויך די שטאַרקערע, וואָס קענען פּראָדוצירן, אז נישט, ווייסט איר דאָך, וואָס ס׳קען פּאַסירן...

— יאָ, כ׳ווייס, כ׳ווייס — האָט זיך וואַלעק געצופּט די גאָמבע און באַמיט זיך אויסצומיידן בערל׳ס בליק — אָבער ר׳קענט דאָך דעם ייד, כ׳מיין קאַזשיאַלן, קוים ר׳שלעפּט די פיס און ראָזען האַלט אויף זיין ברודער מיט זיין זופּ...

— איר רעדט גאָלע נאַרישקייטן, זייט־זשע מיר מוחל, וועמען זאָל איך דאָס אַרויפשטעלן אויף דער ליסטע, אויב ניט זיי און זייערס גלייכן? אָבער איר ווילט קאַזשיאַלן איבערלאָזן און דעם טויגעניכטס, דעם אַפּיקון — מהיכא תיתי... לאָמיר גיין ווייטער...

דער קעראָווניק האָט געגעבן אַ לאַנגן גרעפּס:
— דאָס פּושקע־פלייש האָט מיר פאַרשאַדט.

ראָזענבערג האָט פאַרקוועטשט די ליפּן און איראָניש א שמייכל געטאָן:

— פון עסן חזיר קען קיין גוטס נישט ארויסקומען, היט איך פון ניט קיין כשרן ביסן...

ר'האָט גענומען ווייטער שרייבן אויפן פּאַפּיר:

— יעזשערסקי, בלום, ריבאַק...

— וואַרט־זשע, ריבאַק, דאָס איז דער אלמן מיט די צוויי קינדער.

— אָט, האָסטו א נייע צרה! וואָס נאָך? אפשר זאָל איך נאָכקוקן ווער ס'האָט די קילע אָדער ליידט אויף מערידן... איר ווילט, זע איך, איבערלאָזן אין דער פאַבריק די קלעפּסידרעס! איר מיינט, אַז די דייטשע קאָמיסיעס, וואָס קומען צו אונדז, זיינען בלינד און זעען ניט, ווער עס שטייט ביי די שטולן?

וואָלעק האָט זיך אַ הויב געטאָן פון זיין פּאָטעל און גענומען ארומ־שפּאַנען איבערן צימער. ער האָט אַ שפּיי געטאָן אין שפּיי־שיסעלע, וואָס איז געווען פול מיט פּאַפּיראָסן.

ראָזענבערג האָט אויסגענוצט די פּויזע און פאַרשריבן אַכט נעמען.

— ...יאָסעלעוויטש, מאַלקין — האָט ער שוין געהאַלטן ביים פאַרשרייבן צוויי נייע מענטשן.

— אַ מינוט, לויפט ניט... מאַלקין איז געווען מיין מאַמעס ע"ה א גוטער באַקאַנטער...

— או וואָ! איר האָט דאָ מער באַקאַנטע?

— מאַכט איך ניט נאַריש! מיינט איר טאַקע, אז ס'געטאָלע וועט אייביק דויערן?

— אַזוי גאָר? טאָ דערפאר זאָל איך שוין א גרויסן טייל פון די אַרבעטער איצט, בידים אָפּשעכטן... און אפשר, מיין ליבער קעראָווניק, ווילט איר זיך פארזיכערן מיט אַ גוטער רעפּוטאַציע, וועל איך אייך פּותר חלום זיין: אויב מ'זאָל געהאָלפן ווערן היינט, אָדער אין אַ יאָר אַרום, וועט מען, סיי ווי סיי, אויף אייך און אויף מיר טייטלען מיט די פינגער... ס'וועט אייך ניט העלפן קיין שומרינו ומצילנו!

נאָך אַזאַ פּסק, האָט דער ליטוואַק אַ וואָרף געטאָן זיין מיטארבעטער אַ

בייזן בליק און אָפּגעטראָגן זיך מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר, אַזש דער טינטער איז אויפגעשפּרונגען אויפן טיש.

ער איז אַוועק צו זיך אין צימער, וואָס ביים סאַמע סוף פונעם הויף.

ר'האָט זיך אַ נעם געטאָן צום בראָנפן און. ליגנדיק אויף זיין אָטאָמאַנע, שיכורלעך איינגעטענה'ט מיטן טאַטן, וואָס איז געווען שוין לאַנג אַ שוכן עפר:

— ביסט געשטאָרבן ווי אַ גראַף און איך מוטשע זיך דאָ, כ'ווייס ניט צו וואָס און צו ווען...

✶

גרשון האָט אויפגעוועקט זיין ברודער אין מיטן דער נאַכט.

— גיב מיר אַביסל וואַסער, ס'איז מיר טרוקן אין גאָרגל...

איידער העניעק האָט באַוויזן אָנשעפּן וואַסער פון עמער, האָט דער קראַנקער זיך האַסטיק אויפגעזעצט, אַ געשריי געטאָן: הערש! פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געבליבן ליגן אויף די, דורכגעווייקטע מיט זויערן שווייס, קישנס.

ווען הערש איז אַריין צו מרימען מיטן פלעצאַק אויף די אַקסלען, האָט זי אים אַרומגענומען און צערטלעך אַ זאָג געטאָן:

— גיב מיר דיין פלעצאַק, כ'על אים אליין אויספּאַקן.

ס'האָט זיך דערנענטערט ס'יאָר 1944. זיי האָבן באַשלאָסן צו פייערן ניי־יאָר אויף אַ ספּעציעלן אופן. געקראָגן מיט אַ טאָג צוריק די „ראַציע", האָבן זיי אנגעגרייט זיך ביים בעט די אמת'ע „שאַמפּאַניע": פיר שטיקלעך ברויט, אָנגעשמירט מיט אייל און באַשאָטן מיט צוקער. זיי זיינען פרי אַריין אין בעט. הערש האָט דערציילט פריילעכע פּאַסירונגען פון זיין לעבן, געמאָלט בילדלעך פון די סטודענטישע אַוואַנטורעס אויף די ניי־יאָר־בעלער. מרים האָט געשילדערט קאָמישע עפּיזאָדן פון לעבן פון דער יידישער יוגנט אין לאָדזש. דער ווינט האָט אַריינגעבלאָזן דורכן לאָך פון דער אָפּגעבראָכענער שויב, וואָס איז געווען האַלב פאַרשטאָפּט מיט אַ שמאַטע.

ווען ס'האָט זיך דערנענטערט האַלבע נאַכט, האָבן זיי פאַרלאָשן ס'ליכט,

און ליגנדיק זייט ביי זייט, זיך איינגעהאָרכט אין דעם טיק־טאַק פון זייגער. הערש האָט אָנגענומען מרים׳ס האַנט און רעציטירט א ליד, וואָס ר׳האָט אליין פאַרפאַסט:

מיר גייען דיר אקעגן,
צוויי גרויסע הערזאָיען,
דער סימבאָל פון ליבע,
דער צייכן פון מאַכט,
זאָל אונדזער לעבן פליסן אין דויער,
מיט שטילער אמונה,
מיט ליכטיקער קראַפט...

✶

מ׳האָט זיי אַריינגעשטופּט אין אַ וואַגאָן פון בהמות, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. זיי זיינען געשטאַנען צונויפגעפּרעסט אַ גאַנצן טאָג אָן שפּייז.

— כאָטש א טראָפּן וואַסער — האָט הערש געבעטן.

מרים האָט צונויפגעשאַרט ס׳ביסל לייכעכץ, וואָס זי האָט געהאַט אין איר מויל און עס איבערגעגבן איר געליבטן דורכן מויל.

מ׳האָט זיי צעטיילט ביי דער ראַמפּע אין אוישוויץ.

— מיר וועלן זיך נאָך זען! — האָט מרים אויסגערופן.

— גיב אַכטונג אויף זיך! — האָט הערש געוואָרפן איר אַ קוש פון וויטן.

זיי האָבן זיך שוין קיינמאָל מער ניט געטראָפן אויף דער ערד.

דעם דיכטערס טויט

די טיר איז געשטאַנען אָפן. עמעץ איז געלעגן אויפן דיל. דער יידי־שער פּאַליציאַנט, גרוזאָוויק, האָט, פאַרבייגייענדיק צום קאָמיסאַריאַט, זיך פאַרהאַלטן, אַריינגעשטעקט די נאָז אינם שטיבל, אַריינגעשפּאַנט מיט זיינע סקריפּנדיקע שטיוול. דזשעוויעצקי איז געלעגן מיטן פּנים צום דיל — די פּיס איינגעקאָרטשעט, די פויסטן פאַרקרעמפּט. גרוזאָוויק האָט אַ טאַפּ געטאָן די הענט. זיי זיינען געווען קאַלט.

ער האָט איבערגעדרייט דעם קערפּער. ס׳פּנים איז געווען אַשיק־גרוי, די ליפּן — בלוי, די אויגן — פאַרגליווערטע, אויסגעביילטע ווייסלען.

— אַ נייער פּגר! הונדערטער פאַלן יעדן טאָג...

דער פּאַליציאַנט האָט זיך אומגעקוקט. שנעל אַראָפּגענומען פון בר־מינב׳ס האַנט דאָס זייגערל מיטן צעראַצטן ציפערבלאַט.

צו זיינע אויערן איז דערגאַנגען דאָס קלאַפּן פון טרעפּעס, אַ געקלאַנג פון טעפּ און מענאַזשקעס. ניט ווייט איז געווען אַן אַלגעמיינע קיך.

— מ׳דאַרף גיין נאָך דער זופּ!

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס אויף דער גאַס. אַ שכנותדיק, הילצערן הייזל מיט אַ צעפוילטן דאַך האָט אים אָנגעקוקט מיט האַלב אויס־געזעצטע, פאַרלאַטעטע מיט פּאַפּיר, שייבעלעך.

גרוזאָוויק האָט אַ שטויס געטאָן די טיר.

אַ בלייך, דערשראָקן יינגל האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

— ווו איז דער טאַטע? — האָט אַ געשריי געטאָן דער פּאַליציאַנט.

— טאַטע־מאַמע ליגן אין די בעטן — געשוואָלן... דער ברודער איז ביי דער אַרבעט אין שאָפּ...

— דעם מאַנצביל, וואָס ווינט לעבן אייך אַליין, קענסטו?

— אַ לערער — דזשעוויעצקי. זיין מאַמע ליגט אין שפּיטאָל אויף וועסאָלע...

דער קאָמיסאַריאַט האָט געגעבן צו וויסן דער קראַנקער מוטער.

זי האָט זיך דערשלעפּט אויף אַלע פיר אַהיים. אַ פאַרמאַטערטע, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, גענומען אויף איר שויס דעם קאַלטן קאָפּ פון איר זון. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אין ווינקל איז געשטאַנען אַן עמער מיט אומריינקייטן. אונטערן ניט פאַרבעטן בעט האָבן זיך געוואַלגערט עט־לעכע גרויסע, שוואַרצע רעטעכער.

— כונע, כונע — האָסט דאָך געהאַט נאָך צו עסן...

זי האָט געגלעט מיט איר דאַרער האַנט די צעשויבערטע האָר פונם זון. אירע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אויפגעפינקלט.

— כ׳וועל רופן דיין געטרייען חבר — האָט זי אַרויסגעמורמלט — ער וועט דיך אויפוועקן פון דיין שלאָף... ער וועט צו דיר ריידן...

דעם זעלבן טאָג האָט אַ מאָדנע פרייד באַהערשט וואָלפס נשמה. אַ היילנדיקע, גוטע שלווה.

— מאַמע, די ישועה איז נאָענט.

די מוטער מיניע האָט אָפּגעקערט איר פּנים פון דער קיך, ווו זי האָט געמשט די וואַסערדיקע גרויפּן־זופּ.

— דו גייסט אַרום אין חלומות, ווי יוסף הצדיק. הלוואי זאָלן דיינע ווערטער מקוים ווערן, ס׳איז שוין די העכסטע צייט!

אַ קלאַפּ מיט דער טיר. אַ בלייך יינגל פרעגט אויף וואָלפן.

— די אַלטע דזשעוויעצקי רופט אייך. גייט שנעלער אַהין. אויב איר וועט באַלד גיין, באַקומט איר פון איר אַלע רעטעכער, אַזוי האָט זי מיר געזאָגט.

וואָלף האָט דעם בר־מינן ניט געטראָפן אין שטוב. מיט אַ פּאָר מינוטן פריער האָט די עגלה אים אָפּגעפירט אויפן בית־חיים.

דאָס טהרה־הויז איז געווען פול מיט מתים. זיי זיינען געלעגן אין די זייטיקע זאַלן און חדרים, זיי האָבן פאַרנומען די קילע, שטיינערנע פּאָדלאָ־גע פונעם הויפּט־זאַל. די אויסגעסדרטע רייען פון די טויטע, פאַרנייטע אין ווייסע בגדים, האָבן זיך דאָ געצויגן פונעם שוואַרצן בעלעמער, ווו דער חזן

האָט אַמאָל געזונגען די אל־מלא־רחמימס, ביזן הויך־געוועלבטן אַריינגאַנג. די בר־מינג׳ס אין די ווייסע, געלאַטעטע בגדים זיינען געווען ענלעך צו פעקלעך, גרייטע אַוועקצוטראָגן. דער אוויר פון די מתים האָט איינגעהילט די יללות פון די מלווים. דער פוילנדיקער אָטעם האָט נאָכגעיאָגט די טרעגער, וועלכע זיינען געלאָפן אַהין און קריק מיט די טויטע: פונם טהרה־הויז ביז די גריבער.

וואָלף האָט געבלאָנדזשעט צווישן דעם עולם מלווים, געזוכט צווישן די ווייסע רייען פון די בר־מיננס. אַ מתעסק האָט אים פאַרטשעפּעט:

— ווער איז דער מת? ווען האָט מען אים געבראַכט? גיט געלט, וועל איך שאַפן בגדים... אויב ניט גיט אָן אַלט ליילעך... וואָס? דזשעוויעצקי?

וואָלף האָט אים אַ וואָרף געטאָן אַלע „רומקעס״ — די געטאָ־וואַלוטע — וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דער מתעסק אין לאַנגן, ברוינעם כאַלאַט איז אַריין אין אַ זייטיקן חדר. וואָלף איז געשטאַנען אַ ווילע.

— איז עס אַ חלום? ווען גייט מען באַגראָבן?

ער האָט גענומען שפּאַנען. ער איז אַרויפגעגאַנגען ביזן שוואַרצן בעלעמער, פאַרנומען זיך אין אַ זייט און דערזען אַ נייעם, לאַנגן רוים מיט מתים. זיי זיינען געלעגן צו צוויי, דריי אָדער קופּעסווייז. אָנגעטאָן אין זייערע טעגלעכע קליידער אָדער אַרומגעוויקלט מיט קאָלדרעס, האָבן זיי אויסגעשטרעקט צו אים שטאַרע הענט און פיס, אָנגעקוקט אים מיט געלע, גרויע און בלויע פּנימער. זייערע צונויפגעקוועטשטע מיילער האָבן פאַרזיגלט אַ גרויסן סוד. וואָסערן סוד?

אַ טויטע פרוי האָט אַרויסגעגלאָצט אויף וואָלפן אַ פּאָר קאַלטע ווייסלעך. איר מויל האָט געשמייכלט, כאָטש דער נידעריקער שטערן איז געווען איין טיפע, שוואַרצע וווּנד. איינער פון די מתעסקים האָט אַדורכגייענדיק, אַ ברום געטאָן צו וואָלפן:

— געלאָפן כאַפּן האָלץ פון די הייזער, וואָס מען צענעמט — און געבליבן אונטערן פּלויט. פאַלנדיק, האָט ער זי צוגעדעקט.

וואָלף איז אַריין צוריק אין הויפּט־זאַל. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ געשריי פון אַ יונגענמאַן: — חנה, חנה׳לע!

דער מאַנצביל איז געשטאַנען לעבן אַ מת אין ווייסע בגדים. זיי זיינען

צו קורץ געווען פאַרן בר־מינן. די קני פון דער טויטער פרוי האָבן אַרויס־געקוקט פון צווישן די תּכריכים, זיך געראָזט מיט אַ געזונטער פאַרב. זיי האָבן געלעבט — די דאָזיקע קני.

— פאַרוואָס האָט מען געוואָלט זיי באַגראָבן ?

עמעץ האָט וואָלפן אַ שטויס געטאָן אין זייט. די טרעגערס זײַנען פאַרביי מיט די טראַגעס. אויף דער ברעזענטענער מיטה האָט זיך געהוידעט אַ בר־מינן.

וואָלף האָט דערזען ר׳ טוביהן — דעם ראש פון „בית־חיים אָפּטיילונג״. דער אַמאָליקער דאָזער פון דער קהילה האָט זיך געגלעט די שניי־ווייסע באָרד, געקוקט אַרום זיך מיט אַ צעטראָגענעם בליק.

— אַהאַ וואָלף — וואָס ווילסטו ?

— אַ שיינע קרקע פאַר אַ גרויסן דיכטער...

— גוט, טייערינקער, ווער וועט בעטן פאַר אונז אַ שיינע קרקע ?

דער מתעסק איז אַרויס פון אַ זייטיקן זאַל. מיט קעצישע טריט צו צו וואָלפן.

— געפונען אייער חבר, דזשעוויעצקי. כ׳גיי אים פאַרנייען... ווילט אים נאָך זען ?

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, איז דער פאַרשוין פאַרשוואונדן. וואָלפס פּיס זײַנען געווען ווי געליימט, צענדליקער געדאַנקען האָבן געשריען אין אים מיט באַנומענע קולות.

אין אַ האַלבער שעה שפּעטער האָבן צוויי מתעסקים פאָרזיכטיק אַנידער־געלייגט דעם טויטן גוף אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. די ווייסע, לייוונ־טענע בגדים האָבן פאַרדעקט אַ מיטלוווּקסיקן, דאַרן קערפּער. אַ שטיקל פון באַוואָקסענעם גרגרת האָט זיך געגרויט אין דער שפּאַרע צווישן די תּכריכים.

— הוגאָ דזשעוויעצקי — הוגאָ — הוגאָ !

וואָלף האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זײַן חבר, די מתעסקים האָבן אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט, אָפּגעפירט אָן אַ זייט. איבערגעלאָזט אים אײנעם אַליין צווישן טומלדיקן עולם.

זײַנע אויגן האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך די ווייסע ברילעס פון די מתים, די פאַרקרומטע געזיכטער פון די מלווים — דעם גרין־געלן מאָך פון זייערע

אַנגעלאָפֿענע פּנימער.

ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיין חבר. ער האָט געקוקט אויפֿן פֿאַרגייטן קערפּער און דערזען אין אים אַ גרויליקן סימבאָל פֿון אומזין.

— ווו איז דיין שטאָלענער ווילן? ווו איז דיין ווילן, מענטש?

וואָלף האָט דורכגעברענט מיט זיינע אויגן די הויכע שויבן פֿונעם טהרה־הויז. די אויגן־אַפּלען זיינען געלאָפֿן דאָרט, ווו ביים שטעכיקן פֿאַרקאָן איז געשטאַנען די דייטשע וואַך.

וואָלף האָט געביילט די פֿויסטן, געקריצט מיט די ציין, ניט געפֿילט ווי איבער זיינע באַקן קייקלען זיך נאַסע טראָפּנס.

עס זיינען אָנגעקומען די חברים: קופּערפֿעלד, אייבושיץ און אַ פֿרוי — אַלע לערערס אין די געטאָ־שולן. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם מת, געזוכט עפּעס צו זאָגן וואָלפֿן. געבליבן אומבאַהאָלפֿן.

ר׳ טוביה האָט זיך צוגעשאַרט:

— ס׳פֿעלן אויס טרעגערס. דער קבר איז פֿאַרטיק, ווילט איר טראָגן?

די מתעסקים האָבן אַרויפֿגעלייגט דעם בר־מינן אויף די טראַגעס. אייבושיץ, וואָלף, קופּערפֿעלד און אַ יונגער טרעגער האָבן פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן די מיטה פֿאַר די הילצערנע דרענגער. גענומען שפּאַנען צום אַרויסגאַנג, צום בית־הקברות.

די זון האָט אַ ציטער געטאָן, פֿאַרגאָסן מיט אַ גילדערנעם ים פֿון שטראַלן די טראַגעס און די מלווים. די ביימער פֿון ביידע זייטן וועג האָבן זיך צערוישט אַקעגן דעם בלויען הימל. פֿאַרביקע שמעטערלינגען זיינען אַקעגנגעפֿלויגן דער מיטה.

פֿון צווישן די אויסגעקאָפּעטע קברים האָבן זיך געטראָגן געשרייען און געוויינען. די מלווים האָבן געריסן די זומערדיקע שלווה מיט זייערע באַנומענע קולות, געוואָרפֿן די הענט צום תכלתדיקן הימל.

איינגעהילט אין זייערע געשרייען און אין בשמימדיקע ווינטן, איז פּאַמעלעך געשוווּמען די מיטה מיטן מת — דזשעוויעצקין — אויף די אַקסלען פֿון זיינע חברים.

— איז דיין לעבן געווען אַ חלום — הוגאָ?

דיין מאַמע פֿלעגט יאָרנלאַנג לערנען פֿרעמדע קינדער העברעאיש,

כדי דו זאָלסט קאָנען זיין אַ תלמיד אין דער גימנאַזיע. ביסט אָבער אַרויס פלוצעם פון דער אַכטער קלאַס, געטרוימט צו ווערן אַ שרייבער. גענומען שאַפן לידער, דערציילונגען, פּאָעמעס. געטראָפן זיך מיט וואָלפן און שוין מיט אים קיינמאָל ניט צעשיידט. די אַרומיקע, חוץ דיין מאַמען, האָבן דיך באַטראַכט פאַר אַ משוגענעם. צווישן ווענט פון שפּאָטישער קאַלטקייט האָסטו געשאַפן דיינע ווערק און האַרט פאַרן אויסברוך פון קריג דרוקט אַ העברעאישע צייטונג אין ארץ־ישראל דיין ראָמאַן „יאוש״ — אויסגע־וויטיקטע בילדער פון דיין אייגענעם לעבן. ביסט אין באַגינען פון דיין וועג. דיינע ווערטער האָבן אין זיך דעם צויבער פון נבואה. דו זאַמלסט אין זיך כוחות צו שטייגן העכער און העכער. עס קומט די מלחמה. צוזאַמען מיט דיין משפחה ווערסטו אַריינגעשליידערט אין געטאָ. דיין פאָטער גייט אויס פון הונגער, דיין ברודער ווערט פאַרשיקט אויף אַרבעט נאָך דייטשלאַנד. בלייבסט מיט דיין מאַמען. שאַפסט ווייטער צווישן טוכלע ווענט פון דיין שטיבל. זומער פלעגט דער אוויר פון נאָענטן בית־כסא אָנפילן דעם חדר, ווינטער האָט דער פראָסט געפינקלט אויף די ווענט. אומבויגזאַם איז דיין גייסט — דיין גוף אָבער — דער קערפּער פון אַ גברן ווערט שוואַכער פון טאָג צו טאָג. דיינע אייביק־אָפּגעפרוירענע פינגער אייטערן, דיינע לונגען און דיין האַרץ ווערן קראַנק, דו אָבער הערסט ניט אויף צו שרייבן.

— דער ווילן קאָן אַלץ מנצח זיין, אפילו דעם טויט. בילדער און גע־שטאַלטן רופן אין מיר: לייז אונדז אויס! — פלעגסטו זאָגן צו דיין חבר.

וואָלף טראָגט די מיטה און פילט ניט די משא. צענדליקער פאַסירונגען שווימען אויף אין זיין זכרון, פאַרגעסענע ווערטער ציטערן אויף אין זיינע אויערן.

...אַ זומער־נאָכמיטיק. וואָלף איז געקומען צו זיין חבר און געטראָפן אים ליגן אין בעט. דרויסן האָט געבלענדט די זון, בעז־בלומען האָבן זיך געבלויט צווישן די געטאָ פּלויטלעך.

— שיין, וואָס ביסט געקומען. אָבער שפּאָר די כוחות. זעסט כ׳לייג מיך לעצטנס פרי — אַ סגולה צום הונגער.

דזשעוויעצקי האָט געשמייכלט, געבעטן וואָלפן זיך זעצן אויפן בעט.

וואָלף האָט אַ זאָג געטאָן: — ווייסט, די פּאָליציי באַקומט 2 קילאָ מעל אַחוץ אונדזער געוויינלעכער ראַציע.

— איז כדאַי צו לעבן פאַר יעדן פּרייז? — האָט הוגאָ געפרעגט. פאַר־פלאָכטן די אָפּגעפרוירענע פינגער אויף דער קאָלדרע, געקוקט אין דער ווייטקייט.

זיי האָבן גענומען דיסקוטירן. דזשעוויעצקי האָט זיך אָפּגערופן:

— דער טויט איז ניט שרעקלעך, ווען ער פאַרענדיקט אַ ריכטיק לעבן, אַ לעבן פון אַ מענטש, וואָס האָט געשטרעבט צום פולן אמת.

— אָבער דו דאַרפסט לעבן און שאַפן...

— גלויב מיר, אַ לויט מענטשלעכקייט איז מער ווערט ווי טויזנט פונט קונסט. הוגאָ האָט פלוצעם אַנגעקוקט זיין חבר: — דו ביסט אַ לערער און פגרסט צען מאָל אַ טאָג פון הונגער און מיך ווילסטו מאַכן פאַר רומקאָווסקיס לאָקיי, פאַר אַ יידישן פּאָליציאַנט...

וואָלף האָט שטיל געענטפערט: — כ'וואָלט דיך וועלן ראַטעווען...

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, פאַרנאַכט, האָט זיך הוגאָ דערשלעפּט צו זיין חברס וווינונג. אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ שטול, אַוועקגעלייגט זיין שוואַרצן הוט אויפן דיל און שנעל אַרויסגעפּליסטערט:

— אפשר האָסטו, וועלוול, אַ טראָפּן צוקער?

עס זיינען געווען די לעצטע טעג פון דער „ראַציע". ס'איז ניט פאַר־בליבן פונעם אויסגעטיילטן צוקער קיין איין לעפעלע. וואָלפס מוטער איז אַריינגעלאָפן צו דער שכנה לייען אַ דעקאָ זיסער שפּייז. די שכנה האָט זיך צעשמייכלט:

— גייט צו רומקאָווסקי'ן!

מיניע איז צוריק געקומען מיט ליידיקע הענט. דערזעענדיק דזשעוויעצקיס גרוי פנים, האָט זי זיך פאַרטראַכט. באַלד האָט זי דערלאַנגט הוגאָ'ן דעם סלאָי, אין וועלכן ס'איז געווען צוקער מיט אַ וואָך קריק. זי האָט אים געגעבן אַ לעפעלע, זאָגנדיק:

— איר האָט נאָך דאָ אויף די ווענטלעך אַביסל צוקער, קראַצט אויס... דזשעוויעצקי האָט אויסגעסקראָבעט די ווענטלעך, דעם דנאָ פון גלאָז,

אָפּגעלעקט דאָס לעפּעלע, אַריינגעשטעקט די צונג אינם סלאָי און אויסגע־לעקט די ברעגעס פונם געפעס.

— איצט איז מיר בעסער — האָט ער אַרויסגעברומט.

זיין פּנים איז געווען באַדעקט מיט שוויס, די הענט האָבן געציטערט.

— כ׳מוז פאַר דיר געפינען אַרבעט אויפן „געמיזע־פּלאַץ״ אָדער אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, דו פאַלסט דאָך פון די פיס — האָט וואָלף גענומען רעדן.

— עך, בלאָטע. זוך בעסער פאַר זיך, זעסט דאָך שוין אויס ווי אַ „קלעפּ־סידרע״.

הוגאָ האָט אַ קלאַפּ געטאָן וואָלפן אויפן אַקסל:

— כ׳האַלט שוין ביים פאַרענדיקן מיין ראָמאַן וועגן לאָדזש: „פּחם מגיע אל התחנה״. ס׳וועט זיין אַ גוט בוך.

זיין געזיכט האָט אויפגעשטראַלט. ער האָט גענומען דערציילן, שיל־דערן העלדן פונעם ווערק, זייערע איבערלעבונגען און ראַנגלענישן.

דער חדר האָט אויפגעשיינט פון ליכטיקע בילדער.

דזשעוויעצקי האָט זיך אויפגעהויבן. וואָלף האָט אים באַגלייט אַהיים. ביים אַוועקגיין דערלאַנגט אים די האַנט. הוגאָ האָט ניט אויסגעשטרעקט זיינע, געזאָגט:

— בעסער זאָלסט ניט אָנרירן מיין דלאָניע, די טובערקולן טראָגן זיך איבער.

דאָס לעצטע מאָל האָט וואָלף געזען זיין חבר אָנהויב יוני.

הוגאָ איז געזעסן אויף אַ שטול. פאַרן הילצערנעם הייזל, ווו ער האָט געוווינט. ער האָט באַטראַכט דעם איינציקן בוים, וואָס האָט זיך געהויבן ביים פּלויט. צווישן די זאַפטיקע גרינע בלעטער האָט געשפּראָצט ווייסער צוויט.

— דעם בוים קען קיינער ניט פאַרווערן צו בליען, אונז אָבער קענען דייטשע מערדער פאַרבאָטן צו לעבן. זע, וואָלף, אינעם רויש פונעם דאָזיקן בוים האָב איך דערהערט די ערשטע טענער פון מיין נייעם ווערק: „מחזות בלתי פוסקים, חזיונות ברורים, שהולכים וכלים, מתחדשים ובאים״.

— הוגאָ, מאַטערסט זיך צו פיל אויס מיטן שרייבן.

— כ׳בין זיכער, כ׳וועל נאָך לאַנג לעבן. זען אַ וועלט, קומען קיין

ארץ־ישראל. כ׳האָב דאָך גאָרניט געלעבט. עס וואַרטן אויף מיר נאָך ווונדער־לעכע שטעט און שיינע פּרויען... ער, וועלוול, זיי ניט פאַראומערט. איך בין זיכער און רואיק, כאָטש דער הימל איז פול מיט וואָלקנס — ער האָט גע־וויזן מיט אַ שמייכל אויף די טונקל־גרויע כמאַרעס, וואָס האָבן ביסלעכווייז פאַרצויגן דעם הימל. פּלוצעם האָט דזשעוויעצקי פאַרקוועטשט ס׳מויל, זיין פּנים איז געוואָרן ווייס, ווי קרייד.

— וואָס איז דיר, הוגאָ?

— גאָרנישט. געשטאַנען היינט אין קאָאָפּעראַטיוו צווי שעה נאָך ברויט — האָט ער אַרויסגעמורמלט נאָך אַ לאַנגער ווײַלע. — ס׳איז מיר שוין בעסער — האָט ער זיך צעשמייכלט. — הער, וועלוול, אויב דו וועסט אַמאָל בלייבן אַליין, שרעק זיך ניט — האַלט אָן די מלחמה: שרייב ווייטער! אויך מיין טויט זאָל האָבן פאַר דיר אַ זין. זאָלסט מיך באַטראַכטן ווי אַ טרעפּ צו הייבן זיך העכער און ווייטער... פאַרגעדענק! וואַרף דער וועלט איר שולד אין פּנים אַריין! מיין ווילן זאָל זיין אין דיר!

ער האָט זיך אויפגעהויבן. אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף וואָלפס אַקסלען. די שוואַרצע וואָלקנס האָט דורכגעציטערט אַ בליץ, גרויסע דיקע טראָפּנס האָבן אַ שמיץ געטאָן די פּנימער. אַ שטאַרקער ווינט האָט צעשאָקלט דעם בוים ביים פּלויט.

— גיי אַהיים, וועלוול, שפּעטער וועסטו ניט קאָנען צוריקגיין צוליב דער פּאָליציי־שעה.

וואָלף האָט פּאַמעלעך גענומען שפּאַנען. ביים וועגאַויסבויג, האָט ער זיך אומגעקוקט. הוגאָ איז געשטאַנען און געפּאָכעט מיט דער האַנט.

אַזוי איז ער פאַרבליבן אין וואָלפס זכרון. אויפן פּאָן פון די שוואַרצע וואָלקנס, ביים בוים מיטן ווייסן צוויט. אינדערמיט.

אסתר

מענדעלע האָט אַרויסגעקוקט. די לבנה — אַ זילבערנע, צעשמייכלטע, איז געשטאַנען אַקעגן אויפן הימל.

— טייערע לבנה, נעם אונדז אַהיים. אַזוי לאַנג האָב איך שוין ניט געזען מיין שטיבל, בעטל און מיינע שפּילצייג. נעם אונדז מיט!

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט ס׳קינד גענומען בעטן די מוטער:

— דערצייל מיר אַ מעשה...

— ניט איצט, מענדעלע.

מיט פאַרחלשטע הענט האָט אסתר אַ כאַפּ געטאָן אַ קלומעקל, וואָס זי האָט ערשט פאַרענדיקט פּאַקן, האָסטיק אַ נעם געטאָן ס׳קינד פאַרן הענטל און אַרויס אויפן הויף. שמעון האָט שוין געוואַרט אינדרויסן. שטייענדיק צונויפגעפּרעסט זאַלבעדריט אין הילצערנעם, האַלב־דאַרפישן אַפּטריט, האָבן זיי פּשוט מורא געהאַט צו אָטעמען.

— עס קומען אָן די דייטשן...

מענדעלע, צוגעטוליעט צו דער מאַמען, האָט פאַרשלאָסן די אויגן.

— איך זע גאָרניט, קיינער זעט מיך ניט.

דרייסיק מעטער פון אסתרן איז געווען די ישועה. אין דרייגאָרנדיקן בנין פון „מעטאַל רעסאָרט״ איז געווען „קאָשאַרירט״ — אַ באַדייטנדע צאָל יידן פון לאָדזשער געטאָ. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אסתר׳ס מוטער — יהודית.

ערשט היינט אינדערפרי האָבן מאַן, ווייב און קינד זיך אַריינגעשמוגלט אין דער פאַבריק דורך אַן אָפענעם פענצטער אין דער נידער.

די אַלטע מוטער האָט זיך דערפרייט מיט די קינדער. דער קעראָווניק פון „רעסאָרט״ האָט זיי אָבער אַרויסגעוואָרפן, שרייענדיק צו שמעונען: — גייט שוין, אַניט וואַרף איך אויך אייער שוויגער אַרויס!

אסתר האָט אַ שלעפּ געטאָן איר מאַן פאַרן אַרבל, גענומען אויף דער האַנט דאָס אויסגעבלייכטע, דערשראָקענע קינד. זיי זיינען אַרויס פונעם בנין, געגאַנגען זיך באַהאַלטן אין פאַרלאָזטן הייזל אַקעגן דעם „רעסאָרט", געש־פּאַנט מיט פאַרוויטיקטע פּנימער, מיט צער און צאָרן אין האַרצן. די אַלטע מאַמע איז זיי נאָכגעגאַנגען ביזן אַרויסגאַנג, דאָ האָט זי זיך פאַרהאַלטן:

— כ'גיי אייך ברענגען עסן.

ווען מענדעלע איז אַריין אין האַלב־חרוב'ן הייזל, האָט ער זיך צעוויינט.

— כ'וויל צו דער באָבעשי...

די אַלטע מאַמע איז אַריינגעקומען מיט אַ גרויסער מענאַזשקע אין די ציטערדיקע הענט. זי האָט גענומען ס'אייניקל אויף דער שויס און זיך צע־כליפּעט מיט אַ יאָמער פון אַן אַלטן מענטשן.

— מאַמע, וויין ניט — האָט זיך געבעטן די טאָכטער, זוכנדיק אַ פּאָר טעלער אין אַלטן, פאַרשטויבטן קרעדענס ביי דער וואַנט.

די איינגעקאָרטשעטע, פאַרחושכטע ווינונג, פאַרלאָזט מיט אַ פּאָר טעג קריק, האָט נאָך געאָטעמט מיט אָוועקגייענדיקע טריט, מיט לעצטע מענטשי־שע רייד און בליקן. דאָס שמוציקע, קאַלטע בעטגעוואַנט האָט נאָך פאַרהאַלטן דעם אָפּדרוק פון די אויסגעדאַרטע לייבער, דאָס אייזערנע אויוועלע, אין מיטן דער שטוב, האָט געקוקט מיט זיין גרוי־אַשיקן מויל אויף דעם לעצטן געהילץ, וואָס איז געלעגן ניט וויט פון אים. אַ מאָדנעם הילך האָבן געגעבן די טעלער, ווען אסתר האָט זיי אויסגעשטעלט אויפן וואַקלדיקן טיש. דער קלאַנג האָט צוריקגערופן מענטשישע טריט און שטימען, אַ פרעמד, פאַרלוירן לעבן.

— כ'האָב געבעטן דעם קעראָוניק: „שיקט מיך אַוועק און לאָזט מיין טאָכטער און אייניקל אין דעם „רעסאָרט" — האָט די אַלטע מאַמע דערציילט. — דער רוצח האָט מיך אויסגעלאַכט.

די קינדער זיינען געוואָרן פאַרנומען מיטן עסן. דער איידעם — אַן אַנגעצ־כמורעטער — האָט גיריק געזיפּט די יושקע. אסתר האָט דערלאַנגט די ניט־דערעסענע פּיצלעך קילריבן דעם קינד, וואָרפנדיק גלייכצייטיק אַ ביייזלעכן בליק אויפן מאַן: ער געדענקט גאָרניט וועגן קינד.

— אפשר איז בעסער אַזוי — האָט שמעון אָפּגערוקט דעם ליידיקן

טעלער — אַרויס פונעם געטאָ! אין דייטשלאַנד וועלן מיר אַרבעטן און זיך פאַרדינען ס׳ביסל עסן.

— ס׳געטאָ ווערט ליקווידירט — האָט זיך ארײַנגעמישט אסתר — וואָס איז די פּעולה פון אונדזער אויסבאַהאַלטן?

— האָסטו כוח צו אַרבעטן? — האָט זיך צעזיפצט די אַלטע מוטער — דײַן ברודער האָט צוויי יאָר געאַרבעט אין דער גיסערײַ און שוין. ער האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן.

זי האָט גענומען ווישן די אויגן מיט איר אויסגעהאָרעוועטער, אויסגע־צערטער האַנט.

— דער מעטאַל־„רעסאָרט״ וועט בלײַבן אין געטאָ — האָט דער איידעם שאַרף אַרויסגעזאָגט — דער דייטשער געטאָ־לייטער דאַרף די אַרבעטער.

— אויף ווי לאַנג? — האָט מיט ביטערן חוזק געפרעגט יהודית.

מענדעלע האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די דערוואַקסענע, געקוקט דאָ אויפן טאַטן, דאָ ווידער אויף דער באָבען מיט זײַנע גרויסע בלויע אויגן, ענדלעך איז ער צוגעפאַלן צו דער באָבעס קני:

— באָבעשי, רעד ניט, רעד ניט, דערצייל מיר אַ מעשה.

— גיי מאַמע — האָט זיך אָפּגערופן אסתר — דער קראַנקער קען דיך אַמאָל ניט וועלן מער אַרײַנלאָזן אין דער פאַבריק.

שפּעט אין אָוונט איז יהודית אַ פאַרסאַפּעטע אַרײַן צו די קינדער:

— פאַרשטעקט אײַך, מ׳זאָגט דייטשן גייען!

שטייענדיק איצט מיטן מאַן און קינד אין בית־כסא, טראַכט אסתר ווי קינדעריש זי פאַרטיידיקט איר נאַריש לעבן. מעגלעך זי און איר משפּחה זײַנען די לעצטע, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אויפן שטח פון געטאָ. אויף מאַרישין גייען איצט אָפּ די וואַגאָנען מיט די לעצטע יידן, וואָס ווערן אַרויס־געשיקט קיין דייטשלאַנד.

פינף יאָר האָט זי זיך געפּייניקט אין פאַרצוימטן רוים, הונדערטער מאָל געלאָפן אויף די ביידעמער, אין די גריבער מיטן קינד, פאַרקויפט אירע זופּן צו קויפן מעדיצינען פאַר אים, אָפּגעגעבן מענדעלען פון איר „ראַציע״־עסן, אדורך „„סעלעקציעס״, „שפּערעס״ און אַנדערע פּורעניות און צום סוף — אַן עיפּושדיקער אַפּטריט.

מיט וועמען האַלט זי מלחמה? אַ מבול פאַרגיסט די וועלט און זי לויפט אַהין און צוריק צו געפינען אַ ברעקל יבשה פאַר איר איינציק קינד.

— ווי לאַנג וועלן מיר דאָ זיך שטיקן מיטן געררוך פון די צואות?

— האָט זיך שמעון צעבייזערט — לאָמיר זען וואָס טוט זיך דרויסן.

ארויס פון בית־כסא, זיינען זיי געבליבן שטיין אַ ווײַלע. ביימער אין שיין פון דער לבנה האָבן אויסגעשטרעקט צו זיי נאַקעטע, שוואַרצע צווייגן. די אומצאָליקע שטערן האָבן געוווּנקען פון אויבן מיט אַ קאַלט געלעכטערל.

זיי זיינען אַריין אין הייזל, צוגעשפּאַרט זיך אינעם אַנטאָן אויף די בעטן. ס׳קינד האָט זיך איינגעוווּרעט אין דער מאַמע׳ס לייב, אַנטשלאָפן געוואָרן.

די לבנה האָט מיט אַ קילבלעכן שיין פאַרצויגן מענדעלעס פּנימל, גע־שניצט מיט זילבערנער העלקייט זיין נעזל און גאָמבע.

— מיין קינד, זון.

אסתרס גאַנץ וועזן האָט געזונגען אַ ליד צו דעם ברויזעלע, וואָס איר לייב האָט אַרויסגעגעבן. זי האָט צוגענייגט אירע ליפּן צו זיין שטערן. ס׳קינד האָט זיך איבערגעוועקט, אינסטינקטיוו זיך צוגעטוליעט צו דער מוטער.

— זיי רואיק, כ׳גיב דיך ניט אַוועק.

צענדליקער רעטונג־פּלענער האָבן אויפגעטויכט און זיינען ניט געוואָרן אין איר פאַרמאַטערטן קאָפּ. אירע ברענענדיקע, אויסגעטריקנטע אויגן האָבן אַדורכגעלעכערט די ווענט, געזוכט אין דער גאַנצער וועלט אַ ווינקעלע צו פאַרהוילן ס׳קינד.

מיט פאַרבראָכענע הענט האָט זי תפילה געטאָן צום פאַרשטאָרבענעם טאַטן, צו גאָט, דעם איינציקן באַשיצער.

— מיליאָנען קינדער שלאָפן רואיק ביי זייט פון טאַטע־מאַמע און נאָר איך לויף פון נאָרע צו נאָרע, פון הייל צו הייל כדי מיין איינציק קינד צו פאַרשטעקן. גאָט, נעם מיין נשמה און לאָז מיין שוואַלב לעבן.

די לבנה אין פענצטער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ ווייס, פּוסט פּנים.

— גאָט, צו וואָס האָסטו מיך באַשאַפן? ווער וועט בלייבן נאָך מיר צו זאָגן:

מיין מאַמע איז געשטאָרבן און איך בין געבליבן צו דערציילן איר פּיין, איר גרויליקן וועג. ווער וועט זאָגן קדיש נאָך מיר?

שמעון האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ האַסטיק כראָפּן, אַראָפּ

שלאַבעריק פונעם בעט, געזוכט אַ ווײַלע דעם עמער אין ווינקל.

— ס'ווילט זיך עפּעס עסן — איז ער מיט אַ זיפץ אַרויף אויפן געלעגער.

— בײס אָפּ אַ שטיק פון מיר — האָט זיך אסתר אָנגעצונדן.

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ רואיקער, זוניקער. די גרויסע פאַבריק־שויבן האָבן אַרײַנגעזאַפּט דעם בלויען הימל. ביים אַרײַנגאַנג פון „רעסאָרט״ האָט זיך געדרייט דער וועכטער מינץ — אַן אינוואַליד. ער האָט אויסגעקוקט די דײַטשן מיט אַ שמייכל: — זיי קענען מיר נאָר צונעמען דעם פּאַרבלי־בענעם פוס.

— וווּהין גייט איר? — האָט דער וועכטער פאַרהאַלטן יהודית'ן, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום אַרויסגאַנג — ווייסט איר ניט, אַז די דײַטשן שיסן יעדן איינעם, וועמען זיי טרעפן אויף די גאַסן פונעם לײַדיקן געטאָ.

— אויב זיי וועלן מיך זוכן, זאָגט זיי, כ'קום אינגיכן — האָט זי שפּאַטיש אַ וואָרף געטאָן, אַרויסשלײַכנדיק זיך פון טויער.

— דאַנקען גאָט, כ'זע איך ווידער — איז זי אַרײַן צו די קינדער אין באַהעלטעניש. ס'איניקל האָט זיך אין ווינקל געשפּילט מיט אָפּגעבראָכענע פיסלעך פון שטולן. אויסגעשטעלט זיי ביי דער וואַנט און גערופן:

— איינס, צוויי, איינס, צוויי, יודע ראוס!

— שטילער מענדעלע — האָט זיך געבעטן ביי אים די מאַמע.

— מיר גייען אוועק פון דאַנען — האָט אויסגעשאָסן דער איידעם — צו וואָס זיך פּײַניקן? מ'וועט אונדז דאָך סיי ווי כאַפּן.

— אַזוי גאָר? — די אַלטע פרוי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ צעטראָגענעם בליק. זי האָט אַ וויש געטאָן איר געראָונצלטן שטערן: — כ'קום באַלד צוריק.

שווער אָטעמענדיק, האָט זי זיך באַוויזן נאָך אַ האַלבער שעה מיט צוויי גרויסע מענאַזשקעס.

— פון וואַנען האָסטו גענומען אַזש צוויי? — האָט די טאָכטער געוויזן מיט דער האַנט אויף די צוויי פולע, בלעכענע כלים.

— מסתמא אויסגעבעטלט — האָט זיך פאַרקרימט שמעון — נאַ, געזונט, מיר גייען זיך צושטעלן קיין מאַרישין.

— יאָ, מיר גייען — האָט זיך צעשמייכלט מענדעלע, וועלכער איז שוין לאַנג ניט געווען אויף דער פרישער לופט.

אַן אומבאַהאָלפענע איז די אַלטע מאַמע געשטאַנען צווישן זיי. איר מוח האָט געאַרבעט ווי אַן איבערגעפּירטע מאַשין: פּלוצעמדיקע איינפאַלן, אויס־טערלישע פּלענער האָבן אויפגעסקריפּעט ווי רעדער, געיאָגט אַ ווײַלע און געבליבן שטיין, פאַרצוויפלטע מחשבות האָבן זיך צעוואָקלט ווי לאַנגע, טונ־קעלע טראַנסמיסיעס און זיך באַלד פאַרהאַלטן.

איר פאַרמאַטערט האַרץ אָבער האָט געהאַמערט אין די פאַרשלאָסענע הימלען: — גרויסער גאָט, שיק הילף!

זי האָט זיך צוגעשפּאַרט אויפן בעט. דער אַלטער מאַטראַץ האָט א סקריפּ געגעבן אונטער איר. יהודית האָט פאַרשטאַנען:

— אויך ער זיפצט צום רבונו של עולם.

— כ'בין זייער מיד, קינדער — האָבן אירע טרוקענע ליפּן אַרויסגע־פליסטערט. זי האָט זיך פאַרקוקט אין דער זוניקער וועלט, וואָס הינטער די שויבן פונעם פענצטער. אַ ברייטער וועג, צווישן צווי רייען פאַרלאָזטע, גע־מויערטע און הילצערנע הייזער, איז געלאָפן ביזן ראַנד פון געלבלעכע, פאַר־וויאַנעטע פעלדער. דעם האָריזאָנט האָבן געשפּיזט קאָפּולעס און קאַנטיקע, הויכע מצבות.

ווען זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אירע געדאַנקען, האָט זי באַמערקט, ווי די טאָכטער וואַשט שוין די טעלער אין אַ גרויסער שיסל.

— צו וואָס טו איך דאָס? — האָט זיך אסתר אַליין געפרעגט — קיינער וועט דאָך סיי ווי קיינמאָל פון די טעלער ניט עסן... כ'ווייס שוין: די באַלע־באָסטע, וואָס איז אַוועק, זאָל ניט פאַראיבל האָבן! — די טעלער זיינען דאָך זיכער געווען אירע פריינט אין צער און פריידן.

אויך אסתר האָט איבערגעלאָזט א טייערן סערוויז אין איר דאַך־שטיבל אין געטאָ. אויך די פאַרלאָזטע, געבלימלטע טעלערלעך האָבן צוזאַמען מיט איר זיך געפרייט און מיטגעליטן. איצט שטייען זיי פאַראיינזאַמט — שטויב פאַלט אויף זייערע פלאַכן.

אויסגעווישט ס'געפעס און עס זאָרגפעליק אַריינגעשטעלט אין קרעדענס, האָט אסתר גענומען פאַרפּאַקן די "פּלעצאַקעס" — אויפגעגנייטע פון טיש־טעכער — טאָרבעס מיט פּאַסקעס און שנאַלן פון הינטן. אַריינגעשטופּט אין

זיי די העמדער, וועלכע זיי האָבן אָנגעטאָן פאַרן שלאָף, די האַנטעכער, די שטעקלאַטשן, דעם טערמאָס און אַנדערע זאַכן.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן מענדעלעס טאַרבע, אַרויסגענומען די לעדערנע פּאַנטאָפעלעך.

— טו אָן, קינד מיינס!

און אָט זיינען זיי געשטאַנען, אָנגעטאָן אין די מאַנטלען, מאַן און ווייב, די פּלעצאַקעס אויף די פּלייצעס, מענדעלע — ס׳ווייסע טאַרבעלע איבערגע־וואָרפן איבערן אַקסעלע ווי אַ טאַש.

זיי זיינען געשטאַנען און געוואַרט. די אַלטע מאַמע איז געזעסן אויפן בעט, ניט גערירט זיך פון אָרט.

— מיר גייען — מאַמע — האָט קאַלט אַ זאָג געטאָן די טאָכטער.

— כ׳גיי מיט אייך — האָט זיך אויפגעהויבן די מוטער.

— מאַמע, וועסט ניט האָבן קיין כוח מיטצוגיין...

— איר ווילט מיך ניט מיטנעמען? — האָט זיך די אַלטע פּרוי אַ שטעל געטאָן.

— זיי דאָ, די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מיר וועלן צוריקקומען.

יהודית איז אַרויס צוזאַמען מיט די דריי וואַנדערער פונעם הייזל. מיט פאַרקוועטשטע ליפּן, קראַמפּיק־געביילטע פויסטן, האָט זי געגומען שפּאַנען. שמעון — אונטערהייבנדיק פון צייט צו צייט די טאַרבע אויף די פּלייצעס, זיין פּלעצאַק איז געווען דער שווערסטער — האָט געשפּרייזט אָפּריער, אסתר מיטן קינד — נאָך אים, די אַלטע מאַמע האָט זיך געשלעפּט פון הינטן. מיט בלייכע פּנימער, שטייפע, אומעטיק־ווייטע אויגן, האָבן זיי געשניטן דעם טראָטואַר, לענגאויס איינזאַמע מויערן, הילצערנע הייזקעס, האַלב־צענומענע פלויטן, דינע, אויסגעטריקנטעביימער, אויפגעריסענע טירן, וועלכע האָבן, ווי צעדולטע מיילער, אויסגעשריען די גרויליקע פוסטקייט פון די געביידעס.

זייערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף דער קאַלטער, לאַנגער גאַס, וואָס האָט געפירט קיין מאַרישין.

אסתר האָט זיך געוואַנדן צו דער מוטער: — מאַמע, פאָלג מיך, גיי צוריק צום „רעסאָרט".

יהודית איז שטיין געבליבן, איר פּנים האָט געגעבן אַ צוק.

— כ׳וויל גיין מיט אייך...

—בלייב אין געטאָ, מאַמע, מיר וועלן צוריקקומען...

שמעון האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— לאָמיר גיין — ס׳ווערט שפּעט.

די אַלטע פרוי האָט אים אָנגעקוקט, באַטראַכט איר טאָכטער מיטן אייני־קל, גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ.

— אָט קום איך...

זי האָט גענומען שטעלן אייליקע טריט. די ליידיקע גאַס האָט ווידער אויסגעקלאַפּט מיט דריבנע פּייקעלעך — די שפּרייזן פון פיר וואַנדערער. אַ פּאַרדישעטע — איז די אַלטע מאַמע שטיין געבליבן.

— גייט מיר, גייט, קינדער, געזונטערהייט...

די פאַרבליבענע דריי האָבן זי אַרומגענומען אין אַ האַלבן קרייז. זי האָט אַרויסגענומען איר ווייס, קליינטשיק טאָרבעלע מיטן לעצטן צוקער פון דער טאַש פון איר מאַנטל און עס דערלאַנגט מענדעלען.

— נעם, טייער אייניקל מיינס...

זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אין אירע אָרעמס און באַשאָטן מיט קושן. ווען זי האָט ס׳קינד אָפּגעלאָזט, האָט מענדעלע געזאָגט צו איר מיט אַן אומעט פון אַ דערוואַקסענעם מענטש:

— צו וואָס קושסטו מיך, ס׳וועט דאָך סיי ווי ניט העלפן.

די טאָכטער האָט זיך צעקושט מיט דער מוטער, דער איידעם האָט קאַלט אָנגערירט מיט זיינע ליפּן די געלע, געראונצלטע באַקן.

די דריי מענטשן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די אַלטע מאַמע האָט זיי נאָכגעקוקט. איר לעבן — דוכט זיך — איז אַרויס פון איר און גענומען שפּאַנען, שפּרייזן מיט די טריט פון די אַוועקגייענדיקע.

אסתר און מענדעלע האָבן זיך אומגעקוקט. ס׳קינד האָט געשמייכלט.

— איצט פאַרנעמען זיי זיך אויף רעכטס, אָט באַלד וועלן אַלע דריי פאַרשווינדן ביים ראָג פון דער גאַס.

די אַלטע מאַמע האָט ניט געפילט ווי דער ווינט שויבערט אירע גרויע האָר. איר מויל איז געווען אָפן, דאָס פּנים — געלע הויט און ביין. זי האָט

אויסגעשפּרייט אירע דאַרע אָרעמס צו די קינדער, פאַרשווינדנדיקע ביים אויסבייג פון דער גאַס.

די טאָכטער האָט פון וויטן באַוויזגן מיט דער האַנט.

— זיי געזונט, מאַמע.

אינסטינקטיוו האָט די אַלטע מוטער זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, געשטעלט עטלעכע טריט.

אַ ווײַלע — און די דריי וואַנדערער זײַנען פאַרשוווּנדן.

די מאַמע האָט זיך פאַרהאַלטן, געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך.

דער ווינט האָט געשויבערט אירע האָר, געקושט איר ביינערדיק געזיכט, געקושט מיט די ליפּן פון די קינדער, וואָס זײַנען אַוועק אין אַ פרעמדער, גרויזאַמער וועלט.

אנטרינונג

אַנטרינונג

קאַפּיטל איינס

אין בלוילעכער דעמערונג דרימלט דער פּוילישער פּאָרט. טונקעלע, שפּיציקע לייבער פֿון סאָוויעטישע און שוועדישע שיפֿן ליגן אויף דער שמוציקער וואַסער־פֿלאַכטע. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ שלאָפֿן די אייזערנע קראַנען, וואָס לאָדן אויס די שיפֿן פֿון שפּייז און מאַשינען. די וואַגאָנעטקעס אויף די שינעס, וואָס שניידן דעם פּאָרט, גענעצן מיט פֿיר־קאַנטיקע, פּוסטע מיילער. פֿאַררוקטע פֿענצטערלעך פֿון הילצערנע סקלאַדעס ציטערן אויף ביי אַ שטאַרקן פֿייף פֿון אַ שיף־סירענע. הינט קלאַפּן אין ליידיקע קאָנסערוון־פּושקעס, וואָס וואַלגערן זיך צווישן שטריק, ברעזענטן און פֿעסער. פֿון צייט צו צייט כריפּען־אויף קולות פֿון מאַטראָזן, הילכן אָפּ זעלנערישע טריט.

עס גלאָצן־אויף לאָמפּן. קלאַפּן מיט שיין אינעם בלעך פֿון מאַגאַזינען, אין די באַיאָנעטן פֿון דער פּאָרט־וואַך. אויסמיידנדיק די פּאָליציי־פּאָסטנס, שניידן דעם וועג צום וואַסער יוסף און דער שוועדישער קאַפּיטאַן. דורך פֿאַרפּלאָנטערטע שינעס, צווישן פּעק צעמענט און בערג ציגל, האַרט נעבן ווענט פֿון די לאַגערן טראָגן זיך איילקע טריט אין ריכטונג פֿון ברעג.

ווי אַ פֿאַרטייעטע, שוואַרצלעכע חיה וואַרט דער דאַמפּער „וואַגוס". הויך, ביים קאַפּיטאַן־בריקל פֿינקלט אַ קליינע, עלעקטרישע לאָמפּ.

אַ קייט גיט אַ קלינג, ווען יוסף שפּרינגט אַרויף אויף דער דעק. שנעל פֿירט אים דער שוועד צו זיין קאַבינע דורך שמאָלע, געדרייטע טרעפּ. שטופּט אים אַריין אין אַ זייטיקן אַלקער, הינטער אַ דיקן פֿאָרהאַנג.

לאַנגע שעהן פֿון פֿיבערדיקער אַנטשלאָסנקייט.

ענדלעך שפּאַלטן די שטילקייט זעלנערישע טריט. אראָפּגעלאָזטע קאָלבעס קלאַפּן אָן דעם דיל. פֿון הינטער דער פֿאָרהאַנג הילכן אויף ווערטער:

— פֿירט איר נישט קיין פּאַסאַזשירן?

די פּוילישע פּאָרט־פּאָליציי איז אַריין אין דער קאַבינע.
קאַלט און זיכער קלינגט דעם קאַפּיטאַנס קול:

— כ׳ברענג אַהער הערינג און כ׳פיר צוריק קוילן — מער ניט...

געלעכטער, וויצלעריי, געקלאַנג פון גלעזער, בולבען פון בראַנפן. אַ קלאַפּ מיט דער טיר. טריט דערוויטערן זיך, ווערן אַריינגעזויגן דורך דער פינצטערניש. אַ האַנט רוקט אָפּ דעם פאָרהאַנג. דער שוועד פאַרבעט דעם ייד צום עסן. אַן אַלטמאָדישע הענגנדיקע נאַפּט־לאָמפּ וואַרפט איר שיין אויף אַ ווייס־געדעקטן טיש, טעלער מיט שוואַרצלעכע פלעצעלעך, ווייס ברויט, סאַרדינען און אַ גלעזערנע קרוג מיט מילך. עמעץ פליסטערט ביי דער צווייטער זייט טיש. יוסף דערזעט פלוצעם צוויי געשטאַלטן. ער גיט אַ ציטער.

— שרעקט אייך נישט — באַרואיקט אים אַ הויכער הער מיט פלינקע, טונקעלע אויגן — מיר אַנטלויפן אויך...

— איך פאָר צו מיין פרוי — רייסט זיך אַרויס פון יוספס מויל.

דער הויכער הער שמייכלט. זיין חבר, אַ יונגער קריסט, צעלאַכט זיך הויך:

— אַ ייד זאָל היינט אין יאָר 1945 אַנטלויפן? יידן פירן דאָך אַן מיט דער מלוכה.

יוסף שפּרינגט אויף פון אָרט: — מיר זיינען שוין מיד פון אייער האַס. די פאַרבליבענע יידן וועלן אייך איבערלאָזן אין איין שיינעם טאָג און אַוועק... ווי הינט וועט איר זיך דעמאָלט אַרומבייסן...

עס ווערט שטיל. די קריסטן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, דזשיאָבן דאָס עסן, קוקן אָן אַ זייט.

די נאַכט פאַרשלאָגט מיט אַ שוואַרצער כוואַליע די רונדיקע, דיק־פאַרגלאָזטע פענצטערלעך. מענטשישע פינגער קלאַפּן אין דער טיר פון דער קאַבינע.

— דער סטיואַרט — שעפּטשעט דער קאַפּיטאַן. בעט זיינע געסט אַריינגיין אין אַלקער. אין פינצטערן, ענגן רוים שטייען אַלע דריי און וואַגן נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. דער חושך באַרואיקט זייערע געמיטער, בינדט זיי צוזאַמען מיט איין גאַרטל.

באַלד רוקט אָפּ דער קאַפּיטאַן דעם פאָרהאַנג. דאָס ליכט בלענדט אין די אויגן. דער שוועד שמייכלט.

די נאַפט־לאָמפּ גיט זיך אַ וויג. איר שיין פאַלט אויפן גרויסן וואַנט־קאָמפּאַס, אַלטפרענקישן זייגער. א לייכטער ציטער גייט דורך דער שיף. פּאַמעלעך־אַסטמאַטיש צעסאָפּען זיך די מאַשינען. מיט אַ ווינטיקן שוים קלאַפּט דאָס וואַסער אָן די ווענט פון דער שיף.

— מיר זיינען אַרויס פון פּאָרט — מרוטשעט דער קאַפּיטאַן.

דער יונגער קריסט דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פענצטערל, וואָס איז געהילט אין חושך. פירט מיט די פינגער איבערן דיקן גלאָז. זיינע ליפּן באַוועגן זיך אין דער שטיל.

— פּאָלסקאַ.. פּאָלסקאַ...

דער עלטערער קריסט לייגט אים די האַנט אויפן אַקסל.

יוסף קוקט אינעם געדיכטן חושך, וואָס הינטער די קליינע, רונדיקע שויבן. אַ לאַנד דערווייטערט זיך מיט יעדן קלאַפּ פון מאַשינען, מיט יעט־וועדן ציטער פון די ווענט, וואָס אַ מאָל מער...

יוסף שעפּטשעט: — רחל, רחל, מיין טייערע פרוי.

דרייצן חדשים ניט געהאַט פון איר די מינדסטע ידיעה. מיט אַ וואָך צוריק האָט א טעלעגראַם פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין שטאָקהאָלם אים געבראַכט די ליכטיקע בשורה, אַז זי לעבט און געפינט זיך אין שוועדן.

*

דער ייד יוסף פראַווידלאָ פאַרלאָזט פּוילן — די ערד פון זיינע עלטערן און זיידעס. ערשט איצט באַנעמט ער: זי האָט קיינמאָל צו אים נישט געהערט.

לעבן יוספן, אויף דער שמאָלער באַנק, ליגט דער יונגער קריסט. ער שלאָפט רואיק. זיין ערד געהערט צו אים, כאָטש ער האָט זי פאַרלאָזט. אָבער דו, ייד? דיין טרוים? וועלט־בירגערטום? דאָס איז פאַרברענט געוואָרן אין אַשוועגטשים, טרעבלינקע, מאַידאַנעק. אייביקער נע־ונדניק, וואָס האָסטו חוץ דיין נאַקעט האַרץ?...

לאַנג ציט זיך די נאַכט פאַר אַ פּאָר מענטשישע אויגן, וואָס ווילן דער־זען דעם אמת פון אַ טראַגיש פאָלק. פאַרוואָס דרינגט דיך דורך, יוסף, פלו־

צעם אַזאַ רייסנדיקע בענקשאַפט נאָך דעם שטיק לאַנד, וואָס מ׳רופט עס פוילן. יוסף ציט זיך מיט ציטערדיקע הענט נאָך די פוילישע וועלדער, דעם טייך, ווו ער האָט זיך געבאָדן ייִנגלווייז, דעם ערשטן געלעכטער פון מיידל אין בלויאָוונט פון דער שטאָט. פוילן, פוילן — לאַנד פון מיין קינדהייט, יוגנט־טרוים, קאַמף!

די שיף רייסט אין דער נאַכט מיט געברום פון מאַשינען, טרייסל פון שטאָלענע ווענט, רייסט און שניידט, יאָגט און שניידט דאָס וואַסער... וווהין שווימסטו, יוסף? ביסטו נישט צו אַלט אָנצוהויבן פונדאַסניי?

לאַנג ציט זיך די נאַכט פאַר אַ מענטשן, וואָס שליידערט פון זיך אַראָפּ אַן אַלטע הויט. אין די אויערן פון געוועזענעם זשורנאַליסט צעשפּריצט זיך דער געקלאַנג פון טעלער, ביים סטיואַרט דורך דער וואַנט, אין זילבערנע גלעקלעך פון טעלעפאָנען, דער גערויש פון די שיף־מאַשינען ווערט צעשפּליטערט אין פאַרשיידענע קולות פון מענטשן, וואָס ער האָט ערשט פאַרלאָזט.

אַ לאַנד שווימט אָפּ אין פינצטערניש. פאַלן דען נישט אָפּ פון דיר — יוסף — גאַנצע שטיקער לעבן: סביבות, מענטשן. דיינע לעבנדיקע וואָרצלען רייסט־אויס פון דער ערד אַ ריזיקע האַנט. אַ שוידער גייט אַדורך יוסף׳ס גוף. ס׳באַפאַלט אים אַן אומגעהייערער פּחד. — וווהין שווימט ער?... אַן אויסגע־ריסענער בוים, געטראָגן דורך ברויזנדיקע כוואַליעס.

עס גייען אויף אין זיין זכרון בילדער פון זיין לעבן נאָך דער באַפרייאונג אין פוילן...

קאַפּיטל צוויי

גרויסע, רוסישע טאַנקן האָבן סקריפּנדיק גערעלט דורך די פאַרשנייטע גאַסן, לאַסט־אויטאָס פול מיט זעלנער האָבן געאיילט אויפן וועג קיין בערלין.

דער געקלאַפּ פון אייזן, דער גערויש פון מאָטאָרן, די סאָלדאַטסקע קולות האָבן זיך געטראָגן אין דער קאַלטער לופט, איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן, פאַרקלאַפּטע מיט ברעטער געוועלבער, אָפּגעשטאָרבענע הייזער.

אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער, ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק

אַרויס פון געטאָ, איז יוסף געשטאַנען אויפן טראָטואַר און באַטראַכט דעם דורכמאַרש פון דער רויטער אַרמיי.

— אָט זיינען זיי דאָ, די באַפרייער... צו שפּעט אָבער צו ראַטעווען די צענדליקער טויזנטער יידן אין געטאָ, וואָס האָבן זיך געלייגט שלאָפן יעדע נאַכט און אויפגעשטאַנען יעדן פרימאָרגן מיט דער האָפענונג צו דערזען די רוסן...

די שרענגע פון טאַנקן האָט זיך פאַרהאַלטן.

אַ הויכער מאַן מיט אַ לענגלעך, אויסגעמאָגערט פּנים האָט אַראָפּגעשריען פון אַ לאַסט־אויטאָ:

— טאָוואַרישטש!

יוסף האָט זיך דערנענטערט. דער מאַן, וואָס האָט געטראָגן אַ גרויען, אָפיצירישן מונדיר, האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן:

— איר זייט פון געטאָ? — האָט ער גערעדט יידיש, פאַרשטעלנדיק ס׳מויל פון איין זייט מיט אַ פאַרבויגענער דלאָניע, ווי מיט אַ האַלב רערל, אַזוי ווי ר׳וואָלט ניט געוואָלט, אַז די זעלנער, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן אויטאָ, ניט ווייט פון אים, זאָלן דערהערן זיינע ווערטער.

—יאָ! — האָט יוסף׳ס געזיכט אויפגעלויכטן און ר׳האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו אים.

— אַ סך יידן זיינען פאַרבליבן? — האָט דער רוסישער ייד זיך צוגע־בויגט צו יוספן.

— זייער ווייניק, זייער ווייניק...

די טאַנקן האָבן גערירט פון אָרט מיט אַ גראַגערנדיקן געברום. דער אָפיציר האָט אַ געשריי געגעבן:

— דאָ סווידאַניאַ! — און אַ פאָכע געטאָן מיט זיין לאַנגער האַנט.

דער גערעטעוועטער ייד האָט אים נאָכגעקוקט. ביז ר׳איז פאַרשוווּנדן ביים אויסבויג פון דער גאַס.

יוסף האָט גענומען לאַנגזאַם שפּאַנען. ער איז אַריין אין דער פּיעטריקאָ־ווער־גאַס. די שויב־פענצטער פון די געשעפטן זיינען געווען אויסגעבראָכן. די טירן פון יווועלער־געוועלב לעבן גראַנד־האָטעל — אויפגעריסן. אויף די מויערן פון די הייזער האָבן זיך געשוואַרצט לאַנגע אויסרופן: — "זאָל

לעבן וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ! זאָל לעבן די פּוילישע אַרמיי!״ פון אַ קליינעם רעסטאָראַן האָט זיך אַראָפּגעשאָטן, פון הויכע טרעפּלעך, אַ האַלב צענדליק פאַלאַקן אין האַלבע פּעלצלעך. אַ פאַרשפּעטיקטער רויטאַרמייער האָט געאײַלט צו זיין אָפּטיילונג מיט אַ ״פּעפּעשאַ״ אין האַנט. ביים ראָג פון דער גאַס האָט אַ יונגער שייגעץ פאַרקויפט אַליין געמאַכטע פּאַפּיראָסן, אַ פרוי, מיט אַ פּנים פאַררויטלט פון קעלט אָדער בראָנפן, האָט פאַרטשעפּעט יוסף׳ן, אויסשטרע־קנדיק צו אים די האַנט, פון הינטער אַ פאַטשיילע, מיט וועלכער ז׳איז געווען אַרומגעהילט. פון דער אָפענער טיר פון אַ „גאַרקוכניע״ האָט געזעצט אַ ווייסע פאַרע, עטלעכע טונקעלע געשטאַלטן האָבן זיך געדרייט ביים אַריינ־גאַנג. צוויי אָפּגעשליסענע קינדער זיינען געשטאַנען ביי אַ שפּייז־קרעמל, צודריקנדיק די פּנימלעך צו דער קאַלטער שויב פון פענצטער, ווו ס׳איז געלעגן אַ לאַבן ברויט.

איז דאָס זיין לאָדזש? דאָס יידישע לאָדזש?

ווו זיינען די הונדערטער יידן, וואָס האָבן, פאַרשמייעטע, געשניטן די טראָטואַרן אין אַזאַ ווינטערדיקן נאָכמיטאָג? ווו זיינען די מאַנופאַקטור־און גאַרן־געשעפטן, געוועלבער פון ווייסוואַרג, קליידער־שטאָפן, פאָדשעווקעס, טיכלעך און גאַרדינען, געשעפטן הויפישע און פראַנטישע, פול מיט שטענ־דיקן געפּילדער פון קונים פון אַלע עקן פוילן? ווו זיינען די פּעלץ־געשעפטן, ווו גבירישע פרייליַנס האָבן זיך אָנגעקוקט אין צענדליקער שפּיגלען, די לאָטעריע־געוועלבער, ווו יידן האָבן געקויפט „פּערטעלעך״ און האַלבע צעט־לען און געחלומט צו ווערן נגידים „אין איין גוטער מינוט״? ווו זיינען די גרויסע קאַוויאַרניעס און רעסטאָראַנען, ווו ס׳האָט געזשומעט, ווי אין בינ־שטאָק, מיט סוחרים, מעקלערס, וואַלוטע־הענדלערס, קינסטלערס און סתם „לופט״־מענטשן? ווו זיינען די איילנדיקע, צעבאַלעוועטע יונגעלייטלעך מיט די שטייף־געפּרעסטע הויזן און סיגנעטן אויף די הענט, די „פּאַנבעס״, וואָס האָבן שפּאַצירט אויפן „דעפּטאַק״ זאַלבעצווייט אָדער זאַלבעדריט, די צע־יאַכמערטע יינגלעך אין די גימנאַזיע־היטלען? ווו זיינען די בחורימלעך אין די רונדיקע, יידישע היטלעך מיט די פאות, פאַרשאַרצטע הינטער די צעגלי־טע אויערן און די יוגנטלעכע אַרבעטסלאָזע — אבסאָלווענטן פון פאָליטעכ־ניק און אוניווערזיטעטן — וואָס האָבן געמאָסטן די פּיעטריקאָווער גאַס פון

פלאַץ וואָלנאָשטשי ביז דער גלווונער און צוריק? ווו זייענען די צעקלונ־גענע טראַמווייען, אָנגעפּראָפּט מיט יידישע פּנימער? די צעשאָקלטע דראָזש־קעס מיט די צעשפּאַרטע לאָדזשער פאַבריקאַנטן? ווו זייט איר, בלייכע געזיכטער און שוואַרצע אויגן פון בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן גיריק געקוקט, אין אַזאַ ווינטערדיקן נאָכמיטאָג, אין די שויפענצטער פון בוכהאַנד־לונגען אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, געזוכט די נייעסטע ביכער, וואָס זאָלן פאַרענטפערן זייערע ראַנגלענישן און פּראָבלעמען? ווו זייט איר, יונגע פּיס, וואָס האָבן זיך געטראָגן, פאַרבענקטערהייט, דורך דער הויפּט־גאַס פון קאָכיקן, יידישן לאָדזש?

נישטאָ מער, נישטאָ... פּוסט זענען די טראָטואַרן, ליידיק איז די גאַס...

*

ער האָט זיך פאַרהאַלטן פאַרן אַריינגאַנג צו דער רעדאַקציע פון „לודזש", ווו אַ הייפעלע מענטשן האָט געלייענט די נייעסן פון די פראַנטן פון דער פּריש־אויסגעקלעפּטער, פּוילישער צייטונג.

— זיצט — האָט גערעדט צו אים דער רעדאַקטאָר — כ'קוק אויף אייך און כ'דערקאָן אייער פּנים. איר זייט דאָך פון דער זעלבער מיטלשולע, פון וועלכער כ'בין אַנטלאָפן אין יאָר 1927, אַ שנעק פון זיבעצן יאָר, קיין רוס־לאַנד... כ'בין געווען מיט עטלעכע קלאַסן העכער פון אייך... מיין נאָמען איז געווען דאַווידאָוויטש, איצט הייס איך שליווינסקי, מיעטשיסלאַוו שליווינסקי...

— כ'דערמאָן זיך איצט, איר האָט געשפּילט פוטבאָל, געווען דער „בראַמקאַזש" אין דער „דרוזשינע" פון גימנאַזיע — האָט יוסף אים געענט־פערט מיט אַ מאַטער שטימע.

— ווו זיינען די איבערגעבליבענע יידן? — האָט דער רעדאַקטאָר זיך גע־וווּנדערט, וואָס דער געוועזענער שול־קאָלעגע ווייזט ניט אַרויס די מינדסטע פרייד פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש.

— די יידן זיינען פאַרנומען מיט כאַפּן דירות נאָך רייכע דייטשן.

— און איר?

— כ'האָב ניט פאַר וועמען צו כאַפּן און צו וואָס?... כ'וואָלט וועלן שרייבן אין אייער צייטונג, אויב ס'איז מעגלעך.

— הערט מיך אויס, טאָוואַזשישו, די פּוילישע רעגירונגס־פּרעסע ליגט ניט מער אין אַנטיסעמיטישע הענט. מיר גייען דאָ אויפבויען אַ נייע, שע־נערע וועלט, פאַר קריסטן און יידן צוגלייך.

— פאַר דעם הייפעלע יידן ?

— אָ, ס׳וועלן צוריקקומען די פּוילישע יידן פון רוסלאַנד און די יידן פון די לאַגערן. עס וועט דאָ אויפשטיין אַ נייער, גרויסער יידישער ישוב ! און איר נעמט זיך צו דער אַרבעט ! — האָט שליווינסקי אים אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע — עפּעס דוכט זיך מיר, אַז איר קענט שרייבן... כ׳וועל אייך באָרגן, ביז איר וועט ניט קריגן געקויפט, מיינס אַ גוטן מאַנטל און אַן אַנצוג... מאַכט זיך ניט נאַריש און דאַנקט מיר נישט... ווען איר גייט אַרויס, נעמט ביים סעקרעטאַר אַ צעטל צו אונדזער „סטאַלוווקע״, ווו ס׳עסן זשור־נאַליסטן...

ניט אַזוי האָט זיך יוסף פאַרגעשטעלט דעם גרויסן טאָג פון ווערן אַ מיטאַרבעטער אין צייטונג. וויפל מאָל האָט ער געחלומט וועגן דעם אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן ! און איצט איז געקומען דער אויסגעטרוימטער מאָמענט און ער איז קאַלט, געפרוירן, ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט.

צו שפּעט ! — האָט ער געטראַכט — צו שפּעט ! און וועמען זאָל איך דאָס דערציילן וועגן מיין דערהויבונג ?

ווען ער איז אָבער אַרויס אויף דער גאַס, איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ מילד פלעמל : — כ׳האָב אַ ציל !

*

עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער נאָמען יוזעף פּראַווידלאָ האָט זיך גענומען אָפּט באַווייזן אין דער פּוילישער פּרעסע. דער יונגער זשורנאַליסט האָט געשריבן רעפּאָרטאַזשן, פעליעטאָנען און אָפּהאַנדלונגען וועגן געטאָ.

איינער פון די פּוילישע קאָלעגן, האָט אים פאַרגעשלאָגן שרייבן בשות־פות אַ דראַמע פון געטאָ־לעבן, דער צווייטער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן אַ בוכהענדלער, וועמען ער, דער פּאָלאַק, האָט, די ערשטע צייט פון געטאָ, אַריבערגעוואָרפן, דורך די דראָטן, פּעקלעך מיט שפּייז, דער דריטער —

מיטן נאָמען זלאָטשיש — האָט געבראַכט אים פון דערהיים אַ פּאָר גוטע, גענוצטע שיך:

— נעמט, טאָוואַזשישו, איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז ס'רינט אײַך אַרײַן דורך די זוילן.

קיינער פון די פּוילישע זשורנאַליסטן האָט אים אָבער ניט אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים. עטלעכע זײַנען געווען פאַרנומען מיט פּאַרטייאישע ענינים, דער רוב האָט געהוליעט אין פּריוואַטע שטובן, באַרן, נאַכט־לאָקאַלן.

יוסף איז געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין מלוכה'שן פאַרלאַג, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם זעלבן בנין, וואו די רעדאַקציע פון דער צײַטונג. דער דירעקטאָר פון דער אינסטיטוציע האָט פון צײַט צו צײַט געפרעגט דעם זשורנאַליסט וועגן גורל פון שרײַבער, קינסטלער און געלערנטע, וואָס זײַנען געווען באַוווּסט ווי יידן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. וועגן עטלעכע פון זיי האָט פּראַווידלאָ געהערט, וועגן אַנדערע האָט ער גאָרניט געוווּסט. דער דירעקטאָר פלעגט יוסף'ן פאַרהאַלטן אין קאָרידאָר, אָדער פאַרציִען אים אין אַ ווינקל, אַ נישע, דערמאָנען עטלעכע נעמען:

— איר ווייסט עפּעס וועגן זיי, וואו לעבט פון זיי?

אויסגעהערט דעם ענטפער און אַוועק אין זײַן גרויסן קאַבינעט.

דער אײַנציקער, מיט וועמען דער זשורנאַליסט האָט זיך באַפרײַנדעט, איז געווען אַ וואַרשעווער ייד מיט אַ רונדיק, ראָזלעך פּנים און אַ פּאָר אומעטיקע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ מונדיר פון אַ פּאַרוטשניק, וואָס איז געווען אין קעגנזאָץ צו זײַן אומזיכערער האַלטונג. ער האָט געאַרבעט אַמאָל אין אַ גרויסן ביכער־פאַרלאַג אין וואַרשע, איצט האָט ער זיך פאַרנומען מיט די טעכנישע ענינים פון דער מלוכהשער אינסטיטוציע.

ר'האָט געהאַלטן אין איין אַרומזוכן זײַן פרוי און יינגל, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין אָטוואָצק אין דער צײַט פון דער מלחמה.

— כ'האָב ניט געטאָרט זיי איבערלאָזן און לויפן קיין רוסלאַנד, ניט געטאָרט — האָט ער געמאַכט זיך פאַרוואָרפן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען יוסף האָט זיך באַמיט אים טרייסטן.

— כ'על זיי שוין מער ניט זען...

פּראַווידלאָ האָט זיך באַמיט אים אָפּציִען פון דעם געדאַנק און גענומען

שפּאָסן: — ס׳זעט זיך אויס, איר זייט דער איינציקער „סטאַראָזאַקאָנני״ דאָ, פּאַניע זשעליכאָווסקי...

דער פּאָרוטשניק איז אַרויס מיט אַ הילכיק געלעכטער:

—און ווו איז דער דירעקטאָר? — האָט ער זיך באַהערשט און גענומען שעפּטשען — און דער געהילף? און די צוויי בלאָנדע שיקסעס, וואָס אַר־בעטן אין ביוראָ און די עלטערע מאַדאַם, די קאָרעקטאָרין, וואָס זעט אויס ווי אַ פּוילישע אַריסטאָקראַטקע?

— פאַרוואָס? — האָט יוסף אַרויסגעשטאַמלט — פאַרוואָס היטן זיי זיך אויס?...

דאָס שיק־יינגל פון דער דרוקעריי איז אַריין אין צימער און דער זשור־נאַליסט איז אַוועק.

עס האָבן גענומען ציען נאָך לאָדזש באַפרייטע יידן. די גמינע איז גע־וואָרן פול מיט טומלדיקע, נערוועזע פּיס, אויגן איבערגעשראָקענע און זוכנדיקע, ריחות פון שוויס, ביליקער מאַכאָרקע און טוכלעקייט פון גריבער און שייערן.

מענער פאַרוואָרלאָזטע אין סאָלדאַטסקע, דייטשע רעקלעך, אַרויפגע־וואָרפן אויף די לאַגער־„פּאַשיאַקעס״, יידן פאַרוואָקסענע אין קורצע, אויסגעריבענע מאַנטלען און זעלנערישע שטיוול אויף באַרוועסע פּיס, פרוי־ען אין צעטראָגענע קליידער, ארומגעבאַבלט מיט שמאַטעס, ווייבער מיט שטרוי אין צעשויבערטע האָר און פּנימער פול מיט געשווירן. איינגערונצלטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין שיבערן און געריסן פון זיך שטיקער — אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען, זיך געשפּאַרט און געפּילדערט, ווי יתומים, וואָס דערפילן די וואַרעמקייט פון אַ נייער היים און דערשמעקן דעם גערוך פון געקעכץ.

יוסף פלעגט אָן אָטעם אַרויפלויפן מיט די טרעפּ צו דעם גרויסן גמינע־זאַל. איין סטרונע האָט געציטערט מיט צעדולטע קולות אין זיין האַרצן:

— אפשר איז זי שוין דאָ? אפשר...?

ער האָט גענומען אויספרעגן די ליאַרעמדיקע פּרויען, אויב זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף זיין ווייב, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעשיקט פון געטאָ.

זיי האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרדרוס און שפּאָט:

— אָט, דאָס איז אַ געטרייער מאַן, כ'לעבן!

— מענטשן זיינען מיר געווען? נומערן, בלויז נומערן!

— איר זוכט אַ טראָפּן אין אַ ים?

זיי האָבן אים געלאָזט שטיין און גענומען זיך טשעפּן מיט טענות צום גמינע־סעקרעטאַר, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אויסשרייבן פאַרשידענע פּאַפּירן.

יוסף איז געגאַנגען אַהיים מיט דער צעגעלניאַנער גאַס. אויף די טראָטואַרן האָבן געשפּאַנט יידן, פּרויען און קליינוואַרג. מאַנכע אין רוסישע פּעלצלעך און קורצע שטיוועלעך, אַנדערע אין „בורקעס" און געקאָוועטע קאַמאַשן. אין די פענצטער פון די הייזער, וואָס האָבן געפּוסטעוועט מיט פינף־זעקס וואָכן צוריק — האָט שוין געברענט עלעקטריש ליכט. יוסף האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די באַלויכטענע שויבן:

— געבענטשט זאָלסטו זיין, שיין פון אַ ניי לעבן!

*

פּראַווידלאָס „היים" איז געווען אַ סאָפע צו שלאָפן און אַ האַלב שענקל, ווו ר'האָט איינגעמאָשטשעט זיין ביסל מטלטלים. דער אייגנטימער פון צימער, שיע ווערבאַ, האָט געהאַט זיין געלעגער — אַן אייזערן בעטל אין צווייטן ווינקל פון דער שטוב און געווען צופרידן צו געניסן פון דער געזעלשאַפט פון אַ „שראַאַבער".

ס'צימער איז געווען אַ טייל פון אַ פאַרמלחמהדיקער, גבירישער וווינונג. אין אַנדערע שטובן, גרעסערע און קלענערע, האָבן געוווינט יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדער און יידן פון געטאָ. פון צייט צו צייט פלעגן זיך אַלע צונויפטרעפן אין דער גראַמער קיך אָדער אין דעם קיילעכדיקן עס־צימער, וואָס איז געשטאַנען ליידיק.

דער ראש־המדברים, מעכל זשעפּאַק, איז געווען אַ נידעריקער, געפּאַקטער חברהמאַן מיט ברייטע אַקסלען. ער האָט געהאַנדלט מיט „שטיינדלעך" און געמאַכט גוטע געשעפטן. קיינער האָט ניט געקענט ביי אים דערגיין פון וואַנען ער נעמט און וועמען ער פאַרקויפט די לויזע, אָדער געפּאַסטע אין רינגלעך, בריליאַנטן. ער האָט, שטענדיק געהאַלטן אין איבערחזרן: — יידן,

זאַמלט צונויף אַ קאַפּיטאַל און אַרויס פון דאַנען!

— ס׳גייט אייך, דאַכט זיך, ניט שלעכט? — האָט געשמייכלט יוסף.

— אויף אַ בית עולם קען מען ניט לעבן!

—די רעגירונג איז גוט צו יידן און דו לייגסט נישט צו צו די פּלאַקן די באַבעס ירושה! — האָט זיך זיין ווייב, וואָס איז געווען העכער פון אים, אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אויף זיין אַקסל.

— ווילסט, מיין ליבע פּופּע, קריגן אַ צווייטע קויל פון די פּוילישע ממזרים? ס׳איז ניט גענוג דיר· איינע, וואָס האָסט געקראָגן פון די פּאַרטי־זאַנער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ?״ און דאַן ביסטו קוים אַרויס א לעבע־דיקע...

— ווי אַזוי קען מען דאָ לעבן, אַז מ׳שיסט אין די גאַסן — האָט אַ בחור, מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז און אַ פּאָר פלינקע אויגן, זיך אָפּגע־רופן — כ׳בין געגאַנגען מיט צוויי פּעקלעך גאַרן צו אַ קונה און פּלוצעם — אַ מהומה! טראַך־טראַך! און א מיליציאַנט ליגט שוין — אַ באַגאָסענער מיט בלוט — אויף דער ערד...

— דאָס איז די אַרבעט פון די „N. S. Z.״ — די „נאַראָדאָווע שילי זבראָינע״, די ענדעקישע מערדער — האָט זיך אַריינגעמישט אַ ייד, אין די פריע פופציקער, מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער לינקער האַנט, וואָס האָט אייביק געציטערט.

— דאָס איז נישט קיין נאָווינע! — ערגער פון אַלעם איז די פּוילישע געהיים־פּאָליציי, די „בעזפּיעקאַ״ — האָט געטענהט אַ יונגערמאַן מיט אַ שמאָלן שטערן און העפט אויף דער באַק, וועלכער איז ערשט אַרויס פון דער תפיסה פאַר האַנדלען מיט מאַנופאַקטור פון אַ רעגירונגס־פאַבריק.

— קינדער, פאָלגט מיך — האָט אַריינגעשאָסן מעכל — לאָמיר אַלע צוזאַמען זיך אַרויסלאָזן אויף „שאַבער״ נאָך שלעזיען. די דייטשע גוט־באַזיצער האָבן דאָרט אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר און אַנטלאָפן צום „פאַטערלאַנד״.. לאָמיר זיך אַ לאָז טאָן אַהין... מיר וועלן מאַכן אַ מאַטניא מיט גאָלד און שפּעטער וועלן מיר אַוועק, ווו דער פעפער וואַקסט!

— איי, יידן, יידן, וואָס טויג מיר דאָס גאַנצע געלט, אַז מיר האָבן אַלץ פאַרלוירן — האָט זיך אַריינגעמישט יוסף׳סביישלאָפער, שיע.

ס׳איז געוואָרן מיטאַמאָל שטיל, ווי אַ ריזיקע, שוואַרצע האַנט וואָלט פאַרקלאַפּט אַלע מײַלער.

— זיי פאַרשיכורן זיך מיט געלט, כדי צו פאַרגעסן וועגן עבר — האָט יוסף געטראַכט, אַרומגעמנדיק מיט זיין בליק די פאַראומערטע פנימער.

— זאָגט מיר ייִדן! — האָט ער שנעל אַ זאָג געטאָן — וויפל שטייט דער דאָלער?

פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו אים הענט:

— גיט אַהער, כ׳קויף!

— כ׳גיב דעם בעסטן פּרייז!

—כ׳צאָל מער ווי יעדער איינער!

— מאַכט זיך נישט נאַריש, כ׳האָב ניט קיין דאָלאַרן — האָט זיך יוסף צעלאַכט.

✶

אין די פאַבריקן, ווו יוסף איז געקומען זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר זיינע רעפּאָרטאַזשן, האָט ער אַרויסגעפילט די גינסטיקע שטימונג פון די אַרבעטער פאַר דער נייער אָרדענונג. דער רוב האָט געגלויבט, אַז ס׳קומען בעסערע צייטן: מער עסן, לייטישע וווינונגען. די אַרבעטער־ראַטן אין די פאַבריקן האָבן קריטיקירט די אינזשינירן, די פאַכלייט. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט בעסערע באַדינגונגען, מער געלט, צוטיילן פון סחורות, פון קוילן.

ער איז גראָד אַרויס פון קאַבינעט פון רעגירונגס־דירעקטאָר פון דער פאַבריק, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו די ברידער זייבערט. עס האָבן אים אַרומגערינגלט די שפּינערינס און שערערינס:

— פאַניע רעדאַקטאָזשע, מיר שטייען אַ גאַנצן טאָג אין שטויב און שמוץ און קריגן ניט קיין טראָפּן מילך...

— און די ייִדישע קינדער קריגן מילך...

— יאָ, ס׳איז אמת זיי קריגן מילך און כל־טוב.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס? ווער האָט אייך דערציילט דעם ליגן? — איז יוסף אַרויס פון די כלים.

די אַרבעטערינס האָבן זיך שנעל אָפּגעטראָגן און אַוועק אין דער ריכ־טונג פון דער „סטאָלוווקע" עסן מיטאָג.

ער האָט זיך אַריס געטאָן פון אָרט און געבליבן שטיין, ער האָט געוואָלט זיי נאָכלויפן און שרייען ביז זייערע אויערן זאָלן אויפפּלאַצן:

— איר האָט אַלע אייערע קינדער, אָבער אונדז איז פאַרבליבן אַ גאָרשט־קע און דאָס ביסל איז אייך אויך צופיל אין די אויגן? אַלץ ווייסט איר און זעט, אחוץ דעם בריליאַנטענעם רינג אויף דער האַנט פון אייער דירעק־טאָר... ער מעג דאָך אייך באַגנבענען, ר'איז דאָך א פּאָלאַק! און ווער האָט דאָס, כאַמסקע קעפּ, אויפגעשטעלט די פאַבריק, וואָס געהערט איצט צו אייך, אויב ניט די זשידעס?

זיין רעפּאָרטאַזש פון דער פאַבריק האָט יוסף געשריבן, ווי אין פיבער, פּראָטעסטירנדיק אַקעגן די בלבולים, וואָס מ'פאַרשפּרייט וועגן די פאַר־בליבענע יידן.

צומאָרגנס, אַן איבערראַשטער, האָט ער דערזען, אַז דער גאַנצער פּראַג־מענט איז געוואָרן אויסגעלאָזט. אַ געהיימע האַנט האָט אים אויסגעשטראָכן.

ר'האָט זיך געאיילט צו גיין אין רעדאַקציע, זיך דורכרעדן מיט שלי־ווינסקין, ווען ווערבאָ האָט אים פאַרהאַלטן:

— יוסף, ווייסט, לײדער, מוזן זוכן אַ צימער... אַ פרוי, וואָס כ'האָב אָנגע־טראָפן אין דער גמינע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז צוויי מיידלעך פון מיין שטעטל זיינען אויפן וועג נאָך לאָדזש... זיי קומען פון לאַגער און כ'מוז זיי אַריינגעמען...

— ווו וועל איך גיין? — האָט פּראַווידלאָ אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן.

אַנשטאָט איילן אין רעדאַקציע, האָט יוסף גענומען זיך שלעפּן איבער די לאָדזשער גאַסן. ער האָט אַריינגעקוקט אין די פענצטער פון די וווינונגען אויפן פּאַרטער, ער האָט געקלאַפּט אין פאַרשידענע טירן, געפרעגט סטרוזשעס פון הייזער. געשפּאַנט און געלאַכט פון זיך אַליין:

— כ'בין אַ פרעמדער אין מיין היימשטאָט!

ס'האָט אים געצויגן צום הויז, ווו ס'האָבן געוווינט זיינע עלטערן:

— אפשר וועל איך דאָרט געפינען אַ קליין שטיבל, אַ ווינקל.

ר׳האָט געוווסט, אַז די קאָמעניצע איז איצט באַוווינט פון לויטער פּאָלאַקן און ס׳האָט אים אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן.

ר׳האָט אויסגעמיטן צו טראַכטן וועגן זיין שטוב, ווו ער און זיין פרוי האָבן פאַרבראַכט אַזויפיל פריידיקע טעג.

— קען זיין אַז די דירה שטייט ליידיק...

ער האָט זיך באַזינען, אַז אויב אפילו אַזאַ נס איז געשען, וועט ער ניט קענען פאַרטראָגן דעם אומעט פון די פוסטע צימערן און די זכרונות וועלן אים סוף כל סוף דערשטיקען מיט לאַנגע, ביינערדיקע פינגער.

ער האָט געשניטן די גאַסן, ניט פילנדיק די וואַרעמלעכע לופט אויף זיין פּנים, די בלאָטעס פון די אויפגעטאַיעטע שנייען אונטער זיינע פיס. זיינע אויגן האָבן ניט פאַרנומען די גלאַנציקע און פייכטע קנאָספּן פון די ביימער, וואָס זיינען אים פאַרביי.

ווען ר׳איז געקומען אַהיים, איז שיע ניט געווען אין הויז. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע און געטראַכט וועגן ווערבאַן, וואָס הייסט זיך אים אַרויסציען צוליב די צוויי יונגע מיידלעך.

— ער קען פון זיי מער האָבן, ווי פון מיר — האָט ער ביטער געשמייכלט.

ער האָט פאַראיבל געהאַט אויף זיינע שכנים, וואָס האָבן ליידיקע געלע־גערס און דאָך מאַכן זיי זיך ניט וויסן.

— געמיינע יונגען! — האָט ער פאַרקריצט מיט די ציין.

ס׳האָט זיך אַריינגעשלייכט דער יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַנדלט מיט מלוכהשער סחורה.

— ווו איז שיע? — האָט ער געפרעגט און נאָך אַ ווײַלע געגומען רעדן עטוואָס פאַרשעמט:

— ווערבאַ האָט מיר דערציילט, אַז איר זוכט אַ צימער, אָדער אַ שטיקל געלעגער. אמת, כ׳האָב אין מיין שטוב אַ בעט, אָבער כ׳דערוואַרט מיין ברו־דער אַ ליאַדע טאָג... כ׳צי איבער יעדע וואָך ס׳בעטגעוואַנט מיט פרישער וועש, כ׳קלאַפּ אויס די קישנס... ווען כ׳וועק מיך אויף אינדערפרי און כ׳גיב אַ בליק אויף דעם־אַ בעט, קומט מיר אויס כ׳זע דעם ברודערס קאָפּ ליגן אויפן קישן... טאָ ווי אַזוי, ווי אַזוי?... איר פאַרשטייט...?

ר׳איז גיך אַרויס. שיע איז אַריין און דערזען יוספן אויף דער סאָפע:

— ביסט זיך, אוודאי, גוט אָנגעלאָפן. כ׳האָב געפרעגט אונדזער גאַרן־הענדלער. שטייט ביי אים אַ טאָפּשאָן לייִדיק... טענהט ער: —

— כ׳רעכן אויף מיין שוועסטער. געוועזן איז זי אַ מויד אַ ברען! זי האָט זיך זיכער ערגעץ אויסבאַהאַלטן. כ׳האָב געקויפט פאַרן טאָפּשאָן אַ טייערן צודעק. זאָל זיך מיין שוועסטערל פרייען, ווען זי וועט אַריין צו מיר אין צימער... כ׳וויל ניט, אַז עמעץ זאָל מיר פאַרפלעקן די ווייסע דעק און אָנרירן מיט זיין לייב ס׳געלעגער...

ס׳האָט גענומען עטלעכע טעג ביז יוסף האָט געפונען א מקום מקלט. דאָס שטיבל האָט פאַרמאָגט א בעט, א שטול, און אַ רונדיק טישל. דער באַלע־באָס, מאַקאַרין, א ביאַלאָרוס, האָט פאַרדונגען ס׳צימער מיטן באַדינג, אַז יוסף מוז אַרויס, ווען די באַלעבאָסטע וועט קומען פון מינסק.

אין די אָוונטן פלעגט מאַקאַרין ביי אים אָפּט זיצן און דערציילן מעשות וועגן העלזעער, וואָס האָבן, לאַנג, פאַר דער מלחמה, פאַראויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק.

דער ביאַלאָרוס האָט גערעדט אַ גוטן פויליש און געווען אויסגעבונדן מיט די ענינים פון אומאָפּהענגיקן פוילן.

ס׳איז געווען שפּעט אין אָוונט ווען עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. מאַקאַרין האָט געעפנט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַן אויסגעדאַרטער, צעטרייסלטער בחור — ס׳פּנים בלוילעך־ווייס, ס׳אָנטאָן באַפלעקט מיט אויס־געטריקנטן קויט. אויף אַ שטריקל, פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, האָבן זיך גע־הושטעט אַ פּאָר דיקע, באַשלאָגענע מיט אייזערנע טשוועקעס, קאַמאַשן.

יוסף, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין צימער, האָט קוים דערקענט אין דעם שאָטנדיקן באַשעפעניש — גלאָוואַטשן, זיין באַקאַנטן פון שטריקער־„רעסאָרט".

— וואָס שטייסטו? — קום אַריין! — האָט פראָווידלאָ אים געפירט צו זיך אין שטוב. דער גאַסט האָט זיך אַרומגעקוקט און א זאָג געטאָן:

— כ׳וויל דאָ זיין, ביי דיר, צוויי וואָכן... זאָג מיר וואָס דו ווילסט...?

יוסף איז געווען געפּלעפט פון דער פראַגע, פון גלאָוואַטש׳ס קאַלטער זאַכלעכקייט.

— ביסט חסר דעה?

— ווילסט די פּאָר שיך ? נעם !

פּראַווידלאָ האָט אַ שטופּ געטאָן פון זיך די קאַמאַשן און געמאַכט אַ ליאַרעם :

— כ׳וויל פון דיר גאָרניט ! לאָז מיך אָפּ !

איצט האָט זיך ערשט דער גאַסט צוגעשפּאַרט אויפן איינציקן שטול אין צימער :

— ווייסטו, יוסף, דו ביסט דער ערשטער, וואָס פאָדערט פון מיר גאָר־ניט פאַר אַ טובה, דער ערשטער...

—איין זאַך — האָט זיך צוגערוקט צו אים פּראַווידלאָ — וואָלט איך דיך געבעטן, הער מיך אויס : בעט גאָט, ס׳זאָל עמעץ פון מיינע באַענטע צוריק־קומען...

גלאָוואַטש האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

✶

יוסף׳ס פעליעטאָנען און אַרטיקלען זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל שאַרפער און מער אַגרעסיוו. ער האָט מיט אַ בייסיקער איראָניע געוויזן די פעלערן פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט, דעם כאַאָס אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס. ער האָט געטאַדלט די מעטאָדן פון איבערזידלונג פון דער באַפעלקערונג פון די „קרעסן" קיין אויבערשלעזיען, אַלאַרמירט וועגן די מערדערישע אָנפאַלן פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" און .N. S. Z, רופנדיק צו שנעלער ליקווידאַציע פון די פינצטערע עלעמענטן.

ער איז אויפגעטרעטן פאַרן ראַדיאָ און אַנטפּלעקט אין אַ שניידיקער סאַטירע ס׳לוקסוס־לעבן פון די ספּעקולאַנטן. אין אַ סעריע אוידיציעס, האָט ער געשילדערט ס׳לעבן פון די העלדישע, יידישע פּאַרטיזאַנער און דעם פּיין און אומקום פון די יידן אין די געטאָס.

די פרילינג־זון איז אַריין דורך די הויכע פענצטער פון דער רעדאַקציע און זיך דורכגעשלייכט לעבן שרייב־טיש, ווו יוסף איז געזעסן, שלייפנדיק אַ פעליעטאָן וועגן דער אַרבעטער־היים אין צאָפּאָט. אין ווינקל פון צימער

האָבן צוויי קאָלעגן, זלאָטשיש און אַ צווייטער זשורנאַליסט, געפּירט אַ גע־מיטלעכן שמועס.

עמעץ האָט אָנגערירט פּראַווידלאָס אָרעם. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון איבערן פּאַפּיר און דערזען אין שטויביק־גילדענעם זונען־שיין אַ הויכן ייד אין אַ געשטרייפטן לאַגער־כאַלאַט.

— פּאַניע רעדאַקטאָר — האָט זיין צוקנדיק מויל גענומען רעדן אַ שלעכטן פּויליש און צעשראָקענע אויגן זיינען געלאָפן איבער יוסף׳ס געשטאַלט.

פּראַווידלאָ האָט אינסטינקטיוו אַ בליק געטאָן ארום זיך און דערזען זיינע צוויי קריסטלעכע חברים. אויף זייערע דינע ליפּן האָט געשוועבט אַ שפּאָ־טיש שמייכעלע.

יוסף איז געזעסן אַ געליימטער. איידער ר׳האָט באַוויזן צוזאַמענ־

—רעדט יידיש, רעב ייד!

דער פּליט איז געשטאַנען אַ ווײַלע אָן לשון.

— שרעקט זיך ניט! — האָט אים פּראַווידלאָ באַרויִקט.

—מ׳האָט מיך צעשלאָגן! — האָט דער ייד שנעל גערעדט — כ׳האָב געהאַלטן ביים אַריינגאַנג אין הויז, ווו ס׳געפינט זיך די גמינע און צוויי שקצים זענען אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד און גענומען פּאַדאַוועזן מיר מיט די פויסטן איבערן פּנים, איבערן קאָפּ: — „טי זשידזשע, זשידזשע!” אויף מיין געשריי זיינען אָנגעלאָפן עטלעכע יידן פון דער גמינע און זיך געוואָרפן אויף די באַנדיטן, אָבער זיי זיינען אַנטלאָפן. מיין נאָמען איז וויינ־ריב, יעקב ווײַנריב...

יוסף איז געזעסן אַ געליימטער. איידער ר׳האָט באַוויזן צוזאַמענ־נעמען זיינע געדאַנקען, איז דער פּליט פאַרשוואונדן.

פּראַווידלאָ האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פון בענקל און אַריין צום רעדאַקטאָר. ציטערנדיק פון צאָרן, האָט ער אים איבערגעחזרט די פּאַסירונג.

— כ׳וועל רייסן פון זיי פּאַסן, פון די פּוילישע חיות, כ׳על אָנשרייבן אַן אַרטיקל, וואָס וועט זיי ברענען און בראָטן...

— כ׳פאַרשטיי אייך זייער גוט — האָט שליווינסקי גערעדט, ניט קוקנ־דיק אויף זיין ייִנגערן קאָלעגע — אָבער איר ווייסט דאָך שוין פון דער

פריערער דערפֿאַרונג, אַז דער צענזאָר וועט אויסשטרייכן געוויסע טיילן פֿון אייער אַרטיקל און קען זייך, ר'וועט פֿאַרהאַלטן אינגאַנצן די מעשה.

— אָבער פֿאַרוואָס זאָל מען שווייגן ?

— די פֿאַרטיי איז איצט ניט פֿאַראינטערעסירט מ'זאָל פֿאַרעפֿנטלעכן די אַלטע „ענדעצקע" שטיק. מיר וועלן דעם כוליגאַניזם אויסראָטן ביזן ביין, דאָס זיינען רעשטלעך פֿון דער בורזשואַזער אָרדענונג. מיר מוזן אָבער צוואַרטן... די פֿאַרטיי...

— אָבער איך געהער דאָך ניט צו דער פֿאַרטיי — האָט אים אומגעדולדיק איבערגעריסן יוסף.

— איז טאַקע שלעכט ! — האָט זיך דער רעדאַקטאָר פֿאָטערלעך צעשמייכלט — וועל איך שוין איצט אייך אַ פֿרעג טאָן... זאָגט־זשע מיר, טאַוואַזשישו, פֿאַרוואָס געהערט איר ניט צום „קעמערל" דאָ, ביי אונדז ?...

— כ'האָב קיינמאָל ניט געהערט צו קיין שום פֿאַרטיי... זייט ניט בייז, אויב כ'על זיין אויפֿריכטיק: יעדע פֿאַרטיי, ווי שיין איר אידייע זאָל ניט זיין, איז, לויט מיר, אַ סדום־בעטל פֿאַרן מענטש, וואָס האָט ליב די פֿרייהייט...

— איר ווייסט דאָך, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין אַבסאָלוטע פֿרייהייט... מיר קענען אין געוויסע צייטן, ביי פֿאַרשיידענע אומשטענדן, זיין פֿריי פֿון עפּעס, אָבער אין דער זעלבער צייט זיינען מיר משועבד צו עפּעס אַנדערש... כדי צו דערגרייכן העכערע צילן מוזן מיר שטענדיק זיין גרייט צו אָפּפֿערן אַ טייל פֿון דער אילוזיאָרישער פֿרייהייט...

יוסף איז געזעסן און געשוויגן. ר'האָט אויסגעפֿילט די אמתע פֿריינטשאַפֿט פֿונעם מענטש, וואָס ר'האָט אומגעריכט אָנגעטראָפֿן אויף זיין וועג. ער האָט אים ניט געוואָלט פֿאַרלירן און גלייכצייטיק ניט געקענט נאָכגעבן זיינע פֿאָדערונגען.

— כ'אָבסערוויר אייך — האָט שליווינסקי געצויגן, וואַרפֿנדיק אַ זייטיקן בליק אויף דעם שווייגנדיקן פֿראָווידלאָ — די גאַנצע צייט, וואָס מיר אַרבעטן צוזאַמען... וואָס ווילט איר אייגנטלעך ? מיט אייער וויסן און פֿעאיקייטן קענט איר ווייט דערגרייכן... אָבער אַ מין אומפֿאַרשטענדלעך עקשנות ליגט אין אייער כאַראַקטער...

יוסף האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איר קענט ניט לעבן ווי אַ מאָנאַך אין אַ קלויסטער — האָט דער רעדאַקטאָר אָנגעקוקט אים מיט גוטע אויגן — ספּעציעל אין צייטן פון גרויסע אויפטרייסלונגען... די גאַנצע וועלט וועט דאָך אינגיכן ווערן איבער־געאַנדערשט, טאָ ווילט איר בלייבן אַליין, ווי אַ מושל, וואָס די הויכע ים־כוואַליע שפּייט אויס אויפן זאַמדיקן ברעג...

יוסף האָט אים ניט געענטפערט און שליווינסקי האָט זיך צוגערוקט צו אים און אָוועקגעלייגט זיין האַנט אויף פּראָווידלאָס קני:

— זאָגט מיר דעם אמת, איר קעמפט פאַר דעם אַלעם, פאַרוואָס מיר פירן אַ קאַמף און דאָך שטייט איר אָפּ פון אונדז... איר זייט ניט מיט אונדז? טאָ מיט וועמען זייט איר?

יוסף האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דער רעדאַקטאָר האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז זיין יונגער קאָלעגע מאַכט אַ חשבון הנפש. — באַטראַכט זיך, טאָוואַזשישו, פאַרשפּעטיקט ניט דעם צוג, וואָס לויפט צו אַ נייער, ליכטיקער וועלט...

דער יונגער זשורנאַליסט האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער שליווינסקי האָט אים פאַרהאַלטן:

— די מלחמה וועט זיך ענדיקן אין אַ וואָך־צוויי־אַרום... די רוסישע אַרמיי האָט שוין אַרומגערינגלט בערלין — אָ, זשוקאָוו איז אַ מאַלאַדיעץ! איך גיי אַריבער אינגיכן קיין וואַרשע אָנפירן דאָרט מיט אַ וויכטיקער צייטונג... וואָלט איר געוואָלט זיך אַריבערטראָגן אין דער הויפּט־שטאָט?

— כ׳וואַרט דאָ אויף מיין פרוי... — האָט זיך ווי פאַרענטפערט יוסף — אפשר וועט זי צוריקקומען... און כ׳וויס ניט, צי כ׳על זיך קענען אָפּרייסן פון מיין שטאָט.. כ׳קען דאָ יעדן שטיין, יעדעס שטיקל ערד און כאָטש קיינער פון מיינע נאָענטע, פריינט, שול־חברים, לעבט שוין ניט מער, גיי איך אָפּט אַרום איבער די גאַסן, אויף וועלכע זיי האָבן אַמאָל געוווינט און ס׳קומט מיר פאָר, אַז כ׳בין נאָענט צו זיי — אַזאַ מין משוגעת!...

דער רעדאַקטאָר האָט גענומען וואַנדערן איבערן צימער. ער האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ בילדל אויף דער וואַנט און עס פאַרראַכטן מיט נערוועזע פינגער. ער האָט געעפנט ס׳פענצטער.

— אַז כ׳על אָוועק פון דאַנען, דוכט זיך מיר, וועל איך ביי גאָר ניט

בלייבן — האָט געצויגן יוסף ווי אין אַ טראַנס — ווען מ׳פלעגט מיין טאַטן פרעגן, פאַר דער מלחמה, פאַרוואָס ער פאָרט ניט אַוועק זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל, האָט ער שטענדיק געהאַט דעם זעלבן ענטפער: „די ערד דאָ, איז מיינע. מיר, יידן, לעבן דאָ אַזוי לאַנג ווי די פּאָלאַקן און, אַ חוץ דעם, ווי קען איך אַוועק און פאַרלאָזן די זיידעס, די עלטער־זיידעס און אַלע מיינע נאָענטע, וואָס ליגן אויפן בית־עולם...״

פּראַווידלאָ האָט זיך ווי אויפגעוועקט פון שלאָף, ווען שליווינסקי האָט אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן אַקסל:

— טאָוואַזשישו, רייסט זיך אַרויס פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל זי איז ווי דער געטש־מולך — זי וועט אייך אויפפרעסן... אויב איר וועט דאָ בלייבן אַליין, וועט איר האָבן וואָס אַמאָל מער שוועריקייטן — כ׳וואָרן אייך... איך פאָר אַוועק אין אַ פּאָר טעג אַרום...

יוסף איז אויפגעשטאַנען. דער רעדאַקטאָר האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— וואָס איר זאָלט ניט באַשטימען, בין איך שטענדיק גרייט אייך צו העלפן און מיין הויז אין וואַרשע וועט שטענדיק שטיין אָפן פאַר אייך...

ער האָט אַריינגענומען זיין רעכטע האַנט אין זיינעביידע הענט און שטיל אַ זאָג געטאָן: — יוזעף, וואָס מיינסטו, כ׳פאַרשטיי דיך נישט, כ׳בין דאָך אויך אַ ייד...

ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און אַוועק צום אָפענעם פענצטער.

פּראַווידלאָ איז אַרויס פון צימער. די סעקרעטאַרין האָט געקלאַפּט אויף דער מאַשין.

— ווו איז אייער אַרטיקל, טאָוואַזשישו? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

יוסף איז צו צום שרייבטיש, אַ כאַפּ געטאָן די געדיכט־פאַרשריבענע בויגנס און צעריסן זיי אויף פּיץ־פּיצלעך.

✶

זיי זיינען געזעסן אויף אַ באַנק, אין פּאָניאַטאָווסקי־פּאַרק. פונוויטנס האָבן זיך געררויטלט און געגעלבט די בלומען־בייטן. דער ריח פון פריש־געשני־

טענעם גראָז האָט געוועקט אין יוספן זכרונות פון די הויכע וועגענער מיט היי, פול מיט לאַכנדיקן יונגוואַרג פון די זומער־וווינונגען. די גרילן האָבן מיט זייער שפּרינגעוודיקער מוזיק דערמאָנט אים די בלוילעכע אָוונטן, פול מיט פאַרבענקטן פליסטערן.

— אָ, גרילן, איך האָבן די דייטשן ניט באַוויזן אויסצוראָטן! און דער פּאַרק איז פאַרבליבן דער זעלבער: די קלאָמבן — צירלעך־מאַנירלעך, די אַקאַציע־ביימער — זיסלעך־וויסע, די סטעזשקעס — אויסגעפלאַסטערטע און באַגאָסן מיט זון, די שטיינדלעך אַרום די בלומען — אָפּגעווייסטע מיט פרישן קאַלך.

דאַכט זיך, אַז גלייך וועט זיך פון הינטער די קאַשטאַן־ביימער, וואָס ביים אויסבייג פון דער אַלייע, באַווייזן דאָס געבלימלטע קלייד און דאָס טייערע פּנים, וועגן וועלכן ר׳האָט געטרוימט גאַנצע טעג פריער... אָט, ניט ווייט פון אים וויגן זיך די מאָק־בלומען, וואָס האָבן צונויפגעטוליעט זייערע רויטע, פאַרשעמטע בלעטלעך יעדעס מאָל, ווען די געליבטע האָבן זיך געקושט...

— איר זייט נאָך אַלץ רויט...!

און די באַנק אַקעגנאיבער? איז עס אפשר דער פּלאַץ, אויף וועלכן ר׳איז געזעסן מיט זיין בעסטן פריינט —ביידע ארבעטסלאָז — און געשטורעמט די צעפוילטע אָרדענונג, געמאַכט אַש און פּראָך פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע און געחלומט וועגן אַ וועלט אָן צוימען, אָן רעגירונגען, פול מיט אמתער פרייהייט און אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַר יעדן איינעם...

איז עס די קעגנאיבערדיקע באַנק, אויף וועלכער ס׳האָט זיך איצט אַראָפּגעלאָזט אַן אַלטע באַבע מיט אַ צעקרומטן שטעקן אין האַנט?

ער האָט איצט דערהערט האַלינאַס ווערטער, דעם סוף פון אַ לאַנגער געשיכטע פון צייט פון דער מלחמה.

— ...און דער רוסישער מאַיאָר, שטאַרק און גרויס ווי אַ בער, ווען ער שטעלט זיך אויף אויף די הינטערשטע לאַפּעס, האָט ניט געוווּסט, וואָס מיט מיר צו טאָן... ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און געלאָפן מיט מיר דורך די בלאָטיקע פעלדער... מיר האָבן געהוליעט ביזן ווייסן טאָג אַריין...

— קום שוין! — האָט ער זי אַ ציַ געטאָן פאַר דער האַנט.

— ווילסט ניט הערן ביזן סוף, ביסט איפּערזיכטיק?

זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ בלאָנדע האָר און אויפגעבליצטע מיט צווי רייען, ווייסע, שטאַרקע ציין. די חן־גריבלעך אין אירע סלאַווישע באַקן האָבן זיך באַוויזן אויף אַ ווײַלע און זיינען פאַרשוווּנדן.

— קום, לאָמיר גיין האַלינאַ!

— וווּהין?

— צו מיר!

ר'האָט געוואָלט אַוועק פונעם פּאַרק. ס'איז אים פאַרגעקומען, אַז די יונגע, קרעפטיקע שיקסע איז אַ לעסטערונג פאַר די אומזעבאַרע גע־שטאַלטן, וואָס שוועבן דאָ אַרום און איר געלעכטער און רעדן זיינען מטמא אַלץ, וואָס איז אים אַזוי טייער...

ער האָט זי געירשנ'ט פון אַ פּויליש־יידישן פּאָעט, וואָס האָט געשריבן לידער וועגן רעוואָלוציע, פרויען און רוסישע מלחמה־העלדן. ער איז געווען זייער אָנגעזון אין די הויכע פענצטער. דער ראָמאַן צווישן דיכטער און דער יונגער קריסטין האָט זיך פאַרענדיקט מיטן פּלוצעמדיקן צוריקקומען פון זיין פרוי און קינד פון וויטן טאַשקענט.

צו יענער צייט האָט זיך יוסף באַקענט מיט האַלינען, וואָס איז געווען אַ סעקרעטאַרין אין אַ וועכנטלעכן, אילוסטרירטן זשורנאַל. ס'האָט אים גע־פעלן איר אָפּט לאַכן, אירע ווייסע ציין און אויפריכטיקייט.

שפּאַנענדיק איצט מיט איר אויפן וועג צום אַרויסגאַנג האָט ער געט־ראַכט מיט ביטערניש: — וויפל מענער האָט זי שוין געהאַט? און אפשר גאָר זיינען די פאַרמלחמהדיקע מיידלעך אויך ניט געווען קיין גרויסע צנועות?

— פרייסט זיך ניט, יוזשיאַ?

— מיט וואָס?

— אָט שפּאַצירסטו מיט אַ שיינער פּאַננע... די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט און ס'איז זומער, זומער אויף דער באַפרייטער ערד!

אויף דער גאַס איז זיי פאַרביי אַ קריצנדיקער טראַמוויי. ר'האָט זיך געאיילט מיט אַ געקלינגערײַ איבער, צעזילבערטע אין דער זון, שינעס.

— לויף, מיין טראַמוויי! אויף די „פּזשיסטאַנקעס" וועלן זיך מער ניט

שטופּן די אָרעמע, ידישע ווייבער מיט קאָשיקעס פּרוכט און בעטן:
— WPUSC MNIE PAN, PANIE KONDUKTOR — „לאָזט מיך אַרויף״.
עס וועלן מער ניט וואַרטן הכנעהדיק די פּאַרשוויצטע, צערונצלטע יידן מיט לאַנגע בערד, עס וועלן זיך מער ניט אָנהענגען אויף די טרעפּלעך פּראָווינץ־יידן מיט פּעקלעך... עס וועלן מער ניט אַראָפּשפּרינגען ידישע יינגלעך אין מיטן גאַנג...

אין דעם געקריץ פון טראַמווייַ האָט יוסף דערהערט דאָס יאָגנדיקע צישן פון די וואַגאָנען, וואָס זייַנען אַוועק מיט די לעצטע לאָדזשער יידן.

ער האָט דערשפּירט, אַז עמעץ שטופּט אים אין האַנט אַריין אַ בינטל בלומען.

— נעם די פּיילכלעך — האָט גערעדט צו אים זייַן באַגלייטערין — האָסטו ניט באַמערקט, אַז כ׳האָב זיי געקויפט ביים בלומען־הענדלער? — די „פיאָלקעס״ זענען אַזוי בלוילעך־פינצטער, ווי דייַן געמיט... נעם זיי און גיי!

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין דער לעצטער מינוט, ווען זי האָט שוין גענומען זיך דערווייטערן פון אים.

— משוגענע, ווו גייסטו?

— וואַרפסט אָן אויף מיר אַ פּחד. דערמאָנסט מיר אַ ראַבין, וואָס כ׳האָב אַלס אַ קליין קינד געזען אין שטעטל... ר׳האָט געטראָגן אַן אַטלאַסענעם כאַלאַט און עפּעס אַ משונהדיק רונדיק, פוטערן היטל. יידן זייַנען געלאָפן אַרום אים, געשטופּט זיך צו געבן אים די האַנט. דער ראַבין איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך און פּלוצעם האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן פון הינטער זיינע געדיכטע ברעמען... כ׳האָב זיך אַ צאַפּל געטאָן און צעיאָמערט... מ׳האָט מיך ניט געקענט איינשטילן אַ לאַנגע צייַט. די פּויערים האָבן שפּעטער דער־ציילט דער מאַמען, אַז כ׳האָב געהאַט גרויס מזל, ווייל דער ראַבין קען פאַר־ברענען אַ מענטש אויף קויל בלויז מיט זייַן בליק...

— אָט האָסטו אַ „כאַווערטע״ פון דער פּאַרטיי און פול מיט „זאַבאָ־באָנעס״!

— זיי ניט קיין שוטה און לאָמיר שוין גיין צו דיר!

וויגנדיק זיך אויף אירע יאָדערדיקע פיס אין קורצע, אָפּגעפּאַרענע שטי־וועלעך, האָט זי אים אַ שטאַרקן נעם געטאָן אונטערן אָרעם און געפירט אַהיים.

ס׳האָט פון איר געשפּראָצט מיט פרייד פון אַ געזונטער חיה און ניט ווילנדיק, האָט זיך יוסף צעשמייכלט.

זיי האָבן דורכגעשניטן די זאַוואָדזקע גאַס, וואָס האָט זיך געטומלט מיט פּליטים. די יידן, פרויען און מענער, זיינען געשטאַנען אויף די טראָ־טואַרן און אויך פאַרנומען אַ טייל וועג, ווו ס׳האָבן געאיילט פורמאַנקעס, בריטשקעס און דראָזשקעס. געקומען פון לאַגערן, וועלדער, רוסלאַנד, פאַרבליבן פון געטאָ — האָבן זיי אַלע געפּילדערט, געלאַכט, זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, וואַרפנדיק מיט די אָרעמס. זיי האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אויף די בייזע אויסרופן פון די פאַרבייגייער, וואָס האָבן זיך קוים געקענט אַדורכשטופּן דורכן געדיכטן עולם, זיי האָבן זיך ניט געמאַכט הערן די קללות פון די באַלעגאָלעס, וואָס האָבן זיך באַמיט זיי אויסצומיידן.

— יידן, לאָזט אַדורך! — האָט שמייכלנדיק זיך געריסן דורך דער מאַסע פּראַווידלאָ, מאַכנדיק אַ וועג פאַר האַלינען.

די וואָס האָבן אים געקאַנט, האָבן געשטויסן די אַנדערע: — זעסט ניט, אונדזער רעדאַקטאָר גייט, לאָז אים אַדורך, שטיי ניט, ווי אַ גלאָמב, ריר זיך פון אָרט, אַלטער תרח, פאַרשטאָפּטע קישקע!

אַרויס אויפן פרייען וועג, האָט זיך די יונגע קריסטין אָפּגערופן: — האָסט געזען די קליידער פון די פרויען און די אַנצוגן פון די מענער — אַלץ פריש און ניי, ווי פון דער נאָדל אַרויס און די שיך, ווי זיי וואָלטן ערשט אַרויס פון שוסטערס האַנט. פון וואַנען נעמען זיי דאָס אַלץ? איך אַרבעט, ווי אַ פערד און כ׳קען מיר אַפילו קיין פּאָר נייע פּאַנטאָפל ניט קויפן און כ׳מוז אַרומגיין אין די ווינטערדיקע שטיוואָלעס...

— זיי האַנדלען, האַלינאַ... זיי טוען דאָס, וואָס ס׳טוען היינט אויך די פּאָלאַקן... היינט אָבער געפינט זיך שוין דער גרעסטער טייל פון האַנדל אין קריסטלעכע הענט! גיי אַרויס אויפן גרינעם מאַרק וועסטו זען פּוילישע סטראַגאַניאַזשעס און הענדלערס. כ׳האָב געקראָגן אַלס צוטייל אַ שטיקל סחורה... בין איך עס געגאַנגען פאַרקויפן. האָסט געדאַרפט זען, ווי די פּוי־לישע הענט האָבן דאָס געטאַפּט, געדרייט, געקנאָטן... אַ, זיי זיינען צענדליקער מאָל מער כיטרע, ווי די אַמאָליקע יידישע קרעמער! זיי קענען די מלאכה

בעסער... גאָט צו דאַנקען, דער טרוים פון די „ענדעקעס" איז מקוים געוואָרן!

— דו ווייסט זייער גוט, אַז דאָס איז בלויז אויף אַ קורצער צייט! די פוילישע פאָלקס־רעפובליק וועט ניט דערלאָזן קיין פּריוואַטן האַנדל. און דו, יוזשיאָ, שפּרינג ניט אַרויס אַלע מאָל מיט דיין יידישקייט. דו טוסט ניט גוט!

— פאַרוואָס?

— ווייל דו שטעלסט זיך אויס אויף אַ געפאַר... מען וועט דיך האַלטן פאַר אַ שאָוויניסט... היינט איז ניטאָ מער די צעטיילונג: יידן, רוסן, פּאָלאַקן, טאַטאַרן... מיר זיינען אַלע קאַמעראַדן און מאַרשירן צוזאַמען צו איין ציל, צו אַ גרויסן ציל... מיר זיינען מענטשן — ברידער...

ער האָט געוואָלט פאַרפירן מיט איר אַ שמועס, אָבער ר'האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַנטשוויגן געוואָרן.

די טיר פון דער וווינונג האָט געעפנט אַ דאַרע, עלטערע פרוי מיט גרויע האָר. זיי זיינען אַריין אין יוספ'ס צימער — אַ שטוב אָנגעפּולט מיט פּאָליצעס ביכער פון דיל ביזן סופיט. זיי האָבן זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ האַלב־רונדיקער, אויסגעבעטער באַנק, וואָס האָט דערמאָנט אַ שמאָלע סאָפע און האָט אַרומגערינגלט אַ קיילכדיקן טיש.

— האָסט זייער אַ דיסקרעטע באַלעבאָסטע — האָט האַלינאַ צעקנעפּלט דעם מאַנטל און אים אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט.

— ווען כ'האָב מיך דאָ אַריינגעצויגן מיט אַ חודש צוריק, האָב איך ניט געוווּסט, אַז איר מאַן איז געווען אַ געלערנטער און באַקאַנטער סאָציאַליסט. ער איז אויסגעאַנגען אין געטאָ פון הונגער. די ביכער, וואָס דו זעסט, האָט ער געזאַמלט יאָרן־לאַנג. די באַלעבאָסטע איז געווען מיט איר טאָכטער און אייניקל אויף דער אַרישער זייט...

— גענוג שוין! פאַלסט שוין ווידער אַריין אין אַן אומעטיקער שטימונג! גיב מיר בעסער עפּעס צו עסן. האָסט אַ פּאַפּיראָס? גיב אַהער!

ס'האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט אַריינגעבראַכט אויף אַ טעלער צוויי געפּרעגלטע אייער, אַ פּאָר לחמאס ברויט באַשמירט מיט פּוטער.

— עס, עס — האָט ער גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן — וואָס ווילסטו — קאַווע צי טיי?

— ביסט זייער גוט צו מיר, בעסער, ווי מיינע עלטערן... — האָט האַלינאַ צעדריקט דעם פּאַפּיראָס אָן מעשענעם אַש־בעכער — כ׳פיל דאָ, ביי דיר, עפּעס אַ גוטע וואַרעמקייט...

איבער דער וואַנט האָט זיך צעוויינט אַ קינד...

— דיין קינד? — האָט ס׳מיידל געפרעגט מיט חידוש.

— דאָס איז ס׳איייניקל פון דער אַלטער פרוי. די טאָכטער האָט די געסטאַפּאָ דערשאָסן, ווען אירע „טאָוואַזשישעס" פון A. K. האָבן זי אַרויס־געשיקט אויף אַ געפערלעכע מיסיע... אַזוי איז די באָבע געבליבן אַליין מיטן אייניקל פון זעקס יאָר...

— דאָס איז שרעקלעך...

— ס׳איז נאָך ערגער, ווי דו שטעלסט זיך פאָר. די מאַמע פון דער טאָכטער טענה׳ט, אַז די פיינע, פּוילישע קאַלעגן האָבן ס׳מיידל געשיקט אויף אַ זיכערן טויט, ווייל זיי האָבן אויסגעפונען, אַז זי איז אַ „זשידוווקע"...

— ביי דער „אַרמיאַ לודאָוואַ" — ביי די A. L. וואָלט אַזאַ געמיינקייט ניט פּאַסירט...

— אַזוי זאָגסטו?! די יידישע פּאַרטיזאַנער דערציילן וועגן פאַלן, ווען די אַזוי גערופענע A. L. האָבן צוגענומען ביי זיי געווער און ניט געוואָלט די יידן אַריינעמען אין זייערע רייען... אפילו אונדזערע באַפרייער, די רוסן, האָבן ניט איינמאָל אַנטוואָפנט גרופּעס פון יידישע קעמפער...

— שקר וכזב! אַ מיאוסער בלבול! — איז האַלינאַ אויפגעשפרונגען און אַ טופּע געטאָן מיטן פוס. דו באַשולדיקסט די גאַנצע וועלט אין אומרעכט, ווייל דו ליידסט...

ער איז אַרויס ברענגען קאַווע.

ווען ר׳איז צוריק אַריינגעקומען און אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּעלע אויפן טיש, איז די יונגע קריסטין צוגעפאַלן צו אים און באַשאָטן זיין פּנים מיט קושן.

— מוזסט פאַרגעסן, אויב די ווילסט לעבן! — האָט זי מיט גליענדיקע

אויגן און מיט היסן אָטעם צו אים גערעדט. זי האָט אים צוגעדריקט צו זיך און געגלעט זיין קאַרק.

— קום! — האָט זי אים אַ צי געטאָן אויפן בעט.

ער איז אַרויס מיט אַ געלעכטער.

— וואָס איז געשען? — האָט זיך ס׳מיידל פאַרשעמט.

— ס׳בעט צעפאַלט זיך... היינט ביינאַכט בין איך אַרויסגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע... כ׳מוז רופן אַ סטאָליער.

— ליידאַק, וואָס דו ביסט — צו וואָס האָסטו גענומען אין בעט אַריין אַ פעטע פרוי?

ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעצויגן צו דער אויסגעבעטער באַנק. זי איז געלעגן האַלב נאַקעט און געלאָזט אים טאָן זיין פאַרלאַנג. אירע נאַז־לעכער זיינען געלאָפן אַראָפּ און אַרויף, ווי צוויי דינע, דראַבנע פעכערלעך. אירע צוגעזשמורעטע אויגן האָבן אָבסערווירט זיין יעדע באַוועגונג.

ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן און פאַרראַכטן אירע קליידער, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע פייכטע, גלאַנציקע אויגן:

—פאַרוואָס זאָגסטו מיר קיינמאָל ניט, אַז דו האָסט מיך ליב?

ער איז געזעסן און געשוויגן.

— בין איך ניט שיין?

ער האָט זי צוגעטוליעט צו זיך און געקושט.

זי האָט אים אָפּגעשטופט פון זיך און אַ זאָג געטאָן:

— כ׳על דיר זאָגן דעם אמת... ביי מיר איז עס ניט מער, ווי אויס־רויכערן אַ פּאַפּיראָס... פון צייט צו צייט דאַרף איך אַ צי טאָן... כ׳מוז איצט אַריינגיין אין וואַש־צימער. מיין מאַמע באַקוקט מיך יעדן טאָג ביים וואַשן. וויל איך ניט, זי זאָל באַמערקן אויף מיר, וועלכן ס׳איז צייכן...

יוסף איז געשטאַנען ביים פענצטער. אַקעגנאיבער אים, אויפן טראָ־טואַר איז פאַרביי א געאָרעמט פּאָרל, צוויי קינדער האָבן געשפּילט אין יאַגעלעך און אַ הויכע פרוי מיט פעך־שוואַרצע האָר האָט רואיק געשפּאַנט איר וועג.

ער האָט שנעל אויפגעפּראַלט ס׳פענצטער. די פרוי האָט אויף אַ ווײַלע אַ קער געטאָן איר פּנים אין דער הייך.

— ניין, ס'איז ניט געווען זיין ווייב, ער האָט געהאַט אַ טעות.

*

ער איז געווען אין מיטן פון אַ לענגערן אַרטיקל וועגן די אויפגאַבן פון דער ראַדיאָ און איר גרויסן באַטייט פאַר דער דערציאונג פון יונגן דור, ווען ס'איז אַריין אין צימער זלאַטשיש.

— דער רעדאַקטאָר איז אויסער זיך, מ'האָט אים געמסרט אין די „הויכע פענצטער"... — האָט ער שנעל גערעדט.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט פּראַווידלאָ איבערגעריסן זיין שרייבן.

— עמעץ האָט אונטערגעשטראָכן מיט רויטן טינט אַלע גרייזן אין דער צייטונג און אַוועקגעשיקט די צייטונג, וווּ מען דאַרף...

— זייער ניט ריכטיק, ווער האָט דאָס געקענט טאָן?

— קיינער ווייס ניט...

פּראַווידלאָ האָט זיך פאַרטיפט אין זיין אַרטיקל און זלאַטשיש האָט גענומען אָפּרייניקן זיין טיש פון אָנגעלייגטע פּאַפּירן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט מען געהערט אין דעם צימער נאָר דאָס סקריפּן פון צוויי פעדערן איבערן פּאַפּיר.

יוסף האָט פאַרענדיקט און געוואָרפן אַ מעכאַנישן בליק אויף זלאַטשישן. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז די גאַנצע אַטמאָספער אין דער רעדאַקציע האָט זיך געענדערט.

שליווינסקי איז שוין לאַנג אַוועק קיין וואַרשע און דער נייער רעדאַקטאָר, אָקולניק, אַ רוסיפיצירטער פּאָלאַק, האָט געציטערט פאַר דער פּאַרטיי און זיין פּאָזיציע. ער האָט ניט פיינט געהאַט די כוסה, ליב געהאַט דעם שיינעם מין און אויך זיין צייטונג, ווי אַ טאַטע אַ קינד. ער האָט געשטאַמט פון פּויערים און אָפט באַנוצט זיך מיט די גראָבסטע קללות.

— טאָוואַזשישו, דער אַרטיקל!

די רעדאַקציע־סעקרעטאַרין — אַננאַ וועגנער — האָט געעפנט די טיר און אויסגעשטרעקט די האַנט.

אַנשטאָט צו געבן איר די פאַרשריבענע בויגנס, האָט יוסף דערלאַנגט איר די האַנט.

זיי האָבן זיך בײדע צעלאַכט.

אַ װײַלע שפּעטער זיינען זיי געזעסן ביי דער שרייב־מאַשין. יוסף האָט דיקטירט און דאָס מיידל האָט אויסגעקלאַפּט די זאַצן מיט לאַנגע, דינע פינ־גער. זי איז געווען אַ ברונעטין פון מיטעלן וווקס און געהאַט אויגן, די קאָליר פון טונקעלע קאַרשן.

אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, האָט פּראַווידלאַ אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, שטאַמט איר פון יידן?

— וואָס טוט זיך מיט אייך, פּראַווידלאַ?

— גאָרניט! — האָט ער זיך אַליין געוווּנדערט, וואָס ר׳רעדט אַזוי גע־לאָסן — גאָרניט! נאָר ס׳איז געווען אַ גרויסער רב מיטן זעלבן נאָמען, וואָס אייער, אין פּויזן... די יידן זיינען געווען שטאָלץ מיט אים...

די סעקרעטאַרין האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, ווי זי וואָלט וועלן עמעצן אַ פּאַטש טאָן, שפּעטער האָט זי צעשפּרייט די הענט:

— וואָס ווילט איר פון מיר? כ׳ווייס ניט...

יוסף האָט אַוועקגעלייגט דעם כתב־יד אויף דער שרייב־מאַשין און אַרויס פון שטוב.

ער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן, זיך פאַרהאַלטן ביי די ראָגן, שטיל געמורמלט צו זיך, ניט געזען מענטשן, וואָס האָבן אים באַגריסט.

ער איז געלעגן אויפן בעט, ווען זיין באַלעבאָסטע איז אַריין אין צימער.

— פּאַני יאַשינסקאַ איז געווען דאָ, זי האָט אייך געזוכט... אפשר ווילט איר אַ גלאָז טיי און אַ שטיקל קוכן, וואָס כ׳האָב אַליין געבאַקן...

— ניין, כ׳וויל גאָרניט, אָבער איר קענט זיך דאָ אַוועקזעצן, אויב איר ווילט...

זי האָט אים דערציילט פאַרשידענע זאַכן און איר גערייד איז געווען ווי אַ שטילער גערויש פון אַ טייך, וואָס באַרואיקט דאָס געמיט.

עטלעכע ווערטער האָבן זיך דורכגעריסן צו זיין מוח און ער האָט אָנגע־שפּיצט די אויערן.

— ...די פּאַני יאַשינסקאַ איז געווען אַן „אַרטיסטין", דאָס מיינט זי האָט געלעבט ווי אַ קריסטין צווישן פּאָלאַקן. כ׳קען גוט דעם טעם... ביזן טויט פון מיין טאָכטער איז געווען נאָך האַלבע צרות, אָבער שפּעטער בין איך

געלאָפן מיט מיין אייניקל, ווי אַ געיאָגטע חיה, פון פּלאַץ צו פּלאַץ... ביז אַ געוויסן טאָג בין איך אַרויס אויף דער גאַס מיטן קליינעם קינד און געגומען שרייען צו די דורכגייענדיקע דייטשן: „כ׳בין אַ יידין, אַ יידין, שיסט מיך, שיסט!״ זיי האָבן געקוקט אויף מיר און גאָרניט געטאָן... כ׳קען ביז היינט ניט פאַרשטיין פאַרוואָס? וואָלט ניט בעסער געווען, ווען כ׳לעב ניט? היינט בין איך אַ זקנה מיט אַ פּיצל קינד, און וואָס וועט זיין ווען כ׳על אַוועק פון דער וועלט?

יוסף איז אויפגעשפרונגען פון געלעגער:

— מ׳טאָר ניט רוען ביז די דייטשע בעסטיע וועט ניט ווערן דערשטיקט אויף אייביק און דאָס גערמאַנישע לאַנד וועט ניט פאַרצערט ווערן אין פייער. מענטש און בוים און גראָז... איין גרויסער בראַנד און איין באַרג אַש!

✶

מיטן אָנקום פון די פּליטים פון סיביר, מיטן צופלוס פון די יידן פון די לאַגערן, מענטשן באַהאַלטענע אין דערפער און וועלדער, — האָט דאָס בלייכע לאָדזש געקראָגן רויטלעכע פאַרבן אין די איינגעפאַלענע באַקן.

עס האָט גערוישט מיט חתונות, בעלער, טאַנץ־אָוונטן און פאַרשידענע פאַרוויילונגען. די נאַכט־קלובן האָבן אויפגעשפראָצט ווי שוואָמען. דער אַמאָליקער „טאַבאַרין״ איז פול געווען מיט רוסישע אַרטיסטן, אַקראָבאַטן און קונצנמאַכערס. די טענצערס האָבן ווידער געשוועבט איבער דעם דיל, וואָס האָט זיך אויטאָמאַטיש געדרייט. יידן האָבן געגאָסן אין זיך וואָדקאַ און שאַמפּאַניער און געלאַכט צו די אַגענטן פון דער זיכערקייט־פּאָליציי — די „בעזפּיעקאַ״, וואָס האָט לעגיטימירט — פון צייט צו צייט — די באַזוכער. אין „קאַסאַנאָוואַ״ האָט מען געשפּילט “Warszawo, Ty Moja Warszawo” און די שיכורע פּאַלאַקן מיט די בגילופינדיקע יידן האָבן געזיפצט אויף דער חרובער פּוילישער הויפּטשטאָט.

פון רוסלאַנד זיינען געקומען פּליטים — שרייבער און קינסטלער. מ׳האָט דעבאַטירט, געבראַכט גרוסן, הויך געלויבט די רוסן, שטילערהייט דערציילט

דעם אמת. אויף די גאַסן האָבן פון די מויערן אָראָפּגעשיינט גרויסע אַפּישן וועגן ליטעראַרישע פּרימאָרגנס.

אין יוסף׳ס שטוב האָבן זיך אומדערוואַרט באַוויזן עטלעכע גימנאַזיע־קאָלעגן: איינער האָט געלויבט די צויבער שטאָט אַלמאַ־אַטאַ, דער צווייטער לאַווא פּרומעס — האָט ווי אין דער שולע — געברייעט וועגן זיינע אויסער־געוויינלעכע דערפאָלגן ביי פרויען. ר׳איז שוין געווען אַ מעדיצין־דאָקטער און געדאַרפט אַדורכגיין אַן אָפּעראַציע: צוויי קוילן פון דער מלחמה זיינען נאָך אַלץ געבליבן ליגן אין דיקן פלייש פון זיין פוס.

דורך יוסף׳ס שטוב האָבן געגומען זיך דורכשלייכן מיידלעך און פרויען, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון די לאַגערן און פון רוסלאַנד. זיי האָבן געזוכט טרייסט, הילף און ליבע. פראַווידלאָ האָט אָפטמאָל פאַרגעסן וועגן זיינע אַרטיקלען, וועגן זיין אַרבעט.

האַלינאַ, וואָס פלעגט יוספן באַזוכן פון צייט צו צייט, האָט ניט איינמאָל אָנגעטראָפן ביי אים אַ יונג מיידל אָדער אַ פרוי. זי האָט — אין אַזעלכע פאַלן — אַ שמייכל געטאָן, געוואָרפן אַ פאַרשנדיקן בליק אויף דעם שייבעם מין און שנעל אַרויס פון צימער:

— איר אַרבעט מסתמא אויף אַ שותפותדיקן רעפּעראַט, זייט־זשע מיר מוחל!

יאַשינסקאַ האָט ניט געהערט צו דעם זעלבן סאָרט פרויען, וואָס האַלינאַ. ווען ז׳איז געקומען און דערזען אַ פרעמדע פרוי, איז זי געבליבן זיצן און גע־נומען שמועסן מיטן זשורנאַליסט און מיט זיין גאַסט.

יאַשינסקאַ, איר פאַרמלחמהדיקער נאָמען איז געווען ריווקין, האָט גע־לעבט יאָרן־לאַנג צווישן קריסטן, געגאַנגען אין קאָשטשיאָל אַריין און גוט געקאָנט אַלע קריסטלעכע מנהגים. זי האָט געהאַט אַ זעלטן פריש פּנים, אַ פּאָר קאַלמוצקע אויגן און הויכע קין־באַקן. זי האָט אויסגעזען אַ סך ייִנגער, ווי זי איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. איר גאַנג איז געווען שווער, אָבער איר לייב איז געווען ווייס און אויפריכטיק. ווען זי האָט זיך ס׳ערשטע מאָל איבערגעגעבן יוספן, האָבן פון אירע אויגן אַ שפּריץ געטאָן טרערן, ווי פון אַ פאָנטאַן:

— כ׳האָב קיינמאָל ניט פאַרראַטן מיין מאַן דורך די פינף מלחמה־יאָרן.

יעדעס מאָל, ווען זי איז אַוועק האָט יוסקן דורכגענומען אַ טיפער טרויער: — אפשר דערפאַר, וואָס זי איז עלטער פון אים?

לאָדזש האָט געברויזט מיט אַ ניי לעבן. ס׳איז אויפגעקומען אַ קאָמיסיע צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן אומקום און גבורה. אין ניי־דערעפנטן אוניווערזיטעט זיינען אַריין עטלעכע יידישע געלערנטע, ווי פּראָפעסאָרן, ס׳האָט געווימלט מיט פּאָרלעזונגען, קינסטלערישע אויפטריטן פון יידישע און קריסטלעכע אַרטיסטן. די פּוילישע טעאַטערן זיינען ווידער פול געוואָרן מיטן יידישן פּובליקום. ס׳האָט גענומען דערשיינען אַ יידישע צייטונג.

צווישן די פאַרשיידענע ידיעות, איז אויך דאָרט געווען געדרוקט אַ געשיכטע פון א יידישער חתונה אין אַ שטעטל, ניט ווייט פון וואַרשע, ווו די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג איז געקומען צו דער שמחה און זיך געפרייט מיט חתן־כלה. די שקצים מיט די שיקסעס האָבן געטאַנצט קויאַוויאַקעס און פּאָלקעס, אַזש די ערד האָט געציטערט. די פּויערים האָבן געטרונקען וואָדקע:

— נאַ זדראָוויע מלאָדיי פּאַרי!

אומגעריכט האָט זיך באַוויזן ביי יוסקן אין דער וווינונג אַן עלטערער, אומעטיקער מאַן און גענומען אים שטעלן אויסטערלישע פראַגן:

— וואָס ווייסט איר וועגן אייערע קאָלעגן אין דער רעדאַקציע?

— וואָס מיינט איר? — האָט זיך פאַרחידושט דער זשורנאַליסט.

— הערט מיך אויס, פּראַווידלאָ — איז דער מאַן צו צו דער טיר און פאַרשלאָסן זי אויפן שליסל — כ׳בין פון דער זיכערקייט־פּאָליציי און כ׳וויל וויסן אַלץ, וואָס ס׳טוט זיך ביי אייך אין דער צייטונג. די ערשטע זאַך: — דער פּאָעט וויכערעק — ווער איז ער?

— אַ דיכטער, ער שרייבט לידער, טעאַטער־רעצענזיעס...

— דאָס ווייסט אפילו אַ קינד. מיר קענען אים ווי אַ געוועזענעם „ענדעק” און מיר האַלטן, אַז ר׳איז אַן עמיסאַר פון אַנדערס־אַרמיי און איז אין קאָנטאַקט מיט די שונאים פון דער רעגירונג. ער האָט געלעבט אין וואַרשע אין צייט פון דער מלחמה און געהאָלפן דער געסטאַפּאָ אויסזוכן באַהאַלטענע יידן...

—ער?... זייט איר זיכער?

—יאָ, אָבער ס׳פעלן אונדז באַווייזן, מיר האָבן ניט קיין עדות, דערפאַר נויטיקן מיר זיך אין אייער הילף... איצט לאָמיר גיין ווייטער: — וואָסערער פאַרשוין איז אייער זלאָטשיש?

— ער — האָט געגומען שטאַמלען יוסף — פון אים האָב איך געקראָגן אַ פּאָר שיך...

— אַ פיינער מענטש! אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין! ר׳איז דאָך געווען אַ קאָנפידענט פון דער פוילישער פּאָליציי פאַר דער מלחמה, פּאָליציי, וואָס האָט געקאַטעוועט אונדזערע חברים ביז בלוט און אָפּטמאָל ביז טויט. זלאָטשיש האָט געאַרבעט אין אַ לאָדזשער צייטונג און געשריבן באַריכטן פון די טעטיקייטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען... ר׳איז געווען אַ „טאַיניאַק"...

— איז עס מעגלעך?

— הערט־זשע שוין אויף זיך צו וווּנדערן און נעמט זיך צו דער אַרבעט!

— וואָס באַטייט דאָס?

— איר מוזט געפינען אַ וועג צו ווערן מיט וויכערעקן און זלאָטשישן נאָענט, זייער נאָענט, אַז זיי זאָלן אייך דערציילן וועגן זייערע ליבעס און אַוואַנטורעס... באַמיט זיך אויך לאַנגזאַם צו דערגיין, ווער ס׳זיינען געווען זיי־ערע חברים פאַר דער מלחמה און אויך מיט וועמען זיי פאַרברענגען איצט... גייט הוליען מיט זיי, מאַכט זיי „פונדעס", מיר וועלן אייך געבן געלט, מיר וויסן, אַז איר זייט אַ קבצן.

— זייט איר אַראָפּ פון זינען? כ׳בין ניט קיין שפּיאָן און קיינמאָל ניט געווען קיין מוסר! — איז אויפגעשפּרונגען יוסף.

— און איך, מיין ליבער פריינט, בין קיינמאָל ביז איצט ניט געווען קיין געהיים־אַגענט — האָט דער אומעטיקער מאַן פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס — אָבער איצט נאָך דער מלחמה מוז יעדער ייד זיך נוקם זיין אין די דייטשע און פוילישע מערדער... לויט געהיימע באַריכטן פלעגט וויכערעק, אַ חוץ זיינע אַנדערע מעשים טובים, אַרויספירן יידן פון וואַרשעווער געטאָ, כלומרשט צו באַהאַלטן זיי אין זיכערע קריסטלעכע פלעצער... ר׳האָט גענומען פון זיי געלט און שפּעטער זיי איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ... און זלאָטשיש האָט זיך ספּעציאַליזירט, פאַר דער מלחמה, אין אונטערדרוקן שיינע שיקסעס צו

זיינע יונגע, יידישע פריינט, כדי אַרויסצוקריגן פון זיי די פּלעצער פון די געהיימע פאַרזאַמלונגען... ר׳איז געווען אַ מייסטער צו געפינען די „ביבולע״... און אויב ס׳איז אים געגאַנגען שווער, האָט ר׳זיך ניט געוואַקלט אונטערוואַרפן די דיבינקע, פליסיקע פאַפּירלעך די „זשידעס״, כדי צו האָבן די נויטיקע באַווייזן פאַר די פּאָליציייאישע פייניקער... און איר, פראַווידלאָ, וואָס פאַר אַ ייד זייט איר, אַז איר ווילט זיך ניט נוקם זיין אין די פּאַרטיליקער און פייני־קער פון אייער פאָלק?

יוסף איז געזעסן אַקעגנאיבער אים מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

—עמעץ איז געבליבן לעבן פון אייער משפחה? — האָט דער מאַן געפרעגט מיט א שאַרסטקער שטימע.

—אפשר מיין פרוי...

— איך האָב אפילו ניט די האָפענונג. אַלע זיינען אַוועק, אַלע האָט מען פאַרברענט...

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע. צום סוף אַ קוק געטאָן אויף יוסף׳ן:

— וואָס איז אייער ענטפער?

— כ׳קען ניט, באמת, כ׳קען ניט... כ׳בין מקנא די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו שיסן דייטשן און פאַרלענדן פאָלאַקן, די, וואָס האָבן געהאָלפן די מערדער. כ׳בין מקנא די יידן, וואָס האָבן מיט האַנט־גראַנאַטן געריסן דאָס אייזן פון די טאַנקען צוזאַמען מיט שטיקער לייבער פון די נאַצי־שע בעסטיעס... אָבער דאָס, וואָס איר פאָדערט פון מיר בין איך ניט בכוח צו טאָן, ווייל, פּשוט, כ׳קען דאָס ניט, כ׳קען ניט, כ׳שווער איך ביי גאָט...

דער מאַן האָט אים דורכגענומען מיט זיין שאַרפן בליק:

— באַטראַכט זיך, פראַווידלאָ... ווייל אויב מיר ווילן, קענען מיר אייך צווינגען...

ער האָט אויף גיך אויפגעשלאָסן די טיר און שטיל אַרויס פון דער וווינונג.

יוסף איז געבליבן אַליין און געזעסן אַן איינגעקאַרטשעטער, ווי זיין גוף וואָלט איינגעשרומפן אויס מורא פאַר שמיץ. ווי אויף להכעיס, איז אויפגעגאַנ־גען אין זיין זכרון דאָס בילד פון די דערשראָסענע דייטשן, וואָס זיינען געלעגן

לעבן „רויטן הייזל" פון דער „קרימינאַל־פּאָליציי" אין געטאָ, אין ערשטן טאָג פון באַפרייאונג.

הויכע, שטאַרקע גערמאַנען, קעפּ אין שטאָלענע קאַסקן, איינגעגנורעט אין שנייאיקן־בלאַטיקן טראָטואַר, שטייפע גופים אין גרינע, פאַרבלוטיקטע מונדירן, לאַנגע, צעשפּרייטע פיס אין שטיוול, אויפגעריסענע סאָלדאַטסקע לעדערנע טאַשן מיט ווייסע קאַרטן מיט די נעמען פון האַנס, רודאָלף און ווילהעלם...

ער האָט דאַן געקוקט אויף די פּגרים און אַן אויסטערלישער געדאַנק איז אַדורך זיין קאָפּ:

— אפשר, דאָרט, ווייט, זייער ווייט פון דאַנען, וואַרט אַ מאַמע אויף איר האַנס און דאָ ליגט ער — אַ צעהרגטע נבלה...

ער איז פאַרשטאַרט געוואָרן, ווען ר'האָט זיך געכאַפּט, אז ער באַדויערט די מאָנסטערס, וואָס האָבן געקוילעט זיין פאָלק.

איז דער אומעטיקער מאַן געווען גערעכט? וואָס פאַר אַ ייד איז ער? דאַרף ער ניט טאָן אַלץ אין דער וועלט און באַצאָלן זיי עין תחת עין און שן תחת שן?

ווער האָט דאָס אויסגעשניטן פון זיין לייב און האַרץ די דריזן פון נקמה־באַגער צוזאַמען מיט די דריזן פון פרייד?

✶

יוסף איז געווען אין מיטן פון געשפּרעך מיטן דאָצענט, ווען דער געלערנטער האָט פּלוצים אָנגעקוקט דעם זשורנאַליסט און זיך צעשמייכלט:

—זאָגט מיר דעם אמת, האָלט איר מיך פאַרן גרעסטן „ספּעץ" פון פּויליש געריכטוועזן און דערפאַר זייט איר געקומען צו הערן מיין מיינונג וועגן רעפאָרמירן די געזעצגעבונג און די שטודיע פון יוריספּרודענץ אויף די אוניווערזיטעטן?

— אַחוץ אייך זיינען, וואָס אַן אמת, דאָ אויף דעם געביט נאָך צוויי באַקאַנטע געלערנטע, אָבער פון אייער נאָמען האָב איך דערקאַנט, אז איר זייט אַ ייד...

— די פראַגע איז נאַר, ווי לאַנג כ'על נאָך קענען הייסן לעפּקאָוויטש, וויל

ס׳איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך צו טראָגן אַ יידישן נאָמען דאָ ביי אונדז... ערשט נעכטן איז מיין יינגעלע אַהיימגעקומען פון דער שולע מיט אַ געוויין: „מ׳רופט מיך פאַרשיווי זשידעק!״ אַנומלט האָט מיין רעקטאָר, די סמעטענע פון די ליבעראַלן, מיר אַ זאָג געגעבן: „וואָס ווילן פון מיר האָבן אייערע קרובים, די צענזאָרן: האַלט איך אַ רעדע, לאָזן זיי אַדורך נאָר אַ טייל, שרייב איך אַן אַרטיקל, וואַרפן זיי אַרויס דעם עיקר... מוזן זיי דאָס אַלץ פאָלגן די רוסן?״ וואָס זאָגט איר צו דעם סוקינסין?! כ׳על זיין מיט אייך גאַנץ אויפֿריכטיק: ווען כ׳האָב ניט קיין קריסטלעכע פרוי, פאַרפאַק איך די וואַליזן און כ׳פאָר קיין פאַלעסטינע!

— די מעשה מיטן רעקטאָר דערמאָנט מיך אַ פאַסירונג פון צווייטן טאָג באַלד נאָך דער באַפרייאונג — האָט יוסף אַ שמייכל געטאָן. — אַן אָפּגעשוואַכטער פון ליגן אין אַן ענגער באַהעלטעניש די לעצטע צוויי וואָכן, בין איך געקומען צו אַ מאַסן־„וויעץ״ פון פוילישע אַרבעטער אין אַ גרויסער פאַבריקס־האַלע. דער עולם איז געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ. רויטע פענער אויף דער עסטראַדע, רויטע לענטעס לענגאויס די ווענט. אַזשעך — אַ געוועזענער פּ. פּ. ס.־טוער האָט מיך באַגריסט ווי אַ פאַרשטייער פון די באַפרייטע יידן און געבעטן מיך זאָגן אַ פּאָר ווערטער. כ׳בין אויפֿגעשטאַנען און אַרויף אויף דער פלאַטפאָרמע מיט וואַקלדיקע טריט.

— ברידער — אַרבעטער — האָב איך, אַ געריהרטער, גענומען רעדן — לאָמיר באַערן מיט עטלעכע מינוט שוויגן די מאַרטירער פון יידישן פאָלק, וואָס זיינען גלייכצייטיק די קדושים און מאַרטירער פון פוילישן פאָלק...

פון דער צונויפגעקלעפּטער מאַסע האָט עמעץ אַרויסגערעוועט:

— ZADEN ZYDEK Z MOSKWY NIE BEDZIE TU NAMI RZADZIL.

— קיין שום יידל פון מאָסקווע וועט דאָ ניט רעגירן מיט אונדז!

אין זאַל איז געוואָרן טויט־שטיל. קיינער פון די אַרבעטער האָט ניט אַנגעשריען, אַנגעזידלט דעם כוליגאַן. דער פאָרזיצער האָט אים נאָר גערופן צו אָרדענונג...

דער זשורנאַליסט האָט געענדיקט און דער געלערנטער האָט אַראָפּגענומען די ברילן פון נאָז און געווישט די גלעזלעך מיט אומרואיקע פינגער.

— וואָס־זשע איז די עצה? — האָט ער געקוקט מיט מוטנע, פאַררויטל־טע אויגן אויף פראַווידלאָן.

—מיט דער צייט מוז זיך די לאַגע ענדערן! — האָט יוסף אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַריין, ווי ר׳וואָלט געוואָלט פאַרהילכן דאָס איראָנישע גע־לעכטער, וואָס האָט אין אים אויפגעבליצט.

אין דער רעדאַקציע זיינען פאָרגעקומען פאַרשידענע ענדערונגען.

די סעקרעטאַרין וועגנער איז אַוועק קיין וואַרשע און אויף איר אָרט איז אַריין אַ הויכע, שטאַלטנע שיקסע מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל אויף די ליפּן. זי איז אויך געוואָרן די שטעלפאַרטרעטערין פון רעדאַקטאָר בעת זיין אָפּוועזנהייט.

די מאַנוסקריפּטן האָבן געמוזט פריער דורכגיין דורך איר האַנט, איידער די מאַשיניסטין האָט זיי איבערגעשריבן אויף דער מאַשין.

מ׳איז ניט מער געשטאַנען אין די ווינקלען און געשמועסט און זיך געוויצלט ווי אַמאָל.

די רעדאַקציע האָט איצט אויסגעזען מער ווי אַ רעגירונגס־אַמט און ניט ווי אַ שרייבער־אינסטיטוציע.

ווען זלאָטשיש האָט אַ קלאַפּ געגעבן יוספן איבער דער פּלייצע, האָט דער זשורנאַליסט אַ ציטער געטאָן:

— וואָס איז געשען מיט אייך? — האָט געגאַפט דער פּאָלאַק — זייט איר קראַנק? ניט קיין שמייכל, ניט קיין לאַך?

פראַווידלאָ׳ס פאַרשאַרפטע חושים האָבן דערפילט, אַז די לופט איז פול מיט חשדים.

דאָ איז אַוועקגעקומען אַ וויכטיקער דאָקומענט, אָט ווידער האָט מען באַשולדיקט דעם נאַכט־רעדאַקטאָר אין נאַכלעסיקייט, די סעקרעטאַרין האָט זיך געקריגט מיט דער מאַשיניסטין, די קאָרעקטאָרין — אַן אַלטע, גרויע גויע, האָט געלערנט מיט די זשורנאַליסטן הלכות דקדוק, אַקולניק פלעגט אָפט פאַרשווינדן און ס׳איז געווען אים שווער צו טרעפן אין די אָוונטן.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען יוסף איז אַריין אין דער רעדאַקציע, האָט די הויכע, שטייפע סעקרעטאַרין געוויזן אים אַ בריוו פון אַן אַדוואָקאַט.

— טאָוואַזשישו, איר און אונדזער צייטונג ווערן באַשולדיקט אין אויס־טראַכטן אַ בלבול אויף אַן אומשולדיקן מענטש.

אין איינעם פון זיינע רעפּאָרטאַזשן האָט יוסף געשריבן וועגן אַ געוויסן אינזשיניער יאַן טאַרנאָווסקי, וועמען ס׳איז געלונגען צו פאַרכאַפּן אויף אַ קורצער צייט אַ פאַבריק, וואָס האָט פּראָדוצירט זויערשטאָף אין בוטלעס פאַר מעטאַלורגישע צוועקן. דער אינזשיניער האָט געהאַט אַן אָפיציעלע דערלויבעניש איבערצונעמען די פאַבריק אַלס „דזשיערזשאַווצע״ — אַרענ־דאַר, ער האָט אָבער געמוזט אַוועק אונטערן דרוק פון די אַרבעטער.

אין זיין רעפּאָרטאַזש האָט פּראַווידלאָ ניט געשאָנעוועט טאַרנאָווסקין, איבערגעבנדיק, אַז צוזאַמען מיטן אינזשיניער זיינען פאַרשוווּנדן צוויי שרייב־מאַשינען.

אינעם אויספיר, האָט יוסף געריסן פּאַסן פון דער ניי־אויפגעקומענער שיכטע פון פּיפיקע ספּעקולאַנטן, וואָס אַרבעטן האַנט ביי האַנט מיט פאַרבאַר־גענע, געלט־גיריקע באַאַמטע. ער האָט דערביי דערמאָנט די אָרעמע יידישע אַרענדאַרן פון אַמאָל, וואָס האָבן געמוזט אויסשטיין בזיונות און רדיפות פון די פּריצים.

דער צענזאָר האָט אויסגעשטראָכן דעם זאַץ וועגן די באַאַמטע און דעם אָפּשניט וועגן די יידישע אַרענדאַרן, איבערלאָזנדיק די גאַנצע געשיכטע מיטן אינזשיניער.

יוסף איז געזעסן, ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אויף דער באַשולדי־קונגס־באַנק און זיך צוגעהערט צו דער שטורמישער רעדע פון טאַרנאָווסקי׳ס אַדוואָקאַט, וואָס האָט געפאָדערט אַ האַרבע שטראָף פאַרן באַשולדיקטן און אַן עפנטלעכע דערקלערונג אין דער פּרעסע, אַז דער „דזשיערזשאַווצע״ האָט ניט אָנגערירט קיין שום זאַך, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון דער פאַבריק.

דער ריכטער האָט געפרעגט פּראַווידלאָן, צי ער איז דער מחבר פון דער אָפּהאַנדלונג „מיר מוזן רעפאָרמירן אונדזער געריכטוועזן״ און אָפּגע־לייגט די „ספּראַווע״ אויף אַ וואָך צייט.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ פון דער געריכטס־געביידע, האָט דער זשורנאַליסט זיך צונויפגעטראָפן מיטן אַדוואָקאַט, א בלאָנדן, בלוי־אויגיקן פּאָלאַק.

— זאָגט מיר — האָט יוסף זיך אָפּגעשטעלט — האָט איר פאַרטיידיקט פאַר דער מלחמה יידישע סוחרים און קליינהענדלער, וואָס האָבן קוים גע־זשיפּעט, ווי איר שטעלט זיך היינט איין פאַר ספּעקולאַנטן ?...

— כ׳האָב זיך, מיין ליבער הער, דאַן געוואָלגערט אין די תפיסות, פאַר דער אידייע, וואָס האָט איצט געזיגט... — האָט געענטפערט דער אַדוואָקאַט.

עס זיינען אַדורך עטלעכע וואָכן און יוסף האָט ניט געקראָגן קיין שום אויפפאָדערונג. צו קומען אין געריכט. ער האָט אויך גאָרניט געהערט פון טאַרנאָווסקי׳ס פאַרטיידיקער.

כדי אויסצוגעפינען די סיבה, האָט זיך דער זשורנאַליסט טעלעפאָניש פאַרבונדן מיטן אַדוואָקאַט.

— דער אינזשיניער איז געשטאָרבן — האָט געקלונגען מיט באַדויער דעם פּאָלאַק׳ס שטימע — אויב איר וועט האָבן אַמאָל צייט, קומט אַרויף אין מיין ביוראָ, כ׳וויל אייך זען...

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, איז יוסף געזעסן אַקעגנאיבער דעם בלאָנדן פאַרטיידיקער און האַסטיק גערעדט :

— איר פאַרשטייט, דער פאָרזיצער פון אַרבעטער־ראָט פון דער פאַבריק האָט מיר דערציילט, אַז צוזאַמען מיט טאַרנאָווסקין זיינען אַוועק די שרייב־מאַשינען און גלויבט מיר, דער פאָרזיצער איז אַן אָרנטלעכער, ריינער מענטש ! דעם בעסטן באַווייז האָט איר : אין וואָסערן הולך ער גייט אַרום... כ׳האָב געוואָלט אים שענקען מיינס אַן אַלט, אָבער גאַנץ רעקל, האָט ער זיך אָנטזאָגט. ער וואַרט — זאָגט ער מיר — אויפן צוטייל פון טעקסטיל־קאָמי־טעט. ער וועט קריגן אַ סחורה־צוטייל מיט אַלע צוזאַמען, דאַן וועט ער זיך לאָזן אויפנייען אַ שטיקל בגד...

— און מיין קליענט, איז אויך ניט געווען קיין גנב... עמעץ פון די מענטשן אין דער פאַבריק האָט געמוזט צולאָטכענען די שרייב־מאַשינען און זיי — כ׳בין זיכער — פאַרהאַנדלט אויפן שוואַרצן מאַרק... דער רעגירונגס־דירעקטאָר, וואָס איז געווען פאַר טאַרנאָווסקין — האָט זיך אין דער פאַבריק

ניט געקענט געבן קיין עצה און צום סוף האָט מען אים טראַנספּאָרטירט... טאַרנאָווסקי האָט געקראָגן די דערלויבעניש פון דער פּריוואַטער „דזשיער־זשאַווע" נאָר אויף איין יאָר — האָט דער אַדוואָקאַט געקוקט אויף יוספן מיט זיינע אויפריכטיקע, בלויע אויגן, ווי ר'וואָלט געוואָלט אָבסערווירן דעם רושם פון זיינע ווערטער — טאַרנאָווסקי איז געווען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, געקומען צוריק קיין פּוילן אַן אויסגעצערטער און אויסגעקוואַרטער מיט אַ האַרץ־פעלער... די מעשה מיט דער „גניבה" האָט צוגעאיילט זיין סוף...

— וואָס מיינט איר פון לאַגער? — האָט געשטוינט יוסף — ער איז געווען אַ ייד?...

פּראָווידלאָס פּנים האָט א צוק געגעבן, ווי נאָך אַ האַסטיקן פּאַטש.

— פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געזאָגט פריער, אַז טאַרנאָווסקי איז אַ ייד? — האָט יוסף אַרויסגעכריפּעט.

— צוליב וואָס? אין איצטיקן, סאָציאַליסטישן פּוילן זיינען מיר אַלע גלייך... די צייטן פון בעקן און סקלאַדקאָווסקין זיינען שוין לאַנג אַוועק...

ער איז געלעגן אויפן פאַרבעטן בעט. זיינע געדאַנקען, ווי משוגענע הינט, האָבן אַרומגעקרייזט דעם זעלבן פּלאַץ.

די באַלעבאָסטע האָט, אויף זיין פאַרלאַנג, שוין צוויי טעג קיינעם צו אים ניט אַריינגעלאָזט. ער איז געלעגן און געקוקט אויף די פּאַליצעס מיט ביכער. זיי זיינען אים געווען ווילד־פרעמד און פאַרהאַסט.

ער האָט ווייניק וואָס געגעסן. ביינאַכט האָט ער ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. געהערט דעם מינדסטן שאָרך איבער דער וואַנט, דאָס געוויין פון קינד, וואָס האָט זיך געוועקט: — באַבעשי, כ'האָב מורא, באַבעשי!... ער האָט פאַרנומען דאָס הוזשען פון ווינט הינטער די פענצטער, דעם צעוואָרפענעם גערויש פון די ביימער לעבן הויז — דערהערט דעם שוימנדיקן געאייל פון די וואַגאָנען, וואָס זיינען אַוועק מיט זיין פרוי און די לעצטע געטאָ־יידן. ער האָט ניט געקענט פון דעם אַנטלויפן. עס איז אים פאָרגעקומען, אַז די וואַגאָנען וועלן אַזוי יאָגן ביזן סוף פון דער וועלט.

אויפן דריטן טאָג, האָט זיין באַוואָקסן פּנים אָנגעוואָרפן א שרעק אויף דער אַלטיטשקער. זי איז געוואָרן אומרואיק.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער וווינונג. די באַלעבאָסטע האָט געעפנט אויפן קייטעלע. ס׳איז געווען האַלינאַ.

— פּאַן יוזעף ?

— נישטאָ אין דער היים !

— זייט איר זיכער ? עפנט מיר !

אין דער ערשטער מינוט האָט די אַלטע געטראַכט צו פאַרמאַכן די טיר. דער אינסטינקט פון א פרוי האָט איר אָבער אונטערגעשעפּטשעט פּונקט ס׳פאַרקערטע.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בעט מיט אַ געשריי :

— ווער האָט דיך דאָ אַריינגעלאָזט, האַלינאַ ?

— ליג און מאַך ניט קיין ליאַרעם ! — האָט זיך ס׳מיידל צעשמייכלט און גענומען אויסטאָן דעם מאַנטל און אַראָפּציען די הענטשקעס.

— כ׳בין געווען אין רעדאַקציע — האָט זי זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אויף דער אויסגעבעטער, האַלב־רונדיקער באַנק — קיינער ווייסט ניט, וווּ דו ביסט אַהינגעקומען. קום איך דאָ, לאָזט מען מיך ניט אַריין... אַ געלעכטער ! די אַלטיטשקע ווייסט ניט, אַז כ׳קען אויפברעכן די טיר מיט עטלעכע גוטע זעץ... כ׳האָב אַנומלט צעפּראַסקעט די מאָרדע פון א רוס, וואָס האָט זיך צו מיר געטשעפּעט... און דו, באַטיושקאָ, ביסט אַ ליגנער, ווייל דיין בעט איז שטאַרק און עס צעפאַלט ניט, ווען דו ליגסט אויף אים...

ער האָט געקוקט אויף איר און געשוויגן.

— איך האָב געאַנט, אז דו ביסט ניט מיט אַלעמען — איז זי געוואָרן ערנסט. — דערצייל מיר, וואָס איז געשען... דיין געליבטע האָט דיך אַוועק־געוואָרפן ?

אַן אומווילנדיקער שמייכל האָט אַרויסגעפּויזעט אויף דעם רעכטן ווינקל פון זיין מויל.

זי איז צו צו אים, געפאַלן אויף די קני לעבן בעט און גענומען באַוואָרפן מיט קושן זיין געזיכט מיט דער שטעכעדיקער באָרד.

— גענוג שוין, גענוג ! — האָט ער זיך געווערט אַ צעטומלטער און בייזער — לאָז מיך שוין אָפּ !

זי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דיל. אירע געזונטע, שטאַרקע פיס האָבן זיך אַ ריס געטאָן צום פענצטער. זי האָט עס אויפגעפּראַלט:

— וועלט, וויכער און הימל קום אַריין צו אונדז!

איר פרייד האָט עלעקטריזירט די לופט. קיינמאָל האָט האַלינאַ זיך ניט געפילט אַזוי שטאַרק ווי איצט.

יוסף האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און אַראָפּגעלאָזט די פיס אויפן דיל.

— כ'האָב פאַרלוירן נאָך איין אילוזיע — האָט ער שטיל אַרויסגעזאָגט — כ'האָב געגלויבט, אַז שרייבן איז די העכסטע זאַך אין דער וועלט. כ'האָב מיך דערפילט געהויבן, ווען כ'בין געוואָרן דער מיטאַרבעטער אין „לודזש". מיינע אַרטיקלען, פעליעטאָנען, מיין נאָמען אָפט אין דער צייטונג, אפילו דער ריח פון פרישן דרוק האָט מיך פאַרשיכורט. איצט ווייס איך: ס'וואָרט איז ניט מער, ווי אַ לייטער פאַרן שרייבער ארויפצוקלעטערן הויך איבער דער מאַסע, די מענטשן זאָלן קענען אים זען און באַוווּנדערן... דער שרייבער, ווי דער מאָלער, דער אַקטיאָר האָט דעם איבערלעכן דראַנג צו געפעלן... ער וויל זיך דערהייבן און געפינען דעם בייפאַל אין די אויגן פון פּובליקום, אַפילו פאַר דעם פּרייז פון לעסטערן זיינע געפילן, פּראָסטיטואירן און פאַר־קויפן זיין נשמה... ער וויל הערן די בראַוואָס אפילו פאַרן פּרייז פון פאַרווונדן יענעמס איך, פאַרטיליקן און פאַרלענדן זיין מיטמענטש...

ער האָט איר דערציילט וועגן טאַרנאָווסקין. זי האָט געשלונגען זיינע ווערטער מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אַ געניטער דאָקטער האָרכט זיך צו צום פּולס פון אַן אויפגערודערט האַרץ.

— דו לעבסט אין אַ כאַאָס, מיין טייערער — האָט זי געגלעט זיינע הענט נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט — דו גייסט אַרום, ווי אַ בלינדער מיט אַ שטעקן אין האַנט... ווילסט געפינען דעם וועג... דערוויל קלאַפּסטו און שלאָגסט אויף לינקס און רעכטס... און ס'קען אויך זיין, אַז עס ברענט אין דיר אַ האַס. צו אַלע ניט־יידן... זאָגסט דאָך אַליין, אַז ווען דו וואָלסט געוווּסט, אַז טאַרנאָווסקי איז אַ ייד... דער האַס, וואָס פלאַקערט אין דיר צו אַלע פעל־קער, ווייל דו באַשולדיקסט זיי אין מאָרד פון דיין פאָלק, די אַ פייערדיקע שנאה האָט געטראָפן אַנשטאָט עמעצן פון די ניט־יידן דיין אייגענעם ברודער

— אַ ייד, אַ פּליט... זיי ניט בייז, אויב כ׳על דיר זאָגן, אַז דיך אַליין פאַרצערט דער האַס, ווייל ער איז, ווי אַ בומעראַנג...

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיינע פיס און געקושט זיינע קני:

— זיי מיר מוחל... אויס ליבע רעד איך צו דיר... ווייל דו ביסט מיר נאָענט און טייער...

✶

די קאָלעגן אין דער רעדאַקציע זיינען אים אַקעגנגעגאַנגען מיט וואַרע־מע ווערטער:

— קראַנק געווען און קיינעם פון אונדז ניט גערופן?

— וואָס איז מיט איך, קענען מיר אייך אפשר מיט עפּעס העלפן?

— ניט געדאַרפט נאָך צו קומען, גייט פרי אַהיים און רוט בעסער אין בעט...

די סעקרעטאַרין האָט אים געגעבן די האַנט און זיך צעוויצלט:

— אַזאַ געזונטער כלאָפּ און מאַכט זיך נאַריש... באַשטראָף איך אייך מיט געבן מיר אַ גרעסערן אַרטיקל.

ער האָט איר צוגעזאָגט, כאָטש זיין מוח איז געווען קאַלט און פּוסט און ס׳האָט אים דורכגענומען אַ ווידערווילן בלויז אויפן געדאַנק אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער.

ווען ער האָט געשפּאַנט אַהיים, האָט ער דערזען געלבלעכע בלעטער אויף די ביימער, דאָ און דאָרטן און זיך דערמאָנט אַז ס׳איז שוין סוף אויגוסט — פּונקט אַ יאָר, ווי ס׳איז פאָרגעקומען די לעצטע, פּולע „ווישעדלע־ניע״ פון לאָדזשער געטאָ.

ער איז אַריינגעקומען אין זיין צימער און זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט. ער האָט געפילט אַרום זיך אַ פרעמדע פּוסטקייט און זיך פאַרבענקט נאָך אַ מענטשישער שטימע, וואָס זאָל אים אַרויסרייסן פון קרייז פון זיינע געדאַנ־קען, צעשטערן זיין פאַרגליווערטע אַפּאַטיע און געבן אים אַ ציל.

— אַנטלויפן, אַנטלויפן!

ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט און גענומען וואַנדערן אַרום דער שטוב. ער האָט באַמערקט אויפן טיש אַ בריוו. ר׳האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט

און גענומען לייענען די מעלדונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין לאָנדאָן: מ׳האָט ביז איצט ניט געפונען קיין שפור פון זיין פרוי, רחל פּראַווידלאַ.

— ניטאָ, אַוועק אויפן לעצטן וועג, מיט אַ יאָר צוריק, צוזאַמען מיט די אַלע, וואָס זיינען געוואָרן אַרויסגעשיקט פון געטאָ...

— ווער וועט זיין פרוי, זיינע ברידער און די שוועסטער מזכיר זיין?

ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט נאָך דער פעדער און געגומען שרייבן.

ווען ער האָט פאַרענדיקט, איז שוין געווען טונקל. ער איז געזעסן און זיך ניט גערירט פון אָרט. די נאַכט איז צוגעפאַלן און אין צימער איז געוואָרן שטאָק־פינצטער.

ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון די לעצטע וואַגאָנען אויף די רעלסן, פאַרנומען די צעמישטע קולות, דעם געקלימפּער פון די טעפּלעך, דאָס געוויין פון די קינדער...

— מיין פאָלק איז געשטאָרבן, מיין וועלט איז אונטערגעגאַנגען — צו וואָס לעב איך?

צומאָרגנס האָט אים אַריינגערופן די גרויע גויע — די קאָרעקטאָרין — און צוגעמאַכט די טיר.

— כ׳האָב ערשט איבערגעלייענט אייער אַרטיקל וועגן דער „ווישעד־לעניע" — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר ביסטרע אויגן.

— איר האָט געפונען גרייזן?

— ניין?

— טאָ וואָס־זשע...?

— כ׳האָב געוואָלט אייך זאָגן, אַז איר האָט זיך פאַרנומען אויף אַ שלעכ־טן וועג. איר האַלט זיך אין איין אפּישירן, אַז איר זייט אַ ייד. איר שרייט דאָס אויס מיט צענדליקער קולות. איר פאַרהילכט ממש גאַנץ לאָדזש... און גלייכצייטיק פאַלט איר אָן אויף דער פּוילישער רעאַקציע, אויף די פּוילישע פּאַשיסטן... אויף פּאַלאַקן!

— איר רעדט ווי אַן אַנטיסעמיט! — האָט זיך יוסף א שטעל געטאָן — אַ דערצאָרנטער.

— הערט־זשע מיך אויס, איך שטאַם פון יידן — האָט זי געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף דעם דערשטוינטן זשורנאַליסט — און איך זע, וואָס ס׳טוט זיך

אַרום אייך... ווען מ׳האָט מיך דאָ אָנגעשטעלט, האָט מיר דער רעדאַקטאָר פּאַרטרויט אַ סוד, אז איר, פראַווידלאָ, האָט אים געמסרט ביים פּרעסע־אינספּעקטאָר אין וואַרשע: איר האָט צוגעשיקט דעם אינספּעקטאָר אַ צייטונג מיט רויט־אונטערגעשטראָכענע גרייזן...

— ווי האָט עס אים געקאָנט איינפאַלן, אַזאַ אידיאָטסטווע?

— כ׳ווייס, אַז איר זייט אומשולדיק, אָבער דער חשד איז געפאַלן אויף אייך...

— פאַרוואָס?

— ווייל די לייכסטע זאַך איז צו באַשולדיקן אַ ייד, דעם „זשיד״, — און טאַקע מיט דעם נאָמען האָט אייך באַצייכנט דער „נאָבעלער״ מאַן. און ער איז ניט קיין יוצא מן הכלל... אויך די סעקרעטאַרשע טראָגט אויף אייך אַ בייז האַרץ...

— כ׳האָב איר געקוילעט די קאַפּאָטע?

— איר האָט געהאַט די „חוצפה״ אָפּצוזאָגן איר אַ העלפט פון אייער סחורה־צוטייל, וואָס מיר האָבן לעצטנס געקראָגן. ווי איר געדענקט, איז עס געווען אַ מעטער פון גרין־געלבלעכן טוך... פאַר אויפנייען אַ קליידל, האָט אונדזער סעקרעטאַרשע ניט געסטאַיעט איר צוטייל. דערפאַר האָט זי אייך געבעטן אַ העלפט פון אייער שטאָף... און איר דער „פּאַסקודנער זשידעק״ האָט ניט געוואָלט נאָכקומען איר בקשה. זי האָט עס מיר דערציילט מיט גרימצאָרן. פאַר מיר, אַן אַלטע „גויע״, האָט מען ניט קיין סודות...

זי האָט פאַרביסן די ליפּן, געשוויגן אַ ווײלע און דאַן ווייטער געצויגן:

— זאָל זיך אייך ניט אויסדוכטן, אַז אַלע פּאָלאַקן זיינען יידן־האַסערס. עס זיינען אויך דאָ צווישן זיי אָרנטלעכע און גוטע מענטשן, ספּעציעל אין דער פּאַרטיי... אָבער איר ווייזט ניט אַרויס דעם מינדסטן חשק אַריינצוטרעטן אין אונדזערע רייען. איר גייט אַליין אייער וועג! דעריבער ראָט איך אייך, פאַרלאָזט דאָס לאַנד, שטעלט זיך ניט אויס אויף חשדים און, קען זיין, אויך אויף געפאַר. וואָס שנעלער איר וועט אַוועק פון פּוילן, אַלץ בעסער פאַר אייך!

ער האָט קוים געטראָפן צו דער טיר. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ, אַרויס אויף דער גאַס. אין זיינע אויערן האָט זיך געהוידעט אַ שאַרף גלעקל:

— פֿאַרלאָז, פֿאַרלאָז דאָס לאַנד!

ווען ר׳איז אַריין אין שטוב, האָט האַלינאַ געטרונקען טיי אין דער קיך צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטע.

זי איז אַריין אין זיין צימער. זי האָט אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן און זיך קינדיש פֿאַרקרימט:

— אומעטיקע אויגן? — ווי וואַגסטו צו זיין טרויעריק אין מיין אַנוועזנהייט?

זיי האָבן פֿאַרבראַכט די נאַכט צוזאַמען.

די גאַסן־לאָמפּ, וואָס הינטער דעם פֿענצטער, האָט געוואָרפֿן אַ בלוילעכן אָפּשיין אויף איר פּנים, אירע ווייסע ציין האָבן אויפֿגעבליצט אין דער האַלבער טונקלקייט פֿונעם צימער, יעדעס מאָל, ווען ר׳האָט זי צוגעדריקט צו זיך.

זי האָט אים דערציילט וועגן צוויי שוואַרצע ליכט, וואָס זי האָט היינט אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן און געזאָגט אַ שפּרוך דערביי: — „גיי אויס, דו, עבר, אין זכרון פֿון מיין געליבטן, פֿאַרשווינד אויף אייביק אומעט פֿון פֿאַרגאַנגענע יאָרן!"

— און דער „קרוציפֿיקס" אויף דער וואַנט האָט זיך צוגעקוקט צו דער שוואַרצער מאַגיע? — האָט זיך צעלאַכט יוסף.

— כ׳גלויב ניט אין יעזוסן, כ׳געהער צו דער פּאַרטיי.

— אָבער דאָך, ווען כ׳בין געווען אַמאָל ביי דיר, האָסטו ניט געוואָלט זיין מיט מיר אינטים, ווייל דער געקרייציקטער האָט אראָפּגעקוקט אויף אונדז!

— רעד ניט צופֿיל! אָט וועל איך דיר בעסער זאָגן, וואָס אַ ציגיינערין האָט מיר נעכטן אַרויסגעלייענט פֿון די קאָרטן: — „וועסט, מיין קינד, חתונה האָבן מיט אַ פֿרעמדשטאַמיקן מאַן און האָבן מיט אים קינדער אַ סך!..."

זי האָט זיך צוגעפּרעסט צו אים און אַרויפֿגעלייגט איר צעשויבערטן קאָפּ אויף זיין אַקסל.

*

עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ רעגנדיקן אָוונט, איז געקומען צו לויפן מעכל זשעפּאַק מיט אַ געוואַלט:

— פּאַניע רעדאַקטאָר, מיר דאַרפן אייך האָבן!

אויף אַלע פראַגן האָט ער געהאַט איין ענטפער:

— קומט, ר'עט זען!

איילנדיק, אין דריבנעם, מאָנאָטאָנעם רעגן, דורך די גאַסן צוזאַמען מיטן זשורנאַליסט, האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— איר וועט זען, ווער ס'איז קליגער, איך צו איר...

זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, די פריינט פון דער אַמאָליקער ווינונג, און גערעדט איינער דורכן אַנדערן. ביז ווערבאַ האָט זיי אַלע איבערגעשריען:

— גענוג שוין! אַט וואָס ס'האָט פּאַסירט: נעכטן האָבן זיך אַריינגעריסן דאָ צוויי יונגע שקצים מיט רעוואָלווערן אין די הענט. זיי האָבן אונדז אַלע צונויפגעטריבן אין איין צימער און גענומען אויספרעגן די נעמען, אַנגעהערי־קייט צו דער פּאַרטיי, אָנטייל אין פּאַרטיזאַנען־קאַמף. דאַן האָבן זיי אונדז באַפוילן אַרויסגיין אין קאָרידאָר, פּאַרלעכוויז. איך מיט אַ ייד, גרינבוים זיינען געווען דאָס ערשטע פּאָרל. איינער פון די באַנדיטן האָט אויסגעשאָסן אין מיין באַגלייטער און אים פאַרוווּנדעט. כ'האָב זיך געוואָרפן אויפן צווייטן — אַרומגעכאַפּט אים אין דער העלפט מיטביידע הענט. דער אַנ־פּאַלער איז געוואָרן צעטומלט, זיין חבר האָט גענומען שיסן אויף לינקס און אויף רעכטס: איין קויל איז אַריין אין סופיט, די צווייטע — איז פּאַרביי מעכלס פרויס פוס און אָפּגעריסן אַ שטיק הויט... ביידע מערדער זיינען אַנטלאָפן אין פּאַניק.

— דאָס איז אַלץ? — האָט מיט אַ ניט־דאַאיקן קול געפרעגט יוסף, ווען ווערבאַ האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— ניין! — איז אויפגעשפּרונגען מעכל — גרינבוים איז געשטאָרבן!

— וואָס?... — האָט אויפגעשוידערט פראַווידלאַ.

— מיר האָבן אַוועקגעפירט דעם פאַרווונדעטן — האָט שיע אויפגע־קלערט — אין שפּיטאָל, אויף לאַגעווניצקע. דאָרט האָט דער דאָקטער גע־

טענהט, אַז ר׳קען אים גאָרניט העלפן, ווייל ער באַזיצט ניט — געהערט אַזאַ מעשה? — די נויטיקע, כירורגישע אינסטרומענטן... זיינען מיר אַוועק צום שפּיטאָל אויף זשווירקאַ גאַס... אויפן וועג איז גרינבוים אויסגעגאַנגען אין דער דאָראָזשקע...

וועראַ האָט אָנגענומען יוסעפן פאַר׳ן אָרעם — קום!

שיע האָט געעפנט די טיר פון זיין צימער. לעבן דער סאָפע, ווו פּראָ־ווידלאָ פלעגט שלאָפן מיט אַ האַלבן יאָר צוריק, איז געלעגן, פאַרדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך, דער בר־מינן.

— מ׳האָט אים נאָך ניט באַגראָבן? — האָט פּראָווידלאָ, אַ פאַרלוירענער געפרעגט.

— מ׳איז נאָך ניט געקומען אים נעמען, מיר האָבן שוין נעכטן געמאָלדן.

זיי זיינען ביידע צוריק אַריין אין רונדיקן, גרויסן עס־צימער. די יידן האָבן נאָך אַלץ דיסקוטירט די פּאַסירונג. יוסף האָט געזוכט אַ פּלאַץ זיך צוצושפּאַרן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פּאָטעל אין ווינקל.

— די קויל וואָלט אפשר מיך געטראָפן, ווען כ׳וויין נאָך אַלץ דאָ — האָט זיך אַן אומהיימלעכער רעיון דורכגעשלייכט אין זיין מוח — עס איז אַן אָנזאָג אויף מיין גורל, וואָס וועט מיך טרעפן — ער האָט זיך צעשמייכלט.

— וועט ער דען ניט פאַלן שוין אַ טויטער... ווען איז ער געשטאָרבן?

ער האָט זיך באַמיט תופס זיין דעם מאָמענט און ס׳האָבן זיך אין אים צעברויזט ווייטיק, צאָרן און פאַרלאַנג פון נקמה.

— יידן, גיט מיר דעם נאָמען פון דאָקטער? — האָט ער אַ הילך געטאָן.

דאָס געזעמל האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים. קיינער פון די מענטשן האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען דעם נאָמען פון רופא.

— האָבן די באַנדיטן ביי אייך צוגענומען געלט אָדער ווערט־זאַכן?

אַלע האָבן איינשטימיק באַשטעטיקט, אַז ניט.

— ווו איז דאָ אַ טעלעפאָן?

וועראַ האָט אַרויפגעפירט דעם זשורנאַליסט צו אַ דענטיסט אויפן דריטן שטאָק. ס׳איז שווער געווען צו כאַפּן אָקולניקן. דער רעדאַקטאָר איז ניט געווען אין דערהיים. זיין פרוי האָט יוסעפן געגעבן צוויי פּלעצער, ווו ר׳קען אים געפינען. דער אייגנטימער פון באַר „פּאָד ביאַלים קאָניעם“

האָט געהאָפּט צו זען אים שפּעטער. ענדלעך האָט יוסף זיך דערשלאָגן צום פּירער פון „לודזש״ אין „קאַסאַנאָוואַ״־קאַבאַרעט.

אָקולניק׳ס קול, פאַרשנאָשקעט אין אָנהויב, איז געוואָרן גלייך קלאָר און ניכטער, ווען פּראַווידלאָ האָט אים איבערגעגעבן די פּרטים פון איבער־פאַל און די געשיכטע מיטן דאָקטער.

דער זשורנאַליסט איז צוריק אַראָפּ צו זיינע פריינט. ער איז געווען דערשעפּט, ווי נאָך אַ פיזישן קאַמף. מ׳האָט אים ניט געלאָזט אַהיימגיין, ביז ר׳וועט ניט איבערבייסן.

— סעודת הבראה — איז אים געקומען אויפן געדאַנק — כאָטש מ׳האָט נאָך דעם מת ניט קובר געווען.

ביים עסן האָט מען אים דערציילט, אַז גרינבוים איז געקומען פון בערגן־בעלזן, ערשט מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק.

צומאָרגנס, ווען יוסף האָט געעפנט די צייטונג, האָט ער גלייך באַמערקט, אַז ס׳פעלט אין דער באַשרייבונג פון איבערפאַל: דער פראַגמענט וועגן דאָקטער.

אָקולניק האָט געוואָרפן די שולד אויפן צענזאָר.

— איך גיי צום הויפּט־צענזאָר! — האָט דער זשורנאַליסט אויסגעשריען.

דער רעדאַקטאָר איז געווען דאָקעגן, אָבער יוסף האָט באַשלאָסן זיך ניט צו רעכענען מיט זיין מיינונג.

די הויפּט־צענזור האָט זיך געפונען אין פּאַלאַציקל, וואָס הערץ, ישראל פּאָזנאַנסקי׳ס איידעם, האָט מיט יאָרן צוריק אויפגעבויט לעבן דער לאָדזשער סינאַגאָגע.

דער טורעמדיקער בנין פון דעם באַרימטן געבעט־הויז איז געוואָרן אויפגעריסן דורך די נאַציס. אויף זיין אָרט האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אַ פּוסטער, גרויער פּלאַץ — אַ נאַקעט, פאַרפּייניקט לייב...

האָבן די קאָמעניצעס אַרום ניט געלאַכט מיט צענדליקער פענצטער פון פאַרשטומטן איבערבלייבעכץ פון דער שטאָלצער סינאַגאָגע, וואָס איז געווען פאַרפּוצט מיט געשניצטע גזימסן און קאָלירטע שויבן און פאַריסן איר קאָפּ ביזן הימל?

— ווי לויפסטו, דאָן קישאָט, ווען אפילו די שטיינער לאַכן פון דיר און דעם גורל פון דיין פאָלק?

אָן איינגעקנוילטער, איז דער זשורנאַליסט פאַרביי צוויי באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער, זעלנער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון דער אַמטלעכער געביידע. ער איז אַריין אינעווייניק און גענומען זיך נאָכפרעגן אויפן הויפט־צענזאָר.

ס׳האָט לאַנג גענומען ביז דער פירער פון דער שטרענגער אינסטיטוציע האָט באַוויליקט אויפצונעמען פראָווידלאָן.

— ווער האָט אייך געשיקט? — האָט ער זיך איינגעקוקט אין יוספס בלייך פנים.

— די יידן! דאָס פאַרבליבענע רעשטל פון יידן!

— וואָס ווילן זיי פון מיר?

— זיי פאָדערן פון אייך גערעכטיקייט...

— איר רעדט, ווי אַ פאַרצייטיקער נביא — האָט זיך צעשמייכלט דער הויפט־צענזאָר — אָבער כ׳על אַלץ טאָן, וואָס איך קען, טאָוואַרישטש, ווייל כ׳בין דאַוויד אַבראַמאָוויטש — אַ ייד!

די מוסקולן פון זיין געזיכט האָבן זיך צעשפּילט אונטער דער הויט, זיין פנים איז געוואָרן שטייפער, די אויגן — שאַרפער מיט יעדן וואָרט, וואָס ס׳איז אַרויס פון יוספ׳ס מויל.

— ס׳איז שקר וכזב, אַז מיין מענטש האָט אויסגעשניטן די עטלעכע זאַצן וועגן דאָקטער. אייער נאַכט־רעדאַקטאָר איז אַ געוועזענער „ענדעק״... מיר אָבסערווירן דעם הורן־יונג שוין אַ לאַנגע צייט... מיר וועלן איצט מיט אים לערנען בלק! אָבער דער הויפט־שולדיקער איז דאָ, דער סוקינסין — דער דאָקטער.

ר׳איז צו צום טעלעפאָן, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, געהייסן זיך פאַרבינדן מיטן שפּיטאָל אויף לאַגעווניצקע־גאַס.

— איר זייט דאָס דער הויפט־דאָקטער? דאָס רעדט דער הויפט־צענזאָר פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדזטווע... קענט איר מיר זאָגן, צי איר האָט באַהאַנדלט דעם שווער־פאַרוווּנדעטן אהרון גרינבוים, ווען מ׳האָט געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין דעם 7 סעפּטעמבער, ביינאַכט? איר — צי דער

דיזשורני־דאָקטער? איר! כאַראַשאָ! איר האָט אים ניט געקאָנט העלפן! פאַרוואָס, קען איך וויסן? אהאַ, ס'פעלן אייך די נויטיקע מכשירים? טאָ, צו וואָס זיצט איר אין שפּיטאָל? דערציילט מיר ניט קיין באָבע־מעשיות! איר האָט ניט געוואָלט ראַטעווען א זשיד! אָבער איך בין אויך אַ זשיד און אַ דאַנק מיר, וועסטו אינגיכן פוילן אין דער טורמע! קורוואַ טוואָיאַ מאַטש! הינטישער זון!

ר'האָט אויפגעהאָנגען מיט אַ האַסטיקן קלאַפּ ס'טרייבל און זיך אַ קער געטאָן צו יוספן:

— כ'וועל אים צערייבן אויף פּראָך!

זיין מויל האָט געגעבן אַ נערוועזן צוק. ער האָט אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף פראַווידלאָס אָרעם:

— ס'איז דיר שווער אויפן האַרצן, טאָוואַרישטש, ס'איז אונדז נאָך שווערער! מיר מוזן איבערבויען אַ לאַנד און אויך די מענטשן... און כ'על דיר זאָגן דעם הוילן אמת: כדי אויסצורייניקן פּוילן פון אַנטיסעמיטיזם, וואָלט מען געדאַרפט אַרויסשיקן 28 מיליאָן פּאָלאַקן קיין סיביר!

צוויי טעג שפּעטער, איז יוסף אַריין אין זיין אַלטער וווינונג און גע־טראָפן דאָרט שיען.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען — האָט זיך דערפרייט ווערבאַ — מ'האָט דעם טויטן נאָך ניט צוגענומען. אפשר קענסטו צואיילן דעם ענין? כ'בין געווען אין דער גמינע. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, אָבער, ווי כ'זע, זיינען דאָרט די פירער זייער פאַרנומען און אומרואיק.

— וואָס איז?

— יידן זיצן אויף די וואַליזקעס, מען נעמט פאַרלאָזן פּוילן, מען שוואַרצט די גרענעץ קיין דייטשלאַנד דורך מזרח־פּרייסן און פון דאָרטן — קיין ארץ־ישראל, קיין אַמעריקע, פראַנקרייך...

— כ'האָב דאָך ערשט געלייענט, אַז פּויערים האָבן געטאַנצט און זיך משמח געווען אויף אַ יידישער חתונה אין א שטעטל לעבן וואַרשע.

— די יידישע צייטונג באַקט ליגנס, מ'וויל באַרואיקן די געמיטער...

פראַווידלאָ האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ר'וואָלט עמעצן געזוכט.

— ווייסט, אַז דאָס פּשוטע פאָלק האָט אַ שאַרפערן חוש הריח, ווי דער

אינטעליגענט... עס דערשפּירט די געפּאַר פריער, ווי די, פּאַרטומאַניעטע מיט אילוזיעס, קולטור־מענטשן.

— לאָך ניט פון מיר, אָבער ס׳פּלאָגט מיך דאָס געוויסן. — האָט אים איבערגעריסן שיע — גרינבוים איז געווען אַ רעליגיעזער ייד און לויט דעם דין, וואָלט מען אים געדאַרפט מטהר זיין, אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? אויפן יידישן בית עולם, האָט מען מיר געזאָגט, איז ניטאָ מער קיין טהרה־שטיבל...

— מ׳דאַרף ניט! גרינבוים איז טהור וקדוש, ריינער, ווי די שנייען אויף די אַלפּן־בערג... ריינער ווי גאָט אַליין, וואָס האָט אונדז געלאָזט שעכטן, ברענען און פאַרגאַזעווען...

יוסף האָט פאַרהאַקט די ציין און אַרויסגעברומט:

— דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען ס׳האַרץ פון יידישן פאָלק... מיר וועלן שוין ניט אויפשטיין תחית המתים!

✶

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז די באַלעבאָסטע האַסטיק אַריין אין פּרווידלאָס צימער. איר פּנים איז געווען דורכגענומען מיט זאָרג און פּחד.

— איר ווייסט, פּאַניע רעדאַקטאָזשע, מ׳האָט אין ראַיעק, אַ שטעטל לעבן לובלין, געהרגעט צוויי יידן, וואָס זיינען אַהיימגעקומען פון דייטשלאַנד.

— ווער האָט דאָס געטאָן?

— מ׳זאָגט, אַז די A. K., וואָס בושעוועט אין יענעם געגנט... כ׳הייב אָן צו טראַכטן, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען צו פאַרלאָזן פּוילן, אַנטלויפן מיט מיין פּיצעלע קינד...

די אַלטיטשקע איז אַרויס פון צימער און יוספן איז באַפאַלן אַ צודרינגלעכער געדאַנק אויסצוגעפינען די שולדיקע אין טויט פון די פּליטים. ער איז אַוועק אין רעדאַקציע: ס׳איז צו קיינעם ביז איצט ניט דערגאַנגען קיין שום ידיעה וועגן מאָרד אין ראַיעק. אין דער גמינע האָט מען באַשטעטיקט די טרויעריקע בשורה, אָבער מ׳האָט אים ניט געקענט געבן די נויטיקע איבפאָרמאַציע. יידן, וואָס ר׳האָט געטראָפן אין גאַס, האָבן געקוקט אויף אים מיט גרויסן חידוש:

— וואָס איז די נפקא מינה?

אויפן וועגן אַהיים, האָט ער געטראָפן האַלינען:

— זעסט מיר אויס — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — ווי די באַרימטע סקולפטור פון ראַדינען: „דער דענקער"... הער־זשע שוין אויף צו טראַכטן, מיין אַדאָניס, און נעם לעבן! ס'איז שוין די העכסטע צייט!

ער איז געבליבן שטיין און אַ זאָג געטאָן:

— ס'דוכט זיך, אַז פון לאָדזש קיין לובלין גייען אויטאָבוסן און איך מיין צו פאָרן קיין ראַיעק, אַ שטעטל דערנעבן, וווּ מ'האָט אומגעבראַכט צוויי אומשולדיקע מענטשן...

— אַ משוגעת! דער וועג איז א סכנותדיקער!

— כ'פאָר, כ'וויל אויסגעפינען דעם אמת...

— כ'וועל דיך ניט לאָזן אַליין! וואַרט צו ביי זיך אין דערהיים, כ'על צוקומען אין אַ האַלבער שעה און מיר וועלן פאָרן צוזאַמען.

זיי האָבן פאַרשפּעטיקט דעם אויטאָבוס און געמוזט נעמען אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט געפירט פּאַסאַזשירן. דער אויטאָמאָביל, מיט אַ צודעק פון דיקן ברעזענט פון אויבן און הילצערנע בענק אינעווייניק, האָט געהערט צו אַ באַרעדעווידיקן גוי, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער שאָפער. אַחוץ יוספן און האַלינען זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן „לוקסוס־פּאַיאַזד" צוויי פּויערטעס מיט זייערע מענער.

ס'איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט, ווען דער אויטאָ איז אַרויס הינטער דער שטאָט מיט אַ רוישיקן געקלאַפּ און טרייסל. האַלינאַ האָט אַרומגענומען אין דער העלפט איר געליבטן און האַרציק געלאַכט:

— ניט אומזיסט האָט אונדזער שאָפער גענומען פריער באַצאָלט!

ער האָט איר געגעבן אַ לייכטן קוש. ר'איז איר געווען דאַנקבאַר, וואָס זי לאָזט אים ניט צופיל נאָכטראַכטן וועגן דעם ציל פון זיין פאָרן.

די פיר מיטרייזענדע — די פּויערטעס מיט די מענער — האָבן זיך איינגעמאָשטשעט אין סאַמאַראָדנעם ווינקל פון אויטאָ, לעבן ווענטל, וואָס צעשיידט דעם שאָפער פון זיינע פּאַסאַזשירן. דאָס געזעמל האָט זיך געקאָכט, רעדנדיק וועגן די רוסן.

— דיר קלעמט ס'האַרץ וועגן דיינע ברידער — האָט שטיל גערעדט

האַלינאַ צו יוספן — און אונדז, פּאָלאַקן, טוט ווי, וואָס אונדזערע באַפרייער, די רוסן פירן אַרויס די קוילן פון שלעזיען קיין רוסלאַנד, צעבייגן די שינעס, מ׳זאָל ניט קענען די קוילן פירן אַנדערשווו און ראַבירן פון בעסטן און שענסטן! און דאָס זיינען אונדזערע טאָוואַזשישע־חברים. דער גרעסטער טייל פון פּוילישן מיליטער — און ספּעציעל דער רוב פון די אָפיצירן — זיינען רוסן, איבערגעטוענע אין פּוילישע מונדירן... און ווי געפעלט דיר די פינצטערע אַרבעט פון דער ג. ק. וו. ד., וואָס מאַטערט אָפּט אומשולדיקע מענטשן? מיר ווילן האָבן אַ סאָציאַליסטיש פּוילן, אָבער ניט אונטער דער הערשאַפט פון די רוסן...

— סטוי! סטוי! — האָבן זיך דערהערט הילכיקע קולות אין דער פינצטערניש.

דער איבערגעשראָקענער שאָפער האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל.

—ווישאַדאַטש! אַרויס, אַרויס! — האָבן עלעקטרישע לעמפּלעך אויפגעריסן דעם חושך אינעם אויטאָ, פאַרבלענדט די אויגן פון די פּאַסאַזשירן.

— פּרענדזשי! שנעלער!

— ווער זייט איר? איר האָט געוועהר? וווהין פאָרט איר? — האָבן זעלנער גענומען נאָכקוקן דערלאַנגטע לעגיטימאַציעס און פאַרשידענע דאָקומענטן בײַם שאַרפן שיין פון די לעמפּלעך.

— יאַזדאַ! — האָט ענדלעך באַפוילן אַ הויכוווקסיקע געשטאַלט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָן דער זייט, אין געדיכטן שאָטן — פאָרט מיט דעם שאָסיי! — האָט דער פאַרטייעטער אָנפירער געראָטן דעם אייגנטימער פון אויטאָמאָביל — פאַרנעמט זיך ניט אויף זייטיקע וועגן!

דער זשוויר האָט געקנאַקט אונטער די פיס פון די אַוועקגייענדיקע סאָלדאַטן. דער מאָטאָר האָט אויפגעוואַרטשעט, זיך צעסאָפּעט, דער אויטאָ האָט געגעבן זיך אַ ריר, א ריס צוריק און ווידער גענומען לויפן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

— אַן אַנגענעמע רייזע! — האָט זיך געוויצלט האַלינאַ — מיר זאָלן נאָר מיט דעם אָפּקומען! ווער ווייס, וויפל מאָל וועט מען נאָך אַזוי שפּרינגען אַראָפּ און אַרויף פון דער הויכער פּלאַטפאָרמע. ווילע גימנאַסטיק, כ׳לעבן!

— זאָג מיר יוזעפּיע — איז זי געוואָרן ערנסט — פאַרוואָס זוכסטו דעם טויט? האָסט מיך דען ניט ליב? ווייסטו דען ניט — האָט זי זיך צעלאַכט — אַז פון געמישטע חתונות קומען אָפּט אַרויס געניאַלע קינדער?

ער האָט ארומגענומען אירע אַקסלען מיט זיין אָרעם און צוגעטוליעט זיין פּנים צו איר באַק.

— פאַרוואָס שוויגסטו? — האָט זי אים ניט אָפּגעלאָזט — כ׳גלויב ניט, אַז עמעץ האָט דיך אַזוי ליב געהאַט, ווי איך און קיינער וועט דיך ניט האָבן אַזוי האָלד — קיינער ניט אין דער גאַנצער וועלט — ווי איך... כ׳האָב אפילו ליב געקראָגן דיין אומעט און כ׳באַוווּנדער דיך, ווי דו קעמפסט מיט צייַן און נעגל פאַר דיין זאַך. כ׳זע דיך דורך און דורך און כ׳וויל לעבן נאָר מיט דיר און פאַר דיר... אויב דו ווילסט אַוועק פון פּוילן, גיי איך מיט דיר... כ׳וועל גיין, ווו דו ווילסט גיין און דיין לאַנד וועט זיין מיינס!

ער האָט געגעבן א ציטער.

— ר׳האָט ערגעץ געהערט די ווערטער, ס׳איז געווען ווי אַן עכאָ פון אוראַלטע צייטן...

אַן אומהיימלעכע האַנט האָט פּלוצים אַראָפּגעריסן די שוואַרצע פּלאַכטע פון דער נאַכט. דער הימל האָט אויפגעלויכטן מיט אַ ראָזלעכער אָפּשיין, ווי ס׳וואָלט גענומען טאָגן.

דער אויטאָמאָביל איז ווידער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ פּאַטראָל.

עס האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע פּראָצעדור ווי פריער, מיטן אויסנאַם פון אַ שטרענגן באַפעל אָפּצושטעלן די רייזע ביז אַ וויטערדיקער פאַראָרדענונג.

די זעלנער זיינען פאַרשוונדן. דער שאָפער האָט געשאָלטן מיט ביטערע קללות. די פויערטעס האָבן געכאַפּט אַ דרימל זיצנדיקערהייט, די מענער האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די בענק און גלייך גענומען כראָפּען.

יוסף און האַלינאַ זיינען געשטאַנען אויף דעם שאָסיי, אָנשפּאַרנדיק זיך אָנעם אומבאַוועגלעכן אויטאָ.

איבערן שוואַרצן וואַלד, וואָס אויפן האָריזאָנט, האָט זיך צעגאָסן אַ ים פון רויטן פלאַקער.

— די גערילאַ פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ האָט אונטערגעצונדן דעם

וואַלד, קעמפנדיק מיט אונדזער מיליטער — האָט האַלינאַ צעעפנט אירע אויגן אין שרעק. — יעזו! יעזו! ווען וועט שוין קומען אַ סוף צום ברודער־קאַמף? ווען וועלן שוין די פּאָלאַקן אויפהערן צו קוילען איינער דעם צווייטן?

בלוטיקע צונגען, געהילט אין קנוילן רויך, האָבן געלעקט דעם גרוי־לעכן הימל. פון ווייטן, האָט דער ווינט געבראַכט דעם ריח פון פאַרסמאַליע־טע סאָסנעס, קוסטעס און נאָדלדיקע גראָזן.

ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען האַלינאַ און יוסף זיינען אַריין אין שטעטל. דער איינציקער מיליציאַנט, וועמען זיי האָבן געטראָפן אין מיליציע־אַמט, האָט גלייך געענטפערט, אַז די פאַרשאָלטענע א. ק. האָט אומגעבראכט די צוויי יידן.

— ווי אַזוי? — האָט רואיק געפרעגט דער זשורנאַליסט.

— די „כלאָפּצעס״ פון .A. K זיינען אַרויס פון וואַלד און געשאָסן די פּליטים — האָט דער מיליצאַנט גערעדט, ניט קוקנדיק יוספן אין די אויגן אַריין.

— פונוואַנען האָבן זיי געוווסט, אַז די יידן זיינען געקומען? — האָט פּראַווידלאָ אָבסערווירט די אומרואיקע האַלטונג פון אָרדענונגס־היטער.

— וואָס זייט איר, אַ „סענדזשיא שלעדטשי״ — אַן אויספאָרשונגס־ריכטער?

— זייט שטיל און פאַרהאַלט זיך מיט רעספּעקט — איז אַרויס האַלינאַ מיט לשון — דער מאַן איז אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט פון לאָדזש און ער איז באַרעכטיקט אויסצוגעפינען דעם אמת.

דער מיליציאַנט האָט זיך אַנטשולדיקט און געגעבן יוספן צו פאַרשטיין, אַז ער קען אים גאָרניט זאָגן, ווייל ער איז געקומען נאָכדעם, ווי די מענטשן זיינען שוין געלעגן טויט.

פּראַווידלאָ מיט האַלינאַן זיינען אַרויס אין גאַס. פּאָר איינעם פון די הילצערנע הייזלעך איז געזעסן אַן עלטערע קריסטין און געוואַרעמט זיך אויף דער האַרבסטיקער זון.

— איך וועל מיט איר כאַפּן אַ שמועס — האָט האַלינאַ פאָרגעשלאָגן — רוף זיך גאָרניט אָן...

— ניעך בענדזשע פּאַכוואַלאַני יעזוס כריסטוס! — האָט די יונגע קריס־טין פאַרטשעפּעט די באַבע.

— נאַ וויעקי וויעקוו! — האָט געענטפערט די אַלטיטשקע — אַ, פון וואַנען קומט איר?

— פון דער שטאָט... זאָגט מיר, כ׳וויל ביי אייך איינקויפן פּוטער און אייער, כ׳וועל אייך גוט באַצאָלן...

— אָ, כ׳דאַנק דער מלאָדעי פּאַני, איר וועט אַלץ ביי מיר קריגן, אָבער די מאָסקאַלעס און זשידעס — א פייג! זאָלן זיי גיין אין דער ערד אַריין!

— כ׳זע, אַז איר האָט פיינט די ידלאַקעס, אַזוי ווי איך.

— אָ, כ׳קען די זשידעס זייער גוט, זיי האָבן, ווי פּיאַווקעס געזויגן אונד־זער בלוט... מיר זיינען פון די לעצטע צוויי פּטור געוואָרן ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק...

— דערציילט־זשע מיר, כ׳בין זייער נייגעריק...

— ווער איז דער פּאַן לעבן אייך?

— אָ, דאָס איז מיין מאַן, איר קענט זיין רואיק, ער איז אַ גוטער קריסט.

— טאָ זיינען די צוויי ניט־גלויביקע אַריין אין שטעטל... געמיינט, מען וועט זיי אָקעגנגיין מיט ברויט און זאַלץ... בהמות! זיי האָבן געזוכט דאָ זייערע פריינט, זייער משפחה, וואָס די דייטשן האָבן שוין לאַנג געממיתט... געוועזן זיינען זיי ביידע קרעמערס. איינער האָט געהאָט אַ קאָלאָניאַל־געוועלבל, דער צווייטער האָט פאַרמאָגט אַ „סקלאַד־אַפּטעטשני״. ביידע האָבן זיי אָנגע־שאָטן זעק מיט גאָלד און טאַקע דערפאַר זיינען זיי געבליבן לעבן, ווייל מיטן געלט האָבן זיי זיך אויסגעקויפט ביי היטלערן... צוריקגעקומען זיינען זיי ביי־דע, געשמייכלט, באַגריסט זיך מיט יעדן איינעם. מיר קענען שוין די יידישע שטיק! די „כלאָפּצעס״ — אונדזערע יונגע בחורים — האָבן אַרומגערינגלט די זשידקעס און גענומען, ווי קינדער שפּאַסן מיט זיי... דער גיט זיי אַ שטופּ, אַ צווייטער אַ „טראַנטש״... נאַ, נאַ, הייבט איינער פון די זשידעס אויף די האַנט און לאָזט אַדאַשן — איינעם פון די כלאָפּצעס — אַראָפּ אַ פּלאַם. דעם אָרעמען יינגל האָט זיך אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ... מיר האָבן אַלע גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער סטאַראַזאַקאַנני האָט אים געוואָלט רירן דעם מוח... ס׳זיינען זיך גלייך צונויפגעלאָפן די קריסטן פון שטעטל, די פּויערים פון דאָרף און גענומען די

צוויי אומגלויביקע פֿאַדאַוועו — מיט ווידלעס, מעסערס, „אייזערנע־פֿינגער"
— מ׳האָט זיי דערשלאָגן, געלעכערט, צעהאַקט אויף קרעפּל־פֿלייש.

האַלינאַ איז ניט געווען מער בכוח צו שטיין אויף די פֿיס. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די טרעפּלעך פֿאַרן הויז.

— ווו איז דער גרוב, אין וועלכן מ׳האָט זיי אַריינגעוואָרפֿן? — האָט יוסף שטיל געפֿרעגט די באַבע.

— אָ, דאָס וויס די מיליציע...

דער פֿאָרשטייער פֿון דער רעגירונגס־מאַכט איז געשלאָפֿן מיטן קאָפּ אויפֿן ביוראָ־טיש.

ער האָט זיך אויפֿגעוועקט, ווען האַלינאַ האָט אים אַ טרייסל געטאָן פֿאַרן אָרעם.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט ער, מלא חמה, זיך אויפֿגעהויבן פֿון בענקל.

— קום, כ׳וויל זען דעם קבר פֿון די יידן...

— כ׳בין ניט קיין „זשידאָווסקי פּאַכאָלעק" כ׳זאָל אייך גיין ווייזן זייער גרוב.

— דו וועסט שוין גיין, ברודערל — האָט האַלינאַ אַרויסגעצויגן אַ רע־וואָלווער פֿון דער קעשענע פֿון איר מאַנטל — זעסט די „ספּלוווע?" — דאָס איז מיין טאַטנס רעוואָלווער, וואָס איך האָב מיר אויף היינט אויסגעליען... מיין טאַטע איז אַ פּוילישער אָפֿיציר און איך געהער צו דער פּאַרטיי... קום, ווייל כ׳וועל דערשיסן דיך און די אַלע הינט, מערדערס, וואָס האָבן אומגע־בראַכט צוויי אומשולדיקע מענטשן... דו און דאָס גאַנצע שטעטל וועט גיין אין קייטן, אין דער טורמע אַריין! אַך, ווען כ׳קען יעדן פֿון אייך אויפֿהענגען דאָ אין מיטן מאַרק!

ער איז געגאַנגען, אַ טויט־בלאַסער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט וואַקלדיקע טריט.

דער בית עולם איז געווען פֿול מיט צעבראָכענע מצבות. צווישן די קברים זיינען אַרומגעגאַנגען היגער און קאַטשקעס. דער קבר פֿון די צוויי מאַרטירער איז געווען לעבן פּלויט — אַ לענגלעך בערגל ערד, אויף וועלכן מ׳האָט אָנגעזען צייכנס פֿון מענטשישע טריט.

— פאַל אויף די קני! — האָט האַלינאַ באַפוילן דעם מיליציאַנט — און קוש די הייליקע ערד!

דער גוי האָט זיך אַראָפגעלאָזט אויף די קני און צוגעפאַלן מיט די ליפּן צום קבר.

— איצט גיי און וואַרט, ביז דאָס געריכט וועט דיך רופן!

דער מיליציאַנט איז אַוועק. יוסף האָט שטיל גערעדט צו די קדושים:

—מיר וועלן אייך ניט פאַרגעסן און די קריסטלעכע וועלט וועלן מיר ניט פאַרגעבן, אַזוי לאַנג ווי זי וועט עקזיסטירן...

ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געוויינט מיט ביטערע טרערן.

ר׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און פאַרגלעט די צייכנס פון מענטשישע טריט אויפן קבר. דאַן האָט ער פון צוקאָפּנס פונעם בערגל אַראָפּגענומען אַ האַלבע גאָרשקע ערד:

— כ׳נעם דאָס מיט מיט מיר אויפן וועג — האָט ער געפליסטערט, אויס־גלייכנדיק שפּעטער ס׳גריבל מיט געפרוירענע פינגער.

קאַפּיטל דריי

דער שוועדישער קאַפּיטאַן זיצט ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ער דערוואַרט אַ ראַדיאָ־דעפּעשע, וווהין ער זאָל זיך ווענדן. ס׳פליען דורך קלאָרע, הילכיקע ווערטער — אָנווייזונגען פאַר אַנדערע שיפן, ביז ענדלעך ס׳קומט אָן דער ראַדיאָגראַם: די שיף „וואַגוס" דאַרף פאַראַנקערן אין סימריסהאַם. יוסף קוקט אָן דעם שוועד מיט אַ שטאַרן בליק: — זאָל דאָרט זיך אָנהייבן דאָס נייע לעבן פון דעם ייד יוסף פּראַווידלאָ?

דורכגענומען מיט אַ לייכטן, מילכיקן טומאַן שטייט־אויף דער מאָרגן. ער קוקט אַריין דורך די דיקע, פאַרגלאָזטע פענצטערלעך. דער ים שניידט זיך דורכן נעפּל, יאָגט מיט אַ ווייסן שוים פאַרביי די רונדיקע גלאָז־אויגן.

די פענצטערלעך קוקן איצט אָן יוספן מיט אַ קאַלטער, גרויער פאַרוווּנ־

דערונג: וואָס וויל אָט דער ייִד אויף דער שיף? ווי קומט ער אַהער?

די צוויי קריסטן וואַשן זיך, פּוצן די מלבושים. זייִנען איבערטריבן העפ־לעך, הכנעהדיק, ווייט פון זייער לאַנד. נישט קיין בירגער — נאָר שלעפּערס־עמיגראַנטן.

דער קאַפּיטאַן שטופּט אַריין זייִנע דריי געסט אין אַ שיפּסלוקע — וואָס אין דעם דיל פון דער קאַבינע. ער פאַרקלאַפּט דאָס לאָך מיט אַ היל־צערן דעקל, פאַרדעקט עס מיט אַ דיוואַן. צוזאַמענגעקאָרטשעט זיצן צוויי קריסטן און איין ייִד אויף אַ שמאָלן, אייזערנעם פּרענט. דאָס פינצטערע באַ־העלטעניש געפינט זיך האַרט ביים פּראָפּעלער פון דער שיף. אין ערשטן מאָמענט פאַרפעלט די מענטשן אָטעם, די לופט איז אַ שטיקנדיקע. באַלד געוווינען זיך די לונגען צו צום אַוויר. מ'הייבט אָן טאַפּן מיט די הענט, עמעץ פּרובירט מיטן פוס אַ שפּריין טאָן, דערפילט וואַסער. — דער מעכאַניקער זאָל אונדז נאָר מיט וואַסער נישט פאַרגיסן — ברומט דער אַלטער פּריץ. אין דער געדיכטער שוואַרצקייט פאַספאָרירן נאָר די ווייזערלעך און ציפערן פונעם זייגערל אויף יוספס האַנט. ס'יאָגט אַ שעה נאָך אַ שעה. דער פּראָפּעלער ווערט שטום.

— דער פּילאָט פירט אונדז אַריין אין פּאָרט — מורמלט דער יונגער קריסט. איבער די קעפּ פון די פאַרשפּאַרטע קלאַפּן טריט.

— צאָל־באַאַמטע — ברומט דער פּריץ. די שיף גיט זיך אַ וואַקל, אַ לייכטן ציטער. אַ שטילקייט צעקליינגט זיך אין די אויערן.

— אָנגעקומען, אָנגעקומען — זיפצט אָפּ דער אַלטער גוי — גאָט צו דאַנקען!

דער שוועדישער קאַפּיטאַן שרייט אַריין: — אַרויף, שנעלער! שלעפּט יעדן באַזונדער ביים קאָפּ, הענט, אַקסל. פאַרשמירטע, פאַרסמאָליעטע קומען זיי אַרויס אויף דער אויבערפלאַך.

— איר זייט אין שוועדן — שמייכלט דער אַלטער ים־וואָלף. — שפּעט אין אָוונט לאָז איך אייך אראָפּ אויפן ברעג.

ווען דער קאַפּיטאַן גייט אַרויס ביינאַכט אויסשפּירן די געגנט, קומט ער צוריק מיט אַ שטילן זיפץ: — ביי דער שיף שטייט אַ פּאָליציאַנט. גלייך קומען אַריין צוויי צאָל־באַאַמטע. אַ קורצער באַפעל: אַלע ווערן אַרעסטירט

אין דער קאַבינע, ביזן אָנקומען פון דער פּאָליציי, מאָרגן פרי.

— מע שיקט אונדז צוריק — שווידערט־אויף דער יונגער שייגעץ. ווי! און ווינד!

צום ערשטן מאָל באַמערקט יוסף אַ בלייכקייט אויפן קאַפּיטאַנס פּנים.

— מיינע הערן, זייט מיר מוחל — זאָגט רויק דער שוועד — איך גיי זיך צולעגן.

די קריסטן ווערן אַנטשלאָפן. דער ייד יוסף פּראַווידלאָ מאַכט חשבון הנפש. ער פילט שוין אויף זיך דעם קאַלטן, טוכלען אָטעם פון דיקע געפענגעניש־ווענט, ער זעט פאַר זיך דאָס הויכע, פאַרקראַטעטע פענצטערל. זיין האַרץ באַוועגט זיך האַסטיק.

— ווי קען דאָס זיין? זאָל מיך מיין שטאַרקער, זיכערער פאַרגעפיל אָפּנאַרן?

זיינע אויגן שליסן זיך. ער פאַלט אַריין אין אַן אומרויקן שלאָף, פול מיט חלומות. ער דערזעט זיין פאַרשניטענע שוועסטער און די צוויי אומגעקומענע ברידער. זיי רופן אים:

— קום מיט אונדז! דער, וואָס האָט געקוקט דעם טויט אין פּנים אַריין, געהערט שוין ניט צום לעבן. אַנטלויף נישט פון אונדז, קיין זאַך וועט דיך ניט אויסהיילן, קיין פרייד באַרוישן — דו, יוסף געהערסט צו אונדז.

✶

דער זוניקער פרימאָרגן באַגילדט די פענצטערלעך. דער יונגער קריסט וועקט זיך דער ערשטער. ער לענגערט זיך אויס, וואַרפט א בליק אויף יוספן, וואָס שלאָפט ביי זיין זייט.

ער שטעלט זיך אויף דעם גלעגער און קוקט אַרויס: אַ קליינע, רואיקע פאַרשטאָט מיט גרינע, רויטע און ווייסע הייזער. אַ פישער שפּאַנט דורך דער גאַס אין הילצערנע, האָלענדישע טרעפּעס. אַ פרוי פאָרט אויף אַ וועליסאָפּעד, אַ קינד זיצט פון הינטן אין אַ דראָטענעם קיישל, אַ לאַסט־אויטאָ שניידט די פאַרשטאָט מיט קלימפּערדיקע מילך־קאַנען, א גרויסע זעגלשיף שטייט פאַראַנקערט לעבן „וואַגוס". די שיף ליגט האַרט ביי דעם טראָטואַר פון דער גאַס. אין שפּאַן — און דו ביסט אין שטאָט.

יוסף פראַווידלאָ וועקט זיך. ער הייבט זיך אויף פון געלעגער.

ס׳קלאַפּט אָן פּאָליציי.

מ׳זעצט זיי אין א צעל פון שטאָטישן געפענגעניש. מ׳שטעלט זיי אַלע די זעלבע פראַגע: — וויפל האָט יעדער באַצאָלט דעם קאַפּיטאַן? אַלע דריי שווייגן. דער סערזשאַנט גראַמעליום לאַכט: — מיר קענען גוט דעם פירער פון „וואַגום״.

ס׳פליט אַ דעפּעשע נאָך שטאָקהאָלם צו דער „אוטלענונגס־קאָמיסיע״. נאָך אַ פּאָר טעג שיקט מען אָפּ די אנטרונענע אין אַ לאַגער פּאַר פליטים אין קומעלנעס. דאָרט גייען זיי דורך אַ צוויי וואָכנדיקע קאַראַנטינע. דאָ איז אָנגעקומען אין אַ זונטיק פאַרטאָג די פרוי פון יוסף פראַווידלאָ. זי איז אַרויף אויף די טרעפּ פון דער וועראַנדע, ווו ער איז געזעסן.

— ביסט דאָס באמת? — האָט זי אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַוועק מיט אים ווייט פון מענטשישע אויגן. — — —

באַגינען אין שוועדישן שטעטל.

הויך אין די צווייגן פון אַלטן קליאָן האָבן געזונגען די פייגל. זיי זיינען געלעגן אויפן בעט. ער האָט געגלעט אירע האָר און דערציילט: — נאָך דער איבערלעבעניש אין ראַיעק — האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון פוילן אין דער וועלט אַריין. כ׳האָב שוין געהאַלטן זיך אָנשליסן אין אַ גרופּע, וואָס האָט געזאָלט שוואַרצן די גרענעץ דורך דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל, ווען פלוצעם איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע פון קאָנגרעס אין שטאָקהאָלם.

זי האָט אים געקושט. אַ שפּערל איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער שוועל פונעם פענצטער און געטשווירטשעט.

— הערסט, יוסף, ווי ער זינגט: אַ ניי לעבן, אַ ניי לעבן גייט אויף.

די מיליאָנערשע

— מאַמע, פאַרוואָס גייט די קוזינע אַוועק? — האָט זיך געוווּנדערט סוזי, נאָכקוקנדיק דעם טאַטן, וואָס האָט געשלעפּט דאָס גרויסע געפּעק, וואַליזעס און רעגנצלעך צום עלעוויטער. די קוזינע האָט נאָכגעטראָגן אַן עלעגאַנט זעקל מיט קליידער און מיט דער פרייער האַנט, אין אַ ווייסער, פּערפומירטער הענטשקע, האָט זי צוגעוואָרפן קושן דער מאַמען מיט די קינדער, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער אָפענער טיר:

— זייט געזונט, צום ווידערזען!

העלען — ס׳פּנים אַ שטיק אייז, ליפּן צעצויגן אין קינסטלעכן שמייכל — האָט איר הויך געענטפערט: — פאַר געזונטערהייט, אַן אַנגענעמע רייזע!

— די קוזינע האָט דאָך געזאָלט זיין ביי אונדז אַ לענגערע צייט — האָט מערעלין אַ שלעפּ געטאָן דער מאַמען ביים קלייד — פאַרוואָס פאָרט זי שוין אָפּ?

✶

שפּעט אין אָוונט איז געקומען די ידיעה און די גאַנצע שטוב איז געוואָרן אויפגערודערט און דורכגענומען מיט פרייד:

— זי קומט! מאָרגן וועט זי שוין דאָ זיין!

„קווין מערי... וואַרט אויף מיר אין פּאָרט...״

פון דער טעלעגראַמע האָט זיך געטראָגן דער ריח פון ווייטע ימען, פון זוניקע רייזעס, פון גבירישן פאַרגעניגן.

מאַן און ווייב זיינען געשטאַנען ווי פאַרשיכורט, אַרומגענומען זיך און צעקושט — זי קומט!

— איז זי באמת אַזוי רייך? — האָט געפרעגט העלען.

— נאַרעלע, וואָס דו ביסט! זי פאַרמאָגט זיכער אַ פערטל מיליאָן —

איז אייב געשטאַנען אַ צעשטראַלטער אין ענגן קיכל און זיך געפּאָרעט ביים אַוועקשטעלן דעם טשייניק אויפן גאַז.

— לאָמיר עסן און טרינקען!

— אייבי, מיר האָבן דאָך ערשט געענדיקט די וועטשערע!

— געזונט זאָלסטו זיין! נעם אַראָפּ ס׳פלעשל כרמל־ווין און לאָמיר טרינקען לחיים פאַר אַ ניי לעבן, וואָס גייט אויף פאַר אונדז אַלע!

סוזי און מערעלין זענען אַריין מיט אַ שטורעם.

— וואָס? זי קומט, זי קומט באמת, אונדזער קוזינע?

ענדלעך וועלן זיי האָבן אַ קוזינע. אַלע קינדער האָבן זיידעס, באָבעס, פעטערס, קוזינעס. ביז איצט האָבן זיי קיינעם ניט געהאַט אַחוץ טאַטע־מאַמע. סוזי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווילדן אינדיאַנישן טאַנץ אַרום קאַווע־טישל אין גאַסט־צימער, שרייענדיק מיט ווילדע קולות: — זי קומט, מאָרגן! מערעלין האָט גענומען וואַלצעווען וואַרפנדיק מיט די הענט ווי אַ באַלעטניצע און שיעור ניט אומגעוואָרפן אַ קרישטאָלענעם וואַזאָן מיט בלומען.

— שלאָפן גייט, איר משוגעים! מאָרגן איז שולע! — האָט געוואָלדעוועט די מאַמע.

מאַן און ווייב האָבן געשמועסט אויף זייער געלעגער ביז טיפער נאַכט. אייב האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. די פרוי האָט געהאַלטן אין איין פרעגן וועגן כאַראַקטער פון דער קוזינע.

— ווי לאַנג מיינסטו, אייבי, וועט זי זיין ביי אונדז? זי איז זיכער צוגעוווינט צום גרויסן לוקסוס און זי וועט זיך, אַוודאי, נאָך אַ וואָך, צוויי, אַריבערקלויבן אין אַ האָטעל.

— ווער ווייסט? — האָט איר דער מאַן מעכאַניש געענטפערט, טראַכטנדיק גלייכצייטיק וועגן צענדליקער אַנדערע ענינים.

— שיין וואָלט געווען — האָט די פרוי געחלומט — ווען זי ברענגט מיר אַ מינק!

העלען איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. אייב האָט געשטאַרט אין דער פינצטערניש, וואָס איז געווען דורכגעריסן ביי דער זייט פון אַ בלייכן אָפּשיין. די פּאָרטאָריקאַנער אַקעגנאיבער האָבן געטאַנצט,

געשפּילט אויף גיטאַרעס און דער געדעמפּטער ליאַרעם האָט זיך געריסן אין די נאַכטיקע שטובן צוזאַמען מיט שטרייפן פאַרנעפּלטער ליכט.

אין ריטם פון דער וויטער מוזיק גייען אויף זכרונות: יאָרן פון אַרבעט אין אַ שאַפּ, מאָנאָטאָנע חדשים פון גיין איבער די הייזער אַלס פּעדלער און שפּעטער ווי אַ „פּולער בראַש־מען" און איצט — די קלעפּיקע, שווערע טעג אין דעפּאַרטמענט־סטאָר.

מיט אַ שמייכל דערמאָנט זיך אייב אַ מאָדנעם חלום, וואָס פאַרפאָלגט אים לעצטנס: ער שטייט ביים אָפענעם פענצטער פון זעקסטן שטאָק, ווו ער אַרבעט און האַלט אין איין אַרויסוואַרפן נאַקעטע מאַנעקינען, וואָס טראָגן די פּנימער פון זיינע קאָלעגן־מיטאַרבעטער. ער זעט, ווי די לאַקירטע, הילצערנע געשטאַלטן פליען דורכן רוים און ער הערט, ווי זיי פּלאַצן מיט אַ הילכיקן טראַסק אויף די שטיינער. פּלוצעם שפּרינגען אַרויס פון זייערע מיילער שוואַרצע שלאַנגען מיט שמייכלדיקע קעפּ. די שרצים פלעכטען זיך צונויף, גיסן זיך צוזאַמען און אַ ריזיקער, פּעכיקער מאָנסטער ציט זיך צום אָפענעם פענצטער...

ער איז אַראָפּ פון בעט און גענומען שפּאַנען איבער די צימערן. ער איז אַריין צו די שלאָפנדיקע קינדער און איינגעהאָרכט זיך אין זייער שטילן אָטעם. עס האָט אויפגעטויכט אין אים אַ געשפּרעך וואָס ער האָט לעצטנס געפירט מיט סוזי:

— טאַטי — האָט זי געפרעגט — ווו זענען מיינע זיידעס און באָבעס?

— דו ווייסט דאָך, אַז זיי זענען געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען פון הונגער...

— פאַרוואָס, טאַטי?

— שלעכטע מענטשן האָבן זיי פאַרשפּאַרט הינטער שטעכיקע צוימען...

— און דו, טאַטי, וועסט אויך אַמאָל שטאַרבן?

דער פאָטער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געשוויגן.

ס'קינד האָט ניט אָפּגעלאָזט: — טאַטי, אַז דו און מאַ וועלן שטאַרבן, ווו וועלן מיר גיין?

אַ שאַרפער געשריי פון דער גאַס האָט איבערגעריסן אייבס געדאַנקען. אַ נעגערטע האָט געשאָלטן מיט ביטערע קללות, הייזעריקע שטימען פון שיכורים האָבן איר אָפּגעענטפערט, צעטרייסלט די נאַכטיקע שטילקייט.

— כ׳על אַרויס פון דאַנען, ציען זיך קיין לאַנג איילענד. זאָל זי נאָר קומען, לאה...

ער איז אַריין אין גאַסט־צימער, אָנגעצונדן די שטייענדיקע לאָמפּ און זיך צוגערוקט צום גרויסן שפּיגל אויף דער וואַנט.

די גרויע האָר ביי די שלייפן, קנייטשן אַרום די אויגן, דאָס בלייכע, אויסגעמאַטערטע געזיכט...

— יע, אַזוי זעסטו אויס היינט, אייב. אָבער מאָרגן, מאָרגן וועסטו געבוירן ווערן אויפסניי!

אַ בראַזג און קנאַקעריי פון פלאַשן אָן שטיינער האָט פאַרהילכט די לופט. שיכורים האָבן געזעוועט מיט אַ וויסטן לאַכן, געשריגן און געקלאַפּט מיט די פויסטן אָן דעם פאַריגלטן באַר.

אייב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער אויסגעקראָכענער קאַנאַפּע. זיין בליק האָט אַרומגענומען די פאַרגעלטע ביכער אויף די פּאָליצעס, די אַראָפּגעזעצטע פאָטעלן, דעם אָפּגעריבענעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, דעם צעדריוולטן, ביי די זייטן, טעפּיך. זיינע אויגן זיינען געפאַלן אויף די טונקעלע ווענט, אויף די ווייסע לישאַיען פון געפּלאַצטן טינק אין די פענצ־טער־בישעס אוןמ יטאַמאָל האָט ער דערפילט אַרום זיך דעם אָפּהענטיקן, טעמפּן עלנט.

...די ערגסטע טעג זיינען פאַר אים די זונטיקס און ימים־טובים. אין שיינע טעג שפּאַצירט מען העט וויט אויף בראָדוויי, מ׳קוקט אויף די פאַר־ביייגייער, אין די שוי־פענצטער, מ׳שמייכלט צו זעלטענע באַקאַנטע, מ׳וואַרפט זיך אַדורך מיט עטלעכע ווערטער.

— פאַרבעט זיי אויף אַ „פּאַרטי״ אָדער מאַלצייט, וועסטו האָבן אַ פולע שטוב. — וואַרפט אויף זיי בייזע בליקן, העלען — וואַרטזשע־צו, ברוד־דערל!

ביים שלעכטן וועטער זיצט די מאַמע מיט די קינדער ביים טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, וואָס הילכט מיט אַ מאָנאָטאָנעם קלימפּער, ווי אַ בעטלער אויף אַ קוליע. אייב פּרוווט זיך פאַרטיפן אין צייטונג און עס איז אים צייטנווייז שווער צו באַנעמען דעם באַטייט פון די ענינים. אקעגנאיבער אים שטייען, אויף דריי לאַנגע פּאָליצעס, ביכער — די גרעסטע טייל האָט ער געשלעפּט

אַזש פון פוילן. זיי וואַרטן איינגעקאָרטשעטע, פאַרשטויסענע, שולדיקע...

אַמאָל קלינגט דער טעלעפאָן. מאַן און ווייב גיבן זיך אַ ריס פון אָרט. די קינדער שרייען: — עמעץ קומט! ווער? — און שטופן זיך צו דעם טאַטן, וואָס הייבט אויף דאָס טרייבל. דאָס רופט אַ באַקאַנטע וועגן נאָענטסטן אויספאַרקויף אין דעפּאַרטמענט־סטאָר, זי וויל איינהאַנדלען מציאות, אָדער דער סעקרעטאַר פון „ברענטש" מאָנטביישטייערונגען פאַר פאַרשיידענע „קאַמפּיינס".

— עפּעס, ווי כ׳וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון אַ צווייטן פּלאַנעט אויף אַן אינדזל — לייגט אייב אַוועק דעם טעלעפאָן מיט אַן אינעווייניקסטן שמייכל — און אַרום מיר שווימען פּראַסטיקע קריעס...

— אַלץ וועט זיך איצט פאַרענדערן! — לאה זיין קוזינע... די טאַטעס זיינען געווען לייבלעכע ברידער. לאהטשעס פאָטער איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט זיין פרוי מיט פיר פּיצלעך קינדער. די קוזינע, די ייִנגסטע, האָט געהאַט אַ שווערע, אָרעמע יוגנט. לסוף האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, וואָס איז געווען אַ היפּש ביסל עלטער פון איר. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען זיי אַוועק קיין רוסלאַנד. דאָרט האָט לאה געבוירן אַ זון. מיטן קינד האָבן זיי זיך געשלעפּט פון דער וואָלגע ביז טאַשקענט.

צוריקקומענדיק קיין פּוילן נאָכן קריג און ניט געפינענדיק קיינעם פון די נאָענטע, זיינען זיי, ווי געיאָגט פון אַ געהיימען שונא, אַריבער די גרענעץ קיין דייטשלאַנד, געווען אין בערלין און שפּעטער אַריין קיין פראַנקפורט. דאָרט האָט לאהטשעס מאַן זיך אַ נעם געטאָן צום האַנדל. עס האָט אים אָפּגעגליקט און ער האָט געמאַכט אַ מאַטניאַ מיט גאָלד. באַלד איז זיין נאָמען געוואָרן באַקאַנט אין שטאָט ווי אַן אונטערנעמער פון הייזער־בוי. זיין פירמע איז געוואַקסן און ער האָט שוין געקראָגן באַשטעלונגען פון מינכן און האַמבורג. אַ צווייטער זון איז געקומען אויף דער וועלט און די עלטערן האָבן געוויינט פון פרייד. אומדערוואַרט איז לאה׳ס מאַן שלאַף געוואָרן. עס האָבן ניט געהאָלפן די גרעסטע דאָקטוירים, ער איז אויסגעגאַנגען אויף זיין ווייבס הענט.

די אלמנה איז פאַרבליבן מיט צוויי זין און אַ פּלאַנטער פון געשעפטן.

נאָך אַ צייט האָט זי געפונען אַ פּאַסיקן שותף און איבערגעגעבן די פירער־שאַפט פון דער פירמע צו איר עלטסטן זון.

העלענס שנאָרכן איז דערגאַנגען צו אייבן פון שלאָפצימער.

— ווּעסט שוין ניט דאַרפן, מיין ליבע פרוי, צו שקלאַפן אין דער קיך. מיר וועלן פאָרן אין ווייטע לענדער, זען פּאַריז, לאָנדאָן, רוים און תל־אביב...

עס האָט אים דורכגענומען אַ שטאַרק רחמנות אויף די אַלע, וואָס אַרבעטן אַ גאַנץ לעבן און זעען ניט מער, ווי איין איינציקע שטאָט, אָדער אָפטמאָל אַ פּאָר גאַסן אין גרויסן כרך. ער האָט זיי גוט געקאָנט, די טויזנטער אַרבעטס־מוראַשקעס, וואָס זייער לעבן באַשטייט אייגנטלעך פון איילן צו — און קומען פון דער מאָזאָלנער האָרעוואַניע. זיי שלינגען דעם „פּייפּער" אין יאָגנדיקן סאָבווי, כאַפּן אַריין אַ „מואווי" אין דער פרייער צייט, פאַרברענגען אַ שבת אָדער אַ זונטיק ביי אַ פּאַרטי, פול מיט געפילדער, צווישן מענטשן, וואָס זיינען, בעצם, זיי פרעמד. אָ, ער קען גוט דעם טעם פון די „פּאַרטיס", צו וועלכע מ'לאַדט אים איין עטלעכע מאָל אין יאָר... מ'קומט צוריק פון דער שבתדיקער אָדער זונטיקדיקער „פּאַרטי" אָן אַנטוישטער און מידער, כדי מאָנטיק אינדערפרי ווידער אַריין אין אייזערנעם שפּאַן, וואָס נאָר דער מלאך המות קען איבעררייסן...

ער, אייב, וועט ווערן צוריק אַ פרייער מענטש, וועט אויסגלייכן זיינע פּלייצעס. ער וועט אַריין אין גרויסע ביזנעס. וואָס פּאַר אַ געשעפט ער וויל מאַכן, האָט אייב אַליין נאָך נישט געוווּסט. מאַלע, וואָס מ'קען מיט געלט אויפטאָן! וואָס דאַרף מען זאָרגן, אַז מ'האָט אַ קוזינע, אַ מיליאָנערשע.

באַלד איז די ליכטיקע האָפענונג פאַרשאָטנט געוואָרן פון צענדליקער ספקות: — וועט זי אים באמת העלפן?

אומגעריכט האָט אייב דערהערט איך זיך אַ שפּאָטיש געלעכטער.

— צו וואָס ביסטו דערגאַנגען, אייב... ווו זענען דיינע אַמביציעס, וואָס איז געשען מיט דיין שטאַרקער אמונה אין זיך? דיין איינציקע האָפענונג איז אַ קראָם און דיין גלויבן איז אַ פרוי, וואָס האָסט שוין ניט געזען עטלעכע און צוואַנציק יאָר... די שיכורים אויף דער גאַס האָבן אויפגערעוועט מיט אַ ווילד לאַכן: — און וועמענס געלט גייסטו נוצן? דייטש געלט פון נאַצי־

לאַנד? אַ שוידער איז אַדורך זיין לייב. אַ געפּרוּוירענער איז ער אַריין אין בעט.

...עס האָבן אים געיאָגט צענדליקער עס. עס.־לייט. ער איז געלאָפן דורך קראַכנדיקע הייזער און שטיגן אָן אַ סוף. אַ פּאַרמאַטערטער איז ער אַריין אין שטוב. ביים פענצטער איז געזעסן די מאַמע.

זי האָט אָפּגעקערט איר געזיכט פון דרויסן און געוויזן אים מיט אַ שמייכל אַ שטול: — זעץ זיך, קינד מיינס...

זי האָט אַרויסגענומען פון שענקל אַ פּערטל ברויט, אָפּגעשניטן אַ פּאָר דינע, ווי פּאַפּיר, פּעניצלעך און אַ פליסטער געטאָן: — עס, אברמעלע, טינק איין... און זי האָט אים אונטערגערוקט אַ גרויסע שיסל מיט פּאַרגליווערט בלוט.

✶

די ריזיקע שיף איז געשטאַנען פאַראַנקערט אין פּאָרט. אומגלויבלעך הויך און קאַלט, האָט זי ממש געשטאָכן דעם הימל. דער גרין־פּוילנדיקער ים־ריח, דער שויבער פון די כוואַליעס אַרום שיפס־נאָז, דער וויטער, פאַר־ביקער טומל אויף דער דעק, דער וואַרעמער גערויש פון דער וואַרטנדיקער מאַסע — האָבן דורכגעדרונגען אייבן מיט אַ שאַרפער פרייד. ווי אַ גרויסער פּעכער האָט זיך צעשפּרייט די פּאַרוואָרפענע בריק און אַ צעטאַנצטער שטראָם פון מענטשן און זאַכן האָט גענומען אַראָפּנידערן אויף דער יבשה.

עמעץ האָט אים אַרומגעכאַפּט, גענומען קושן. די קוזינע.

זי איז געווען נידעריקער, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, בלאָנד, אין אַ מינק־זשאַקעט און אין באַגלייטונג פון אַ הויכן, פליכצוואָטן מאַן, וואָס האָט אַרומגעטאַנצט אַרום איר, ווי אַ האָן אַרום אַ קוואָקע.

— אָ, ווען ניט הער גראָס — האָט דער גאַסט, שמייכלענדיק אָנגעוויזן אויפן מאַנצביל — וואָלט איך פאַרלוירן געגאַנגען. אַן אמתער דזשענטל־מען! ער האָט אַלץ דערליידיקט ביים צאָל־אַמט.

לאה׳ס פריינט איז געלאָפן זוכן אַ טעקסי. געשלעפּט דער קוזינעס געפּעק צום אויטאָ צוזאַמען מיט אַ טרעגער, איינגעמאַשטשעט דעם גרעסטן טייל פון באַגאַזש אין דער הינטערשטער טייל פון טעקסי.

— כ׳על אייך אָפּרופן — האָט ער אַ שמייס געטאָן עטלעכע וואַליזעס אינעווייניק, געוואָרפן אַ וואַרעמען בליק אויף דער פרוי, אַ דריק געטאָן אייבס האַנט און פאַרקלאַפּט נאָך ביידע דאָס טירל. לאה האָט אַ פּאָכע געגעבן מיט דער דלאָניע ביי דער אַראָפּגעלאָזטער שויב און גלייך, אַ צעוואַרעמטע, זיך געוואָנדן צו איר קוזין. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ מאָדנעם בליק, ווי זי וואָלט וועלן אויסגעפינען, צי ער איז אייפערזיכטיק, אָדער — אויספאָרשן, וואָסערן איינדרוק זי מאַכט אויף אים.

— דעם אמת זאָגנדיק — איז אַדורכגעלאָפן אין אייבס מוח — האָט לאה אים די ערשטע דערקאַנט. ער האָט זיך אויסגעמאָלט זיין קוזינע — אַ הויכע און שיינע פרוי. לאה איז געווען עטוואָס רונדיק און געהאַט דיקע קני. ס׳פּנים — פריש, אָבער די אויגן זיינען געווען אַרומגעקרייזט מיט טונקעלע רינגען.

— לאהטשע — האָט ער זיך שנעל צערעדט — דו האָסט זיך גאָרנישט געענדערט.

— און דו, מיין קוזין — ביסט פאַרבליבן דער זעלבער — האָט גע־לויכטן די קוזינע. זי האָט גענומען דערציילן, ווי די מענער זיינען איר נאָכגעלאָפן אויף דער שיף.

זיי זיינען פאַרביי אַ שמוציקן האָטעל מיט נעגערס. די מענער מיט פאַר־לאָפענע אויגן האָבן זיך געטשעפּעט צו שוואַרצע פרויען אין ענג־געפּאַסטע, פאַרביקע הויזן. באָרוועסע קינדער זיינען נאָכגעלאָפן פאַרבייגייער, געוואָרפן זיך מיט שטיינער, געשפּילט זיך ביי די ווענט אין ביינדלעך.

— דאָ ווױנסטו ? — האָט די קוזינע פאַרקוועטשט ס׳מויל.

— ביים צווייטן ראָג.

באַצאָלנדיק פאַר דער טעקסי פיר דאָלאַר, האָט אייב באַמערקט, אַז זיין זשעסט האָט אויסגענומען ביי זיין קרובה. זי האָט אַפילו ניט פּרובירט זיך כאַפּן פאַרן בייטל.

אין הויז האָט געוואַרט די משפּחה. יום־טובדיק אָנגעטאָן. די יינגערע סוזי איז צוגעפאַלן צו לאהן, ווי צו אַ „פּיצאַ״־טייגל, מערעלין איז געשטאַנען אַ ווײלע עטוואָס פאַרשעמט, אָבער שפּעטער זיך וואַרעם צעקושט מיט דער קוזינע. די באַלעבאָסטע האָט געשטעלט צום טיש וויין, ווישניאַק און ליקער

און סערווירט אַ רייכע וועטשערע. דער גאַסט האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, אָבער זיך ניט צוגערירט צו דער משקה.

— כ׳טרינק נאָר פראַנצויזישן קאָניאַק — האָט לאהטשע דערקלערט.

— נו, וועלן מיר מאָרגן קויפן — האָט זיך אייב אַנטשולדיקט אַ פאַר־לוירענער.

ביים טיש האָט מען געשמועסט פון די אַלטע גוטע צייטן, פון פאַר דער מלחמה.

— געדענקסטו, לאה, דעם פעטער חיים, ווי ער האָט ליב געהאַט ביר און געזאָטענע אַרבעס. אַ ייד, אַ גביר, פלעגט ער זיך בגניבה אַריינכאַפּן צום ברודיקן שמול אין שענק און דאָרט אַריינפּרעסן אַ האַלבע, געבראָטענע קאַטשקע, פאַרטרינקען מיט שוימיקן ביר און פאַרענדיקן מיט פולע הויפנס געפעפערטע אַרבעס. נאָך אַזאַ מאָלצייט, פלעגט ער אָפּליגן אַ גאַנצע וואָך אין בעט מיט הייסע שטערצלעך אויפן בויך, ליגן אויף די הויכע, פוכענע קישנס און פראַכן ווי אַ פיש אונטערן האַקמעסער. ווען ער איז געווען געזונט, האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וויצן און צו לאַכן, אַזש דער גרויסער בויך האָט זיך ביי אים געשאָקלט...

— כ׳האָב געמוזט ביי זיי עסן יעדן שבת — האָט די קוזינע איבערגעריסן אייבן — די מומע האָט גרויס רחמנות געהאַט אויף אַ יתומה. אוי האָט זי געקאָכט און געבאַקן! אירע שבתדיקע קוכנס מיט די גרויסע, פעטע ברעזעלעך און די יויך מיט קרעפּלעך!... די גרויסע צווײ קיכן מיט די קופּערנע פאַנען, דינסטן אין ווייסע, געקראָכמאַלעטע שערצן, די צימערן מיט די פראַטעוירטע פאַדלאָגעס, אַלץ האָט געבלאַנקט. ווען דער שבת איז געקומען, דער זשיראַנדאָל אין עס־צימער האָט זיך געמיניעט מיט פאַרשידענע קאָלירן איבערן ווייס־געדעקטן טיש, די ליכט אין די זילבערנע לייכטער האָבן געטריפט — אין טאַקט פון די זמירות — באַדעקט מיט הייסן וואַקס די געגראַווירטע טרויבן און לייבישע לאַפּעס. מוצאי שבת, נאָך דער הבדלה, פלעגט די עלטסטע טאָכטער, מאַניע, שפּילן אויף דער פּיאַנאָ אין סאַלאָן...

— ווען די נאַציס האָבן אקופּירט די שטאָט און עס האָבן זיך אָנגע־הויבן די ערשטע „אויסזידלונגען" — איז אייב האַסטיק אַריין אין די רייד — בין איך איינמאָל אַוועק, דורך הינטער־געסלעך, צום פעטער בעטן אַ

הלוואה, ווייל מיר זיינען געבליבן אָן געלט... די טיר איז געשטאַנען אָפֿן, ווי ביי אַן אָבל, די וווינונג האָט געעפּנט אַ פּוסט, טונקל מויל, ווי אַ זקנה אָן ציין. אונטער מיינע פֿיס האָט געקנאַקט צעבראָכן גלאָז, האָבן געשורשעט צעריסענע פּאַפּירן און פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דער משפּחה... אין גרויסן, ליידיקן סאַלאָן איז געלעגן ווי אַ שוואַרצער מת — די פּיאַנאָ, אַדורכגעבראָכן אין צוויי העלפֿטן... די שטאָלענע האַק פֿון יוזעקן, דעם פּוילישן סטרוזש, האָט צעשפּאָלטן דעם אינסטרומענט, וואָס האָט אויסגעזונגען, אונטער מאַניעס פֿינגער, מאַניושקען און שאָפּענען...

אַלע ביים טיש זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. העלען האָט נאָך אַ ווײַלע איבערגעריסן די שטילקייט: — ס'איז אים, מסתּמא, שווער געווען אַרויס־צוקריגן די גרויסע פּיאַנאָ פֿון דער וווינונג... דער דייטש האָט געשאָכטן און דער פּאָלאַק האָט ראַבירט...

— ווי לעבט זיך דיר אין פֿראַנקפֿורט, לאהטשע? — האָט אייב אַ פֿרעג געטאָן.

— געלויבט צו גאָט, אָבער, וואָס קומט אַרויס...

— וואָס וועט זיין דער תּכלית פֿון דיינע קינדער?

— ביסט גערעכט, אברמל — די קוזינע האָט אַ צוק געגעבן מיט דער גאָמבע, געלאָזט אַ טרער פֿון איין אויג. ס'צווייטע — איז פֿאַרבליבן טרוקן.

— דער עלטערער זון גייט שוין מיט אַ שיקסע...

די טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פֿון איר שטאַרק־געפּודערטער באַק.

נאָך דער וועטשערע האָט זיך דאָס גאַנצע הויזגעזינט פֿאַרזאַמלט אַרום דער קוזינע און איר באַגאַזש. לאה האָט גענומען אויספּאַקן איר צונויפֿ־געלייגט עלעגאַנט זעקל מיט קליידער און יעדע בלוזע, ספּודניצע און קאָס־טיום פּרעזענטירט, ווי ביי אַ מאָדע־אויסשטעלונג: פֿון ווין! פֿאַריזער מאָדעל! געמאַכט אין רוים! צווישן אירע לאַנגע, דאַרע פֿינגער, וואָס זיינען געווען אַ פֿולשטענדיקער קאָנטראַסט צו איר דיקלעכער פֿיגור, האָבן זיך געגליטשט, געבלאַסקעט און געררוישט פֿאַרביקע זיידנס, קאַשמיר, וואָלן, גילדענע לאַמעס.

באַלד האָט זי געעפֿנט אַ בייכיקע וואַליזע און עס האָבן זיך באַוויזן צוויי וויס־בלויע סאָבאָלאָנע קראַגנס, צוויי מינק־זשאַקעטס און אַ מינק־שאַל.

— כ׳האָב מיטגענומען די ערגסטע שטיקלעך פון מיין פוטערוואַרג — האָט זי מיט אַ געלעכטער אַ שליידער געטאָן די זאַכן אויף דער סאָפע.

צום סוף האָבן אויפגעבליצט די בריליאַנטן. לאַנגזאַם האָט דער גאַסט זיי אַרויסגענומען פון אַ קליינעם רענצל. עטלעכע רינגען, בראָשעס, אַ קאָליע אויפן האַלדז האָבן געשפריצט, אין עלעקטרישן ליכט, מיט טויזנטער פאַרביקע פונקען.

— איי, וואָסערע טייערע שטיינער — האָבן די באַלעבאַטים באַוווּנדערט דאָס פאַרמעגן — פּרעכטיקע בריליאַנטן!

— און דו, מאַמע, האָסט גאָרניט — האָט מערעלין פּלוצעם אַ זאָג געטאָן.

— ווייל דיין טאַטע קען ניט „מאַכן קיין געלט״ — האָט זיך אומדערוואַרט אַנגעבלאָזן די מוטער. דער מאַן האָט דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן.

אָנגעטאָן צוויי רינגען, האָט די קוזינע דאָס פאַרבליבענע צירונג אַ שטעק געטאָן איבן אין האַנט: — לייג עס אריין מאָרגן אין „סייף״!

— מיר האָבן ניט קיין „סייף״ — האָט זיך פאַרשעמט דער קוזין.

— אַזוי גאָר? — האָט זיך לאַה, ווי אויפגעוועקט פון שלאָף. זי האָט מיט איין בליק אַרומגענומען די שטוב, ס׳מעבל און אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ פאַרדראָס. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די צעהיצטע געזיכטער און איר גאַנצע געשטאַלט האָט אויסגעדריקט אַ ניט־פאַרשטענדלעכע טענה. זי האָט שנעל צוגעקלאַפּט עטלעכע קלענערע וואַליזעס און זיי אַריינגעוואָרפן אין דער אָפענער שאַנק.

—גענוג פאַר היינט!

דעם גאַסט האָט מען געלייגט שלאָפן אין קינדער־צימער אין אַ ניי בעט, ספּעציעל געקויפט. עס איז געווען קאָנטיק, אַז די קוזינע האָט זיך געריכט צו האָבן אַן אייגן צימער. אמת איז, אַז אייב האָט געטראַכט איר אָפּצוגעבן זיין שלאָפצימער, אָבער העלען איז געווען דאַקעגן.

צומאָרגנס האָט דער גאַסט גענומען אויספּאַקן די מתנות. אַ שטיקל איבעררראַשונג איז געווען פאַר אייבן לאַהטשעס אַריינפיר:

— דיר, מיין אברמעלע, האָב איך גאָרניט געבראַכט. דו האָסט מיר ניט געענטפערט אויף מיין בריוו, וואָס כ׳זאָל דיר ברענגען.

די געשאַנקען זיינען באַשטאַנען פון עטלעכע גאָלדענע שטיקלעך צירונג פאַר דער באַלעבאָסטע און די קינדער, אַ קרישטאָלענע קאַראַפקע, בלוילעך־געשליפן מיט פיר בעכערלעך, אַ פלאַקאָן פּערפיום און אַ פלאַש אָדעקאָלאָן. מיט איר וויבערישן חוש פאַר פּרייזן, האָט העלען אָפּגעשאַצט די אַלע פיינע זאַכן פאַר אַרום הונדערט דאָלאַר. כדי צו זיין זיכער, האָט זי באַשלאָסן צו וויזן ס׳צירונג אַ באַקאַנטן גאָלדשמיד. לאַהטשע, וועלכע די קינדער האָבן גענומען רופן ליליען — האָט, אַפּנים, באַמערקט, אַז העלען איז ניט איבערראַשט פון די פּרעזענטן, איז זי אַריין אין צימער, אַרויסגעטאַשטשעט פון אונטערן בעט אַ פאַרמאַכטע פּודלע, אויפגעריסן ס׳דעקל און דערלאַנגט אייב׳ס פרוי אַ קרישטאָלענעם בעכער:

— פאַרגעסן ווי אין טויט, נעם און נוץ עס געזונטערהייט!

— אַ וואָזשנע מציאה! — האָט געשמייכלט אין זיך העלען.

— גאָט צו דאַנקען, וואָס זי האָט מיך ניט מזכה געווען מיט אַ מתנה פון היטלער־לאַנד — האָט אייבס צופרידנקייט געקעמפּט אין זיין האַרצן מיט אַ שטילער גריזאָטע.

פרייטיק צו נאַכטס. העלען בענטשט ליכט, אייב מאַכט קידוש. ליליען באַטראַכט אַלץ מיט אַ וויטן, אומעטיקן בליק. אין אירע אויגן לייענט דער קוזין דערמאָנונגען פון דער היים אין דייטשלאַנד, אַ היים אָן שבת און יום טוב. אַ וואַרעם געפיל דרינגט דורך זיין האַרץ.

— קום אהער, לאַהטשע, זעץ זיך לעבן מיר!

ביים טיש זינגט דער טאַטע מיט די קינדער פאַרשידענע לידער און זייערע שטימען קלינגען דאָס מאָל שטאַרקער און שענער ווי שטענדיק. אייב׳ס שיינענדיקער בליק בינדט צונויף די ראָזע, אויסגעצוואָגטע פּנימלעך פון די מיידעלעך, דאָס לויכטנדע מיט שטילן גליק געזיכט פון זיין פרוי און דעם אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ פון גאַסט, וואָס עסט שווייגנדיק די געפילטע פיש — און ער דערשפּירט זיך מיטאַמאָל שטאַרק און זיכער, ווי אַ מענטש, וואָס אַנטדעקט אומגעריכט אַ פאַרבאָרגענעם אוצר. ער קען ניט באַנעמען זיין געפאַלנקייט ביז איצט.

ער גיט אַ צייכן מיט זיין רעכטער האַנט, מעשה דיריגענט, און די קינדער צערוישן זיך ווי דינע, זילבערנע בעריאָזעס אין פרילנגדיקן ווינט:

— אוי אוי אוי, גוט שבת, גוט שבת! — — —

צומאָרגנס האָט דער טעלעפאָן גענומען קלינגען. דער ערשטער האָט גערופן הער גראָס, לילי'ענס באַקאַנטער פון דער שיף. ער האָט זיך געוואָלט מיט איר טרעפן. זי האָט אים אָפּגעפּטרט זייער שנעל מיט דעם תירוץ, אַז ז'איז זייער פאַרנומען. גלייך נאָך אים האָבן גענומען רייסן דעם טעלעפאָן פריינט פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק.

אייב'ס שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוישיקן וואָקזאַל. באַקאַנטע זיינען ווי אַרויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד. עס האָבן זיך גענומען יאָוועט מענטשן אָפּצונעמען גרוסן פון זייערע קרובים אין נאַצי־לאַנד. אַ געוועזענער תושב פון פראַנקפורט, דער געשטופּלטער ברוך, האָט געבראַכט מיט זיך די גאַנצע משפחה און צו פראַגעס און ענטפערס איז גאָר ניט געווען קיין סוף. אַ צווייטער — אַ פוטער־הענדלער — וואָס איז אַוועק פון דער דייטשער ערד מיט עטלעכע יאָר צוריק — האָט געוואָלט לאָזן אַרומפירן איבער ניו־יאָרק און זי ניט אָפּגעלאָזט קיין איין מינוט. שלמהלע — אַ קורץ, גיך יידל, אייגנטימער פון עטלעכע ניו־יאָרקער האָטעלעכלעך, איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער און געהאַלטן זיך עצות מיט דער קוזינע. סתם־יידן, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין אַמעריקע, זיינען געקומען זיך באַראַטן מיט ליליען וועגן די אויסזיכטן פון באַזוכן „ציטטווייליק" דייטשלאַנד, כדי דאָרט צו „מאַכן שנעל געלט". עטלעכע עלטערע מיידלעך האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן מאַנגל אין יידישע פרויען אין אייראָפּע.

סוזי און מערעלין האָבן זיך דערפילט ווי פיש אין וואַסער. זיי האָבן זיך געדרייט צווישן די געסט, געגאַפּט אויף די נייע פּנימער, צוגעהערט זיך צו די געשפרעכן, אַנגעקוואָלן פון דעם געפילדער. די שטילע, אומעטיקע שטוב האָט אויפגעשיינט אין זייערע אויגן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צויבער־לאַנד, פול מיט אויסטערלישע פּאַסירונגען. מערעלין, וואָס פלעגט לייענען גאַנצע אָוונטן, האָט איצט ניט גענומען קיין בוך אין האַנט. סוזי, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט ליאַלקעס און ביינאַכט, אויפן געלעגער, גערעדט צו זיי — האָט פאַרגעסן אָן זייער עקזיסטענץ.

די וווינונג האָט געזשומעט ווי אַ בינשטאָק און העלען האָט ניט אייביגמאָל געמוזט סערווירן אַ וועטשערע פאַר ליליען'ס געסט. אייב'ס פרוי האָט

אַרויסגעוויזן אַן אָפענע אומצופרידנקייט און לאה האָט געגומען פאַרשווינדן אויף אַ טאָג, אָדער צוויי — צו אירע פריינט קיין לאָנג־איילענד אָדער ברוקלין.

די קינדער פלעגן זיך ניט קענען דערוואַרטן אויף איר צוריקקומען. די קוזינע — מ׳האָט זי צוריקגעפירט מיט אויטאָס, די באַגלייטערס אָבער זיינען ניט אַרויפגעקומען — האָט געהאַלדזט דאָס קליינוואַרג און געהאַלטן אין איין איבערחזרן: — האַ, געבענקט נאָך מיר, געבענקט, איר טאַטערס?

סוזי און מערעלין האָבן אָפטמאָל געהאָפט, אַז זי וועט ברענגען קליינע מתנות, אָבער זיי האָבן זיך שטענדיק אַנטוישט.

אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער העלען און אייבן, אַראָפּגעשלונגען אַ לייכטן אָוונטברויט, פלעגט זי גלייך זיך צוכאַפּן צום טעלעוויזיע־אַפּאַראַט און אָפּזיצן ביי אים גאַנצע שעהן. אָפּטמאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי איז גאָרניט פאַראינטערעסירט אין די פאַרשטעלונגען און פילמען, וואָס אירע אויגן זעען און אַז איר שטאַרן אין דעם בלוילעך־בלענדיקן עקראַן מיט די מענטשעלעך פאַרהוילט איר עקשנותדיק טראַכטן.

איר שווייגן האָט אַרויסגעבראַכט העלען פון די כלים.

— וואָס איז דער מער מיט איר? פאַרוואָס דערציילט זי ניט, ווי אַזוי ז׳האָט פאַרבראַכט ביי אירע פריינט? גאָט מיינער, ווי אַזוי קען אַ קרובה זיך אַזוי פאַרשליסן אויף צען שלעסער?

די טענות פלעגט אייב׳ס פרוי אַרויסשרייען, ווען די קוזינע איז ניט געווען אין הויז. איר מאַן האָט געהויבן מיט די פּלייצעס און געפּרווווט צונישט מאַכן זיין ווייבס רייד, אָבער — אין האַרצן — האָט ער דערפילט אַ קאַלטן ציטער.

כמעט אַ גאַנצן טאָג האָט די קוזינע אַרומשפּאַצירט אין דער וווינונג אין אַ ראָזלעכער פּידזשאַמע, באַפּוצט מיט טיול. אירע באַוועגונגען זיינען געווען פלעגמאַטישע, ווי פון אַ מענטשן, וואָס זעט ניט קיין ציל פאַר זיך. ערשט אין אָוונט, פאַר אייבס אָנקום, האָט זי אָנגעטאָן ס׳קלייד, פאַרקעמט די האָר און ארויפגעצויגן אויף איר געזיכט אַ לייכטן שמייכל. זי פלעגט איילן העלען צוגרייטן ס׳מאַלצייט, אָפּקאָכן אָדער אָפּבראָטן פאַר אברמלען אַ ספּעציעלן „פּזשיסמאַק״ און זיך פאַרען ביים דעקן דעם טיש מיט טעלער

און געשטעק. איר פּנים האָט זיך געררויטלט, ווען אייב האָט געלויבט אירע מאכלים. זי האָט געטוישט זיינע טעלער, געגאָסן אים די זופּ פון דער וואַזע, געפרעגט אים, ווי ס׳איז אים געגאַנגען ביי דער אַרבעט.

— לאָז אים אָפּ אַ ווײַלע — האָט זיך געוויצלט העלען, אָבסערווירנדיק ליליען פון דער זייט.

נאָכן עסן, ווען מאַן און ווייב זיינען געבליבן ביים טיש. דערציילנדיק זיך די פּאַסירונגען פון טאָג, איז שוין ליליען געזעסן ביים טעלעוויזיע־קעסטל.

סוזי און מערעליך האָבן ניט איינמאָל פּרובירט זי אָפּרייסן פון דער „פּערנזע״, ווי זי האָט אויף דייטש גערופן די מאַשין. די קינדער האָבן איר אונטערגערוקט אונטער דער נאָז זייערע העפטן און שול־ביכער, געוואָלט זי לערנען ענגליש. דער גאַסט האָט אויף עטלעכע מינוט אָפּגעקערט זיין בליק פון עקראַן, געשאָנקען די מיידלעך אַ פּאַרלוירענעם שמייכל און ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ היפּנאָטיש גאַפן.

אָפּטמאָל האָט פּאַסירט, אַז די קליינע סוזי האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן. האָט זי זיך פּאַר אירע אויגן טאַנצנדיק געוויגט אויף איין אָרט און מיט איין שפּרונג אַרויף אויף אירע קני.

— גענוג־זשע! גיי אַוועק! — האָט זיך לאה צעבייזערט. דערזעענדיק אָבער ס׳פּאַרקרומטע פּנימל, האָט זי אַרומגעכאַפּט ס׳קינד און געלאַכט:

— זעסטו ניט, אַז דו שטערסט מיר?

איינמאל, ווען די קוזינע איז אַוועק צו אירע פריינט קיין לאָנג־איילענד, איז אַריין אין דער שטוב דער פּוטער־הענדלער.

— הערט מיך אויס, מיסטער בלום — האָט ער אויפגעשפּילט מיט אַ הויכן באַס — ווילט איר פּאַרדינען שדכנות־געלט, צי נישט?

אייב האָט זיך צעלאַכט: — וואָס דרייט איר אַ ספּאָדיק?

— ראָטשילד זענט איר ניט און ראָקעפעלער אויך נישט, איאָ? טאָ וואָס־זשע איז זיך דאָ צו שעמען?

— די קוזינע האָט אייך דערציילט, אַז מיר זיינען קבצנים? — האָט זיך אַריינגעמישט העלען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט און דער ייד, אַ געוועזענער תושב פון פראַנקפורט, האָט געגעבן אַ גענויעם באַריכט וועגן דער קוזינע

און איר משפּחה. לאה׳ס עלטערער זון איז באַקאַנט אַלס אַ גרויסער הולטאַי, ער פאַרברענגט גאַנצע נעכט אין קאַבאַרעטן מיט שיקסעס און חברט זיך מיט דער אונטערוועלט. ליליען׳ס פאַרשטאַרבענער מאַן איז אויך ניט געווען קיין גרויסער צדיק...

— אייער קרובה איז די רייכסטע פרוי אין פראַנקפורט, מ׳זאָגט, אַז זי פאַרמאָגט אַ רונדיקן מיליאָנטשיק — האָט זיך צעהירזשעט דער פוטער־הענדלער אַקעגן די איבערראַשטע אויגן און אָפענע מיילער — וואָס מיינט איר, אַז לאהטשעס באַקאַנטע און פריינט דאָ זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? יעדער איינער וויל ביי איר אָפּלעקן אַ ביינדל! מ׳שלאָגט איר פאַר געשעפטן, מ׳ווייזט איר יונגע בחורים, עלטערע מענער, סוחרים, דאָקטוירים, מכל המינים שהוא...

צומאָרגנס, ווען ליליען איז צוריקגעקומען, האָט זי אייב באַגעגנט מיט אַ ברייטן שמייכל. — נו, האָסט זיך גוט געווילט?

אַראָפּגעוואָרפן דעם פוטערנעם מאַנטל, האָט זי געענטפערט אַ פּאָר ווערטער, צוגעזעצט זיך צום טיש, טועם געווען פון מאָלצייט, וואָס העלען האָט איר פריינטלעך דערלאַנגט, אָפּגעווישט ס׳מויל, געגעבן זיך אַ דריי אַהין און צוריק און געוואָלט זיך צוכאַפּן צו דער טעלעוויזיע.

— וואַרט־זשע — האָט זי אייב פאַרהאַלטן — הער מיך אויס, ווי איך פאַרשטיי ווילסטו זיך דאָ באַזעצן. טאָ אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, כ׳זאָל מיך פאַראינטערעסירן וועגן אַ גרויס געשעפט פאַר דיר אָדער וועגן אַ הויז?

— „ביזנעס״, ווער דאַרף עס? — האָט זיך לאה צעלאַכט — כ׳האָב, ברוך השם, פון וואָס צו לעבן. מיינע געלטער ליגן אין שווייצאַרישע און ענגלישע בענק, כ׳קריג גוטע פּראָצענטן. כ׳פאַרמאָג אויך ווערט־פּאַפּירן... זעסטו, אַ הויז קויפן, אפשר...

עס איז אָוועק אַ סדרה פון אַדוואָקאַטן וועגן אופן, ווי אַזוי אַ פרעמדער בירגער קען קויפן אַ נחלה אין אַמעריקע. נאָכדעם איז געקומען די ריי אויף מעקלערס. זיי האָבן גענומען רייסן דעם טעלעפאָן מיט ווילדע מציאות: הייזער די ווערט פון 5, 6 און 7 מאָל דירה־געלט, געביידעס מיט אייזערנע רערן, מיט מעשענע, מיט נייע און אַלטע הייץ־קעסלען. יעדער איינער פון די פאַרמיטלער האָט אויפגעוויזן באותות ובמופתים, אַז די הייזער, וואָס

זיינען בעצם ווערט 200,000 און אַ פערטל מיליאָן קען מען קריגן פאַר נישטיקע הונדערט טויזנט. פאַרשטענדלעך, יעדער איינער פון די מעקלערס האָט צוגעזאָגט אייבן אַ שיינע סומע געלט, אויב די קניה זאָל ווערן דורכ־געפירט.

אין דעם גאַנצן טומל האָט ליליען, די איינציקע, ניט פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט. איר אַפּעטיט האָט זיך פאַרבעסערט, זי האָט האָלד געקראָגן אַ גוטן „סטייק" און אויך גענומען פרעגלען פאַר זיך קאַרמאַנאַדעס.

— כ׳לייד ניט קיין שפּעסנע פליש, ביי אונדז אין פוילן פלעגן דאָס בשר עסן קבצנים!

ביידע פרויען פלעגן גיין איינקויפן און אָפט האָט דער גאַסט צוגעוואָרפן העלען צו באַצאָלן פאַר אירע זאַכן, ווי קאָסמעטיק, אונטערוועש, צאַצקעס־מתנות פאַר אירע פריינט אין דייטשלאַנד. העלען האָט געשמייכלט און גע־צאָלט.

עטלעכע וואָכן האָט געדויערט דער טאַראַראַם מיט די הייזער. איין אָוונט — אייב איז צוגעשטאַנען צו לאהטשען זי זאָל אָנקוקן אַ געביידע אין די בראָנקס — האָט די קוזינע פלעגמאַטיש דערקלערט, אַז זי וועט גאָרניט קויפן, ביז ז׳וועט זיך ניט באַזעצן אין לאַנד. אַחוץ אַלעמען, איז זי אויך ניט זיכער, וועלכע בירגערשאַפט זי זאָל אָננעמען, די אַמעריקאַנער צי די קאַנאַדישע.

אייב האָט דערפילט אַ מישוגע אין קאָפּ, זיין פּנים איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. זיינע פיס האָבן זיך גענומען וואַקלען אונטער אים. ער איז אַריין אין שלאָף־צימער און אַוועקגעלייגט זיך אין אָנטאָן אויפן בעט.

— איז זי משוגע, אָדער גלאַט אַן אָנשיקעניש? —

אייבס פרוי האָט גענומען שפּאָרן. פון עלעקטרישן אייז־קאַסטן זיינען פאַרשוווּנדן די גוטע קוכנס, טייערע פרוכטן, שאָקאָלאַד. העלען האָט אויפ־געהערט צו קויפן די גרינוואַרג־און פרוכט־זאַפטן, וואָס זי האָט ביז איצט דער־לאַנגט צו יעדן מאָלצייט. אויפן טיש האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ביליקערע פליישן.

דעם באַלעבאָס האָט גענומען גיין ביי דער אַרבעט מיט דער פּוטער אַראָפּ. די קליענטן האָבן זיך באַקלאָגט ביים „פלאָר־מענעדזשער" אויף פאַר־

שיידענע טעותן: — איינעם האָט אייב געהייסן פאַרפּאַקן ס׳רעקל און פאַרגעסן אָן די הויזן, אַ צווייטן האָט ער גערעכנט צופיל. דער דריטער האָט גע־קראָגן די ניט־ריכטיקע קוויטונג.

— טאַטע פאָטער אין הימל! וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט זיך געוואָרפן דער פאַרוואַלטער. זיין מויל, שטענדיק פול מיט סלינע, האָט זיך איצט אָנגעבלאָזן ווי אַ קליינער, געלער אַרבוז, די אויגן זיינען געלאָפן ווי אַ זייגער־אומרו, דער הוילער, גלאַנציקער קאָפּ האָט זיך ממש געבעטן מ׳זאָל אים קלאָפּן אָן דער וואַנט.

— קאָפּ אָן וואַנט און וואַנט אָן קאָפּ!

אין אַ געוויסן טאָג האָבן אייבס באַקאַנטע, (ס׳איז צו זיי דערגאַנגען די ידיעה וועגן דער רייכער אלמנה), פאַרגעשלאָגן דעם מזלדיקן קרוב און זיין פרוי גיין אין אַ נאַכט־קלוב אין גרינוויטש־ווילידזש.

— לאָמיר זיך אַביסל פאַרווײַלן, העלען...

— ס׳מוז קאָסטן אַ זשמאַניא מיט געלט — האָט זיך געערגערט ס׳ווייב, ליגנדיק אויפן געלעגער. — ווען דיין קוזינע איז אַ מענטש, וואָלט זי פאַר אונדז באַצאָלט, בפרט, אַז דיינע פריינט ברענגען מיט זיך אַ יונגעמאַן „צום האָבן". קיין האָטעל קאָסט זי ניט, עסן, עסט זי, קיין עין הרע, נישקשהדיק. זי האָט אַן אָנשיט, ווי ס׳דאַרף צו זיין!...

— שאַ, שאַ! וועסט זי נאָך אויפוועקן — האָט זיך אייב געבעטן ביי זיין פרוי.

העלען האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און מעשה גענעראַל, וואָס רופט די אַרמיי צו אַ שלאַכט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— גענוג שוין, זיי ניט קיין שלימזל! גיב אַ פרעג דיין לאַכטיקע קוזינע וועגן העלפן דיר מיט אַ געשעפט...

דער מאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ היפּנאָטישן טראַנס.

— גאָט מיינער, ר׳האָט דאָך שוין באַלד פאַרגעסן, אַז לאַהטשע דאַרף אים ברענגען די ישועה.

דער נאַכט־קלוב אין סטיל פון אַ דאָרפישער סטאַדאָלע האָט זיך גע־טונקען אין געדעמפטן ליכט, אין רוישנדיקער מוזיק און געקלאַנג פון

גלעזער. אַ געדיכטער ציגאַרעטן־רויך האָט געגליוועוועט איבער טישלעך, ווו מ׳האָט געזשלאָקעט וויסקי און פאַרביסן מיט ראַקעס. די צעהיצטע פּני־מער האָבן זיך געוויגט אויפן פאָן פון די פוטוריסטיש באַמאָלטע ווענט, ווי ראָזלעכע, אַנגעבלאָזענע באַלאָנען. צונויפגעקלעפּטע לייבער פון מענער און פרויען האָבן זיך געשאַרט אויף דער קיילעכדיקער פּלאַטפאָרמע אין ריטם פון כריפּענדיקן דזשעז.

דער יונגערמאַן לעבן דער קוזינע האָט געגאָסן איין וואָדקע נאָך דער צווייטער, געהייסן זיך דערלאַנגען אַ פּאָרציע אויסטערס און אָנגענומען ליליען ביי דער האַנט: — טייערע, איר האָט דאָך אַן אוצר אויף אייערע פינגער, איר זייט אַן אוצר און האָט אַן אוצר!

זינגערס און קאָמעדיאַנטן, אָנגעטאָן ווי פרויען, מיט פאַלשע, הויכע ברוסטן, האָבן געפּישטשעט מיט ווייבערשע שטימען, געטאַנצט און מיט אַ פאַרשייטער זשעסטיקולאַציע געטשעפּעט זיך צו האַלב־בגילופינדיקע דאַמען ביי די טישלעך. עלטערע פרויען מיט רויט־געפאַרבטע באַקן, נאַקעטע פּלייצעס און גערונצלטע גוידערס, האָבן זיך געטוליעט צו יונגע בחורים און הויך געכיכעט. אין די ווינקלען האָבן מענער זיך געהאַלטן פאַר די הענט ווי געליבטע און געלאַכט צו זיך איבער הויכע גלעזער מיט בראָנפן.

— טאַטע מיינער, וואָס טו איך דאָ? — האָט זיך אייב אויסגעטשוכעט — צו אַלדי רוחות!

ער האָט זיך דערפילט שוידערלעך איינזאַם, אַ קאַלטע פּוסטקייט האָט דורכגענומען זיין לייב. אַ פיינלעכע בענקשאַפט האָט גענומען נאָגן זיין האַרץ, אַ רייסנדיק לעכצן צו הערן די שטימען פון זיינע נאָענטע, חברים און פריינט, וואָס זיינען אומגעקומען, זען זייערע פּנימער און קענען זיצן מיט זיי און דורכרעדן זיך ווי אַמאָל...

— מיינע ליכטיקע טויטע, האָט זיך געלוינט איבערצולעבן? זעט, צו וואָס כ׳האָב זיך דערקייקלט!

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ער שטייט אויף אַן אומגעהייערן, נאַ־קעטן פעלד — אַ הויכער בוים. עמעץ האָט אַרויסגעגעסן זיין אינגעווייד און נאָר די דינע קאָרע איז פאַרבליבן. אָט וועט ער זיך איינברעכן און פאַלן צו דער ערד.

— לאָמיר גיין ! — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון פּלאַץ.

דער רעכענונג איז געוואָרן צעטיילט צווישן די מענער. אויף אייבס חלק איז אויסגעפאַלן פופצן דאָלאַר.

— אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט איז דריי „ליידיס־פינק" — האָט זיך געקאָכט העלען אויפן וועג אַהיים — אַלע, אַחוץ אונדז, האָבן געפרעסן שר־צים, געזויפן און מיר דאַרפן צאָלן גלייך מיט אַנדערע ?

קיינער האָט איר ניט געענטפערט. די קוזינע האָט העכער אויפגע־שטעלט דעם מינק־קראַגן, דער ווינט זאָל איר ניט בלאָזן אין די אויערן, אייב האָט געטראַכט וועגן דער עבודה.

— מאָרגן דאַרף מען ווידער זיך באַגעגענען מיט די זעלבע פּנימער, אַריין פונדאַסניי אין מוטנעם שטראָם פון נערוועזער שפּאַנונג, מורא, מסירות און בזיונות.

געקומען אהיים, האָט ער זיך גלייך אויסגעטאָן און אַריין אין בעט. פונעם צווייטן צימער איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן זיין פרויס אָנגעצוי־גענע שטימע, ליליענס ווייך קולכל און אַ שנעלער קלאַפּ מיט דער טיר.

העלען איז אַריין אין שלאָף־צימער, אים אַ טאָרקע געטאָן ביים אָרעם :

— דיין קרובה — האָט זי צאָרנדיק געשיפּעט — דיין מיליאָנערשע האָט גנעדיק באַוויליקט מיר צו געבן צוויי דאָלאַר פאַרן „בייבי סיטער", כאָטש זי האָט מיר צוגעזאָגט צו באַצאָלן די גאַנצע סומע : פיר, איידער מיר זיינען אַוועק אין דעם אידיאָטישן קאַבאַרעט.

צומאָרגנס איז אייב אַוועק צו דער אַרבעט פריער ווי שטענדיק. דעם ערשטן ברוך הבא האָט ער געקראָגן פון אַ ברוקלינער פרוי, וואָס האָט צוריקגעבראַכט איר מאַנ׳ס אַנצוג.

— און די שמאַטע איז ביי אייך ניי ? זעט איר דען ניט, אַז די נאָגאָוויצע האָט אַ ריס ?

שטייענדיק מיט די יידענע ביים מענעדזשער, האָט אייב באַמערקט, אַז איינער פון זיינע קאָלעגעס — די פּאַרקויפערס, שמייכלט צו אים פון ווייטן און שאָקלט מיטן קאָפּ מיט באַדויער. דער פרוי האָט מען אומגעקערט ס׳געלט און זי איז אַוועק. דעם פּאַרוואַלטער׳ס בעקלעך האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ

רויטן פלאַם, זיין קרומע נאָז איז געוואָרן אָנגעדראָלן ווי אַ בייזער פראַגע־צייכן — און ער האָט גענומען דונערן:

— ביסטו חסר דעה? דערלאַנגסט קליענטן בראַקירטע סחורה פון צווייטן געשטעל?!

אייב — אַ פאַרציטערטער — האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט און זיך שנעל אָפּגעטראָגן אונטערן תירוץ, אַז עמעץ וואַרט אויף אים. ער האָט אָבער באַוויזן צו באַמערקן, אַז דער חבר וואָס איז געשטאַנען פון ווייטן, איז צו צום באַלעבאָס און פליסטערט אים עפּעס אַריין אין אויער.

אייב׳ס האַרץ האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן. ער האָט דעם ברנש גוט געקאָנט, ער איז געווען דער הויפּט־צוטראָגער פון מענעדזשער.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט דער שמייכלנדיקער בחור זיך פּאַיאַוועט לעבן אייב׳ס פּלאַץ.

— אַזוי, מיין ליבער פריינט! אַזוי ליידן מיר פון די יענטעס, אַזש ס׳ווילט זיך שוין ברעכן... זאָג־זשע מיר אייבי, ווי פילסטו זיך? ביסטו געזונט? וואָס איז דיר?

העלענ׳ס מאַן האָט דערשפּירט ווי עמעץ וואָלט פאַרוואָרפן אַ שטיקנדיקע פּעטליע אַרום זיין האַלדז. ער האָט פאַרלוירן אויף אַ ווײַלע ס׳לשון. זיינע הענט האָבן זיך פאַרקרעמפּט אין פויסטן און דורך די פאַרהאַקטע ציין האָט ער ארויסגעכראַקעט:

— ברעך די פיס, מוסר, אונטערפירער, סוקינסין!!

דעם אָוונט האָט אייב באַשלאָסן זיך דורכרעדן מיט דער קוזינע. זאָל זי אים אויסלייען אַן אַכט־ניין טויזנט דאָלאַר. ער וועט אַריין מיט עמעצן אין „ביזנעס", אָדער מאַכן אַליין אַ געשעפט.

ער האָט שוין געעפנט ס׳מויל און געוואָלט אָנהייבן זיין געשיכטע, פּלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זיינע ווערטער וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט.

— ביסטו אַראָפּ פון זינען? צוויי דאָלאַר איז ביי איר געלט און צו באַצאָלן דעם „בייבי־סיטער" פיר — האָט איר האַרץ שוין ניט דערלאָזט און איצט גייסטו ביי איר בעטן טויזנטער?

אין קינדער־צימער האָט מערעלין געקייכט פון געלעכטער. ווען ער איז

דאָרט אַרײַן, האָט זי נאָר וואָס געהאַלטן אין דערציילן דער מאמען, ווי איר שול־קאָלעגע, דעני, וויל גיין בעטן ביי דער קוזינע 10 דאָלאַר: — הער אָן איינפאַל! ר'האָט זיידעס, באָבעס, פעטערס, אָבער קיין קוזינע, קיין מיליאָ־נערשע האָט ער נישט...

ס'קינד איז אַנטשוויגן געוואָרן, דערזעענדיק ס'פּאַראַומערטע געזיכט פון טאַטן. ער האָט אָפּגעקערט זיין פּנים און האַסטיק אַרויס פון צימער.

אַ מיליאָנערשע. זי האָט געזאָלט באַפרייען אים פון דער קייט, צו וועל־כער ר'איז צוגעקאָוועט... אָט זיצט זי, ער הערט ממש איר אָטעם, איין באַ־וועגונג פון זיין אָרעם און ער וועט דערגרייכן איר האַנט, דערפילן דאָס ריזלען פון אירע בלוטן אונטער דער אויסגעכאָליעטער הויט — און זי וועט בלייבן ווייט פון אים, ווי דער נאָרד־פּאָל... גאָט מיינער! ווי איז דאָס מעגלעך?... עטלעכע שטריכן פון איר פעדער אין טשעק־בוך קענען ענדערן זיין לעבן... באַשאַפן אַ נייעם אייב בלום... ווי נאָענט און ווי אומענדלעך־ווייט איז די גאולה...

✶

אייב האָט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט לאהן. מער זי ניט געפרעגט, צי זי האָט געגעסן, ניט געוואָלט וויסן וווהין זי גייט, מיט וועמען זי פאַרברענגט. צו אירע באַקאַנטע האָט ער כמעט ניט גערעדט. אַהיימגעקומענדיק פון דער אַרבעט, פלעגט ער איצט איבערלאָזן זיינע פאַנ־טאָפל און פאַרשוויצטע שקאַרפּעטקעס אין „גאַסט־צימער". שבת און זונטיק האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט ניט קיין געגאָלטער איבער דער וווינונג.

די קוזינע איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג אין ראָזלעכן שלאָפראָק, געדופן אירע פריינט אָדער געווען אַריינגעטאָן אין די טעלעוויזיע־פילמען, געשריבן בריוו קיין דייטשלאַנד אָדער אין די שווייץ.

— אַ פרעמדער מענטש — האָט אייב געטראַכט — וואָס וויל מ'זאָל אים באַדינען, ווייל ער געהערט, דורך א צופאַל, צו דער זעלבער משפחה. וואָס בינדט מיך, אייגנטלעך, מיט איר? די מעשה מיטן פעטער חיים, וואָס האָט ליב געהאַט ביר, אָדער די געשיכטע מיט דער מומע מלכה, וואָס האָט געבאַקן קוכן מיט פעטע ברעזעלעך? אַ נאַר, וואָס איך בין! כ'האָב גע־

פּרוווט צונויפהעפטן די מאָדנע בריאה מיט זיך, ווי אַ בעטלער באַמיט זיך צובינדן זיינע צעריסענע לאַפּטשעס מיט שטריקלעך צו די פיס. אומזיסט זיין טרחה! די צעפוילטע טרעטערס צעפאַלן זיך, די שטריקלעך פליקן זיך אונטער די פינגער. יע, דאָס איז אויך דיין פאַרגאַנגענהייט — אייב — די צעלייגטע כאַדאַקעס, וואָס קיין כוח אין דער וועלט קען שוין ניט מער פאַרלאַטען און צושנורעווען צו דיינע פאַרמאַטערטע פיס.

העלען האָט אָבסערווירט איר מאַן, ווי ער שאַרט זיך אַרום די ווענט, ווי אַ שאָטן, ווי ער מורמלט צו זיך און איר כעס און ביטערניש איז גע־וואַקסן.

די קינדער האָבן אויפגעהערט צו שטיפן, געוואָרן אויסטערליש רואיק. מערעלין האָט זיך פאַרטיפט אין אירע ביכער, סוזי האָט זיך גענומען שפּילן מיט ליאַלקעס. ליליען האָט פּלוצים געמאָלדן, אַז זי פאָרט אויף צוויי וואָכן צו אירע פריינט קיין קאַנאַדע.

— כ׳על זיין צוריק אין פערצן, פופצן טעג אַרום.

העלען האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל, צונויפגעפלאָכטן נערוועז די הענט און גיך אַ זאָג געטאָן: — מיר וועלן מוזן פאַרדינגען אונזער שלאָף־צימער אַ סובלאָקאַטאָר, ווייל פון אייבס גרויסן געהאַלט איז אוממעגלעך היינט צו לעבן. מיר וועלן דעריבער דאַרפן דיין בעט...

— וועט אפשר ליליען שלאָפן אויף דער סאָפע — האָט זיך אומגע־ריכטערהייט אַריינגעמישט, אַ בלייכע און צעשראָקענע, מערעלין.

— כ׳פרעג דיך ניט, שוויג! — האָט זיך צעשריען די מוטער.

לאהטשע האָט אַ בליק געטאָן מיט די אויגן, פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ מיט די ציין און הייזעריקלעך אַרויסגערעדט: — נו, וועל איך מוזן פאָרן אהיים פון מאָנטרעאָל, אַנשטאָט פון ניו־יאָרק...

✶

אייב האָט געשלעפּט ס׳געפּעק צום עלעוויטער, און זיינע שיך, אונטע־געקאָוועט מיט אייזנדלעך ביי די שפּיצן און אָפּצאַסן, האָבן אָפּגעהילכט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע מיט אַ געקלאַנג פון אַ דינער קייט.

— מאַמע, פאַרוואָס פאַרט די קוזינע אַוועק ?

די קינדער האָבן געקוקט אויף דער מאַמען, געוואָרפן קושן מיט דער האַנט ליליען, וואָס האָט נאָכגעטראָגן אַ צונויפגעלייגט, עלעגאַנט זעקל מיט קליידער.

אַלע קינדער האָבן זיידעס, באָבעס, פעטערס. זיי האָבן געפונען אַן איינציקע קוזינע און איצט פאָרט זי שוין אָפּ: — מאַמע, פאַרוואָס ?...

דער לעצטער טאָג אין פּאַריז

ער האָט זיך אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט מיט אַ געשריי. באַגאָסן מיט שווייס, האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און באַמיט זיך פאַנאַנדערקלייבן, ווו ער איז. ערשט מיט אַ מינוט צוריק האָט אַ צעווילדעוועטער המון פון קינדער און דערוואַקסענע געוואָרפן זיך אויף אים און מיט אַ טויבן געפילדער. געשטופּט אים צו דער וואַנט, ווו עס איז געהאָנגען אַ דורכגעלעכערטער קלאַסן־טאָוול. מיט פאַרביילטע פויסטן האָט ער פּרובירט אָפּשטויסן די צעיושעטע מאַסע. נאָך אַ סעקונדע און זי וועט אים צעקוועטשן... בליץ־שנעל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום טאָוול און דערזען ס׳לאָך, וואָס ער האָט אויסגעזעצט אין דער צייט פון אַ לעקציע, ווען דאָס טראָציקע יונגוואַרג האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים. דאָס לאָך, ווי אַ מויל פון אַ שלאַנג, האָט זיך צעשפּעט, גרייט אים צו פאַרצוקן...

ער איז געזעסן אויפן בעט מיט אַ צעכראַסטעטע העמד, צעקודלטע האָר און לאַנגזאַם געקומען צו זיך.

— גאָט צו דאַנקען, ער איז ווייט פון אַלעם, ער איז אין פּאַריז.

פון הינטער די הויכע האָטעל־פענצטער איז אויפגעגאַנגען אַ מילד, גרוי ליכט. פון דער זונטיקדיקער גאַסן־שטילקייט האָבן זיך אויסגעשיילט עטלעכע זשומענדיקע אויטאָס, אַ פריילעכער געשריי פון אַ ציַיטונגס־פאַרקויפער און אַ צאַרט קלאַפּן פון פרויען־סאַנדאַלן.

ער האָט אַרויפגעוואָרפן דעם שלאָפראָק און זיך אַ לאָז געטאָן אין קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צום באָד־צימער. פונדערווייטנס, אַרום דעם „עלעווייטער", האָבן זיך געטראָגן שטימען פון באַדינער און שנעלער געלעכטער פון שטובמיידלעך. דער הויך־געוועלבטער האָטעל האָט געגלאַנצט מיט באַגילדעטע געזימסן, מיט געשליפענעם גלאָז און לאַנגע שפּיגלען. ער איז אַריין אין באָד־צימער. די מאַרמאָרנע ווענט, לענגאויס דער גאַנצער וואַנט,

האָט אַרויסגערופן אַן אינסטינקטיוון שמייכל. די איבערגעטריבענע פּאַר־שייטקייט פון באַראָק און פאַרשעמטע רחבותדיקייט פון אַן אָפּגעקומענעם גביר. דער גרויסער זילבערנער שפּיגל, באַצירט ביי די זייטן מיט קעפּלעך פון כערובינען, האָט פּלוצעם באַוויזן אַ הויכע, פלינקע געשטאַלט, אַן אָפּ־געבריונט נים און אַ פּאָר ברייט־צעעפנטע, לאַכנדיקע אויגן. ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, גלייך אָבער איז ער אַרויס מיט אַ הילכיק געלעכטער: — דערקענסט ניט זיך אַליין? ביסט געוווינט צו טראַכטן וועגן זיך, ווי פון אַ שלאַבעריקן מלמד... ברודערל, ביסט נאָך גאַנץ יונג!

ער איז שוין צוריק ביי זיך אין צימער. ער האָט ברייט אויפגעפּראַלט די הויכע פענצטער. אַ נאַגנדיקער תענוג האָט דורכגעדרונגען זיין גאַנץ וועזן. דאָרט אין זיין קליינער וווינונג אין ניו־יאָרק קען מען די קאַרגע, שמאַלע פענצטער ציען נאָר אַרויף און אַראָפּ — און אַ שטיק וועלט בלייבט פאַרבאָרגן ווי אין אַ געפענגעניש... אַ מילדע, לויטערע פרימאָרגן־לופט איז צוגעפאַלן צו זיינע באַקן, צו זיינע אויסגעמאַטערטע הענט. די שויבן פון טונקעלן הויז, אַקעגנאַיבער אים, האָבן אויפגעציטערט מיט אַ גילדענער שיין. אויפן שמאָלן באַלקאָן איז אַרויס אַ דיקער פראַנצויז. ער איז געשטאַ־נען אַ ווילע און זיך איינגעהאָרכט אין דער ווייטקייט פון דער אויפוואַכנ־דיקער גאַס, אויפגעכאַפּט קילן געזאַנג פון טראָטואַרן, וואָס האָבן גענומען אויספּויקן דעם נייעם טאָג מיט דריבנע טריט. דער מענטש ביים אויפגע־פּראַלטן האָטעל־פענצטער האָט זיך צעשמייכלט. די פאַרלאָשענע האָפע־נונגען אין זיין האַרצן האָבן גענומען ריזלען, ווי די אָדערן פון דער אויפ־וואַכנדיקער שטאָט. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ, פאַרביי דעם לאַנגן קאָרידאָר אויפן פּאַרטער, ווו אין שפּיגלדיקע גאַבלאָטן און גלעזערנע שאַפּקעלעך האָבן געבלאַנקט און גערייצט פאַרשיידענע פּאַריזער מתנות. דאָס שמאָלע פּערפיום־געשעפט, נאָענט פון עס־זאַל, האָט אַ שפּריץ געטאָן אויף אים מיט ריחות, זיסע, שאַרפע און היציקע. די פאַרקויפערין — אַ שלאַנקע פראַנצויזקע — איז געשטאַנען הינטער דעם גראַציעזן, גלעזערנעם קאָנטאָר און שעלמיש געלאַכט: — אָ לאַ, לאַ, לאַ... אַ טשאַטע גערדאַנקען האָבן אַ זעץ געטאָן אין זיינע שלייפן און פאַרוויגט אים מיט עפּעס אַ ווייטער וויזיע: — ער קען אָנהייבן פון באַגינען... דער לאַנגער עס־זאַל האָט גע־

קלונגען מיט גאָפּל־מעסער, געוויגט זיך מיט טוריסטישע פּנימער, געבלאַנקט מיט ווייסע טישטעכער, געקנאַקט מיט פראַנצויזישן געבעקס און פול געווען מיט ריחות פון פּודער, אָדעקאָלאָן, אייער און שמינקע. ער האָט זיך צוגע־בויגן צו די בלומען אינעם וואַזאָן אויפן טיש און אַריינגעצויגן זייער גערוך, ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו אַ פרעמדער פרוי ניט ווייט פון אים און מיטאַמאָל דערפילט אַ דינעם שטאָך אין הינטערשטן טייל פון קאָפּ: — היינט איז זיין לעצטער טאָג אין פּאַריז.

ניט פאַרענדיקט דאָס אָנבייסן, איז ער ארויס אויף דער גאַס. — אָנעסן זיך מיט פּאַריז, אַריינציען די לופט, די קונסט, די מענטשן, די פרייד, איידער עס וועט זיין צו שפּעט! ער האָט געכאַפּט אַ טעקסי און געהייסן זיך פירן צום פּלאַץ לאַ־קאָנקאָרד. ער איז געשטאַנען — צום וויפלטן מאָל? — אין מיטן פון ריזיקן שטח, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דאָ האָט די ווילד־צעפלאַ־קערטע רעוואָלוציע געשניטן הונדערטער קעפּ, און די שטאָלצע קיניגין מאַרי־אַנטואַנעט האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם אויף דער גילאָטינע... עס האָבן אין אים זיך צונויפגעקנוילט די ווייטע דערינערונגען: די טונקעלע לופט פון דער פּוילישער ליי־ביבליאָטעק, דער יוגנטלעכער ריח פון דיומאַס ראָמאַנען און די איצטיקע זון, דאָס ליכט, די שטראַלנדיקע פרייד פון אומ־געהייערן פּלאַץ און דער התלהבותדיקער אויסגעשריי פון לוקסאָר אָבעליסק. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק לעבן לוווּר. מיט גיריקן אָטעם האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיך די ריחות פון די געלע, רויטע, און בלויע בלומען. אַרום דעם פאָנטאַן האָבן זיך געשפּילט קינדער, געיאָגט זיך מיט אַ זאַרגלאָז געלעכטער.

...שפּעטע נאַכט. גרויסע לאַמפּן, ווי פאַרשטויבטע, אויפגעבלאָזענע פּערל, וויגן זיך ביים לופט־פּלאַץ. אויף די טוריסטן וואַרט אַ לאַנגער אויטאָבוס, ווי אַ גלעזערנע טרונע פון אַ פאַרצייטיקן מכשף. — דאָ ניט ווייט — גרילצט די שטימע פון וועגווייזער — דאַרף זיין דער דענקמאָל פון באַרימטן לינד־בערג.

— זיי שטיל, דו נאַרישער מענטש, כ׳בין אַ גרעסערער פּלי־ער פון אים, כ׳האָב אַדורכגעשוועבט די ריזיקסטע ימים און די שוואַרצסטע תהומות אויף אַ דינער שטרוי... די אַלטמאָדישע, אָפּגעריסענע

הייזער דערמאָנען אַ וואַרשעווער פּאַרשטאָט. זיי שטייען געהילט אין טיפן שלאָף. דאָס סאָפּען און כראָקען פון אויטאָבוס וועקט זיי אויף אויף געציילטע סעקונדן. באַלד אָבער פאַלן זיי ווידער אַריין אין טיפן שלומער. ער פילט צו זיי אַ מאָדנע נאָענטקייט, אַ וואַרעמען ציטער... דער טאָג האָט אויפגעבליצט ווי דער זילבערנער קידוש־בעכער, ווען דער טאַטע האָט יעדן געטיילט ווייַן צו טרינקען. ער האָט זיך געטראָפן מיט זיינע שול־חברים פון דער גימנאַזיע, ער האָט זיי ניט געזען שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר. יעדעס וואָרט, יעדע באַוועגונג זייערע, יעדן שמייכל האָט ער געשלונגען ווי אַ דורשטיקע חיה. ער האָט געוואַנדערט מיט זיי דורך דעם לאַטיין־קוואַרטאַל, מאָנפּאַרנאַס, מאָנמאַרט. ער איז געזעסן מיט זיי אין אָפענע קאַפייען, געגעסן און געטרונקען, געערעדט און געלאַכט, געשוויגן און ווידער אויפגעשריען מיט יוגנט־דערמאָנונגען און געדאַנקען. ער האָט זיך דערפילט, ווי אַ מענטש, וואָס עמעץ פירט אים מיטאַמאָל אַרויס פון אַ טונעל צו דער בלענדיקער שיין. די פרייד, וואָס איז געלעגן באַגראָבן אין אים יאָרן־לאַנג, אונטער שטיין און שטויב, האָט אויפגעריסן דעם צודעק און אַ שפּאַר געטאָן אין זיין האַרץ און האַלדז, ווי אַ הייסער גייזער... זי האָט פאַרפּלייצט זיין וועזן און די גאַנצע וועלט אַרום. זי האָט געזידט אין געשריי פון דער שטאָט, אין געפּלעכט פון די סקולפּטורן, אין ברוסטן־טאַנץ פון קאַסינאָ־דע־פּאַרי, אין גאָטישן געזאַנג פון נאָטר־דאַם, אין שפּיזיקן געוועב פון אייפל־טורעם.

נאָך אַ טאָג פון וואַנדערונגען, פלעגט ער קומען צוריק צו זיין האָטעל שפּעט אין אָוונט. ער פלעגט זיך פאַרשליסן אין צימער, אויפפּראַלן די פענצטער און קוקן אין די פינקלנדיקע פייערן פון דער שטאָט אונטן. ער, דער אייביק מידער, האָט דערפילט פליגל אונטער זיינע אָרעמס, בייע קוואַלן פון ענערגיע. טיף גערירט — פלעגט ער ניט איינמאָל פאַרדעקן זיין פּנים און וויינען אין דער שטיל.

...דער לעצטער אָוונט מיט די חברים אין אַ קאַפּיי, אונטערן פרייען הימל, אויף שאַנס־דעליזיי.

זיי זיצן ביי אַ טישל, ווייט אַרויסגערוקט אויף דער גאַס. עס איילן פאַרביי יונגע פּאָרלעך, ווי צונויפגעהאָפטענע בינען. די לאָמפּן אויפן ברייטן בולוואַר ווינקען, ווי זילבערנע אויגן. די לעצטע געסט פאַרלאָזן די טישלעך.

די קעלנערס, וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג געשוועבט צווישן עולם, ווי טענצערס אויפֿן אייז, רוימען איצט פֿויל אַראָפּ פֿון די טישן, קלויבן צונויף די קלינגעוודיקע טעצלעך און הויכע גלעזער, ווישן די מאַרמאָרנע פּלאַטן, נעמען לעשן ס׳ליכט אינעווייניק אין זאַל.

— מיינע פֿאַרוואַלטערס פֿון דער שולע — רעדט ער צו זיינע חברים — דער פֿאַרזיצער, קאַסירער, סעקרעטאַר און אַנדערע זיינען ווילע מענטשן, אָבער מיר זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן... און די קינדער... ס׳איז לייכטער געווען צו לערנען דאָס הונגעריקע קליינוואַרג אין געטאָ...

חברים שאָקלען מיט די קעפּ. די לאָמפּן, לענגאויס שאַנס־דעליזיי, גלאַנצן ווי גרויסע, ווייסע געשווירן, גרייט צו פּלאַצן. ענדלעך קומט די צייט זיך צו געזעגענען. די חברים שמייכלען, קלאַפּן אים אויף דער פּלייצע, דריקן שטאַרק זיין האַנט. זייערע שטימען לעשן זיך אויס אין דער פֿינצטער־ניש פֿון דער נאַכט, ווי דאָס מעכאַנישע קלאַפּן פֿון קינדער־שפּילצייג, וואָס אַנגעדרייט, גייט עס שטופּנוויז אויס. איינער בלייבט מיט אים, זיין יוגנט־חבר. יאָרן־לאַנג געזעסן אויף איין באַנק אין דער שולע, געשטורעמט די אַלטע וועלט, געראַנגלט זיך מיט הונדערטער פּראָבלעמען, געטרוימט גרויסע חלו־מות. ער באַגלייט אים אין דער שטיל ביזן האָטעל.

— קוק זיך איין — זאָגט ער צום גאַסט, אויפֿהייבנדיק ס׳געזיכט אַקעגן דעם בלענדנדיקן האָטעל־ליכט — קוק זיך איין אין מיין פּנים, כדי דו זאָלסט עס געדענקען...

— ביסט גערעכט — שטאַמלט דער גאַסט און טראַכט, אַז זיין פֿריינט האָט זיך ניט פֿאַרענדערט: דער זעלבער ענטוזיאַזם, די זעלבע אידעלע אויפֿריכטיקייט. ער דערנענטערט זיך צו אים און גלעט זיינע גרויע האָר. זיי נעמען זיך אַרום און צעקושן זיך. — מיר וועלן זיך נאָך טרעפֿן — שמייכלט דער פּאַריזער — די וועלט איז היינט זייער קליין, ניט ווי אַמאָל... ער נעמט פּאַמעלעך אַוועקגיין, באַוועגנדיק מיט דער האַנט פֿון וויטן. זיין חבר מאַכט עטלעכע טריט, ווי ער וואָלט געוואָלט אים נאָכפּאָלגן. באַלד אָבער שטעלט ער זיך אָפּ און ענטפֿערט אים מיטן אויפֿגעהויבענעם אָרעם. די וואַרעמע זומער־נאַכט נעמט אַריין די אַוועקגייענדיקע געשטאַלט.

✶

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער באַנק און אַריין אין אַ זייטיקער גאַס. זי איז געווען באַזוימט פון בײדע זייטן מיט צעצווייגטע, גרינע ביימער און געאָטעמט מיט זונטיקדיקער שטילקייט. די פוסטע טראָטואַרן, דורכ־געציטערט מיט שאָטן און גילדענער שיין, זיינען געלאָפן אין דער ווייט־קייט מיט שטיינערנע אָרעמס. דער געשפּאַנטער אַספּאַלט איז געלעגן נאַקעט און וואַרעם. דער טשוויטשער פון פייגל, דער בליץ פון אַ געזיכט אין פענצטער, דאָס סקריפּן פון טיר אין קילן פּאָדערהויז — האָבן נאָך בולטער געמאַכט די אָנגעדראָלענע רו. ער האָט זיי גוט געקאָנט, די איינזאַמע, בענקנדיקע גאַסן פון די גרויסע שטעט זומער־צייט. ער האָט זיי געטראָפן אויף זיין וועג: אין וואַרשע, אין פּראַג, שטאָקהאָלם, ניו־יאָרק. אומעטום זיינען זיי געלאָפן אין טיפער בענקשאַפט, געווען דורכגענומען מיט גאָלד־גרינעם אויסטערלישן לויערן. ער האָט פאַרשלאָסן די אויגן אויף אַ פּאָר מינוט און זיי ווידער געעפנט. באַלד וועט זיך ביים ברעג פון דער גאַס עפּעס באַווייזן, וואָס וועט ענדערן זיין לעבן, גלייך קומט די אַנטפּלעק־קונג, אויף וועלכער ער האָט יאָרן געוואַרט.

אַ קליינער סקווער. פון דער רעכטער זייט האָבן זיך צערוישט קאַשטאַן־ביימער, ברייטע טרעפּ פון גרויען שטיין האָבן זיך באַוויזן פון דער לינקער זייט און געלאָפן אין אַ הויכן געדריי באַרג אַרויף...

✶

ער שטייט ביי דער סען. דער ברייטער וואַסער־פּאַס, מוטנע ביי די זייטן, מיניעט אינמיטן מיט טויזנטער פונקען און פליטערלעך, אָנגעצונדענע פון דער זון. בוקיניסטן, איינגערעמט אין שטיקער בלויען הימל, שטייען לענג אויס דעם טייך און פאַרקויפן אַלטע ביכער. אַ פּאָרל, איינגעטוליעט אין זיך, זיצט ביי די טרעפּ וואָס פירן צום טייך. עטלעכע לייכטע שיפלעך וויגן זיך ביים ברעג, ווי נשמות, וואָס קענען ניט קיין רו געפינען.

— זיין לעצטער טאָג אין פּאַריז.

אַן אומהיימלעכע פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט זיין גייסט, אַ ווילדער קול האָט זיך אין אים צעשריען. ער האָט פאַרהאַקט די ציין און פאַרדעקט זיין מויל מיט דער האַנט. זיין האַרץ האָט געהאַמערט און געוואָרנט: מאָרגן וועט

דער ערראָפּלאַן — ווי אַ שטאָלענער רויב־פויגל — זיך אַ ריס טאָן פון דער ערד און אים אָפּשניידן פון דעם ניי־געפונענעם לעבן, פון דער ניי־געבוירע־נער פרייד. אַ מיידל אין אַ רויטן יעקל, מיט שיך פאַרוואָרפענע אויפן אַקסל, איז פאַרביי געאָרעמט מיט אַ בחור. אירע הויכע, אָפּגעבראָכענע פּיס זיינען געווען באָרוועס. זיי האָבן זיך געטראָגן מיט לייכטער שנעלקייט איבערן טראָטואַר. איר זאַפּטיקער גוף, אירע פאַרחלומטע אויגן און האַלב־אָפענע, פייכטע ליפּן האָבן געציטערט מיט רייפקייט.

— מיין יוגנט איז איצט פאַרביי, זי קומט שוין ניט מער צוריק...

דורך לאַנגע יאָרן האָט ער געקליבן אַ פּעני צו אַ פּעני פאַר דער רייזע קיין פאַריז. ער האָט געטרוימט וועגן גרויסן טאָג און איצט...

די טויבן ביים וואַסער־ברעג האָבן זיך אויפגעהויבן אין אַ האַלבן קרייז און באַלד אַראָפּגעשוועבט.

— דאָס רעשטל פון געלט קען העכסטנס קלעקן אים דאָ אויף אַ וואָך און דאָרט וואָרט אויף אים אַ „דזשאָב", אַ „זיכערער און באַקוועמער", וואָס קען אָנהאַלטן פאַר לאַנגע יאָרן, זיין גאַנץ לעבן.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך. לעבן אים האָט זיך אַ גאַסן־פרוי צעלאַכט, געקניפּט פון אַ מאַטראָז. ער האָט אַריינגערוקט זיין האַנט אין דער בוזים־קעשענע און אַרויסגענומען ס׳ביכעלע מיט די דינע בלעטלעך — זיין רייזע־בילעט. ער האָט פּלוצעם דערפילט אויף זיין דלאָניע אַ משא פון טויזנט פונט.

— וואַרף אים אַריין אין טייך, שליידער אים אַריין אין טיפסטן אָפּגרונט!

אויף לאַנגע קייטן וויגן זיך שיפלעך ביים ברעג. הוידן זיך, ווי נשמות וואָס קענען ניט קיין רו געפינען.

דער טאנץ

צוויי גרויסע עלעוויטערס, ווי ברייטע אָדערן, פּאָמפּען אַריין יעדע מינוט נייע מענטשן. מיט יעדער רגע ווערט שטאַרקער דער געווימל פון שטימען און טריט אין די קאָרידאָרן, זאַלן און צימערן פון „אַקאַדעמי האָל".

ראָזענבערג שטייט אַריינגעפּרעסט צווישן אַ סעקרעטאַר מיט אַ בייכי־קער טעקע און אַ יידן, וועלכער סאָפּעט פון שווערער אַסטמע. דער גוי, וואָס פירט דעם עלעוויטער — אַן אַלטער, געשטופּלטער איטאַליענער, הערט ניט אויף צו זינגען אָפּערן־אַריעס. ער רייסט נאָר איבער, ווען ער אָנאָנסירט די שטאָקן מיט אַ צעצויגענעם ענגליש: — פאָרטיטין, פיפפעטין, סיקסעטין!...

עולם לאַכט און שפּאָט אים נאָך. דער איטאַליענער מאַכט זיך ניט הערן, דרייט ווייטער די קאָרבע און ציט די פאַרבענקטע טענער. ראָזענבערג האָרכט זיך איין און חזרט גלייכצייטיק איבער אין זיין געדאַנק דעם אָנהייב פון דער רעדע, וואָס ער וועט האַלטן ביי די קאָלבושינער.

— די פענער פון פוילישן יידנטום... די פענער, וואָס זיינען אַרויסגע־פאַלן פון די הענט... וועלן די אַמעריקאַנער יידן אויפהויבן...

ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן ווי אַ קאַמ־פּיינער און דאָס איז זיין ערשטע רעדע ביי די „סאָסייעטיס".

— די פענער...

דער עלעוויטער גיט אַ זעץ אָן דעם אַכצנטן שטאָק און צעטרייסלט זיינע געדאַנקען. מ׳שטופּט אים אַרויס און ער געפינט זיך שוין אין לאַנגן קאָרידאָר מיט הויכע, נומערירטע טירן פון ביידע זייטן. ראָזענבערג אָבסער־ווירט דעם עולם, וואָס פליסט אַריין אין די צימערן און זאַלן. ער קוקט אַריין דורך די ברייט־צעפּראַלטע טירן און באַמערקט שוין זיינע קאָלעגן — די קאַמפּיינערס — ביי דער אַרבעט.

זיי שמייכלען צו פּרעזידענטן, סעקרעטאַרן, שלעפּן די וויכטיקסטע טוער פון די „סאָסייעטיס" אין די ווינקלען, באַמיען זיך זיי וויכער צו מאַכן, פירן זייערע געשפּרעכן אויף איין פוס, אָדער שפּאַרן זיך צו אויף עטלעכע סעקונדען, אויב די טוער האָבן צייט.

אָפט שטערט מען זיי אין געשפּרעך: — אַ נערוועזער ייד מישט זיך אַריין, „דער אָפיס פונעם קאַמפּיין האָט אים ניט ריכטיק באַהאַנדלט". אַן אַלמנה ווייזט דעם איבערגעטריבענעם רעכענונג פון „אַנדערטייקער" און פאָדערט פון באַאַמטן גערעכטיקייט.

פאַרביי ראָזענבערגן, לויפט אַרויס פון זאַל אַ קאַמפּיינער און עמעץ שרייט אים נאָך מיט אַ צאַרנדיקער שטימע: — גיב אים געלט! פון וואַנען?

די פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס שניידן אַדורך דעם קאָרידאָר, ווי צעהיצטע בינען. איינער וויל איבערקליגלען דעם אַנדערן, פריער זען די באַאַמטע פון די אָרגאַניזאַציעס, איידער מ'נעמט אָן אַ באַשלוס ביים „מיטינג".

ראָזענבערג באַמערקט די אָפטע שפּאָטישע בליקן, וואָס באַגלייטן די געלט־זאַמלער, הערט פון צייט צו צייט איראָנישע שטעכווערטלעך הינטער זייערע פּלייצעס און דער ענין איז אים ניט ניחא.

— פאַרוואָס? — פרעגט ער זיך אַליין — זיי קומען דאָך מיט אַ גרויסער מיסיע, זיי — די קאַמפּיינער — זיינען דאָך שליחים פון די יידן פון דער גאָרער וועלט — פאַרוואָס?...

פאַרדבקעט שטעלט ער זיך אָפּ ביי דער איינגעראַמטער, פאַרגלאָזטער ליסטע פון די „סאָסייעטיס", וואָס הענגט הויך אויף דער גלאַנציקער וואַנט.

צוויי קאַמפּיינערס שטייען און מורמלען צו זיך — די קעפּ פאַרריסן, אויגן לויפן איבער די נעמען: — יאַנאָווער, טזשעבינער, פּעטריקאָווער...

איינער פון זיי גיט אַ ריס פון אָרט: — דער פערצנטער שטאָק — די מלאָווער...

דער צווייטער שרייט אים נאָך: — משוגענער, וואָס יאָגסטו? — שוין דייך האָרץ! ער באַמערקט ראָזענבערגן און שטעקט אים אַריין אַ ברייטן שלום־עליכם: — אַ נייער קרבן, זייט־זשע באַגריסט צווישן די שנאָרערס...

עס דערנעענטערט זיך אַ דריטער — דער הויכער לייביש — אַ געל־

בלעך פּנים מיט מידע אויגן. אַ ווײַלע באַטראַכט ער ראָזענבערגן און רעדט צעשמײַכלט: — אַ בעסערע פּרנסה האָט איר שוין ניט געקענט געפֿינען? האַ — ניי־געקומענער... מאַכט זיך אַ „קענדי־סטאָר", אַ „גראָסערי!" — נאָך צען יאָר וועט איר שוין ניט קענען כאַפּן דעם אָטעם און קוים שלעפּן די פֿיס... זיי — איר ווייסט שוין וועמען איך מיין — וועלן אונדז, אינטעליגענטן, ניט געבן קיין בעסערן „דזשאָב"... — כ'מוז לויפֿן...

ער איז פֿאַרשוווּנדן. ראָזענבערג איז געשטאַנען אַ ווײַלע אַ פֿאַרטראַכטער און פּרובירט זיך אָנכאַפּן אָן אַ ליכטיקן געדאַנק, וואָס זאָל פֿאַרייאָגן דעם אומעט, וואָס איז אים פּלוצעם באַפֿאַלן.

— פֿענער — האָט ער דערהערט אין זיך — פּלאָטערנדיקע פֿענער...

פֿון אַ זײַטיקן זאַל איז אַרויס אַ מאַן מיט אַ געקרײַזלטער, גרויליכער טשופּרינע, וואָס איז געפֿאַלן אויף אַ פֿאַרשוויצטן שטערן; ס'פּנים אין רויטלעכע פֿלעקן, אַן איינגעהויקערטע נאָז האָט האַסטיק געשניפּט אַרום זיך:

— פּריינט ראָזענבערג, די חברים האָבן מיר שוין דערציילט וועגן אײַך... ווי גייט עס אײַך ביי דער אַרבעט?

דער נייער קאַמפּיינער האָט דערקאַנט אין דעם פֿרעמדן דעם באַוווּסטן שרייבער פֿון קראָקע, זלמן וורובעל.

— האַ, וואָס ענטפֿערט איר ניט? — האָט אומגעדולדיק געפֿרעגט דער קינסטלער.

ראָזענבערג האָט דערזען אַ טעקע אונטער דעם שרייבערס אָרעם און געוואָרן נײַגעריק: — איר נעמט מיט צו דער אַרבעט אײַערע כּתבים?

וורובעל איז אַרויס מיט אַ הילכיק געלעכטער: — דאָס זײַנען קאַמפּיין־מאַטעריאַלן... כ'שרייב שוין ניט עטלעכע יאָר... די אַרבעט קען אָוועקלייגן אַ ריז... כ'קום אַהיים אַ דערהרגעטער... ס'ברענט און ס'בראָט אין מיר, ווי כ'וואָלט ערשט אַרויס פֿון אַ העליש פֿײַער. כ'וויל ניט מער ווי רוען, ליגן אין דער פֿינצטער און רוען און קיינער זאָל מיך ניט טשעפּען. איר וועט דאָ, אַרומלויפֿנדיק איבער די פֿאַרשידענע „מיטינג־האָלס", אָנטרעפֿן אַ גאַנצע ריי שרייבער און בינע־קינסטלער פֿון יענער זײַט ים... זיי שרומפּן אײַן, ווי פֿאַרצערטע פֿון אַ ראַק... דאָרט, אין אייראָפּע האָט מען זיך מיט זיי געצירט, ווי מיט זײַדענע העמדער. דאָ ווישט מען מיט די זײַדענע העמדער

די פּאָדלאָגעס... — זייט־זשע מוחל, כ׳מוז לויפן קיין ברוקלין, צו די קראַס־נער...

די טירן פון די זאַלן און צימערן האָבן זיך גענומען פאַרקלאַפּן. פאַר־שפּעטיקטע סעקרעטאַרן האָבן געאײַלט צו די פאַרזאַמלונגען. דער טעלעפאָן אין מענעדזשער׳ס אָפיס האָט גענומען קלינגען: — באַשטעלונגען פון קאַווע נאָך די „מיטינגען״. דער עלעווייטער האָט אויסגעשפּיגן עטלעכע אויסגעפּוצטע פרויען און מענער, וואָס האָבן זיך געקריגט וועגן אַ קבר, וואָס דער פּרעזידענט האָט אוועקגעבן האַלב־אומזיסט זײַנער אַ קרובה. די צעיאָכמערטע פּאָרלעך זײַנען אַרײַן אין אַ צימער ניט ווײַט פון ראָזענ־בערגן און פון די הויכע, פאַרשלאָסענע טירן האָט גענומען ווייען אויף דעם קאַמפּײַנער מיט פאַרביסענער שטילקייט. ער איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט אַ פאַרלוירענער. די ווײַסע ווענט פון קאָרידאָר זײַנען אויסגעוואַקסן איבער אים ווי לאַנגע הענט און ער האָט גענומען שפּאַנען אונטער דעם הויכן געוועלב מיט אַ ציטעריק האַרץ. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז ער דאַרף זײַן בײַ די זשאַבנער, אויפמאַנען די יערלעכע ביישטייערונג. ער דאַרף עס טאָן, איידער ער גייט צו די קאָלבושינער יאַנג־מען. ער האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר 218ד. אין אַ שפּאַרע האָט זיך באַוויזן אַ רונדיק פּנים מיט אַ פּאָר קאַפּראַווע אויגן:

— וואָס איז דער מער?

— כ׳וויל זען דעם סעקרעטאַר וועגן אַ וויכטיקן ענין...

— ר׳לייענט איצט דעם פּראָטאָקאָל, ער האָט ניט קיין צײַט פאַר אײַך, טראַגט זיך אָפּ צוזאַמען מיט אײַער פּאַרטנער.

ערשט איצט האָט ראָזענבערג באַמערקט „דעם שטאַמלער״. דער הויכער, דאַרער יונגערמאַן אין ברילן, מיט אַ גרויסן קנאָפּ אויפן האַלדז, וואָס לויפט אַהין און צוריק, איז געשטאַנען הינטער אים.

דורך דער קורצער צײַט, וואָס ראָזענבערג איז געווען בײַ דער אַרבעט, האָט ער שוין געטראָפן „דעם שטאַמלער״ עטלעכע מאָל. דער זאַהיקע פלעגט אָפּשטיין גאַנצע שעה׳ן איבער די קעפּ פון די פאַרנומענע סעקרעטאַרן און מיט אַן אָפּגעהאַקטן מעקן באַקלאָגן זיך אויף זײַן קראַנקהייט, דער פרוי׳ס שלאָפקייט און אויף דער נויט, וואָס הערשט אין שטוב, ווו זעקס קינדער

וואַלגערן זיך אַרום אָן אַ ברעקל ברויט. אויף אַלע גוטע עצות וועגן ווענדן זיך צו פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, צום פאַרזאָרגונג־ביוראָ פון דער שטאָט — פלעגט דער יונגערמאַן ענטפערן מיט אַ ווייכן מאַמלען. יידן האָבן, סוף כל סוף, ניט געקאָנט אָפּזאָגן זיינע הינטישע אויגן און גרויסע, האַריקע הענט און דערלאַנגט אים קלענערע און גרעסערע מטבעות. אָפּטמאָל אָבער, ווען די סעקרעטאַרן זיינען געווען אויפגערעגט — און קיין סיבות דערצו האָבן ניט געפעלט — האָבן זיי „דעם שטאַמלער" געטריבן פון זאַל, גע־סטראַשעט מיטן מענעדזשער, מיט אַרעסט. דער זאַהיקע האָט זיך ווייניק וואָס איבערגענומען מיט די אַלע רייד און ער פלעגט ווייטער קומען און בעטן נדבות.

ראָזענבערג האָט איצט אָבסערווירט דעם הויכן יונגנמאַן אין ברילן, וואָס היקעט עפּעס אַריין אין דער האַלב־אָפענער טיר פון אַ מיטינג־צימער. אַ האַנט האָט מיטאַמאָל אַ שטופּ געטאָן דעם שנאָרער, אַ געשריי און אַ האַסטיקער קלאַפּ מיט דער טיר האָבן נאָכגעפאָלגט.

דער טראַסק האָט אויפגעציטערט דעם קאָמפּיינער. ער האָט פּלוצעם דערזען אינעם שטאַמלער זיך אַליין. ער איז אין געאייל אַוועק צו די קאַלבו־שינער יאַנג־מען.

ער איז אַריין אין אַ געווימל פון מוזיק, געקלאַפּ פון פיס, שאַרפן טומאַן פון ריחות: הערינג, וווּרשט און שנאַפּס. אַ קורצער, גע־פּאַקטער אַקאָרדיאָניסט מיט בלאָנדע האָר און גולמעוואַטער צורה האָט געריסן דעם גרויסן, געקאַרבטן בויך פון זיין אינסטרומענט, צוקלאַפּנדיק מיט אַ פוס, צונויגנדיק זיין קאָפּ צו דער בלישטשענדיקער, וויס־שוואַרצער האַרמאָניע, צוזינגענדיק האַלב יידיש, האַלב ענגליש. אין מיטן פון זאַל האָבן פּאָרלעך זיך געוויגט אין אַ קרייז, געפּרוווט טאַנצן צום טאַקט פון דער מוזיק.

אָדערדיקע מענערישע הענט, קנאָכיקע פינגער פלעכטן זיך אַרום צעפלאָסענע טאַליעס, אַרום סאַפּנדיקע לייבער — שווימען אין קאַ־ראהאָד. פיס אָנגעלאָפּענע, קרענקלעך־דאַרע לידקעס אין זיידענע שטרימף באַמיען זיך צו באַוועגן מיט אַמאָליקער גראַציע. שלעכט־אָנגערויטלטע פּאַרמעט־באַקן, געשמינקטע ליפּן, הויכע פריזורן פון געפעלשטע האָר,

פליכעוואַטע, גרויע, גלאַנציקע ווי עלפאַנטביין־קעפּ — האָבן ארומגע־
קרייזט דעם זאָל אין אַ לאַנגזאַמען וואַלץ. אַ נידעריק, בייכיק יידל האָט אין
מיטן פון טאַנץ, אַ זעץ געטאָן מיטן פוס, ווי ביי אַ פּאָלקע און זיין פּאַרטנערין
האָט אַ היקע געטאָן, ווי אַ סאָווע. דער עולם האָט זיך צעטרייסלט פון גע־
לעכטער.

— אַ געזונטער באַי! — האָט אַ רעווע געטאָן אַ מאַן מיט אַ פויגלשער
נאָז און פאַרקלעפּטן רעכטן אויג, האָלטנדיק זיין פרוי ביי דער טאַליע —
גיב זיך אַ שאָקל, מאַדאַמעשי!

אַ דאַרער ייד, אין אַן עלעגאַנטן אַנצוג מיט אַ ווייס בלימל אין דער
קלאַפּע, האָט אַריינגעכאַפּט אַ גרויע פרוי אין ראָד. זי איז געווען אין מיטן
פון אַ געשפּרעך און זיך געווערט ווי אַ יונג מיידל. אַ מאַן אין דיקע גלעזער
האָט געפירט אין אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ אַן אויסדעקאָלטירטע פרוי מיט
אַרויסשטאַרטשנדיקע ברוסטן. צוויי פרויען האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען
אין דער העלפט און געדריבטשעט מיט אַנגעשטרענגטע פּנימער, ווי כוהנ־
טעס, וואָס פירן דורך אַ ריטואַל.

— העכער! — האָט אַ געשריי געטאָן אַ ייד מיט גרויסע, האָריקע
אויערן און אַ נערוועזן ציטער פון דער גאָמבע — העכער, אַקאָרדיאָניסט!
שלאָף ניט, דאָס איז אַ פּאַרטי, ניט קיין „פיונעראַל״! — ר׳האָט גענומען ווישן
דעם שוויס פון קאַרק און שטערן מיט אַ דיק, זיידן טיכל. — העכער, דו
שלומיאל!

דער אינסטרומענט האָט זיך צעפּישטשעט מיט שאַרפע טענער און
דאָס ראָד פון האָמעטנע לייבער האָט זיך אויף עטלעכע רגעס אַ וויג געטאָן
שנעלער. די פּנימער זיינען געוואָרן מער אָנגעבלאָזן, די פיס — קינסטלעך
כיבקע, די אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ שטראַלנדיקן שמייכל —
גלייך אָבער איז דער טעמפּאָ געוואָרן פאַמעלעכער ווי פריער, די סטאָפּעס
שלאַבעריקער און אַרום דעם זאָל זיינען ווידער געשוווּמען פראַכנדיקע,
איבערגעיוירענע גופים, ווי פיש אין אַן אויסטריקנדיקער סאַזשעלקע.

— פענער — האָט ראָזענבערג געברומט אין זיך — וואָס זיינען ארויס
פון די הענט... פענער...

— וואָס „באַדערט״ איר אונדז היינט? — איז אַרויס אַ פרוי פון הינטער

אַ ווייס־באַדעקטן טיש, פאַרלייגט מיט מאַרינירטן הערינג, וווּרשט, געפּעפּערטע אַרבעס, ברויט אויף פּאַפּירענע טעלער — וואָס „באַדערט" איר אונדז היינט? — האָט די פרוי אָפּגעווישט די הענט אָן פּאַפּירענעם טישטעך...

— פליז! לאָז געמאַך דעם מאַן! — האָט זיך אַרויסגערוקט פון הינטער אַ זייטיקן טיש עלקעס, דער פּרעזידענט — נעמט אַביסל משקה!

ער האָט דעם פאַרפרוינעם קאַמפּיינער דערלאַנגט בראַנפן אין אַ פּאַפּירענעם כוסהלע: — מאַכט אַ לחיים! היינט קען מען גאָרניט „אויפנעמען", איר וועט ניט קענען „רעדן". היינט איז ביי אונדז אַ גרויסע פּאַרטי, מ'האָט פאַרענדיקט די מויער אַרום „סעמעטרי", דעם בית־עולם, סיום הגדר — איר פאַרשטייט...

די מילדע, אויסגעבלייכטע אויגן פון פּרעזידענט האָבן זיך צעשמייכלט, זיינע איינגעפאַלענע באַקן זיינען פולער געוואָרן: — נעמט אַ „קאָרן־ביף" — האָט ער גערוקט ראָזענבערגן אין דער האַנט אַריין ברויט מיט וווּרשט — עסט, טרינקט!

מיטן פּאַפּירענעם בעכערל אין האַנט, לייכט אָפּשטופּנדיק פון זיך דעם „סענדוויטש", האָט ראָזענבערג ווי אין אַ היפּנאָטישן טראַנס געוואָנדן זיינע אויגן צום פאַרשלעפּערטן קאָראַהאָד פון מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געוויגט אין מיטן פון זאַל. די האַרמאָניע האָט געשפּילט איר צעצויגענעם ניגון און דער קרייז פון פיס, פון לייבער איז געשוווּמען אַרום און אַרום דעם זאַל — וואָס אַמאָל פאַמעלעכער, שטילער.

— פּענער — איז די שטימע אין אים וואָס אַמאָל מער געזונקען — פּענער... פּענער...

פאר וועמען?

ער איז אַרויס פון וואַלד, געבליבן שטיין אַ ווײַלע בײַ די ערשטע בעריאָזעס, וואָס האָבן זיך געוויסט בײַ בײַדע זײַטן פונעם שליאַך. די מיידליש־צאַרטע ביימער האָבן אים אַקעגנגערוישט מיט אַ פריילעכן אויס־רוף. ער האָט געשפּאַנט אונטער דער חופּה פון זייערע צווייגן, געקוקט אויפן ליכט און שאָטן־שפּיל פון די בייגעוודיקע שטאַמען, אײַנגעהערט זיך אין פליסטער פון די גרינלעכע בלעטער, געפילט דאָס שוימיקע ריזלען פון די זאַפטן אונטער דער ווייסער קאָרע.

— אַלץ ווי געווען, ווי מיט יאָרן קריק...

באַלד איז אים אַקעגנגעלאָפן דער ווינט. געטראָגן דעם ריח פון פּאַר־טריקנטן, בהמישן קויט, פון היי, צעבליטער אַקאַציע. פונוויטנס האָבן געקלונגען קינדערשע שטימען, צעבילט זיך הינט. ענדלעך האָבן אויפגע־טויכט די הײַזקעס, נידעריקע, געקאַלכטע, באַדעקט מיט דאַכוועקע אָדער שטרוי. אין גערויש פון שוואַרצע, פעטע פליגן זײַנען באַבעס געזעסן אויף די פּריזבעס, געשיילט קאַרטאָפל אין די טעפּ אַרײַן אָדער האַלב־דרימלנ־דיק זיך געוואַרעמט אויף דער זון. ער האָט זיי אַלע געקענט. זיי אָבער האָבן געקוקט מיט שלאָפנדיקן נײַגיר אויפן באַוואָקסענעם בחור אין די האַלב־זעלנערישע קליידער.

— עפּעס איז ער ענלעך אויף עמעצן!

— היי יאַנעק! — איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ צעוואָקסענער שייגעץ

— היי, ביסטו עס אָדער נישט?

— יע!

— קומען נאָך אַנדערע זשידקעס אויך צוריק?

— זעסטו ניט, ווי ס׳גייען מיר נאָך מײַן פרוי און קינד?...

דער שייגעץ איז אַוועק. דער מאַן האָט אַ טאַפּ געטאָן די הינטער־

שטע קעשענע. דער אָנגעלאָדענער רעוואָלווער איז געווען אויף זיין אָרט.

דער ייִד איז פאַרביי דעם ווייסן, געמויערטן הייזל פונעם גלח. אין די פענצטער זיינען געשטאַנען רויטע פעלאַרגאָניעס, געבלימלטע פאָרהענג־לך האָבן גשמייכלט צום דורכגייער.

אָט איז ס׳גערטנדל. דער גלח האָט געגראָבן די ערד, פּרוּווּנדיק אַרויסרייסן די ווילדע גראָזן. הערנדיק טריט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. פאַרשאָטנדיק מיט זיין גרויסער דלאָניע דעם שטערן, האָט ער זיך איינגעקוקט אינעם פרעמדן. ער איז אַרויס פונעם גאָרטן.

— יעזו! האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — יאַנעק! — יאַנעק! — דער גלח האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם ייִדן אין די אָרעמס, גע־וואָלט אים אַ קוש טאָן. דער יונגערמאַן האָט זיך אָפּגערוקט.

— אָ, וואָס איז דאָס? כ׳קען דאָך דיך פון קינדווייז אָן, געווען דיין טאַטנס אַן אַלטער פריינט. וואָס איז דער מער, יאַנעטשקו?

— פאַרוואָס האָט דער פּאָטער ניט געוואָלט אויסבאַהאַלטן מיין פרוי און קינד, ווען די דייטשן זיינען אַריין?

— ווייסטו דען ניט די שטראָף, וואָס כ׳וואָלט געקראָגן? מענטש, וואָס רעדסטו?

— ס׳קינד האָט דער פּאָטער געקאָנט אין קלויסטער אַריינגעבן. וויפל מאָל האָב איך אייך געבעטן...

דער מאַן אין די האַלב־זעלנערישע קליידער האָט מיט פאַראַכטונג אָנגעקוקט דעם בלייכן, צעטרייסלטן גוי און זיך געלאָזט ווייטער גיין. דער גלח איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, גלאָצנדיק נאָך אים מיט זיינע פאַר־פּעצטע אייגעלעך.

— יעזו כריסטע!

דער ייִד האָט פּאַמעלעך געשפּאַנט, פאַרזונקען אין פיינלעכע מחשבות. ווען האָט ער דעם גלח געבעטן? זעקס יאָר פון צער און קאַמף זיינען פאַר־פלאָסן זינט דעמאָלט — אַן אייביקייט איז געווען אויסגעשפּרייט צווישן יענעם טאָג און דעם היינטיקן מאָמענט.

ער האָט אַ שטויס געטאָן מיטן פוס אַ האָריקן חזיר, וואָס איז געלעגן

אין בלאָטיקן דורכגאַנג צווישן פּלויטן. דאָס שווער־פּראַכנדיקע באַשעפעניש האָט זיך אָפּגעטראָגן מיט אַ קוויטש.

נאַקעטע מויערן האָבן אויפגערויטלט. צייכנס פון אויפגעריסענע טירן און פענצטער, דער צענומענער דאַך — האָבן עדות געזאָגט אויף רויבערישע הענט. אָט איז סענדער שמידס קוזניע.

אַן איינזאַמע שטילקייט האָט זיך צעהילכט אין יאַנעקס אויערן.

— ווו זיינען די מענטשן? אָט איז בערל דעם שוסטערס הייזקע.

— עך, עמעץ ווײנט דאָ.

די פויערטע, וואָס האָט צעהאַנגען גרעט אויפן הויף, איז געבליבן שטיין מיט אַ נאַס העמד אין האַנט. אין אירע בלויע אויגן האָט אויפגעבליצט אַ פּחד.

— ביסט באמת דאָ, יאַנעק?

— האָסט זיך אַריבערגעקליבן אין בערלס הויז?

— טאָ איז וואָס? — האָט זיך די באַבע צעקאָכט — געדאַרפט לאָזן, מ׳זאָל צערייסן די כאַלופּע אויף האָלץ? סיי־ווי וועט קיינער פון שוסטערס הויזגעזינט ניט צוריקקומען...

— אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין! — האָט ער איר אַ וואָרף געטאָן און גיך אַוועק.

צעצווייגטע טאָפּאָליעס האָבן אויפגערוישט, אַ שמוציק, האַלב־נאַקעט מיידעלע האָט פאַרבייגעטריבן אַ צענדליק גענדז צום טייכל, אַן אַלטמאָדישער וואַסער־ברונעם האָט אויפגעסקריפּעט. ריח פון געקעכץ און פויערשע קללות האָבן זיך דערטראָגן פון אַן אָפענער כאַטע.

דער ייד האָט מיטאַמאָל גענומען לויפן. פאַרביי אַנטעקס הייזקע, געקאַלכטן פּלויט, אַן אויסגעדאַרטע שקאַפּע, וואָס האָט געוואָרפן מיטן ווידל אַהין און קריק, אָפּיאָגנדיק פון זיך אַ כמאַרע פּעטע פליגן. ענדלעך האָט ער דערזען זיין היים — אַ חורבה פון צעוואָרפענע ציגל, געהילץ, אויוון־קאַכלעס, ברעקלעך געזימסן, ברוך־אייזן. און אַרום — פאַראָקערטע ערד. זי איז געווען זיינע און ניט זיינע די־אָ ערד. ווי לאַנג איז ער שוין דאָ געשטאַנען? ער האָט דערפילט אַ מענטשיש וועזן ביי זיין זייט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַנטעקן.

— אַהאַ, יאַנעק, צוריק פון די וועלדער, וואָס? — האָט זיך דער אַלטער, גויישער חבר צעשמייכלט — גוט געשלאָגן אין הינטן דעם דייטשן ממזר, וואָס?

— אַנטעק, דו האָסט פאַראַקערט?

— פאַראַקערט און פאַרזייט.

— צוגענומען מיין ערד!

— חלילה! געוואָרט אויף דיין צוריקקומען, ס'איז געווען נאָר אַ גוט־ברודערשע טובה!

— זיי וויסן, מיר דאַרטן, אין די וועלדער האָבן געקעמפט פאַר אייך...

— גערעכט! יעדער האָלט מלחמה פאַר זיין שטיקל ערד... נאַ, קום, מיר מוזן נעמען אַ כוסה פאַר דיין צוריקקער...

די אַנטאָשיכע האָט, דערזעענדיק יאַנעקן, זיך איבערגעצלמט:

— הייליקע מאַריע, געמיינט די וואָראָנעס האָבן דיך לאַנג צעפּיקט!

זי האָט זיך באַלד געלאָזט אין דאָרף אַריין דערציילן די נייעס.

צעוואָרעמט פונעם בראָנפן, האָט דער פויער געדרייט די וואָנצעס, געהירזשעט פון געלעכטער, געקלאַפּט זיין פריינט אויף די פּלייצעס.

— דיין טאַטע, דער שררה, איז געווען געראָטן אין דיר ווי צוויי טראָפּנס שפּירט. ער האָט פאַרלוירן דעם פאָלוואַרק, ס'פאַרמעגן, געוואָרן אַ פּויער, און דו ביסט אויך אַ פאַרביסענער פּויער!

— טאָ וואָס־זשע? — האָט זיך צעבייזערט דער יונגער פאַרטיזאַנער.

— וווּ וועסטו וווינען?

— כ'וועל צוריק אויפשטעלן ס'הויז!

— מוזסטו געלט האָבן!

— כ'וועל לייען.

— ווער קען דיר געלט געבן? נאָר די שטעטלשע יידן. און ווער ווייסט ווו זיי זיינען...

יאַנעק איז אַרויס פון הויז, ווי עמעץ וואָלט אים געיאָגט.

ווי אַ גרויסע, אָפענע וווּנד האָט זיך געשפּרייט דער מאַרק. די גבי־רישע, געמויערטע הייזער פון די יידישע תבואה־און פעל־סוחרים האָבן געקוקט אויף אים מיט גרויסע, אויסגעזעצטע אויגן — אויפגעריסענע

פענצטער. פאַרשמירטע מיט קאַלך, סוואַסטיקע־צייכנס האָבן זיך נאָך גערויטלט דאָ און דאָרטן. איבער דעם אַריינגאַנג פון שענסטן מויער — שאַפּיראַ דעם שניט־קרעמערס היים — האָט זיך געהויבן אַ ווייסער אָדלער אויף אַ רויטער, קיילעכדיקער בלעך. דאָ איז איצט געווען דער זיץ־אָרט פון דער פּאָוויאַטאָווער מאַכט.

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ באַנק, ביים זייט פונעם מאַרק. ס׳זייַנען אים פאַרביי קריסטן, געקוקט מיט חדוש, געקרימט מיט די ליפּן. דער פּאַרטיזאַנער האָט זיי ניט געזען. ער איז ווידער געווען אין די וועלדער, געלויערט אויף דייטשע, מיליטערישע אָפּטיילונגען, געשאָסן און געטויט, געהרגעט און נקמה גענומען.

ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אין דער בלויער לופט האָט זיך צעזונגען דער גלאָק פון נאָענטן, קליינעם קאָשטשיאָל, געקלונגען און געלאַכט, גע־הילכט און דערמאָנט: — כ׳בין דאָ, כ׳בין דאָ, ווי מיט יאָרן קריק... דער פּאַרטיזאַנער האָט אויפגעציטערט. דאָס האָבן זיך טייוולאַנישע גלעקלעך פון שפּאָט געקייקלט אַרום די יידישע מויערן, געגליטשט איבער זיין האַרץ. ער האָט עס ניט געקאָנט לענגער פאַרטראָגן, אויפגעהויבן זיך שנעל פונעם אָרט און אַוועק צו אַנטעקן.

— נו, — געבראַכט די ממתקים? — האָט אים אַנטקעגנגעהירזשעט דער פויער.

— כ׳וועל לייען ביי דער רעגירונג, אָדער ביי רייכע קריסטן, זאָרג ניט.

— אַזוי גאָר? — אַנטעק האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ פאַרטראַכטער־הייט. נאָך דער וועטשערע האָט ער אויסגעבעט דעם יידן אַ געלעגער אויפן היי אין דער סטאַדאָלע, געלאָזט זיך גיין צום שטאַל צוזען די בהמות.

— היי יאַנעק, רויכער ניט, וועסט מיר נאָך אָנמאַכן אַ שריפה.

מיט די הענט פאַרוואָרפן אונטערן קאָפּ, איז דער פּאַרטיזאַנער געלעגן אין דער פינצטער. אַ פאַרבלאָנקעטער גריל האָט געטשווירטשעט פון ציט צו צייט אין ווינקל פונעם שייער. ווייט האָבן הינט געוואָיעט. דער שאַרפער ריח פונעם היי האָט אויפגעוועקט אין יאַנעקס זכרון יוגנט־דערינערונגען. די קריסטלעכע אַם, וואָס האָט געדינט אין זיין טאַטנס הויז,

האָט אים אַ נאָמען געגעבן יאַנעק, כאָטש ביים טאַטן איז ער געווען דאָס בן־יחידל ישעיה. מיט יאָרן קריק, אין איין נאַכט, איז דער פאָטער, אַ רייכער גוט־באַזיצער, געוואָרן אַן אביון. אַ שריפה, וואָס האָט אויסגע־בראָכן שפּעט אין אָוונט אויפן פאָלוואַרק, האָט שנעל אַרומגעכאַפּט ס׳גאַנצע באַלעבאַטישקייט. מ׳האָט זיך משער געווען, אַז אַן אָפּגעזאָגטער פאַראַבעק האָט דאָס אויס נקמה אונטערגעצונדן. דער טאַטע האָט זיך לאַנג געמשפּט מיט דער „סטראַכאָוואַ״, געשלעפּט זיך איבער פאַרשידענע געריכטן, אָנ־געשלאָגן ביז צום וואָיעוואָדע און לסוף ווייניק וואָס אַרויסבאַקומען. סוף יאָרן געווען אַ פּויער אויף צען וולוקעס ערד. איצט איז ס׳לעצטע: — זיין הויז חרוב געוואָרן.

— כ׳וועל אויפבויען! — האָט דער זון פאַרקריצט מיט די ציין.

עס האָט לאַנג גענומען ביז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. אין חלום האָט ער דערזען אַ גרויסע שריפה. זיין טאַטנס הויז איז געשטאַנען אין פלאַמען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט באַגאָסן מיט שוויס, אויפגעזעצט זיך אויפן גע־לעגער און טיף אָפּגעאָטעמט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, עמעץ גייט. אין דער נאַכטיקער שטילקייט האָט ער דערהערט שנעלע טריט. זיי האָבן זיך דערנענטערט.

דער אינסטינקט פון אַ וואַלד־מענטש האָט אים אָנגעזאָגט אַ סכנה. מיט איין שפּרונג איז ער געווען אין ווינקל פון דער סטאָדאָלע, ניט ווייט פון אַריינגאַנג. צוקלעפּנדיק זיך צו דער הילצערנער וואַנט, האָט ער גע־וואַרט מיט אַ געשפּאַנט אויער, קלאַפּנדיק האַרץ. די טיר פונעם שייער האָט אויפגעסקריפּעט, אַ פּאַסמע ליכט פון אַן עלעקטריש לעמפל האָט זיך פּאַ־מעלעך באַוויגן, געזוכט אויפן היי, דאָרט וווּ ס׳האָט געדאַרפט ליגן יאַנעק. ביים אָפּשיין פון דער ליכט האָט דער פאַרטיזאַנער דערזען אַ הויכן שייגעץ מיט אַ נידעריק אַראָפּגעלאָזטער ביקס. נאָך אים האָבן זיך געשאַרט צוויי געשטאַלטן. איינע פון זיי איז געווען אַנטעק.

יאַנעק איז אַרויס פון ווינקל. אויסשיסנדיק פון רעוואָלווער עטלעכע מאָל אינעם הויכן שייגעץ און זיינע חברים, איז דער ייד דורכגעלאָפן דורך אָפענער טיר. געשרייען: — אַ יעזו, יעזו! האָבן אויפגעריסן די לופט, אויפגעציטערט ס׳דאָרף, נאָכגעיאָגט יאַנעקן.

ער איז געלאָפן ווי אַ פייל פון בויגן, צוגעשפּאַרט זיך ערשט ביי די ערשטעביימער פונעם וואַלד. פון ווייטן האָט זיך דערנענטערט צו אים אַ טויבער רעש, ווי אַן אָנשווימענדיקע ים־כוואַליע.

ער האָט גענומען לויפן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. איין געדאַנק האָט געשריען אין אים מיט צענדליקער קולות, געיאָגט מיט אים צוזאַמען:

— פאַר וועמען זיך געשלאָגן? פאַר וועמען די ערד באַפרייט?

דער לעצטער פּרווו

דער צוג איז געלאָפן אין דער נאַכט פון שטאָקהאָלם קיין פּאַרסבאַקאַ. דאָס געדעמפטע ליכט און מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון די רעדער האָט וואָלמאַנען איינגעשלעפערט. אין דרימל איז אים פאַרגעקומען, אַז ער פאָרט פון לאָדזש קיין וואַרשע איינקויפן לעדער ביי כעוולען. די באַן האָט זיך האַסטיק פאַר־האַלטן אויף אַ קליינער סטאַנציע און חיים האָט זיך אויפגעוועקט. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער בוזעם־קעשענע: — ווו איז ס׳געלט און די וועקסלען? גלייך אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער פאָרט נישט קיין וואַרשע, נאָר צו זיין זון און, אַ באַרואיקטער, זיך צוריק אַוועק־געזעצט.

אַ הויכער, בלאָנדער שוועד פון דער קעגנאיבערדיקער באַנק האָט זיך אַ נויג געטאָן צו אים און העפלעך עפּעס געפרעגט. וואָלמאַן האָט אין פאַר־לעגנהייט אים געענטפערט אויף דייטשמעריש: — כ׳פאַרשטיי ניכט...

— הע, ר׳ חיים, געוועזן צייטן, ווען מ׳איז געפאָרן טאָג און נאַכט אַרומ־געריינגלט מיט אייגענע, לאָדזשער און וואַרשעווער, גערעדט, דערציילט, זיך געוויצלט. און דאָ שלעפּסטו זיך שוין טעג און נעכט פון פּאַריז, פראַנק־פורט, קאָפּענהאַגען, שטאָקהאָלם און זיצסט אַ שטומער...

וואָלמאַן האָט אַ זיפץ געטאָן: — לויפסט־דורך אַ האַלבע ערד און ווילסט דער פרעמדער וועלט אַרויסרייסן דיין קינד, דיין בלוט און פלייש... וועט זיך דאָס דיר איינגעבן?

עס וועקן זיך אין אים אויף בילדער פון דער פינצטערער נאַכט ביי דער פּויליש־דייטשער גרענעץ, ווען ער האָט פּרובירט זיך אַרויסשמוגלען פון פּוילן מיט 16 יאָר צוריק, אין יאָר 1947. עס קלינגט אויף אין זיינע אויערן דער שאַרפער געשריי פון דער וואַך:

— סטוי באָ סטזשעלאַם!... און דאַן די טענות, וואָס ער האָט געמוזט

אויסהערן פון לעאָנען, זיצנדיק מיט אים צוזאַמען עטלעכע טעג אין אַ פֿאַרשלאָסענער קאַמער, ביז מ׳האָט זיי באַפֿרייט.

דער זון האָט זיך באַקלאָגט: — צו וואָס שלעפּסטו מיך, טאַטושיו? ווו וועט מיר זיין בעסער? אין פּוילן האָב איך געלערנט, שטודירט, פֿאַר־ענדיקט דעם אוניווערזיטעט, כ׳קען די שפּראַך, די קולטור...

מיט די זעלבע קלוגע רייד איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען ער, ר׳ חיים, האָט באַשלאָסן ווידער זיך אַרויסצורייסן פון פֿאַרשאָלטע־נעם לאַנד:

— איצט זאָל איך אַנטלויפֿן, טאַטע, ווען אין אַ האַלב יאָר אַרום קריג איך שוין דעם דאָקטאָראַט און כ׳על זיכער ווערן אַסיסטענט־פּראָפֿעסאָר?

— און האָבן וואַסער אויף קאַשע... ביז עפּעס אַן אַנטיסעמיט וועט דיך אַרויסוואַרפן אויף צען שפּענדלעך.

— ביסט אומגערעכט, טאַטושיו, טראַכסט נאָך אַלץ מיט די קאַטעגאָ־ריעס פון דער אַלטער וועלט.

— און דאָ, זיי־זשע מיר מוחל, וועט מען עס בויען אַ נייע? ווילסט וואַרטן אויף אַ נייעם פּאָגראָם, ווי אין קיעלץ, אָדער אפשר אויף אַ גרע־סערער שחיטה? מיר, קינד מיינס, פעלט דאָ אויס לופט! איך מוז אַוועק.

לאַנגע טעג האָט דער טאַטע איינגעטענה׳ט מיטן זון, און צום סוף איז ער אַליין אַנטלאָפן, צוזאָגנדיק זיך ניט שרייבן דעם בנאָק אַפילו קיין בריוו.

אָנקומענדיק קיין דייטשלאַנד, האָט ער דורך פֿאַרשידענע וועגן אַרויס־געקראָגן אַ וויזע קיין אַרגענטינע, געווען דאָרטן אַ קורצע צייט און דאַן אויסגעוואַנדערט קיין צפון־אַמעריקע. דאָ האָט ער געאַרבעט שווער און גענומען שיקן בריוו צו זיין זון, ער זאָל אַריבערקומען.

— פֿאַרוואָס האָב איך אים איבערגעלאָזט? — מאַכט זיך איצט דער טאַטע פאָרוורפֿן — געדאַרפט זיך איינבייסן מיט די ציין אין זיין אָרעם און וואַיען: „דו גייסט מיט מיר! כ׳לאָז דיך ניט אָפּ, דו מוזסט מיך פֿאָלגן!“

ער, וואַלמאַן, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן צעבויגן אַ קופּערנעם צענער מיט די ציין און אַ פּאַדקאָווע מיט די הענט, איז געווען אַ צעקראַכענע יידענע לגבי זיין אייגן קינד. — ביסט געווען צו שטאָלץ, אַלטער נאַר! האָסט געדאַרפט שאַרף אַ פרעג טאָן: „לעאָן, די קאַריערע איז דיר בילכער ווי

דער טאַטע? פוילן — וויכטיקער ווי דער, וואָס האָט דיך געבראַכט אויף דער וועלט און האָט דיר אַוועקגעגעבן ס'לעצטע שטיקל ברויט אין לאַגער?״

— צו־שפעט! — קלאַפּן די רעדער — שפּעט, שפּעט... דער פאַר־עקשנטער פּוילישער ייד וויל ניט הערן. ער טראָגט זיך איבער מיטן געדאַנק צו זיינע פערצן יאָר אין אַמעריקע. געווען אַ צושניידער פון פּרויען־מאַנטלען. שעה'ן־לאַנג געשטאַנען אויף די פאַרחלשטע פיס, געקרייזט מיטן מעסער איבער די בלוי־געפאַרבטע לעדערלעך און צוגעשניטן ״דזשע־קעטס״. געמוזט אויסהערן גראָבע וויצן און שטעך־ווערטלעך פון דער פראַסטער חברה אַרום, זיין אונטערטעניק דעם אייביק־בייזן ״פאָרמאַן״ — ער, דער געוועזענער אייגנטימער פון אַ גרויסער שיך־פאַבריק.

ער האָט געאַרבעט און געזען זיין זון, גערעדט מיט אים, דערציילט אים וועגן געשעפט, וואָס ער וועט אים איינאָרדענען. ניט פילנדיק, פלעגט ער אָפט צעשטעכן זיינע פינגער מיטן מעסער, צעטרייבערן שטיקער לעדער און געמוזט אויסהערן קללות פונעם באָס און שפּאַטישן געלעכטער פון זיינע מיטאַרבעטער. עס האָט אים גאַרנישט געאַרט, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז מיט יעדער שעה, יעדן טאָג וואַקסן זיינע אָפּשפּאָרונגען און מיט זיי ווערט נענטער די האָפענונג צו ברענגען זיין זון.

און פּלוצעם איז געקומען די פינצטערע ידיעה: לעאָן האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיקסע. חיים איז געוואָרן קראַנק און אָפּגעלעגן אין בעט עטלעכע וואָכן. — ניטאָ מער לעאָן, ער איז פאַרלוירן — האָט אַ שטימע, ווי אַ צעבראָכענע פּלאַטע, געהאַלטן אין איין איבערחזרן די זעלבע ווער־טער אין זיין מוח.

וואָלמאַן איז אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער אַן אָפּגעשוואַכטער, אָבער מיט אַ נייער אידיי: לעאָן מוז קומען צו אים אויף אַ וויזיט און דאַן... דאַן וועט ער שוין מיט אים ריידן מיט באַק־ציינער.

דער זון איז ניט געווען דאַקעגן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרן טאַטן די לויפעניש אין פאַרשידענע אַמטן און דאָס אויספילן פון פּאַפּירן, וועלכע ס'איז אים געווען שווער צו פאַרשטיין. ער איז אַלץ דורכגעקומען מיט דער הילף פון זיינע באַקאַנטע — לאָדזשער יידן.

עס האָט גענומען אַ יאָר צייט ביז מ'האָט לעאָנען גערופן צום אַמעריי־

קאָנער קאָנסול אין וואַרשע און צוגעזאָגט שיקן אַן ענטפער. אינצווישן האָט זיין פרוי געבוירן אַ קינד, אַ ייִנגעלע, און דער יונגער פאָטער איז געווען פאַרשיכורט פון פרייד. די נייעס האָט אויפן ייִדן ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. ער האָט ווייטער צוגעשניטן „דזשעקעטס״ און געריעדט ביי דער אַרבעט צו זיין זון: — אינגיכן וועלן מיר זיך זען, אינגיכן...

ס׳איז אים וואָס אַמאָל שווערער געווען צו שטיין אויף די פיס ביי דער אַרבעט. ער האָט זיך דערפילט ניט מיט אַלעמען און גענומען גיין צו דאָקטוירים. ענדלעך איז געקומען אַ בריוו פון לעאָנען: ער האָט געקראָגן אַ נעגאַטיוון ענטפער פון קאָנסול. די ידיעה האָט געטראָפן ווי אַ דונער דעם אַלטן. ער האָט פאַרלאָזט דעם שאָפּ און איז ניט אַרויס אין משך פון לאַנגע וואָכן פון זיין וווינונג. ער האָט ניט געענטפערט דעם טעלעפאָן, ניט גענומען אין האַנט אַריין אפילו קיין צייטונג. די גאַנצע וועלט איז אים געוואָרן דערווידער.

מיטאַמאָל האָט אויפגעבליצט אַ נייער געדאַנק אין זיין קאָפּ: לעאָן מוז קריגן אַ וויזע קיין דייטשלאַנד, פראַנקרייך אָדער שוועדן.

ער האָט דערפילט אין זיך אַ כוואַליע פון נייע כוחות און גענומען ווידער באָמבאַרדירן זיין זון מיט בריוו. דאָס מאָל האָט ס׳גליק אַ שמייכל געטאָן דעם טאַטן — לעאָן האָט באַקומען אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש צו באַזוכן שוועדן.

*

ער האָט אַרומגענעמען זיין זון און ניט־ווילנדיק זיך צעוויינט. לעאָן האָט אים געקושט און געפרעגט:

— וואָס איז דער מער מיט דיר, טאַטושיו?

זיי זיינען געזעסן אין דעם קליינעם האָטעל ביים נאַכטמאָל. חיים וואָל־מאַן האָט קוים געגעסן, געלאַכט, דערציילט וויצן, געגלעט זיין קינד איבער די הענט, איבער די פּלייצעס און געפילט זיך ווי אַ ניי־געבוירענער. די מאַי־בלומען אויפן טיש האָבן געשפּרייט אַ מאָדנעם ריח. די בילדער אויף די ווענט פון בלאָנדע ייִנגלעך און מיידלעך זיינען אים געווען מאָדנע נאָענט, ווי ער וואָלט זיי אַלע גוט געקענט. דער גרויסער גלעזערנער קרוג מיט מילך און

דאָס סמאַרגאָסבערד האָבן אַרויסגערופן ביי אים גרויס געלעכטער: — פלייש און מילך, נישט כשר!

לעאָן האָט דערציילט וועגן זיין פרוי, וואָס אַרבעט אין אַ פילם־סטודיאָ, וועגן זיין סטעפעקן, וואָס איז געראָטן אין זיידן.

— אין מיר? — דערשרעקט זיך דער אַלטער וואָלמאַן.

— ער האָט דיינע ברעמען און גרויסן שטערן — שמייכלט לעאָן.

ער ווייזט דעם טאַטן בילדער פון אַ יונגער בלאָנדער פרוי מיט אַ לאַכנדיק קינד אויף דער האַנט. ביים קאַמפּאַט נעמט חיים דערציילן וועגן ישראל:

— כ'על דיך איינאַרדענען דאָרטן, אויב דו ווילסט, לעאָן. כ'האָב גרייט פאַר דיר אַ זשמאַניע מיט געלט.

— וואָס וועל איך דאָרט טאָן? — הויבט אויף דער זון דעם קאָפּ פון טעלער.

דער טאַן פּלעפּט אַ ווײַלע דעם טאַטן. גלייך אָבער גיט ער אַ שפּראָץ מיט אַ ים פון ווערטער, וועגן דעם געבענטשטן לאַנד, וואָס וואַרט אויף פעאיקע, יונגע מענטשן.

— כ'על דיר אויפשטעלן דאָס שענסטע געשעפט אויף אַלענבי־גאַס...

— כ'בין אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין פוילן — האָט שעמעוודיק אַרויסגערעדט לעאָן.

דער אַלטער טאַטע האָט האַסטיק פאַרענדיקט ס'עסן, דערפילט זיך מיטאַמאָל מיד פון וועג און באַשלאָסן צו גיין שלאָפן.

דער יונגער וואָלמאַן איז שנעל אַנטשלאָפן געוואָרן. דער פאָטער האָט געוואַכט איבער אים, איינגעהאָרכט זיך צו זיין אָטעם, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען דער זון איז נאָך געווען אַ קינד און חיים פלעגט זיך איבער־בויגן איבערן בעטעלע און זיך איינהערן ווי זיין בן־יחיד'ל שלאָפט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט דאָס געשפּרעך מיט לעאָנען ביים נאַכטמאָל. ער האָט זיך באַזעצט אין אַן אַלטמאָדישן פלושענעם פאָטעל. אַן אָפּשיין פון גאַסן־לאָמפּ איז געפאַלן אויפן סופיט און אין דער האַלבער טונקלקייט האָט ס'מעבל אַרום אויסגעזען, ווי אַן אויסטערליש באַשעפעניש מיט צענדליקער קעפּ. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער לעבט שוין ניט

מער; ער געפינט זיך אויף יענער וועלט, ווו מען זיצט און מען טראַכט נאָך ס׳לעבן אויף דער ערד.

*

אַ רואיקער, זוניקער נאָכמיטאָג האָט אַרומגענומען דאָס שוועדישע שטעטל. די קלאַנגען פון דער פרעמדער שפּראַך, דאָס שמייכלען פון הויכע פרויען און קינדער אין געלע און רויטע מלבושים, דאָס זינגעוודיקע זשומען פון די ראָווערן אויף די וועגן — האָבן אויפגעוועקט אין אַלטן טאַטן קוואַלן פון פרייד.

זיי האָבן שפּאַצירט איבערן שטעטל, לענגאויס אַ שערענגע פון דעמבעס, וואָס האָבן געררוישט איבער זייערע קעפּ מיט אַן אוראַלטן געברום. ווייט איז געלעגן אַ שמאַלע אָזיערע און געפינקלט מיט זוניקע פליטערלעך. דער טאַטע האָט גענומען דעם זון אונטערן אָרעם און געשפּאַנט מיט אים איבער אַ קליינער בריק. ס׳ערשטע מאָל נאָך אַזויפיל יאָרן האָט ער דערפילט אַז ער לעבט, לעבט ממש. איצט האָט ער באַנומען, וואָס ס׳האָט אים אַזויפיל יאָרן געפעלט: — זיין קינד, זיין לעאָן!

אַ קליינער פּאַרק האָט זיך געגרינט ביי דער רעכטער זייט פון וועג, ביי דער לינקער — האָבן שטאָל־פאַבריקן געזעצט מיט אַ שוואַרצן רויך. דעם אַלטן וואָלמאַן האָט עס דערמאָנט די קוימענס פון בירקענאַו און ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער זון האָט דערפילט זיין אומעט און אַ פרעג געטאָן:

— טאַטושיו?

— מ׳מוז פאַרגעסן, מיין קינד, און מ׳קען ניט...

זיי זיינען אַריין אין פּאַרק און צוגעזעצט זיך אויף אַ באַנק. חיים האָט, אומפאַרהאָפט פאַר זיך אַליין, אַ גלעט געגעבן זיין זון איבערן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— לעאָן, וואָלסט געוואָלט זיין מיט מיר?

דער זון האָט אַ ציטער געטאָן און שנעל געענטפערט:

— יאָ, טאַטע.

דער פֿאָטער האָט אויפֿגעלויכטן און ניט באַמערקנדיק די צעטומלונג פֿון לעאָנען ווײַטער געצויגן:

— כ׳וויל פֿאָרן זיך באַזעצן אין ישׂראל. קום מיט מיר...

ער האָט אָנגענומען זײַן זונ׳ס האַנט אין זײַנע דלאָניעס און ווי אין אַ פֿאַר׳כישופֿ׳טן טראַנס גערעדט:

— מיר האָבן אַזויפֿיל פֿרײַנט אין ישׂראל, וועסט זײַן צווישן אייגענע, וועסט אויפֿלעבן...

— און יאַדוויגאַ און סטעפֿעק? — האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ לעאָנען.

אויף אַ ווײַלע האָט דער אַלטער פֿאַרלוירן ס׳לשון. איינס איז איצט געוואָרן זיכער: לעאָן וועט אָן דער שיקסע און זײַן קינד ניט פֿאָרן. ס׳איז אים געוואָרן הייס, ס׳האַרץ האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן און הייזעריקלעך האָט ער אַרויסגערעדט:

— ווילסט זיי מיטנעמען?

— ווי אַזוי קען איך זיי איבערלאָזן — האָט זיך דער יונגערמאַן ווי פֿאַרענטפֿערט.

— אַזוי! אַזוי! — האָבן גערוישט די ביימער איבערן אַלטנס קאָפּ.

זיי זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן. פֿייגל האָבן געטשווירטשעט. אַ שוועדיש פּאָרל פֿון אַלטע לײַט איז פֿאַרבײַ געאָרעמט. אויף זייערע רויטע באַקן איז געווען אויסגעגאָסן אַ זוניקע שלווה. חיים וואַלמאַן האָט זיך ווי אויפֿגעוועקט פֿון אַ טיפֿן שלאָף. ער האָט אַרומגענומען מיט זײַן אָרעם דעם זונ׳ס אַקסלען:

— נעם־זשע זיי מיט!

אויף לעאָנ׳ס ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. ער איז, קאָנטיק, געווען צופֿרידן אויסצומעקן אין זיך דעם חשד, אַז זײַן טאַטע האַסט זײַן ווײַב. באַלד אָבער האָט זיך זײַן פּנים פֿאַרכמאַרעט:

— טאַטע, יאַדוויגאַ וועט ניט פֿאָרן קיין ישׂראל.

חיים האָט דערפֿילט ווי עמעץ וואָלט אים געגעבן אַ זעץ צווישן די אויגן:

— וואָס מיינסטו?

— פֿאַרשטיי, זי איז אַ פּאָלקע און האָט ליב איר לאַנד.

—און דיך האָט זי ניט ליב ?

— טאָ איז וואָס ?

— וועט זי דאָך אָן דיר ניט וועלן בלייבן — האָט דער אַלטער אויסגע־רופן מיט טריאומף — זאָג־זשע מיר, לעאָן, דו ווילסט פאָרן קיין ישראל ? מאַך דאָס קלאָר פאַר זיך אַליין !

דער זון האָט געשוויגן. ווי אַ בליץ איז אַדורך דעם טאַטן : לעאָן האָט שוין לאַנג עפּעס באַשלאָסן.

— באַנעם, טאַטושיו — האָט דער יונגערמאַן איבערגעריסן זיין שווייגן

— וואָס וועל איך טאָן אין ישראל ? כ׳קען ניט די שפּראַך... דאָ בין איך אַ פּראָפעסאָר, דאָרט וועל איך זיין אַ גאָרניט...

דער פאָטער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיך אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט זיין קינד :

— איך וועל דיך לאָזן ווערן אַ גאָרניט ? כ׳על דיר מאַכן אַ געשעפט און אַ גרויס געשעפט !...

— כ׳בין ווייט פון דעם — האָט דער זון אַרויסגעשעפּטשעט.

אין זיין קול האָט דער טאַטע דערהערט ווי אַן עכאָ פון די ענדעקישע העצעס : „זשידזשי טאָ געשעפטשיאַזשע, שאַכער־מאַכער״.

— וועסט זיך צולערנען די שפּראַך און מיט דער צייט פּרובירן אַריין אין אוניווערזיטעט.

— דו מיינסט ס׳איז אַזוי לייכט, טאַטושיו, פאַרגעסט וועגן איבערפלוס פון אינטעליגענץ אין ישראל ?

— דו ווילסט דאָך אָבער זיין מיט מיר, זון מיינער?!

— אפשר וואָלסטו געקומען צו אונז קיין פּוילן ?

— וואָס ? — איז דער אַלטער אויפגעשפּרונגען — וואָס ? איך וועל פאָרן צו די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאָלפן די נאַציס אויסקוילען די יידן, און איצט ברענען זיי מיט האַס צו די געראַטעוועטע „זשידעס״, אפילו ווען זיי זיינען כשרע קאָמוניסטן ?... אָ, ביין, ניט דערלעבן וועלן זיי מיך צו זען...

„כ׳האָב מיט אים ניט מער וואָס צו ריידן — האָט געטראַכט דער אַל־טער — אוי, ווו ביסטו, מאַניע ? דו, זיין מאַמע, וואָלסט גיכער ביי אים געפּועלט.״ טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן :

— לעאָן, האָסט ליב געהאַט דיין מאַמען?

דער זון האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך געגומען בעטן:

— טאַטושיו, כ׳בין אַ פּראָפעסאָר, כ׳האָב ליב מיין אַרבעט, כ׳בין אָנ־געזעען...

דעם אַלטנ׳ס פּיכטע אויגן זיינען געוואָרן טרוקן ווי האַרבסטיקע בלעטער:

— ווי לאַנג וועסטו זיין פּראָפעסאָר? ביז ס׳וועט קומען אַ נייע „טשיסט־קע״?

ער האָט געקוקט אויף זיין קינד און אים ניט דערקענט: „מ׳האָט אים פאַרסמט!״ אַ ווײַלע האָט ער געפילט אַ צודרינגלעכן באַגער אַראָפּצולאָזן זיך אויף די קני, אַרומנעמען זיין זונ׳ס פיס און בעטן: „לעאָן, קום צוריק צו דיין טאַטן, כ׳האָב ניט קיינעם אויף דער וועלט!״ ער האָט פאַרקוועטשט די ציין און נאָר אַרויסגעשיפּעט:

— זון מיינער, כ׳בין דיין טאַטע...

„ניין, ניין! — האָט אַ קול געשריען אין אים — כ׳על אים ניט לאָזן גיין!

— טאַטושיו, לאָמיר שוין גיין, ס׳ווערט קיל.

— כ׳האָב ניט ווּ צו גיין, לעאָן.

— טאַטושיו, כ׳האָב דאָך אַ פרוי מיט אַ קינד, פאַרשטיי!

פאַרבאָרגענער מיטלייד האָט געקלונגען אין לעאָנ׳ס ווערטער. ער האָט אָנגענומען דעם טאַטנ׳ס האַנט אין זיינע און פּרובירט אים עפּעס אויס־טייטשן. אַ שווערער צאָרן האָט זיך אַ הויב געטאָן אין אַלטנ׳ס האַרץ. ער האָט דערפילט ווי אַ שטויס צו טאָן זיין זון: „גיי, דו פאַררעטער, פאַרשווינד פון מיינע אויגן!״ ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין האַנט פון זונ׳ס דלאָניעס און דורך די ציין אַרויסגעצישעט:

— גיי, כ׳על נאָכקומען!

לעאָן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אַ צווייטער שמיץ האָט אים געטראָפן:

— גיי, זאָג איך דיר, גיי!

אַ קאַלטער ווינט האָט זיך געריסן צווישן די ביימער. די זון האָט זיך געזעצט אויפן האָריזאָנט. דער אַלטער טאַטע האָט געזען, ווי זיין זון גייט

אַוועק, דערוויטערט זיך פון אים: אַ טונקעלער סילועט אויפן רויטלעכן הימל, אַ לאַנגע, שוואַרצע ליניע, אַ פּונקט — און גאָרניט.

גאָרניט איז פאַרבליבן פון זיין זון. דער אַלטער האָט אויסגעצויגן זיינע הענט: — לעאָן, קינד מיינס...

אַן אייזערנע רייף האָט צונויפגעדריקט זיין ברוסט. ער האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל און געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך אויף דער באַנק.